STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07477

VELT-GESHIKHTE

H. G. Wells

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערבערט וועלס

וועלט־געשיכטע

פֿון דער פֿינפֿטער ענגלישער אויסגאַבע מיט
הערות און דערקלערונגען ז. קלמנאָוויטש

מיט פֿיל אילוסטראַציעס

ווילנע — 1930
ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין

הערבערט וועלס

וועלט־געשיכטע

באַנד II

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. WELLS — „WELT - GESZICHTE“

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno

קאַפּיטל 15

די שריפט

1. בילדער־שריפט. 2. טראַף־שריפט. 3. אלף־בית־שריפט. 4. די ראָלע פון דער שריפט אין מענטשנס לעבן.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר סקיצירט אין ברייטע שטריכן די אַנטוויקלונג פון די הויפּטלעכע מענטשלעכע קיבוצים אָנגעהויבן פון די פּרימיטיווע התחלות פון די ערשטע ציוויליזאַציעס ביז צו די גרויסע היסטאָרישע קיניגרייכן און אימפּעריעס אין 6טן יאָרהונדערט פאַר קר. איצט מוזן מיר שטודירן גענויער דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון סאָציאַלן אומבייט, דעם וואוקס פון די מענטשלעכע אידעען און די אויסאַרבעטונג פון די מענטשלעכע שייכותן, וואָס זיינען צוגעגאַנגען אין משך די תקופות פון 10.000 פאַר קר. ביז 500 פאַר קר. ביז אַהער האָבן מיר געצייכנט די קאַרטעס און פאַרצייכנט די נעמען פון די הויפּטלעכע מלכים און אימפּעריעס, באַשטימט די שייכותן פון די אימפּעריעס פון בבל, אשור, עגיפּטן, אינדיע און כינע אין צייט און רוים. איצט זיינען מיר געקומען צום עצם ענין פון דער היסטאָריע, דאָס הייסט צו דערגרונטעווען זיך דורך די האָזיקע אויסווייניקסטע פאָרמען צו די געדאַנקען און איבערלעבונגען פון די מענטשן ווי יחידים.

די וויכטיקסטע זאַך, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין משך פון די דאָזיקע פופציק אָדער זעכציק יאָרהונדערטער פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, איז געווען די אויסקלערונג פון דער שריפט און איר כסדר וואַקסנדיקע חשיבות אין די מענטשלעכע ענינים. דאָס איז געווען אַ נייע געצייג פאַרן מענטשלעכן גייסט, אַ גוואַלדיקע אויסברייטערונג פאַר

זיין ווירקונגס־קרייז, אַ נייער מיטל צו פאַרלענגערן און אויפצוהיטן דעם מענטשנס אויפטוען. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי אין דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער און אין דער פרי־נעאָליטישער צייט האָט די אויס־אַרבעטונג פון דער אַרטיקולירטער שפּראַך געגעבן די מענטשן אַ גייסטיקן אָנהאַלט פאַר קאָנסעקווענטן דענקען און האָט שטאַרק פאַרגרעסערט זייערע כּוחות פון צוזאַמענאַרבעט. אַ צייט לאַנג האָט דאָס דאַזיקע נייע געווינס קענטיק פאַרשטעלט זייער פריערדיקע צייכן־פעיִקייט, און מעגלעך, אַז עס האָט באַגרענעצט דעם באַנוץ פון תּנועות און זשעסטן. אָבער איצט האָט זיך ווידער באַוויזן צײ־כענען, צוליב פאַרגעדענקען אַ זאַך, צוליב אַ סימן, צוליב דער הנאה

די אייבערשטע שורה ווייזט די פּיקטאָגראַפן, וואָס זיינען בפירוש ענלעך צו די זאַכן, וואָס זיי שטעלן פאָר; די אונטערשטע שורה ווייזט די שריפט־צייכנס, ווי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט פון די פּיקטאָגראַפן.

וועגן פון צייכענען. פריער פאַר דער ריכטיקער שריפט איז געקומען אַ בילדער־שריפט, אַזעלכע ווי עס באַנוצן נאָך היינט די אַמעריקאַנער אינדיאַנער, די בושמענער און ווילדע און באַרבאַרישע פעלקער אין אַלע עקן וועלט. עס איז בעצם אַ צייכענען זאַכן און טועכצן, געשטיצט דורך אָפּגערעדטע העראַלדישע צייכנס פאַר אייגננעמען, און דורך שטריכעלעך און פּינטעלעך אויף צו באַצייכענען טעג און שטרעקעס און כּדומה נאָך אַזעלכע קוואַנטיטאַטיווע באַגריפן.

ענלעך צו אַזאַ בילדערשריפט זיינען די צייכנס, וואָס מען קאָן נאָך ביי היינטיקן טאָג געפינען אין די וועג=טאַבעלעס פון די אינ=טערנאַציאָנאַלע אייזנבאַנען אויפן קאָנטינענט פון אייראָפּע, וואו אַ קליין שוואַרץ בילדל פון אַ שאָל ווייזט אָן אויף אַ סטאַנציע מיט אַ בופעט, וואו מען קאָן כאַפּן אַ גרינג צובייסן; אַ גאָפּל געקרייצט מיט אַ מעסער — אויף אַ רעסטאָראַן; אַ קליין דאַמפּערל — דעם אָרט וואו מען קאָן זיך איבערזעצן אויף אַ דאַמפּער; און אַ האָרן פון פּאָסטיליאָן — דעם אָרט, וואו מען זעצט זיך איבער אין אַ דילי=זשאַנס. ענלעכע צייכנס ווערן אויך באַנוצט אין די וועגווייזערס פאַר אַווטאָמאָביליסטן אין אייראָפּע צו ווייזן אַ פּאָסט=אַנשטאַלט (אַ קאָנ=ווערט) אָדער אַ טעלעפאָן (אַ טעלעפאָן=הערער). ווייטער זיינען באַ=צייכנט דורך באַזונדערע סימנים די האָטעלן פון ערשטן, צווייטן, דריטן ראַנג, א. אַז. וו. אויף די וועגן זיינען אַוועקגעשטעלט ביי די זייטן שילדן, וואָס אויף זיי איז אויסגעמאָלט אַ טויער, צו באַצייכענען, אַז פון פאָרנט איז אַ גלייכער קרייץ=וועג, אַ ווינקלדיקער בויג באַ=צייכנט אַ געפערלעכן דריי פון וועג און אַזוי ווייטער. פון אַזעלכע פּיקטאָגראַפישע צייכנס איז שוין גאָרניט אַזאַ ווייטער מהלך צו די עלעמענטן פון דער כינעזישער שריפט.

אין דער כינעזישער שריפט קאָן מען נאָך דערקענען אַ געוויסע צאָל פּיקטאָגראַפן אָדער בילדערצייכנס. נאָר דער גרעסטער טייל איז איצט שוין שווער צו דערקענען. אַ מויל איז לכתחילה גע=ווען געשריבן ווי אַ מויל=פאָרמיקע עפענונג, איצט אָבער שרייבט מען דאָס, צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון פענזל, פירקאַנטיק; אין דעם צייכן קינד האָט מען לכתחילה גרינג געקאָנט דערקענען אַ קליין מענטשל, איצט איז דאָס אַ מין דריידל, איבערגעהאַקט מיט אַ שטריך; די זון, וואָס איז לכתחילה געווען אַ גרויסער קרייז מיט אַ פּינטל אין צענטער, איז געוואָרן, כדי עס זאָל גרינגער זיין צו קאָמבינירן דעם צייכן, אַ געקרייצטער אָוואַל, וואָס אים איז גרינגער צו מאַכן מיט פענזל. דורך קאָמבינירן די דאָזיקע פּיקטאָגראַפן איז אויסגעדריקט אַ צווייטע ריי געדאַנקען. למשל, דער פּיקטאָגראַף „מויל“ פאַרבונדן מיטן פּיקטאָ=גראַף „דאַמף“ באַטייט „ווערטער“.

פון אַזעלכע קאָמבינאַציעס גייט מען איבער צו אַזעלכע צייכנס, וואָס ווערן אָנגערופן „אידעאָגראַמעס“: דער צייכן פאַר „ווערטער“ און דער צייכן פאַר „צונג“ זיינען קאָמבינירט צום טייטש „רייד“; דער צייכן פאַר „דאַך“ און דער צייכן פאַר „חזיר“ מאַכט „היים“ — וואָרעם אין דער פאַרצייטיקער שטוביקער באַלעבאַטישקייט פון כינע איז דער חזיר געווען זייער וויכטיק. נאָר, ווי מיר האָבן שוין פריער פאַרצייכנט, באַשטייט די כינעזישע שפּראַך פון לפי־ערך ווייניק איינטראַפּיקע עלעמענטן, וואָס ווערן באַנוצט אין אַ סך פאַרשיידענע באַטייטן, און די כינעזער זיינען באַלד געפאַלן אויפן שכל, אַז די צאָל פון די פּיקטאָגראַפן און אידעאָגראַמעס קאָנען אויך ווערן באַנוצט אויף אויסצודריקן אַנדערע אידעען, ניט אַזוי פּאַסיק געמאָלט, אָבער וואָס האָבן דעם זעלביקן קלאַנג.

צייכנס, וואָס ווערן אַזוי באַנוצט, הייסן פאָנאָגראַמעס. למשל, דער טראַף „פאַנג“ באַטייט ניט נאָר „שיפל“, נייערט אויך „אַן אָרט“, „שפּינען“, „שמעקעדיק“, „אויספרעגן“, און נאָך עטלעכע טייטשן אין צוזאַמענהאַנג מיטן איבעריקן טעקסט. נאָר בעת אַ שיפל איז גרינג צו צייכענען, קאָן מען דעם גרעסטן טייל פון די איבעריקע טייטשן גאָרניט אויסמאָלן. ווי אַזוי, אַ שטייגער, קאָן מען אויסמאָלן „שמעקעדיק“ אָדער „אויספרעגן“? האָט דער כינעזער גענומען טאַקע איין און דעם זעלביקן צייכן פאַר אַלע טייטשן פון „פאַנג“, מער ניט ער האָט צוגעגעבן צו איטלעכן פון זיי אַן אַנדער אָפּשטריכל, דעם דעטערמינאַטיוו, צו ווייזן, וואָסער מין „פאַנג“ איז ער דאָ אויסן געווען צו שרייבן. אַן „אָרט“ איז באַצייכנט געוואָרן מיטן זעלביקן צייכן וואָס „שיפל“ (פאַנג) און מיטן דעטערמינאַטיוו־צייכן פון „ערד“; „שפּינען“ דורך דעם צייכן „פאַנג“ און דעם צייכן פאַר „זייד“; „אויספרעגן“ מיטן צייכן „פאַנג“ און מיטן צייכן פאַר „ווערטער“ און אַז. וו.

עס איז באַשיימפּערלעך קלאָר, אַז די כינעזישע שריפט איז זייער אַ האַרבע און פאַרפּלאָנטערטע. מען מוז אויסלערנען זיך אַ סך צייכנס און צוגעוויינען זיך זיי צו באַנוצן. דער כוח, וואָס זי פאַרמאָגט אויסצודריקן אידעען און חקירות, איז נאָך ניט געמאָסטן געוואָרן דורך אַ מערבדיקן מאַסשטאַב, אָבער מיר מעגן זיין מסופק, צי מיט אַזאַ געצייג וואָלט מעגלעך געווען איינצושטעלן אַזאַ ברייטע אַלגעמיינע

גייסטיקע בילדונג, ווי דאָס איז מעגלעך דורך די פּשוטערע און גרינגערע אלף-בית פון די מערבדיקע ציוויליזאַציעס. אין כינע איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קלאַס לייענער, די מאַנדאַרינען, וואָס זיינען אויך דער רעגירנדיקער קלאַס. דאָס, וואָס זיי האָבן זיך געמוזט קאָנצענטרירן מער אויף ווערטער און גערישעטע פאָרמען, איידער אויף געדאַנקען און רעאַלע אינהאַלטן, האָט, ווייזט אויס, שטאַרק פאַרהאַלטן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון כינע, ניט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט לפי-ערך געלעבט אין שלום, און וואָס איר פאָלק איז שטאַרק אַנטוויקלט אינטעלעקטועל. מסתּמא האָט דאָס די געפּלאָנטערטקייט פון איר שפּראַך און שריפט, מער ווי וואָסער עס איז אַנדער איינגערעדטע סיבה, גורם געווען דערצו, אַז כינע זאָל ווערן פּאָליטיש, סאָציאַל און אינדיווידועל צו אַ גרויסן געמייזעכץ, וואו עס פּאָרעט זיך אַרום אַ פּלייסיקע באַפעלקערונג אָן אַ שטרעבן אַרויסצוגיין אויף דער פריי, אָנשטאָט דעם וואָס זי האָט געקאָנט ווערן די ערשטע מאַכט אין דער וועלט.

---

2. טראַף-שריפט.

בעת דער כינעזישער גייסט האָט, אַזוי אַרום, געשאַפן פאַר זיך אַן אינסטרומענט, וואָס איז מסתּמא צו געקינצלט אין זיין בוי, צו שווער פאַרן באַנוץ און צו אומבויגעוודיק אין זיין פאָרם, כדי ער זאָל קאָנען באַפרידיקן די באַדערפעניש אין אַ פשוטן, גרינגן, גענויעם און דורכזיכטיקן פאַרקערס-מיטל, האָבן די וואַקסנדיקע ציוויליזאַציעס אין מערב אויסגעאַרבעט שריפט-צייכנס גאָר פון אַן אַנדער מין, וואָס האָט אין גרויסן און גאַנצן געהאַט בעסערע מעלות. עס איז ניט געווען בכיוון אַזוי, אַז זיי האָבן געוואָלט מאַכן זייער שריפט גרינגער, עס איז דורך די אומשטאַנדן אַרויסגעקומען ממילא אַזוי.

די שומערישע בילדער-שריפט, וואָס האָט געמוזט געצייכנט ווערן אויף ליים און מיט קליינע פּלעקלעך, וואָס עס איז שווער צו מאַכן מיט זיי פאַרקיילעכטע צייכנס, האָט גאָר גיך אָנגעוואָרן איר בילד-כאַראַקטער; אָנשטאָט די בילדער זיינען געבליבן נאָר רמזים דורך איינ-

געקריצטע שטריכעלעך אין דער פאָרם פון קליגעס, וואָס זיינען פון איין עק ברייט, פון אַנדערן שאַרף. אָט דאָס, וואָס פאַר די שומערער איז געווען אַזוי שלעכט צו צייכענען, האָט זיי אויסגעלערנט גוט שרייבן. זיי זיינען באַלד געקומען צו די כינעזישע פיקטאָגראַפן, אידעאָגראַמעס און פאָנאָגראַמעס, און זיינען זיך גיך אַריבערגעוואַקסן.

אַ סך מענטשן קאָנען דעם מין בילד=רעטעניש, וואָס ווערט אָנגערופן רעבוס. אין רעבוס ווערן ווערטער פאָרגעשטעלט דורך בילדער, אָבער ניט פון די זאַכן, וואָס די ווערטער באַטייטן, נאָר דורך בילדער פון אַנדערע זאַכן, וואָס זייערע נעמען קלינגען ענלעך. די שומערישע שפּראַך איז געווען גוט צוגעפּאַסט צו אָט דעם מין פאַרצייכענען. זי איז געווען באַשטייפערלעך אַ שפּראַך, וואָס אירע ווערטער זיינען אָפט באַשטאַנען פון אַ סך טראַפן, און אַ סך פון די דאָזיקע טראַפן פאַר זיך זיינען געווען נעמען פון קאָנקרעטע זאַכן (אַ שטייגער ווי יידיש אין וואָרט „שולדיק“, האָט איטלעכער טראַף פאַר זיך: „שול“ און „דיק“ זיין אייגענעם באַטייט). אַזוי אַז אָט די פלעקל=שריפט האָט זיך גאָר גיך אַנטוויקלט צו אַ טראַף=שריפט, וואו איטלעכער צייכן האָט באַטייט אַ באַשטימטן טראַף.

אַז די סעמיטן האָבן איינגענומען שומער, האָבן זיי צוגעפּאַסט די טראַף=שריפט צו זייער אייגענער שפּראַך, און אַזוי איז די דאָזיקע שריפט געוואָרן אינגאַנצן אַ קלאַנגען=שריפט, וואָרעם אין סעמיטיש האָבן דאָך די זאַכן גאָר אַנדערש געהייסן. די דאָזיקע שריפט האָבן גענוצט די אשורים און די כשדים. נאָר זי איז ניט געווען קיין אותיות=שריפט, נאָר אַ טראַף=שריפט. די דאָזיקע פלעקל=שריפט האָט געהערשט אַ לאַנגע צייט אין אַשור, בבל און בכלל אין פאָדער=אַזיע; סימנים פון איר זיינען געבליבן אין אונזערע אותיות נאָך ביז היינטיקן טאָג.

---

3. אַלף=בית=שריפט.

נאָר דערווייל איז אין עגיפּטן און אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים אויסגעוואַקסן אַן אַנדער שריפט=סיסטעם. אירע התחלות באַדאַרף מען מסתמא זוכן אין דער בילדער=שריפט פון די עגיפּטישע כוהנים

(די היעראָגליפֿן), וואָס איז צום טייל אין משך פֿון דער צייט געוואָרן אַ קלאַנגען־שריפֿט. ווערליג מיר זעען אויף די עגיפּטישע מאָנומענטן, באַשטייט די היעראָגליפֿישע שריפֿט פֿון דעקאָראַטיווע שטייפֿע און אויסגעקינצלטע פֿאָרמען, נאָר צוליב שרייבן בריוו און פֿאַרצייכענען רעצעפּטן וכדומה האָבן די עגיפּטישע כּוהנים אויסגענוצט אַ פּשוטערע און לויפֿיקערע פֿאָרם פֿון דער דאָזיקער שריפֿט, די היעראַטישע שריפֿט.

צוגלייך מיט דער דאָזיקער היעראַטישער שריפֿט איז אויפֿגעקומען אַ צווייטע שריפֿט, וואָס צום טייל שטאַמט זי פֿון די היעראָגליפֿן, אַ שריפֿט, וואָס איז איצט פֿאַרלאָרן פֿאַר אונז, נאָר גראָד זי האָבן איבערגענומען פֿאַרשיידענע נית־עגיפּטישע פֿעלקער אין באַסיין פֿון מיטל־לענדישן ים, די פֿעניקיער, ליביער, לידיער, קרעטער און קעלטאָ־איבערער, און האָבן זי באַנוצט צוליב געשעפֿט־צוועקן. אַ געוויסע צאָל אותיות זיינען אַנטליען פֿון דער שפּעטער פּלעקל־שריפֿט. אין די הענט פֿון די פֿרעמדע איז די דאָזיקע געמישטע שריפֿט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעשניטן פֿון אירע וואָרצלען; זי האָט אָנגעוואָרן כּמעט אַלע סימנים פֿון אַ פֿריערדיקן בילדער־כאַראַקטער. זי האָט אויפֿגע־הערט צו זיין פּיקטאָגראַפֿיש אָדער אידעאָגראַפֿיש; זי איז געוואָרן פּשוט אַ צייכן־סיסטעם פֿאַר קלאַנגען, אַן אלף־בית.

עס זיינען פֿאַראַן אין די געגנטן פֿון מיטללענדישן ים היפּשע עטלעכע אלף־ביתן, וואָס זיינען שטאַרק פֿאַרשיידן איינער פֿון צווייטן. מען דאַרף באַמערקן, אַז דער פֿעניקישער אלף־בית (און אפֿשר אַנ־דערע) לאָזט דורך די וואָקאַלן. מעגלעך, אַז זיי פֿלעגן אַרויסרייד־ן זייערע קאָנסאָנאַנטן זייער האַרט און האָבן געהאַט נאָר אומבאַשטימ־טע וואָקאַלן, אַזוי ווי דאָס זאָל זיין דער פֿאַל ביי עטלעכע שבֿטים פֿון דרום־אַראַביע. מען מעג אויך משער זיין, אַז די פֿעניקיער האָבן צוערשט גענוצט זייער אלף־בית ניט אַזוי פֿיל צום שרייבן, ווי צו מאַכן זיך סימנים צו געדענקען אין זייערע האַנדלס־חשבונות און אויף זייערע סחורה־מאַרקעס.

איינער פֿון די דאָזיקע מיטללענדישע אלף־ביתן האָט דער־גרייכט צו די גריכן, אַ צייט שפּעטער נאָך דער תּקופֿה פֿון דער איליאַדע. איצט האָבן די גריכן געקראָגן די מעגלעכקייט אויסצו־

דריקן די קלאָרע און שיינע קלאַנגען פון זייער הויך אַנטוויקלטער אַרישער שפּראַך. די שריפט איז צוערשט באַשטאַנען נאָר פון קאָנסאָנאַנטן, און די גריכן האָבן מוסיף געווען וואָקאַלן. זיי האָבן גענומען פאַרשרייבן, בכדי צו פאַרגעדענקען און צו העלפן פאַרפיקסירן די טראַדיציעס פון זייערע פאָלקס־זינגערס. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן געשריבענע ליטעראַטור, אַ קליין ריטשקעלע, וואָס איז געוואָרן אַ שטראָמיקער טייך.

---

4. די ראָלע פון דער שריפט אין מענטשנס לעבן.

אַזוי אַרום מעג מען זאָגן, אַז דורך אַ ריי פון זייער נאַטירלעכע שטאַפּלען איז די שריפט אויסגעוואַקסן פון דער צייכן־קונסט. צוערשט און אויף אַ צייט לאַנג איז זי געווען דער אינטערעס און דער סוד נאָר פון ווינציק מענטשן אין אַ ספּעציעלן קלאַס, ניט מער ווי אַ טפל צו די בילדער־פאַרצייכענישן. נאָר עס איז געווען אַ געוויסער זייער באַשיימפּערלעכער געווינס גראָד דערין, וואָס מען זאָגט זיך אָפּ פון דער גרעסערער בולטקייט פונם בילד, און מען מאַכט פאַרקערט די שריפט אַ ביסל ווינציקער קלאָר, איידער דירעקטע געמעלן, וואָס מען שטעלט זי אַיין אין אָפּגערעדטע און אויסגעלערנטע צייכנס. איין מעלה האָט געהאַט די שריפט, וואָס מען האָט געקאָנט שיקן בריוו, וואָס עס קאָנען זיי פאַרשטיין נאָר דער שרייבער און דער, צו וועמען זיי זיינען געשיקט, אָבער ניט קיין דריטער. אַ צווייטע מעלה איז געווען, וואָס דורך דער שריפט האָט מען געקאָנט פאַרצייכענען פאַרשיידענע ענינים און אַזוי אַרום צוהעלפן דעם אייגענעם זיכּרון און דעם זיכּרון פון די גוטע פריינד, אָן צו דערציילן אַ סך דעם גאַנצן איבעריקן עולם. צווישן די פריסטע עגיפּטישע געשריפטן, למשל, זיינען פאַראַן מעדיצינישע רעצעפּטן און מאַגישע שפּראָכן.

חשבונות, בריוו, רעצעפּטן, רשימות פון נעמען, ווע־באַשרייבונגען — דאָס זיינען געווען די עלטסטע געשריבענע דאָקומענטן. דערנאָך, אַז די קונסט פון שרייבן און לייענען האָט זיך פאַרשפּרייט, איז געקומען יענער אויסטערלישער פאַרלאַנג, יענע תאווה, וואָס איז אַזוי אַלגעמיין מענטשלעך, צו פאַרחידושן אַ פרעמדן און אַ וויטן

מענטשן דורך אָנשרייבן עפּעס אַ וואונדערלעכע זאַך, עפּעס אַ סוד וואָס מען ווייס, אַן אויסטערלישן געדאַנק, אָדער אַפּילו עמעצנס אַ נאָמען, אַזוי אַז אַ צייט נאָכדעם ווי דער שרייבער איז זיך אַוועק זיין וועג, זאָל דאָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און דעם גייסט פון לייענער. אַפּילו אין שומער פלעגן מענטשן אויסקריצן שריפט-צייכנס אויף זייערע ווענט, און אַלץ, וואָס איז געבליבן פאַר אונז פון דער אַלטער וועלט, די פעלזן, די בנינים, איז אינגאַנצן פאַרדעקט מיט די נעמען און טוט די באַרימערייען פון זייערע מלכים, וואָס מען מעג זיי מיט רעכט אָנרופן די ערשטע רעקלאַמע-מאַכערס צווישן מענטשן. אפשר אַ העלפט פון די אַמאָליקע אויפשריפטן אין יענער אַלטער וועלט טראָגן דעם דאָזיקן כאַראַקטער, — דאָס הייסט, אויב מיר וועלן באַצייכענען מיט דעם נאָמען שרייבן און באַרימען זיך אויך די קברים-אויפשריפטן, וואָס אין אַ סך פאַלן פלעגט דער פאַרשטאָרבענער זיי הייסן פאַרצייכענען נאָך ביי זיין לעבן.

אַ צייט לאַנג האָט דער דאָזיקער גלוסט פון אינסטינקטיווער אַליינבאַהויפּטונג דורך אויסקריצלען דעם נאָמען און די ליבע צו סודות געהאַלטן די שריפט אין אַ שמאָלן שטח; נאָר אין דער זעלביקער צייט האָט געווירקט אין מענטשן אַ צווייטער, מער אמת סאָציאַלער פאַרלאַנג, דער פאַרלאַנג עפּעס צו ז אָ ג ן. די טיפע מעגלעכקייטן פון דער שריפט, די מעגלעכקייטן פון פאַרברייטערונג און פעסטער באַגרינדונג פון וויסן און טראַדיציע, זיינען באַשיימפּערלעך אויסגעוואַקסן ערשט מיט לאַנגע תקופות שפּעטער. נאָר עס וועט זיין אינטערעסאַנט אויף דעם אָרט און אין דעם צוזאַמענהאַנג איבערצוחזרן עטלעכע עלעמענטאַרע פאַקטן פון לעבן, וואָס אויף זיי האָבן מיר באַזונדערס געלייגט אַכט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, ווייל לא די וואָס זיי אילוסטרירן די גרויסע באַדייטונג פון דער שריפט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, נאָר זיי ווייזן אויך אָן די ראָלע, וואָס זי דאַרף נאָך שפּילן אין דער צוקונפט.

1. לעבן האָט צוערשט פאַרמאָגט, דאָס מוז מען ווידער דערמאָנען, בלויז אַ ניט-צוזאַמענהענגענדיקע איבערחזרונג פון באַוואוסטזיין, ווען דער אַלטער דור איז געשטאָרבן, און דער יונגער איז געבאָרן געוואָרן.

אַזאַ באַשעפעניש ווי אַ רעפּטיל פאַרמאָגט אין זיין מוח פעיִקייט פאַר ערפאַרונג, אָבער ווען דער אינדיווידוּ שטאַרבט, שטאַרבט זיין ערפאַרונג אָפּ מיט אים. דאָס רוב פון זיינע מאָטיוון זיינען ריין אינסטינקטיווע, און דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן, וואָס ער פאַרמאָגט, איז דער רעזולטאַט פון ירושה (איינגעבאָרענע פעיִקייטן).

2. געוויינטלעכע זויגערס פאַרמאָגן שוין, חוץ דעם ריינעם אינסטינקט, טראַדיציע, אַ טראַדיציע פון ערפאַרונג, וואָס גיט זיך איבער דורך נאָכמאַכן דעם ביישפּיל פון דער מוטער, און אין פאַל פון אַזעלכע גייסטיק אַנטוויקלטע ברואים, ווי הינט, קעץ, אָדער מאַלפּעס, אויך דורך אַ מין שטומע געבאָטן. למשל, די קאַץ־מוטער שטראָפט אַמאָל אירע יונגע פאַר שלעכט אויפפירן זיך. אַזוי טוט אויך די מוטער ביי מאַלפּעס און פּאַוויאַנעס.

3. דער פּרימיטיווער מענטש האָט פאַרגרעסערט זיין פעיִקייט איבערצוגעבן ערפאַרונג דורך דער פּלאַסטישער קונסט און דורך שפּראַך. עס הייבט זיך אָן דאָס דענקמאָל־זעצן דורך געמעל און סקולפּטור און די וואָרט־טראַדיציע.

וואָרט־טראַדיציע איז אַנטוויקלט געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה ביי די פאָלקס־זינגער. זיי האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן צו מאַכן די שפּראַך דאָס, וואָס זי איז היינט.

4. נאָכדעם ווי עס איז געפונען געוואָרן די שריפט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון געמעל, האָט די מענטשלעכע טראַדיציע געקראָגן די פעיִקייט צו ווערן פולער און אַ סך גענויער. די וואָרט־טראַדיציע, וואָס פלעגט ביז איצט זיך בייטן פון דור צו דור, האָט אָנגעהויבן צו ווערן פעסטער. מענטשן, וואָס זיינען אָפּגעשיידט פון אַנאַנד דורך הונדערטער מיילן, האָבן איצט געקאָנט איבערגעבן איינע די אַנדערע זייערע געדאַנקען. אַלץ מער מענטשן האָבן דורך דער שריפט געקראָגן אַ חלק אין אַלגעמיינעם וויסן און אַן אַלגעמיינעם חוש פאַר פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. דאָס מענטשלעכע דענקען איז געוואָרן אַ ברייטערע אָפּעראַציע, וואָס אין איר קאָנען הונדערטער גייסטער אין פאַרשיידענע ערטער און אין פאַרשיידענע תקופות ווירקן איינס אויפן צווייטן; עס איז געוואָרן אַ פּראָצעס, אַן אַלץ מער געבונדענער און צוזאַמענגעהאַלטענער.

5. אין משך פון הונדערטער דורות האט די פולע קראפט פון דער שריפט זיך נאך ניט אנטפלעקט פאר דער וועלט, וואָרעם אלאנגע צייט איז ניט אויפגעקומען דער געדאנק, אז מען קאן פון איין געשריבענעם עקזעמפלאר מאכן אנצאליקע אנדערע דורך אפדרוקן. דער איינציקער וועג צו פארמערן געשריפטסן איז געווען איבערצושרייבן איין קאפיע, און דערנאך ווייטער א קאפיע, און דערפאר זיינען ביכער געווען זעלטן און טייער. די נטיה צו האלטן זאכן בסוד, צו מאכן פון זיי א קולט און א מיסטעריע, און אזוי ארום קריגן די אייבערהאנט איבערן כלל מענטשהייט, איז תמיד געווען שטארק אין גייסט פון די מענטשן. ערשט אין דער נייער צייט האבן גרויסע מאסן פון דער מענטשהייט אויסגעלערנט זיך לייענען, און אזוי ארום קאנען זיי צוקומען צו די אוצרות פון וויסן און דענקען, וואס זיינען שוין אנגעקליבן אין ביכער.

נאר על כל פנים, פון די ערשטע געשריפטסן אן און ווייטער הייבט זיך אן אין מענטשנס גייסט א נייע טראדיציע, א דויערנדיקע און אומשטארבלעכע. לעבן איז דורך דער מענטשהייט, אזוי ארום, געווארן אלץ מער און אלץ דייטלעכער באוואוסט פון זיך און פון דער וועלט. עס איז א דינער שטריך פון אינטעלעקטועלן וואוקס, וואס מיר זעען אין דער געשיכטע, אין א וועלט פון צעטומלטן אומוויסן און פארגעסנקייט; עס איז אזוי ווי א שמאלער ליכט-פאס, וואס קומט אריין דורך דער שפאלט פון א געעפנטער טיר אין טונקעלן חדר; נאר פאוואליע ברייטערט ער זיך אויס און וואקסט אויס. צולעצט איז געקומען א צייט אין דער געשיכטע פון אייראפע, ווען די טיר האט, דורך דעם שטופ פונם דרוקער, געגומען עפענען זיך האסטיקער און ברייטער. וויסן האט אויפגעבליצט, און אזוי ווי עס האט אויפגעבליצט, האט עס אויפגעהערט צו זיין די פריווילעגיע פון א באגינסטיקטן מיעוט. פאר אונז איז די טיר ברייטער געעפנט, און די ליכטיקייט ארום אונז ווערט אלץ העלער.

עס איז נאך נעפלדיק, די שיין איז נאך פארשטעלט דורך כמארעס. די טיר איז נאך ניט אפן אפילו אויף דער העלפט. אונזער וועלט שטייט נאך היינט ביים אנהייב פון וויסן.

קאפיטל 16

געטער און שטערן, כוהנים און מלכים

1. דער כוהן באווייזט זיך אין דער געשיכטע. 2. כוהנים און שטערן. 3. כוהנים און דער באַגינען פון דער וויסנ־שאפט. 4. מלכים קעגן כוהנים. 5. ווי אזוי בל־מרדוך האט געקעמפט קעגן די מלכים. 6. די געטער־מלכים פון עגיפטן. 7. שי כואַן־טי פארטיליקט די ביכער.

ווען מיר ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט צו יענע נייע ישובים, וואס מענטשן האבן געגרינדעט אין עגיפטן און מעסאפּאטאמיע, זעען מיר באלד, אז איינער פון די אנזעעוודיקסטע אביעקטן אין די דאזיקע שטעט איז א טעמפל אדער א גרופע טעמפלען. טיילמאל שטייט נאך לעבן דעם טעמפל אין יענע קאנטן א קיניגלעכער פאלאץ, נאר אפטמאל הייבט זיך דער טעמפל איוף העכער פארן פאלאץ. אזעלכע טעמפלען געפינען זיך אויך אין די פעניקישע שטעט, און שפעטער אויך אין די גריכישע און רוימישע שטעט, אז יענע ווערן אויסגעבויט. דער פאלאץ פון קנאסאס, מיט זיינע סימנים פון קאמפארט און תענוגים־זוכעריי, פונקט ווי די איבעריקע שטעט פון די עגעישע פעלקער, האט אין זיך געהאט אויך א רעליגיעז הייליקטום, נאר אין קרעטא זיינען אויך געווען טעמפלען, וואס שטייען אפגעזונדערט פונם קיניגלעכן פאלאץ. אומעטום אין דער ציוויליזירטער וועלט גע־פינען מיר טעמפלען; אומעטום, וואו פרימיטיווע ציוויליזאציע שטעלט אוועק איר פוס, אין אפריקע, אייראפּע, מערב־אזיע, וואקסט אויס א טעמפל; און דארט, וואו די ציוויליזאציע איז די עלטסטע, אין עגיפטן, אין שומער, דארט איז דער טעמפל צום חשובסטן. אז דער פעניקיער חאנאן איז געקומען צו יענעם ארט, וואס ער האט גערעכנט

אַז ער איז דער מערבדיקסטער פונקט פון אַפריקע, האָט ער אויפגעשטעלט אַ טעמפל פאַר הערקולעס.

דעמאָלט, ווען עס הייבט זיך אָן ציוויליזאַציע אין דער געשיכטע, באַווייזן זיך גלייכצייטיק טעמפלען. ציוויליזאַציע און טעמפלען געהערן איינס צום צווייטן. דער אָנהייב פון שטעט־מלוכות איז די סטאַדיע פון טעמפלען אין דער געשיכטע. די שטאָט־געמיינדע איז אויסגעוואַקסן אַרום דעם מזבח, וואָס אויף אים איז געבראַכט געוואָרן דער בלוטיקער קרבן פון דער זיי־צייט.

אין אַלע די דאָזיקע טעמפלען איז געווען אַ באַזונדערס הייליקער ווינקל, אַן אָרון; אינם דאָזיקן ווינקל איז בדרך כלל געשטאַנען אַ גרויסע פיגור, געוויינטלעך אַ מין מיאוסער געץ אין דער געשטאַלט פון אַ האַלב־חיה האַלב־מענטש, און פאַר דעם איז געשטאַנען אַ מזבח פאַר קרבנות. אין די גריכישע און רוימישע טעמפלען פון אַ שפּעטערדיקער תקופה האָט דאָס דאָזיקע געטער־בילד געוויינטלעך געהאַט די געשטאַלט פון אַ מענטשן. די דאָזיקע פיגור איז געוואָרן באַטראַכט אָדער פאַר אַ גאָט אָדער פאַר אַ געשטאַלט אָדער סימבאָל פון יענעם גאָט, וואָס צוליב זיין קולט איז געשטעלט געוואָרן דער טעמפל. אין דעם טעמפל און אַרום אים זיינען געווען אַ צאָל, און אָפטמאָלס גאָר אַ גרויסע צאָל, כוהנים און כוהנות און טעמפל־באַדינערס, וואָס האָבן געוויינטלעך געטראָגן באַזונדערע קאָסטיומען און געבילדעט אַ חשובן טייל פון דער שטאָט־באַפעלקערונג. זיי האָבן ניט געהערט צו קיין איין באַלעבאַטישקייט; זיי האָבן געבילדעט אַ מין אייגענע באַלעבאַטישקייט. זיי זיינען געווען אַ קאַסטע און אַ באַזונדער קלאַס, וואָס צו אים זיינען שטענדיק צוגעקומען נייע מענטשן פון צווישן די פעיִקסטע פון דער איבעריקער באַפעלקערונג.

די גרונט־התחייבות פון דעם דאָזיקן קלאַס כוהנים איז שייך צום קולט און צו די קרבנות פאַרן גאָט פון טעמפל. און דאָס פלעגט געטאָן ווערן ניט צו יעדער צייט, נייערט אין באַשטימטע צייטן. דער קרבן פון דער זיי־צייט איז געווען דער ערשטער און דער וויכטיקסטער. זינט מענטשן האָבן זיך גענומען קלייבן אין קיבוצים און פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, איז אויפגעקומען ביי זיי אַ געפיל, אַז עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן די טיילן פון יאָר און צווישן טאָג און טאָג.

דער טעמפּל האָט מיט זיינע חנאות געפירט דעם חשבון פון די טעג. נאָר חוץ די קרבנות אין פאַרשיידענע ציימן פון יאָר און דעם אָפּהיטן די צייטן, האָבן די טעמפּלען געהאַט נאָך אַנדערע פונקציעס. אין די טעמפּלען האָט מען אויך געהיט דעם אָנדענק פון געשעענישן, און



בראָך־שטיק פון אַ זייל, וואָס מען האָט געפונען אין אור־כשדים. דאָרט איז פאָרגעשטעלט דער לבנה־גאָט נאַננאַר, ווי ער גיט דעם באַפעל דעם קיניג אור־ענגור, ער זאָל בויען אים אַ טעמפּל. אונטן איז צו זען דעם קיניג טראָגנדיק געציייג פון אַ בויער.

דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די שריפט. אויך וויסנשאַפט איז דאָרט געווען. דאָס פאָלק פלעגט קומען אין טעמפּל אַריין ניט נאָר

המוגימוויז צו פייערן די ימים־טובים, נאָר איטלעכער באַזונדער פלעגט זיך ווענדן נאָך הילף. די פּאַרצייטיקע כּוהנים זיינען געווען אויך היילערס און כּישוף־מאַכערס. אין די עלטסטע טעמפּלען געפינען מיר שוין אַזעלכע קליינע טעוועלעך און פיגורן, ווי מען געפינט דאָס נאָך ביי היינטיקן טאָג אין קאַטוילישע קאַפּליצעס, מאָדעלן פון פאַרגרינגערטע הערצער און געהיילטע גלידער, וואָס גלויביקע האָבן געבראַכט צום דאַנק און אָנדענק, אַז זייערע תּפילות זיינען דערהערט געוואָרן און זייערע נדרים זיינען באַווייליקט געוואָרן. אין טעמפּל פון לבנה־גאָט אין אור, מיט פיר טויזנט יאָר צוריק, ווען דער דאָזיקער קולט־צענטער פון גאָט איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון גרויסע מאַיאָנטקעס, געפינען מיר שוין אַנטוויקלט געשעפטס־מעטאָדן און אינדוסטריאַליזם. מען האָט געפירט שטרענגע חשבונות פון די צאָלונגען, וואָס עס האָבן אַריינגעבראַכט די אַרענדאַרן פון די פעלדער, און עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן קבלות, וואָס מען האָט פון זיי געלאָזן ביי זיך דובליקאַטן. גאָטספאָרכטיקע פרויען און שקלאַפן האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן פון טעמפּל, געשפונען און געוועבט די וואָל, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט פאַר אָפּצאָל אין טעמפּל, און געקראָגן אויסגעטיילט פּאָרציעס פאַר זייער אַרבעט, וואָס פלעגט גענוי פאַרשריבן ווערן.

עס איז קלאָר, אַז דאָ האָט דער מעדיצין־מאַן און מכשף, וואָס האָט אין לעבן פון אַלטן יעגער געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע, זיך אַנטוויקלט צו עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרנעמט שוין גאָר אַ גרויסן אָרט אין מענטשלעכן לעבן. דאָס שטייט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער קיבוץ גופא האָט זיך אַנטוויקלט פון באַרבאַריזם צו אַ ציוויליזירטן ישוב און פון אַ צופעליקן לעבן צו מעטאָדישער אַרבעט. און עס איז צוגלייך קלאָר, אַז יענע פרימיטיווע שרעקענישן און האָפענונגען אויף הילף מצד וואונדערוועזנס, דער פאַרלאַנג צו באַגיטיקן סודותדיקע כּוחות, דער פרימיטיווער פאַרלאַנג נאָך ריינקייט און דאָס שטרעבן צו כּוח און וויסן, וואָס מיר האָבן גערעדט מכּוח דעם אין קאַפּיטל וועגן „פאַרצייטיקן דענקען", דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט אויסצואַרבעטן דעם דאָזיקן נייעם סאָציאַלן פאַקט פון דעם טעמפּל.

דער טעמפל האט אין זיך קאנצענטרירט א גאנצן קאמפלעקס פון נויטווענדיקייטן, ער איז ארויסגעוואקסן פון א סך וואַרצלען און נויטבאדערפענישן, און דער גאט אדער געטין, וואס האט געוועלטיקט אין טעמפל, איז געווען דער באשאף פון א סך פאנטאזיעס און צונויפגעשטעלט פון אלע מינים אימפולסן, אידעען און האלבע אידעען. דא איז געווען א גאט, וואס אין אים האט זיך באזונדערס אויסגעדריקט איין אידעע, און דארט אן אנדערע. מען מוז באזונדערס אונטערשטרייכן דעם דאזיקן פלאנטער און די פארשיידנקייט פונם אפשטאם פון די געטער, ווארעם עס איז פאראן א גרויסע ליטעראטור מכוח דעם אפשטאם פון רעליגיע, וואו איניקע שרייבערס באשטייען, אז די אידעע איז געווען די הויפט=אידעע, אנדערע יידעה, אז אן אנדערע — מיר האבן עטלעכע פון זיי פארצייכנט פריער. פראפעסאר מאקס מילער, למשל, פלעגט בשעתו שטענדיק זיך אומקערן צו דער אידעע פון זון=מעשיות און זון=קולט. ער האט געוואלט אונז איינריידן, אז דער פרימיטיווער מענטש האט קיין מאל ניט געהאט זיינע גלוסטן און שרעקנס, קיין פארלאנגען נאך מאכט, קיין נאכט=קאשמארן און פאנטאזיעס, נאר אז ער האט שטענדיק געהאלטן אין איין טראכטן און קלערן וועגן דעם געבענטשטן קוואל פון ליכט און לעבן אין הימל. אמת, באגינען און זון=אונטערגאנג זיינען זייער וויכטיקע פאקטן אין טעגלעכן לעבן, זיי זיינען אבער נאר צוויי צווישן א סך.

פארצייטיקע מענטשן, מיט דריי צי מיט פיר הונדערט דורות צוריק, האבן געהאט בעצם דעם זעלביקן מוח און קאפ וואס מיר. די פאנטאזיעס פון אונזערע קינדערשע יארן זיינען אפשר דער בעסטער שליסל אויף צוצוקומען צום גרונט=שטאף פון דער אלטער רעליגיע, און איטלעכער, ווער עס קאן זיך דערמאנען יענע ערבא=רונגען פון יונגן גייסט, וועט זייער גרינג פארשטיין, פארוואס די ערשטע געטער זיינען אזעלכע צעשוואומענע געשטאלטן, אזעלכע משונהדיק ווילדע אין זייער אויסזען און אזוי געפלאנטערט אין זייער באטייט. בלי=ספק, זיינען זון=געטער געווען זייער פרי אין דער געשיכטע פון טעמפלען, נאר עס זיינען געווען אויך געטער היפאפאטאמען און געטער=שפארבערס; עס זיינען געווען קו=געטינס, עס זיינען געווען געטער און געטינס משונהדיקע פארזעענישן, עס זיינען געווען

געטער פון שרעק און געטער פון א וואונדערליכער פיינקייט, עס זיינען געוועזן געטער, וואס זיינען ניט מער ווי שטיקער האלץ און מעטעארישע שטיינער, אראפגעפאלן פון הימל, און געטער, וואס זיינען געוועזן פראסטע שטיינער, וואס האבן צופעליק געהאט אן אויסטערליש אויסזען.

איניקע געטער, ווי מרדוך פון בבל און בעל (= דער האר) פון די פעניקער, פון די כנענים און נאך אזעלכע, זיינען מסתמא אין עצם געוועזן לעגענדארע וואונדער-באשעפענישן, פונקט אזעלכע ווי די, וואס קליינע יינגלעך קלערן אויס פאר זיך נאך היינטיקע ציישן. די איינגעזעסענע פעלקער, זאגט מען, פלעגן תיכף, ווי זיי פלעגן נעמען טראכטן וועגן א גאט, ארויסגעפינען פאר אים א ווייב; דאס רוב געטער ביי די עגיפטער און בבלים זיינען געוועזן באווייבטע. נאר די געטער פון די נאמאדישע סעמיטן האבן ניט געהאט די טבע פון זיך מזווג זיין. די איינוואוינער פון די סטעפעס, וואס זיינען ניט געוועזן אזוי רייך מיט שפייז, זיינען ניט געוועזן אזוי שטארק זשעדנע נאך קינדער.

נאך נאטירלעכער ווי צו פארזארגן דעם גאט מיט א ווייב איז געוועזן צו געבן אים א הויז, וואו מען קאן צו אים ברענגען מתנות. דער היטער פון דאזיקן הויז איז נאטירלעך געוועזן דער מאגוס, דער וואס ווייס, ווי מיטן גאט זיך צו באגיין. א געוויסע אפגעשלאסנקייט, א געוויסע דערווייטערטקייט האט געמוזט שטארק הייבן דעם גאטס פרעסטיזש. בהדרגה האט זיך אנטוויקלט דער פארצייטיקער טעמפל און די פארצייטיקע כהונה, וואס מער די ערד-ארבעטער-באפעלקערונג האט זיך אנגעפעסטיקט אויף דער ערד און איז פארגרעסערט געווארן אין צאל. די דאזיקע אנטוויקלונג איז נאטירלעך און פאשטעגדלעך. צום סוף האבן מיר א טעמפל אין דער געשטאלט פון א לענגלעכן בנין, וואס אין איין עק זיינעם שטייט דאס בילד פון גאט מיט אן ארון און מיט א מזבח, און אין דעם לאנגן שיף שטייען די מאמינים.

און דער דאזיקער טעמפל, ווייל ער האט געהאט זכרונות און סודות, ווייל ער איז געוועזן א צענטער פון מאכט, פון עצה און לערנונג, ווייל ער האט געזוכט און צוגעצויגן מענטשן מיט כוח הדמיון און מיט איינפאלן, כדי זיי זאלן אים דינען, איז נאטירלעך געווארן

דער קאָפּ פון וואַקסנדיקן קיבוץ. דער פּשוטער המון עם, וואָס האָט געגראָבן די פעלדער און געהיט די טשערעדעס, איז לגבי דעם טעמפּל געבליבן פּראָסט און פול גלויבן. אין טעמפּל האָט געוואוינט דער גאָט, וואָס איז געווען פאַרהילט אין אַ סוד, ווייל מען האָט אים זעלטן געזען, און פון זיין גוטגינציקייט איז געווען געווענדט די הצלחה, און זיין צאָרן האָט געבראַכט אומגליק; דורך קליינע מתנות האָט מען געקאָנט געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן, און ביי זיינע דינער האָט מען געקאָנט קריגן הילף. ער האָט געטאָן וואונדער, און אַזוי גרויס איז געווען זיין וויסן, אַז מען האָט ניט געטאָרט אים אַרויסווייזן קיין אומכבוד, אַפילו ניט אין די געדאַנקען. ביי די כּוהנים גופא אָבער האָט דער געדאַנק דערגרייכט צו אַ העכערער מדרגה.

---

2. כּוהנים און שטערן.

מיר קאָנען דאָ פאַרצייכענען אַ זייער אינטערעסאַנטן פאַקט מכּוח די הויפּטלעכע טעמפּלען פון עגיפּטן און אויך פון בבל, ווי ווייט מיר ווייסן—וואָרעם פון זייערע חורבות קאָן מען דאָס ניט גענוי דערקענען — זיי זיינען געווען „אָריענטירט" — דאָס הייסט, אַז אַלע טעמפּלען פון איין מין זיינען געווען אַזוי געבויט, אַז דער ארון און דער אַריינגאַנג זיינען געווענדט אין איין ריכטונג. אין די בבלישע טעמפּלען איז דאָס געווען פּינקטלעך קיין מזרח, צווישן די צוויי נאַכטגלייכן, דעם זון-אויפגאַנג-פּונקט פון 21 מערץ און צווישן דעם זון-אויפגאַנג-פּונקט פון 21 סעפּטעמבער; און מען באַדאַרף באַמערקן, אַז גראָד אין פרילינג-גלייכנאַכט הויבט זיך אָן די אויספלייצונג פון פרת און חידקל. די פּיראַמידעס פון גיזעה זיינען אויך אָריענטירט קיין מזרח און מערב, און די ספינקס איז געווען געווענדט גענוי קיין מזרח; אָבער זייער אַ פולע עגיפּטישע טעמפּלען אין דרום-זייט פון דער נילוס-דעלטע זיינען ניט געווענדט פּונקט קיין מזרח, נאָר צו דעם פּונקט, וואו די זון גייט אויף אין לענגסטן טאָג — און אין עגיפּטן קומט די פאַרפלייצונג האַרט נאָך יענער דאַטע. אַנדערע, פאַרקערט, זיינען געווענדט כּמעט קיין צפון-זייט, און טייל

ווידער געווענדט צום אויפגיי־פונקט פונם שטערן סיריוס אָדער צום אויפגיי־פונקט פון אַנדערע אָנזיכטיקע שטערן.

דער פאַקט פון אָריענטאַציע איז פאַרבונדן מיט דעם פאַקט, אַז גאָר פרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעסטע אַסאָציאַציע צווישן די פאַרשיידענע געטער און צווישן דער זון און פאַרשיידענע שטערן. אַליין איינס וואָס די פאָלקסמאַסע אין דרויסן האָט געקאָנט זיך קלערן, אָבער די כּוהנים פון די טעמפּלען האָבן אָנגעהויבן פאַרבינדן די באַוועגונגען פון די הימלקערפּערס מיטן סודותדיקן כּוח אין זייער אָרט. זיי האָבן געטראַכט וועגן די געטער, וואָס זיי האָבן געדינט צו זיי, און האָבן אַריינגעטראַכט אין זיי נייע געדאַנקען. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו קלערן מכּוח דעם סוד פון די שטערן. פאַר זיי איז דאָס געווען זייער נאַטירלעך אַ טראַכט צו טאָן, אַז אָט די דאָזיקע שטענדיקע פינטעלעך, וואָס זיינען צעוואָרפן איבערן הימל און וואָס דרייען זיך אַרום אַזוי שווייגעוודיק און פייערלעך, פאַרמאָגן אין זיך צייכנס און אָנזאָגן פאַר מענטשן.

צווישן אַנדערע זאַכן, האָט די אָריענטירונג פון די טעמפּלען געדינט אַיינצושטעלן דעם גרויסן יאָר־יום־טוב פון נייאָר. איין פרימאָרגן אין יאָר, איין איינציקן פרימאָרגן, האָבן אין טעמפּל, וואָס איז אָריענטירט אויפן אויפגאַנג־פונקט פון דער זון אינמיטן זומער, די ערשטע זון־שטראַלן זיך דורכגעריסן דורך דער טונקלקייט פון טעמפּל און דורך דער לאַנגער אַלעע פון די טעמפּל־זיילן און באַלויכטן דעם גאָט איבערן מזבח און באַשטראַלט אים מיט זייער שיין. עס מאַכט דעם אַיינדרוק, אַזוי ווי די שמאָלע, פאַרטונקלענדיקע סטרוקטור פון די אַלטע טעמפּלען וואָלט מיט אַ כּיוון געווען פלאַנירט צוליב דעם דאָזיקן עפעקט. בלי־ספק איז דאָס פאָלק געווען דעמאָלט פאַרזאַמלט אין דער פינסטערניש פאַר באַגינען; מען האָט געזונגען אין דער פינסטער און אפשר אויך געבראַכט קרבנות; דער גאָט אַליין איז געשטאַנען שטום און פאַרהוילן פון די אויגן. מען האָט מתפלל געווען און גערופן צו אים. און מיט אַמאָל איז פאַר די אויגן פון די מתפללים, וואָס זיינען באַזונדערס געשאַרפט געוואָרן דורך דער פינסטערניש, די זון אויפגעגאַנגען און בלוצים פאַרגאָסן דעם גאָט מיט איר שיין.

דאָס איז איין דערקלערונג פאַר דער אָריענטירונג, וואָס עס האָט אַרויסגעפונען דער געלערנטער סער נאָרמאַן לאָקייער, וואָס שטודירט די דאָזיקע פראַגע. מען געפינט אָריענטירונג נישט נאָר אין רוב טעמפּלען פון עגיפּטן, אַשור, בבל און מזרח, נייערט אויך אין די גריכישע טעמפּלען; די מעגאַליטישע שטיין־הייליקטימער אין איראָפּע זיינען אויך על־פּי־רוב אָריענטירט אויפן זון־אויפגאַנג אין־מיטן זומער; דער הימל־אַלטאַר אין פּעקין איז אָריענטירט אויפן מיטן ווינטער. אין די צייטן פון דער כינעזישער אימפּעריע, מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז איינע פון די וויכטיקסטע התמנותן פונם קיסר פון כינע געווען צו ברענגען קרבנות און מתפּלל צו זיין אין דאָזיקן טעמפּל אין קירצסטן ווינטער־טאָג, בכדי אויסצובעטן אַ גוט יאָר.

די עגיפּטישע כּוהנים האָבן אויפגענומען די שטערן אויף קאַרטעס און איינגעטיילט דעם זאָדיאַק אין צוועלף שטערן־בילדער אָדער מזלות; דאָס איז געווען אַרום 3000 פאַר קר.

---

3. כּוהנים און דער באַגינען פון וויסנשאַפט.

אָט די אַסטראָנאָמישע אויספאָרשונג איז דער קלאָרסטער באַווייז פאַר דער שטאַרקער גייסטיקער אַקטיוויטעט, וואָס האָט געהערשט אין תּחום פון טעמפּל אין דער אַלטער צייט. אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער באַווייז. אַ טשיקאַווע טבע האָבן אַ סך מאָדערנע שרייבערס מבטל צו זיין די כּהונהשאַפט און צו ריידן פון די כּוהנים זוי פון פּשוטע אָפּנאַרערס און דרייערס, וואָס זיינען נאָר אויסן געווען אַריינצוכאַפּן די תּמימותדיקע מענטשהייט. נאָר אין דער אמתן זיינען זיי אַ צייט לאַנג געווען די איינציקע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט שרייבן און לייענען, די איינציקע, וואָס האָבן געפאָרשט און געטראַכט; זיי זיינען געווען די איינציקע אינטעליגענטן פון יענער צייט. מען וואָלט נישט געקאָנט האָבן בכלל קיין אינטעלעקטועל לעבן, נישט קיין צוטריט צו ליטעראַטור און וויסנשאַפט, אויב נישט דורך דער כּהונהשאַפט. די טעמפּלען זיינען געווען נישט נאָר אָבסערוואַטאָריעס און בוכהאַנדלונגען און קליניקעס, זיי זיינען געווען אויך מוזייען און שאַץ־הייזער.

דער אָריגינאַל פון דער „ים־רייזע“ פון דעם פוניער האַנאָן (חנון) איז געהאַנגען אין איין טעמפּעל פון קאַרטאַגאָ, די פעלן פון זיינע „גאָרי־לעס“ אין אַ צווייטן טעמפּעל. אַלצדינג, וואָס די געמיינדע האָט געפונען נייטיק צו היטן און צו באַהאַלטן, איז געהיט געוואָרן דאָ.

דער אַלטער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט (485 — 425 פאַר קר.) האָט צונויפגעקליבן דעם גרעסטן טייל פון זיין מאַטעריאַל פון די כוהנים פון יענע לענדער, וואו ער איז אַרומגערייזט, און עס



רעליעפן אין טעמפּל פון דער געטין האַטאָר אין דענדעראַ. דאָ איז אָפּגעמאָלט קיניג פּטאָלאָמיי X, ווי ער ברענגט קרבנות דער לבנה־געטין איזיס אין איר זון האָרוס. דער סימבאָל פון דער געטין איז די זון־ראָד צווישן קוי־הערנער. האַטאָר איז לכתחילה געווען אַ קוי־געטין.

איז באַשיימפּערלעך, אַז זיי האָבן אים אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד און האָבן אַלע זייערע וויכטיקע מקורים געשטעלט אינגאַנצן אין זיין רשות. אויסערהאַלב פון די טעמפּלען איז די וועלט געווען נאָך אַ וועלט פון מענטשן, וואָס זיי איז ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען עפּעס, חוץ זייערע אייגענע נאָענטסטע באַדערפענישן. חוץ דעם, איז ניטאָ גאָר ניט אָדער

גאָר ווינציק באַוויזן, אַז דער כלל פון פשוטן פאָלק זאָל זיך פילן אָפּגעזונדערט פון די כוהנים, אָדער ער זאָל אַרויסווייזן צו די כוהנים אין דער עלטסטער צייט עפּעס אַנדערש ווי דרך ארץ און געטריישאַפט. אַפילו די גרויסע באַצווינגערס פון די שפּעטערע צייטן האָבן געשטרעבט אײַנצוקויפן זיך בײַ די כוהנים פון די פעלקער און שטעט, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַז זיי זאָלן בלייבן זיי געטריי, וואָרעם די השפעה פון די כוהנים אויף דער באַפעלקערונג איז געווען זייער גרויס.

אָן ספק, אַז עס זיינען געווען גרויסע אונטערשיידן צווישן טעמפּל און טעמפּל, צווישן קולט און קולט, אין דעם גייסט און אין דער טבע פון די כוהנים. טייל זיינען געווען מסתמא אכזריותדיק און בלוטדאָרשטיק, טייל פאַרברעכעריש און באַרייסעריש, אַסך פון זיי טעמפּ און דאָקטרינער, צוגעקאָוועט צום אות פון דער טראַדיציע. נאָר מען דאַרף האַלטן אין זינען, אַז עס זיינען געווען בפירושע גרענעצן פאַר דער דעגענעראַציע אָדער אומפעיקייט פון דער כוהנימשאַפט. זיי האָבן זיך געמוזט האַלטן אויפן שטאַנד פון כלל־גייסט. זיי האָבן ניט געקאָנט שטאַרק אָפּטרעטן פונם וועג פון פאָלק — ניט אַנט־קעגן דער פינסטערניש און ניט אַנטקעגן ליכטיקייט. זייער אַוטאָרי־טעט איז געווען באַגרינדעט, סוף־כל־סוף, אויף דער איבערצייגונג, אַז זייער טועכץ ברענגט אַ ברכה.

---

4. מלכים אַנטקעגן כוהנים.

די עלטסטע ציווילזירטע רעגירונגען זיינען, בכן, געווען כוהנים־רעגירונגען. ניט מלכים און ניט קריג־פירערס האָבן די ערשטע אויפגעשטעלט. די מענטשן ביים אַקעראַייזן און באַזעצט זיי אין אַ ישוב־לעבן. בלויז די אידעען פון די געטער און די שפע האָבן מיטגעווירקט אויף אונטערטעניק צו מאַכן דעם געמיינעם מאַן. די עלטסטע מלכים פון שומער, וואָס מיר קאָ־נען, זיינען אַלע געווען כוהנים, זיי זיינען געווען מלכים נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען כוהנים גדולים. אַ רעגירונג פון כוהנים האָט פאַר־מאָגט אירע שוואַכע זייטן, פונקט ווי זי האָט געהאַט איר אייגנטימלע־

כע, טיף איינגעוואָרצלטע שטאַרקייט. די מאַכט פון אַ כּהונהשאַפט איז אַ מאַכט נאָר איבער איר אייגענעם פאָלק. די שטאַמט פון דער אונטערטעניקייט דורך סודותדיקע שרעקענישן און האָפענונגען. די כּהונהשאַפט קאָן צונויפקלייבן איר פאָלק צוליב קריג, אָבער איר פאַרבונדנקייט מיט דער טראַדיציע און אַלע אירע מעטאָדן מאַכן די פאַר אומפעיק צו פירן די מיליטערישע ענינים. קעגן אַן אויסווייניקסטן שונא איז אַ פאָלק, וואָס זיינע פירערס זיינען כּוהנים, שוואַך.

חוץ דעם, איז דער כּוהן אַ מענטש, וואָס איז געלערנט און געהייליקט, אַ מענטש, וואָס געהער צו אַ באַשטימטער קאָרפּאָראַציע, און ממילא אויך מיט אַ שטאַרקן גייסט פון קאָרפּאָראַציע. ער האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן פאַר זיין טעמפּל און פאַר זיין גאָט. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטע זאַך אויף צו שטאַרקן אינעווייניק זיין אייגענע כּהונהשאַפט, זיין אייגענעם טעמפּל. ער לעבט און שטאַרבט פאַרן כּבוד פון זיין גאָט. נאָר אין דער שכנותדיקער שטאָט אָדער דאָרף איז פאַראַן אַן אַנדער טעמפּל מיט אַן אַנדער גאָט. איז דער כּוהן שטענדיק אַריינגעטאָן אין דעם געדאַנק, ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן זיין פאָלק פון יענעם גאָט. רעליגיעזע קולטן און כּהונהשאַפטן זיינען לויט זייער טבע נאָך סעקטאַנטיש; זיי ווילן באַקערן אַנדערע, זיי ווילן איינעמען, אָבער זיי ווילן קיינמאָל זיך ניט צונויפגיסן מיט אַנדערע. אונזערע ערשטע ידיעות מכּוח די געשעענישן אין שומערלאַנד, פון יענע נעפּלדיקע צייטן, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן געשיכטע, דערציילן מכּוח קאָנפליקטן צווישן כּוהנים און געטער; ביז דער צייט, ווען די סעמיטן האָבן איינגענומען די שומערער, זיינען זיי ניט געווען פאַראייניקט. און די זעלביקע פּלאָג פון מחלוקתן צווישן די כּוהנים איז קענטיק אויף די חורבות פון די טעמפּלען אין עגיפּטן. עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין, ווען מען נעמט אין אַכט די עלעמענטן, וואָס פון זיי איז רעליגיע צונויפגעשטעלט.

אין גאָר דער אַלטער וועלט איז דער דאָזיקער מצב, ווען די כּוהנים האָבן געהערשט אומבאַגרענעצט, שוין געווען פאַרביי מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, נאָר אין אַמעריקע האָט מען געקאָנט געפינען אַ פּרימיטיווע כּהונהשאַפט ביי דער הערשאַפט איבער

אַ גאַנצער, ציוויליזאַציע נאָך מיט אַ 1000 יאָר צוריק. דאָס איז געווען אין צענטראַל=אַמעריקע און אין יוקאַטאַן. אין מעקסיקע איז אַ כּוהנים=פאָלק געווען אונטער דער ממשלה פון אַ מאָנאַרכיע, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו דער בבלישער מאָנאַרכיע, דער טעמפּל און דער פּאַלאַץ זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, זייט ביי זייט; און אין פּערו איז געווען אַ געטלעכער מאָנאַרך, אַזוי ווי דער פּרעה אין עגיפּטן. נאָר אין דער איצט פאַרשוואונדענער מאַיאַ=ציוויליזאַציע, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזעלכע הפלאדיקע חורבות אין די וואַלד=דזשונגלס פון דרום=מעקסיקע און די צענטראַל=אַמעריקאַנישע מלוכות, האָט געוועלטיקט אַ כּוהנים=קאַסטע מיט אירע בלוטיקע קרבנות. אומעטום אין דער וועלט האָט די כּהונהשאַפט דערגרייכט צום שפּיץ פון איר מאַכט אין דער געהעריקער צייט און האָט דערנאָך פריי געמאַכט דעם אָרט פאַר אַנדערע כּוחות, נאָר די מאַיאַ=כּהונהשאַפט האָט סוף=כּל=סוף דערגרייכט צו אַן עקסטרעמער אַנטוויקלונג, איז געוואָרן סוף=כּל=סוף צו אַ משוגעדיקער קאַריקאַטור פון דער כּהונה=סיסטעם. די כּוהנים פון די מאַיאַס האָבן אויסגעאַרבעט און קאָמפּליצירט זייער קאַלענדער, ביז ער איז געוואָרן אַ פּלאָנטערניש פון פאַרבאָרגענע אַכטגעבונגען, און זיי האָבן דערהויבן דעם ריטואַל פון קרבנות צו דער העכסטער מדרגה פון חושים=רייצונג. זייער סקולפּטור, וואָס איז זייער קונציק אויסגעאַרבעט, איז אַ באַווייז פון אומזיסטער מאַטערניש אויסצודריקן אַן אינעווייניקסטן פּלאָנטער, אירע דעקאָראַטיווע עלעמענטן טראָגן אויף זיך שטריכן פון משוגעת.

די צוויי עיקר=שוואַכקייטן פון די כּוהנים—דאָס הייסט, זייער אומפעיקייט צו נעמען אויף זיך די מיליטערישע פירונג און זייער קנאות, וואָס האָט זיי ניט געלאָזט דולדן קיין אַנדערע רעליגיעזע קולטן — האָבן דאָס גורם געווען דערצו, אַז עס איז אויסגעוואַקסן די מאַכט פון אַ וועלטלעך קיניגטום. אָדער דער פרעמדער שונא פלעגט גובר זיין און אַוועקזעצן אַ קיניג איבערן פאָלק, אָדער די כּוהנים פון די פאַרשיידענע טעמפּלען, וואָס האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן איינע די אַנדערע, פלעגן אַרויפזעצן אַ בשותּפישן קריגספירער, וואָס האָט אַיינגעהאַלטן פאַר זיך אַ גרעסערע אָדער קלענערע מאַכט אויך אין שלום=צייטן. דער דאָזיקער וועלטלעכער קיניג

האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע באַאַמטע, זיינע באַדינערס, און האָט אָנגעהויבן, ווי ווייט דאָס האָט אַ שייכות צו דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, זיך אַריינצומישן אין דעם פֿאָלקס ענינים. צווישן דער אויפֿקומענדיקער מאַכט און צווישן די כּוהנים גייט כּסדר אַ קאַמף, אַמאָל אַ שטילער, אַמאָל אַן אָפֿענער, אַמאָל אַן אומבאַוואוסטזיניקער, אַמאָל אַ באַקלערטער, און גאָר אַ סך זאַכן פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע קאָנען דערקלערט ווערן נאָר ווי אַ פֿאַרברייטערונג, קאָמפּליצירונג און פֿאַרדרייונג פֿון אָט דעם קאַמף צווישן טעמפּל און פּאַלאַץ.

דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי מאַכטן איז געווען צום מיינסט אַנטוויקלט אין די אָפּשטאַם־צענטערס פֿון דער ציוויליזאַציע.



א פאפירוס, באשריבן מיט היעראָגליפן. ער איז געשריבן פאר דער קיניגין נעטכעמעט, דער פרוי פון הערי־הערו, דעם כּוהן־גדול פון אַמאָן און קיניג פון עגיפטן. די קיניגין שטייט אין היכל פון אָזיריס, און איר הארץ ווערט בשעת מעשה געוואויגן.

די באַרבאַרישע אַריער־פֿעלקער, וואָס זיינען סוף־כּל־סוף געוואָרן די באַלעבאַטים פֿון די אַלטע ציוויליזאַציעס פֿון מזרח און פֿון דער מערבדיקער וועלט, זיינען אפֿשר גאָרנישט דורכגעגאַנגען דורך דעם פּאַזיס פֿון אַ טעמפּל־הערשאַפֿט אויף זייער וועג צו ציוויליזאַציע; זיי זיינען שפּעט געקומען צו ציוויליזאַציע; זיי האָבן געפֿונען די דראַמע האַלב אָפּגעשפּילט. זיי האָבן איבערגענומען די אידעען פֿון ביידן, סיי פֿון טעמפּל סיי פֿון קיניגטום, דעמאָלט ווען די דאָזיקע אידעען

זיינען שוין געווען גוט אַנטוויקלט, פון די חמיטישע אָדער סעמיטישע פעלקער, וואָס זיי האָבן באַצוואונגען.

אַז אין דער עלטסטער געשיכטע פון דער מעסאָפּאָטאַמישער ציוויליזאַציע פאַרנעמען די געטער און די כּוהנים אַ וויכטיקערן אָרט, איז זייער קלאָר, אָבער בהדרגה האָט דער פּאַלאַץ זיך דורכגעבראָכן זיין וועג, ביז ער האָט געקאָנט אויסקעמפן דעם לעצטן קאַמף פאַר זיין איבערהערשאַפט. צוערשט, ביים אָנהייב פון דער געשיכטע, איז דער פּאַלאַץ אומוויסנדיק און גראָב אין פאַרגלייך מיטן טעמפל; נאָר די כּוהנים קאָנען לייענען, נאָר די כּוהנים זיינען די וויסערס, און דאָס פאָלק איז פול מורא פאַר זיי. אָבער פון די חילוקי-דעות צווישן די פאַרשיידענע קולטן כאַפּט דער פּאַלאַץ זיין שאַנס. פון אַנדערע שטעט, פון צווישן געפאַנגענע, פון חרוב געוואָרענע אָדער אונטערדריקטע רעליגיעזע קולטן באַקומט דער פּאַלאַץ מענטשן, וואָס קאָנען אויך לייענען און אויך טאָן כּישוף. ער האָט דאָס געקאָנט אַרויסשטעלן משהן דעם פרעמדן אַנטקעגן די איינגעבאָרענע חרטומים. דער הויף איז אויך געוואָרן אַ צענטער פון שרייבן און שריפטום; די מלכים הייבן אָן צו קלערן וועגן זיך און ווערן פּאָליטיקער. עס קומען אָן אין הויף סוחרים און רייזנדערס פון דער פרעמד, און אויב דער קיניג האָט ניט די פולע ידיעות פון די געשריפטסן און די אויסגעפיינטע געלערנטקייט פון די כּוהנים, האָט ער אָבער אַ ברייטער און פרישער וויסן פון די ערשטע מקורים מכּוח אַ סך זאַכן, ער איז נעענטער צום רעאַלן היינט.

דער כּוהן קומט אַריין אין טעמפל, בעת ער איז נאָך זייער יונג; ער פאַרברענגט אַ סך יאָרן ווי אַ תּלמיד; ערשט פאַוואָליע און מיט גרוים מי לערנט ער זיך אויס די געפלאָנטערטע שריפט פון די פּרימיטיווע צייטן; אַזוי אַרום ווערט ער מער אַ מלומד און אַ יושב אהל, איידער אַ וועלט-מענטש. טייל יונגע כּוהנים, מיט אַ מער אַקטיוון כאַראַקטער, האָבן געקאָנט וואַרפן אויגן מיט קנאה אויף דעם קיניגס שרים. דער דאָזיקער קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן דורות-לאַנג, איז ניט געווען נאָר אַ פּשוטער אויסווייניקסטער קאַמף צווישן כּוהן און מלך, צווישן דעם יחוס עצמו און יחוס-אבות, דאָס איז נאָך געווען אַ קאַמף צווישן געלערנטקייט און אָריגינאַלקייט, צווישן רו-

טינירטער ווייסנשאַפט און אַיינגעשטעלטן מנהג פון איין זייט און צווישן שעפערישן ווילן און פאַנטאַזיע פון דער אַנדער זייט.

ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז דער כוהן ניט שטענדיק דער קאָנסערוואַטיווער און באַגרענעצטער צד. טיילמאָל אָבער קעמפט אַ קיניג קעגן אַן איינגעגעסענער און באַגרענעצטער כהונהשאַפט; טיילמאָל האַלטן די כוהנים אויף די ציוויליזאַציע קעגן ווילדע, עגאָיסטישע און רעאַקציאָנערע מלכים.

איינע אָדער צוויי באַזונדערס אויסגעצייכנטע פאַקטן און געשעענישן אין די עלטסטע עטאַפּן פון אָט דעם גרונט-קאַמף אין דער פּאָליטיק — דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען דאָ פאַרצייכענען פאַר דער צייט צווישן 4000 פאַר קר. און אלכסנדר מוקדון.

5. ווי אַזוי בל-מרדוך האָט געקעמפט קעגן די מלכים.

אין די עלטסטע טעג פון שומער און אַכּד זייַנען די שטאָט-מלכים געווען מער כוהנים און כּישוף-מאַכערס, איידער מלכים, און ערשט, ווען פרעמדע באַצווינגערס האָבן געפּרוווט זיך אַריינצוכאַפּן אין די עקסיסטירנדיקע אינסטיטוציעס, איז געוואָרן איינגעשטעלט דער חילוק צווישן כוהן און קיניג. אָבער דער גאָט פון די כוהנים איז געבליבן דער אמתער אייבערהאַר פון לאַנד, וואָס האָט געוועלטיקט סיי איבערן כוהן און סיי איבערן קיניג. ער איז געווען דער האַר איבער אַלץ; די עשירות און די מאַכט פון זיין טעמפּל האָבן אַריבערגעשיינט דעם קיניגס גדולה. באַזונדערס איז דאָס געווען אין די מויערן פון שטאָט. האַמוראַבי, דער באַגרינדער פון דער ערשטער אימפּעריע פון בבל, איז געווען איינער פון די עלטסטע מאָנאַרכן, וואָס מיר ווייסן פון אים, אַז ער האָט אַרויפגעלייגט זיין פעסטע האַנט אויף די ענינים פון דער געמיינדע. ער טוט דאָס מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד אַנטקעגן די געטער. אין אַן אויפשריפט, וואָס דערציילט וועגן זיינע באַוואַסערונגס-אַרבעטן אין שומער און אַכּד, הייבט ער אָן אַזוי: „אַז אַנו און בל האָבן מיר אָנגעטרויט די ממשלה איבער שומער און אַכּד“... מיר פאַרמאָגן אַ גוזעץ-קאָדעקס, וואָס דער זעלביקער האַמוראַבי

האָט געמאַכט — דאָס איז דער עלטסטער באַוואוסטער געזעץ-קאָדעקס — איז איבער דעם דאָזיקן קאָדעקס, וואָס איז אויסגעקריצט אויף אַ שטיינערנעם זייל, זעען מיר די פיגור פון האַמוראַבי, ווי ער באַקומט דאָס געזעץ פון גאָט שאַמאַש (העבר. שמש, זון), וואָס ער ווערט דאָס געהאַלטן פאַרן געזעצגעבער.

צו אַ פריערדיקער דאַטע, ווי די פיגור פון האַמוראַבי, געהערט די זייל, וואָס איז ניט לאַנג אויסגעגראָבן געוואָרן אין אור: דאָרט איז אויסגעמאָלט, ווי אַזוי דער לבנה-גאָט גיט אַ באַפעל דעם קיניג אור-ענגור, ער זאָל אים בויען אַ טעמפּל, און ער העלפט אים ביי דער דאָזיקער אַרבעט. דער קיניג איז דעם גאָטס דינער.

אַז מען פלעגט איינעמען אַ שטאָט, פלעגט דער באַצווינגער אַריבערטראָגן דעם גאָט פון דער שטאָט אין טעמפּל פון זיין גאָט, כדי צו באַווייזן, אַז אויך דער גאָט פון דער באַצוואונגענער שטאָט איז געוואָרן אונטערטעניק; אָט דאָס דאָזיקע אַריבערטראָגן דעם גאָט איז געווען אַ וויכטיקער פּאָליטישער אַקט. דאָס איז געווען אַ סך וויכטיקער, ווי די אונטערטעניק-מאַכונג פון אַ קיניג. די עילמים, אַז זיי האָבן איינגענומען בבל, האָבן זיי אַוועקגעפירט דעם הויפּט-גאָט מרדוך, און בבל האָט זיך ניט געשפּירט פריי, ביז דער גאָט איז געוואָרן צוריק אָפּגעבראַכט.

נאָר טיילמאָל פלעגט דער באַצווינגער האָבן מורא פאַרן גאָט, וואָס ער האָט איינגענומען. אין דער בריוו-קאָלעקציע פון תל-אל-עמרנא אין עגיפּטן, וואָס איז פריער שוין דערמאָנט געוואָרן, איז פאַראַן אַ בריוו פון אַ געוויסן קיניג טושראַטאַ פון מיטאַני, וואָס האָט איינגענומען אשור און אַוועקגעפירט די סטאַטוע פון דער געטין אישתר. באַשיימפערלעך, אַז ער האָט אַוועקגעשיקט די סטאַטוע קיין עגיפּטן, צום טייל כדי אויסצודריקן זיין אונטערטעניקייט דעם קיניג אַמענאָפיס פון עגיפּטן, אָבער צום טייל אויך ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר איר צאָרן. אין תנ"ך (שמואל א' קאַפּ. ה') ווערט דערציילט, ווי אַזוי די פלישתים האָבן אַוועקגעפירט דעם ארון הברית פון יהוה גאָט פון ישראל, נאָך זייער נצחון, און האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין טעמפּל פונם פיש-גאָט דגון אין אַשדוד; נאָר דגון איז אַנידערגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן, און דאָס פאָלק פון אַשדוד איז געשלאָגן געוואָרן

מיט קרענק. באַזונדערס אין דער שפּעטערדיקער דערציילונג, פילן די געטער און כּוהנים אָן די סצענע; קיין קיניג זעט זיך גאָרניט אָן.

אַן אַלטע פיגור פון אַן עגיפּטישן היפּאָפּאָטאַם-גאָט.

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון די אימפּעריעס פון בּבל און אַשור האָט קיין איין מאָנאַרך, קענטיק, ניט געפילט זיין הערשאַפט אין בּבל געזיכערט, איידער ער האָט „גענומען די האַנט פון בל" — דאָס הייסט, אַז ער איז געוואָרן אָנגענומען פון די כּוהנים פון בּל ווי דעם גאָטס זון און ממלא־מקום. וואָס גרעסער עס ווערט אונזער וויסן פון דער געשיכטע פון אַשור און בּבל, אַלץ דייטלעכער ווערט, אַז גאָר די פּאָליטיק פון יענער וועלט, די רעוואָלוציעס, מאַכט-פאַרכאַפּענישן, בייטן פון דינאַסטיעס, אינטריגעס מיט פרעמדע מלוכות, האָט זיך געדרייט דער עיקר אַרום די באַציונגען צווישן דער גרויסער רייכער כּהונה־שאַפט און צווישן דער מאַכט פון דער מאָנאַרכיע, וואָס איז כּסדר געוואַקסן, נאָר האָט זיך פאָרט ניט געקאָנט מיט איר אויסגלייכן. דער קיניג האָט זיך געשטיצט אויף זיין אַרמיי, נאָר יענע איז געווען געווינטלעך אַ געדונגענע אַרמיי פון פרעמדע, וואָס האָט באַלד זיך געבונטעוועט, ווי נאָר מען האָט איר ניט געצאָלט צו דער צייט אָדער ניט געלאָזט ראַבעווען, און מען האָט זי גרינג געקאָנט אָפּקויפן. מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם נאָמען פון סנחריב, דעם זון פון סרגון II, צווישן

די מאָנאַרכן פֿון קיניגרייך אַשור. סנחריב האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין אַ גרויסער מחלוקת מיט די כּוהנים פֿון בּבל; ער האָט קיינמאָל ניט גענומען „די האַנט פֿון בּל“, און סוף=כּל=סוף האָט ער דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ דער דאָזיקער מאַכט, דורך דעם וואָס ער האָט צעשטערט אינגאַנצן דעם הייליקן טייל פֿון דער שטאָט בּבל (691 פֿאַר קר.) און אַוועקגעפֿירט די סטאַטוע פֿון בל=מרדוך קיין אַשור. איינער פֿון זיינע זין האָט אים דערהרגעט, און זיין יורש אסרחדון (זיינער אַ זון, אָבער ניט דער, וואָס האָט אים דערהרגעט) האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צוריקצושיקן בל=מרדוך קיין בּבל און אויסבּויען צוריק זיין טעמפּל און צו מאַכן שלום מיטן גאָט.

אַשורבּאַניפּאַל (די גריכן רופֿן אים סאַרדאַנאַפּאַלוס), דער זון פֿון אסרחדון, איז אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע פֿיגור מצד אָט דער פֿאַרהעלטעניש צווישן כּוהנים און קיניג. זיין פֿאָטערס פֿאַרבּינדונג מיט די כּוהנים פֿון בל=מרדוך איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַשורבּאַניפּאַל האָט געקראָגן אַ בּבלישע דערציִונג אָנשטאָט אַן אַשורישע אויסבּילדונג ווי אַ קריגסמאַן. ער איז געוואָרן אַ גרויסער זאַמלער פֿון די ליים=טאָוועלעך, וואָס אויף זיי זיינען געווען פֿאַרשריבּן דאָקומענטן פֿון עבר, און זיין בּיבּליאָטעק, וואָס איז אויסגעגראָבּן געוואָרן, איז איצט דער ווערטפֿולסטער היסטאָרישער מאַטעריאַל אין גאָר דער וועלט. נאָר ניט געקוקט אויף גאָר זיין געלערנטקייט, האָט ער געהאַלטן פֿעסט די אַשורישע אַרמיי; ער האָט צייטווייליק אַיינגענומען עגיפּטן; ער האָט דערשטיקט אַן אויפֿשטאַנד אין בּבל און אויסגעפֿירט מיט הצלחה עטלעכע עקספּעדיציעס. ער איז געווען כּמעט דער לעצטער פֿון די אַשורישע מאָנאַרכן. די אַרישע שבטים, וואָס האָבּן געוואוסט מער פֿון מלחמה, איידער פֿון כּוהנישער קונסט, בּפֿרט די סקיטן, מעדער און פּערסער (פּרס ומדי), האָבּן שוין פֿון לאַנג געשפּאַרט אויף אַשור פֿון צפֿון און צפֿונית=מזרחית. די מעדער און פּערסער האָבּן זיך פֿאַרבּונדן מיט די סעמיטישע נאָמאַדן די כּשׂדים אין דרום=ווייט, כּדי צוזאַמען אָנצופֿאַלן אויף אַשור. אין יאָר 606 פֿאַר קר. האָבּן די דאָזיקע אַריער חרוב געמאַכט נינוה, די הויפּטשטאָט פֿון אַשור.

די סעמיטישע כּשׂדים האָבּן איינגענומען בּבל און געגרינדעט די צווייטע בּבלישע אימפּעריע. אין 67 יאָר אַרום נאָכן פֿאַלן פֿון נינוה האָט

כורש דער קיניג פון פרס באַצוואונגען דעם לעצטן קיניג פון די כשדים נאַבונאַהיד, דעם פאָטער פון בלשאצר. דער דאָזיקער נאַבונאַהיד איז געווען אַ הויך געבילדעטער מאָנאַרך, וואָס האָט געהאַט אַ סך טיפקייט און פאַנטאַזיע, און צו ווייניק פראַקטישן פאַרשטאַנד פאַר די ענינים פון דער וועלט. ער האָט געמאַכט אויספאָרשונגען וועגן אַלטערטום, און אין זיינע אויספאָרשונגען האָט ער אַרויסגעבראַכט די דאַטע פון 3750 פאַר קר., וואָס דעמאָלט זאָל האָבן געקיניגט סרגון I; אַ סך געלערנטע נעמען נאָך היינט אָן די דאָזיקע דאַטע. ער איז געווען שטאַלץ דערויף, וואָס ער האָט די דאָזיקע דאַטע אַרויסגעפונען, און האָט איבערגעלאָזט אַן אויפשריפט צום אָנדענק דערפון. עס איז קלאָר, אַז ער איז געווען אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר; ער האָט נעבויט טעמפלען און געפרווט צו צענטראַליזירן די רעליגיע אין בבל, דורכדעם וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע צאָל אָרטיקע געטער אין טעמפל פון בל-מרדוך. עס איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שוואַכקייט און דעזאָרגאַניזאַציע פון זיין אימפעריע קומט דערפון, וואָס די קולטן קריגן זיך אַרום, און ער האָט געהאַט בדעה, זיי ווי עס איז צו פאַראייניקן.

די געשעענישן זיינען געגאַנגען צו גיך פאַר אַזאַ אַנטוויקלונג. זיינע אויפטועון האָבן באַשיימפערלעך דערוועקט חשד און פיינדשאַפט מצד די כוהנים פון בל. האָבן זיי געמאַכט יד אחת מיט די פערסער. „כורשעס זעלנער האָבן איינגענומען בבל אָן אַ שלאַכט“. נאַבונאַהיד איז גענומען געוואָרן געפאַנגען, און פערסישע זעלנער זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן היטן די טויערן פון בלס טעמפל, „וואו דער קולט איז אָפגעריכט געוואָרן אָן איבעררייס“.

כורש האָט, באמת, איינגעשטעלט די פערסישע אימפעריע אין בבל מיט דער הילף פון בל-מרדוך. ער האָט באַגינסטיקט די קאָנסערוואַטיווע געפילן פון די כוהנים און האָט אַריבערגעפעקלט די פרעמדע געטער אין זייערע אַלטע היימען. ער האָט אויך צוריקגעשיקט די פאַרטריבענע יידן קיין ירושלים. דאָס איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַלגעמיינער פאָליטיק. אָבער די כוהנים פון בבל האָבן סוף-כל-סוף צו טייער באַצאָלט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַריינגעלאָזן צו זיך אין שטאָט די ניט-רעליגיעזע אַריער, בכדי צו האָבן

די מעגלעכקייט צו פירן זייער גאָטסדינסט, ווי זיי האָבן געוואָלט. עס וואָלט געווען גלייכער פאַר זיי, ווען זיי וואָלט אָנגענומען די רעפאָרמעס פון נאַבונאַהיד, ווען זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו זיינע אידעען, וואָס האָבן זיי אויסגעדוכט צו זיין אַפּיקורסות, און וואָלטן איינגעזען, אַז די וועלט בייט זיך, און מען מוז זיך צופּאַסן צו די נייסן. כורש איז אַריין אין בבל אין יאָר 539 פאַר קר.; אין יאָר 521 פאַר קר. איז בבל געווען ווידער אויפגעשטאַנען, און אין יאָר 520 פאַר קר. האָט אַן אַנדער פערסישער מאָנאַרך, דריוש, אַראָפּגעריסן די מויערן פון בבל. אין משך פון ווייטערדיקע צוויי הונדערט יאָר איז דאָס לעבן אינגאַנצן אויסגעוועבט געוואָרן פון דער רעליגיע פון בל-מרדוך, און דער טעמפּל פון בל-מרדוך איז געוואָרן אַ חורבה, וואָס די אַרומיקע איינוואוינער האָבן פון דאָרט געשלעפּט שטיינער פאַר זייערע בנינים.

6. די געטער=מלכים פון עגיפּטן.

די געשיכטע פון די כוהנים און מלכים אין עגיפּטן איז ענלעך, אָבער ניט גלייך צו דער געשיכטע פון בבל. די מלכים פון שומער און אַשור זיינען געווען כוהנים, וואָס זיינען געוואָרן מלכים; זיי זיינען געווען פאַרוועלטלעכטע כוהנים. דער פרעה פון מצרים איז, ווייזט אויס, ניט געגאַנגען גענוי דעם זעלביקן וועג. שוין אין די עלטסטע היסטאָרישע דאָקומענטן האָט דער פרעה אַ מאַכט און אַ חשיבות, וואָס שטייגט אַריבער די מאַכט פון אַ כוהן. ער איז אין דער אמתן אַ גאָט, און איז גרעסער סיי פאַר אַ כוהן און סיי פאַר אַ קיניג.

מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם מעמד. קיין איין מאָנאַרך פון שומער אָדער בבל אָדער אַשור וואָלט ניט געקאָנט צווינגען זיין פאָלק צו טאָן פאַר אים אַזאַ אַרבעט, ווי די, וואָס די בויערס פון די גרויסע פּיראַמידעס, די פרעהס פון דער 4טער דינאַסטיע, האָבן אַרויפגעלייגט אויף זייער פאָלק. די עלטסטע פרעהס זיינען מסתמא באַטראַכט געוואָרן ווי די פאַרקערפּערונג פון דעם אייבערשטן גאָט. דער פאַלק-גאָט האָרוס זיצט איבערן קאָפּ פון דער גרויסער סטאַטוע פון כעפרען. אַזאַ שפּעטיקער מאָנאַרך ווי רעמסס III (20טע דינאַסטיע)



די פייער-געטין סעכעט. זי איז די בת-זוג פון גאָט פּטאה.

איז פארגעשטעלט אויף זיין סארקאפאג (געפינט זיך איצט אין קיים=בערידזש) טראגנדיק די כאראקטעריסטישע סימבאלן פון די דריי גרויסע געטער פון דער עגיפטישער סיסטעם. ער טראגט די צוויי סקעפטערס פון אזירים, דעם גאט פון טאג און פון אויפלעבונג (תחית=המתים); אויף זיין קאפ זיינען די הערנער פון דער קו=געטין האטור, און אויך די זון=ראד מיט די פעדערן פון אמאן רע. ניט וואס ער טראגט פשוט די סימבאלן פון די דאזיקע געטער, ווי א פרומער בבלי וואלט געטראגן די סימבאלן פון בל=מרדך; ער איז די דאזיקע דריי געטער אינײנעם.

אין דעם בוך פון סער דזש. פרייזער „גאלדענער צווייג"* קאן דער לעזער געפינען א סך מער מכוח דעם, ווי אזוי מען פלעגט פארצייטן פארשטעלן געטער דורך סטאטועס אדער דורך לעבעדיקע מענטשן. דא האבן מיר נאר אנצוצייכענען דעם באשיימפערלעכן חילוק אין דעם פרט צווישן די אזיאטישע און אפריקאנישע מאנארכיעס.

מיר געפינען אויך א סך סקולפטורן און געמעלן, וואס זיינען אויסן אונטערצוהאלטן דעם געדאנק, אז די פרעהס זיינען די זין פון געטער. למשל, איז אין לוקסאר בפרוטרוט געשילדערט אין א גאנצער ריי סקולפטורן די געשיכטע דערפון, ווי אזוי אמענאפים III (פון דער 18טער דינאסטיע) איז געבארן געווארן פון א פאטער א גאט. נאך מער, מען האט געהאלטן, אז די פרעהס, וואס שטאמען פון א געטלעכן יחוס, טארן ניט חתונה האבן מיט פשוטע בשר=ודם=פרויען, און בכן איז געווען דער מנהג, זיי זאלן חתונה האבן מיט בלוט=קרובים, און אפילו מיט לייבלעכע שוועסטער.

דעריבער האט דער קאמף צווישן פאלאץ און טעמפל אין דער עגיפטישער געשיכטע זיך ארייגעכאפט פון אן אנדער זייט, איידער אין דער געשיכטע פון בבל. פראפעסאר מאספערא גיט (אין זיין ווערק „א נייע שיין אויפן אלטן עגיפטן") א זייער אינטערעסאנטן באריכט וועגן קאמף פון אמענאפים IV מיט דער כהונהשאפט, בפרט מיט די כוהנים פונם גרויסן גאט אמאן רע, דעם האר פון קארנאק.

---

* א גרויס ענגליש ווערק איבער געשיכטע פון רעליגיע און גלייבענישן פון פעלקער פון גאר דער וועלט (Golden Bough).

די מוטער פון אַמענאָפיס IV איז ניט געווען פון דער ראַסע פון די פּרעהס. אַפּנים, אַז זיין פאָטער אַמענאָפּיס III האָט חתונה געהאַט פון ליבע מיט אַן אונטערטאַנין, אַ שיינער סירישער מיידל מיטן נאָמען טיאיי, און פּראָפעסאָר מאַספּעראָ מיינט, אַז דעם אָנהייב פון דער מחלוקת נעמט זיך דערפון, וואָס די כּוהנים פון אַמאָן רע זיינען געווען קעגן דער קיניגין און האָבן איר פאַרשאַפט צרות. האָט זי דער־פאַר געקאָנט, לויט זיין מיינונג, איינגעבן דעם זון אַ פאַנאַטישע שנאה צו אַמאָן רע. נאָר אַמענאָפּיס IV האָט געקאָנט האָבן אַ ברייטערן קוק. פונקט ווי נאַבונאַהיד פון בבל, וואָס האָט געלעבט מיט טויזנט יאָר שפּעטער, האָט ער געקאָנט אויסן זיין די גייסטיקע איינהייט אין זיין אימפּעריע. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אַמענאָפּיס III האָט רעגירט פון כּוש ביז צום טייך פּרת, און אַז די זאַמלונג בריוו צו אים און צו זיין זון, וואָס איז געפונען געוואָרן אין תל־אל־עמרנא, ווייזט אויף אַ ברייטן שטח פון אינטערעס און השפּעה. על כּל פּנים, אַמענאָפּיס IV האָט זיך אַריינגענומען אין מוח צו שליסן אַלע עגיפּ־טישע און סירישע טעמפּלען, צו מאַכן אַ סוף צו אַלע די באַזונדערע קולטן אין זיין קיניגרייך און איינצושטעלן אומעטום דעם קולט פון איין גאָט, אַטאָן, דער זון־ראָד. ער האָט פאַרלאָזן זיין הויפּטשטאָט טעבען, וואָס איז געווען מער די שטאָט פון אַמאָן רע, אײדער בבל איז שפּעטער געווען די שטאָט פון בל מרדוך, און האָט געמאַכט זיין הויפּטשטאָט אין תל־אל־עמרנא; ער האָט איבערגעמאַכט זיין נאָמען פון „אַמענאָפּיס", וואָס האָט אים געהייליקט צו אַמאָן (אַמען), צו „עכנאַטאָן", דאָס הייסט „דער זונס שיין". אין משך פון אַכצן יאָר האָט ער זיך געהאַלטן פעסט פאַר דאָס זייניקע קעגן אַלע כּוהנים פון זיין אימפּעריע און איז געשטאָרבן ווי אַ פּרעה.

די מיינונגען מכּוח אַמענאָפּיס IV אָדער עכנאַטאָן גייען זיך פונאַנדער. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז ער האָט אויפגעטאָן די גאַנצע זאַך נאָר ווי אַ געטרייער זון פון זיין מוטער און ווי אַ ליבנ־דיקער מאַן פון זיין שיינער פרוי. אוודאי האָט ער זיין פרוי שטאַרק ליב געהאַט; ער האָט איר באַוויזן גרויס כּבוד — אין עגיפּטן האָט מען בכלל אַרויסגעוויזן דרך־ארץ צו פרויען, און קיניגינס האָבן עטלעכע מאָל רעגירט דאָרט — און ער איז אויך איין סקולפּטור=

בילד פאָרגעשטעלט ווי ער האַלט די קיניגין אויף די קני, און אויף אַן אַנדער בילד, ווי ער קושט זי זיצנדיק אין אַ קאַראָט. אָבער מענטשן, וואָס לעבן אונטער דער ממשלה פון זייערע ווייבער, זיינען ניט בכוח איינצוהאַלטן אַ גרויסע אימפעריע אַנטקעגן דער ביטערער פיינטשאַפט פון די איינפלוסרייכסטע און צום בעסטן אָרגאַניזירטע קאָרפּאָראַציעס אין זייער געביט. אַנדערע ווידער שרייבן וועגן אים ווי וועגן אַ „פינסטערן פאַנאַטיקער”. שלום־בית בינדט זיך זעלטן מיט פינסטערן פאַנאַטיזם.



כעפרען, דער דריטער קיניג פון דער 4טער דינאַסטיע, מיט האָרוס, דעם פאַלקן־גאָט, זיצנדיק הינטער זיין קאָפּ.

עס לייגט זיך מער אויפן שכל צו באַטראַכטן אים ווי אַ פּרעה, וואָס האָט ניט געוואָלט זיין קיין גאָט. און ניט נאָר זיין רעליגיעזע פּאָליטיק און זיין פרייער אויסדרוק פון נאַטירלעכע געפילן מאַכן פון אים אַ שטאַרקע און זייער אָריגינעלע פערזענלעכקייט. אויך זיינע עס־טעטישע אידעען זיינען זיינע אייגענע. ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיין פּאָרטרעט זאָל ווערן געמאַכט לויט דעם געוויינטלעכן שאַבלאָן,

ווי מען פלעגט אויסמעלן די פרעהס די געטער, און זיין פנים קוקט אַרויס אויף אונז דורך אַ צייט פון 33 יאָרהונדערטער, ווי די צורה פון אַ מענטשן צווישן רייען פון שטייפע געצן.

אַ רעגירונג פון 18 יאָר איז ניט געווען גענוג אויף דורכצופירן די רעוואָלוציע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. זיין אידעס, וואָס האָט געקיניגט נאָך אים, איז געקומען צוריק קיין טעבען און האָט שלום געמאַכט מיט אַמאָן רע. ער איז געווען איינער פון די לעצטע דריי מאָנאַרכן פון דער 18טער דינאַסטיע ; איינער פון די דריי איז געווען דער פרעה תות-אַנך-אַמען, וואָס וועגן אים איז געווען אַזוי פיל גערייד די לעצטע יאָרן. ער איז געווען אַן אומבאַדייטנדער יונגערמאַן, וואָס האָט התונה געהאַט מיט עכנאַטאָנס טאָכטער און יורשטע, ער איז קענטיק געווען איינגאַנצן אין די הענט פון די כּוהנים פון אַמאָן. ער איז אָדער געשטאָרבן יונגערהייט אָדער אָפּגעראַמט געוואָרן פון וועג. נאָר צופעליק איז זיין קבר געווען כּמעט דער איינציקער קבר פון אַ פרעה, וואָס זאָל ניט זיין געווען איפּגעבראָכן און אויסגעראַבירט. ער איז געבליבן ניט גערירט ביז צו אונזער צייט. דערנאָך האָט מען אים געעפנט און אויסגעפאָרשט, און דערביי האָבן די זשורנאַליסטן געמאַכט אַ רעש, וואָס שטייגט שטאַרק אַריבער זיין היסטאָרישע וויכטיקייט. די 18טע דינאַסטיע האָט זיך געענדיקט באַלד נאָכן טויט פון תות-אַנך-אַמען, און די 19טע דינאַסטיע, וואָס עס האָט געגרינדעט האַרעמהאַב, איז געוואָרן איינע פון די גלענצנדסטע און באַרימטסטע דינאַסטיעס פון עגיפּטן. סוף-כּל-סוף האָט די מעשה מכּוח דער געטלעכקייט פון די מלכים זיך איינגעוואָרצלט ביי די עגיפּטער און האָט זיך צוגעקלעפּט צום געדאַנק פון אַנדערע פעלקער. אַז אַלכּסנדר דער גרויסער איז אָנגעקומען קיין בבל, איז דער פּרעסטיזש פון בל-מרדוך שוין געווען שטאַרק געפאַלן, אָדער אין עגיפּטן איז אַמאָן רע נאָך געווען גענוג גאָט, כּדי דעם גריכישן באַצווינגער זאָל זיך פאַרוועלן אויך צו שפּילן זיך אין געטלעכקייט. אין דער צייט פון דער 18טער אָדער 19טער דינאַסטיע (אַרום 1400 פאַר קר.) האָבן די כּוהנים פון אַמאָן רע אויפגעשטעלט אין אַן אָאַזיס פון מדבּר אַ טעמפּל מיט אַן אָראַקל. דאָרט איז געווען דעם גאָטס אַ בילד, וואָס האָט געקאָנטריידן, באַוועגן דעם קאָפּ און צונעמען אָדער אָפּוואַרפן פאַרשריבענע מגילות מיט

פראַגעס. אין יאָר 332 האָט דער דאָזיקער אָראַקל נאָך געבליט. דערציילט מען, אַז דער יונגער האַר פון דער וועלט האָט געמאַכט אַ ספּעציעלע נסיעה, כּדי צו באַזוכן דעם אָראַקל; ער איז אַריין אין הייליקטום, און דאָס בילד איז אַרויסגעטראָטן פון דער פינסטערניש אין דער טיף, כּדי אים מקבּל פּנים צו זיין.

דאָס איז געווען אַן אַיינדרוקספולע באַגריסונג. אַן ערך אַזוי האָט געמוזט קלינגען דער-נוסח (אַזוי מיינט פּראָפעסאָר מאַספּעראָ):

„קום אַהער, דו זון פון מיין דיך, וואָס ליבט מיך, אַזוי אַז איך גיב דיר דאָס קיניגרייך פון רע און דאָס קיניגרייך פון האָרוס! איך גיב דיר גבורה, איך גיב דיר צו האַלטן אונטער דיינע פיס אַלע לענדער און אַלע אמונות; איך גיב דיר צו שלאָגן מיט דיין האַנט אַלע פעלקער, וואָס זיינען פאַראייניקט קעגן דיר!“

אָט אַזוי האָבן די כּוהנים פון עגיפּטן באַצוואונגען זייער באַצווינגער, און דער אַרישער מאָנאַרך איז דער ערשטער געוואָרן אַ גאָט.

---

7. שי כואַן-טי פּאַרטיליקט די ביכער.

דער קאַמף פון כּוהן און קיניג אין כינע קאָן דאָ ניט געשילדערט ווערן באַריכות. ער איז געווען אַנדערש ווי אין עגיפּטן, ער איז געווען אַנדערש ווי אין בבל, אָבער מיר געפינען דאָ אויך מצד דעם מושל די זעלביקע אָנשטרענגונג צו צעברעכן די טראַדיציע, ווייל זי צעטיילט דאָס פאָלק. דער כינעזישער קיסר, דער „זון פון הימל“ איז אַליין געווען אַ כּוהן-גדול, און זיין הויפּט-עבודה איז געווען צו ברענגען קרבּנות. אין די צייטן פון מהומות אין דער כינעזישער געשיכטע הערט ער אויף צו רעגירן און טוט נאָר פירן די כּהונה. דאָס איז געבליבן אַזוי ביז די נייסטע צייטן. ערשט מיט ווינציק יאָרן צוריק איז בטל געוואָרן דער מנהג, אַז דער קיסר האָט געדאַרפט אָנהייבן איטלעכן פרי-יאָר צו אַקערן די ערד מיט די אייגענע הענט. דער שרייבער-קלאַס איז שוין גאָר פרי געוואָרן אָפּגעשיידט פונם כּוהנים-קלאַס. ער איז געוואָרן אַ ביוראָקראַטישע קאָרפּאָראַציע, וואָס באַדינט די

אַן עגיפּטישע פרוי איז מתפּלל. פאַרן אַראָפּלאָזן זיך אויף די קני,
האָט זי אויסגעטאָן די שיך.

אָרטיקע מלכים און מושלים. דאָס איז אַ הויפּט-אונטערשייד צווישן דער געשיכטע פון כינע און צווישן דער געשיכטע פון גאַנצן מערב.

אין יענער צייט, ווען אלכסנדר איז באַפאַלן מערב-אַזיע, איז כינע אונטער די לעצטע כּוהנים-קיסרים פון דער טשאָו-דינאַסטיע אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון גרויסע מהומות. איטלעכע פּראָווינץ האָט געצויגן צו דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט און צו די אייגענע טראַדיציעס, און די הונען האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון פּראָווינץ צו פּראָווינץ. דער קיניג פון צזין (וואָס האָט געלעבט אַן ערך 80 יאָר נאָך אלכסנדר מוקדון) האָט אונטער דעם אַיינדרוק פון דעם שאָדן, וואָס די טראַדיציע טוט אָן אין לאַנד, באַשלאָסן צו פאַרטיליקן די גאַנצע כינעזישע ליטעראַטור. און זיין זון, שי כואַן-טי, דער „ערשטער אוניווערסאַלער קיסר“, האָט געמאַכט אַן ענערגישן פּרוּוו אויפצוזוכן און צו פאַרטיליקן אַלע קלאַסיקער. זיינען זיי טאַקע פאַרשוואונדן פאַר דער צייט פון זיין רעגירונג, און ער האָט רעגירט אָן טראַדיציע און ער האָט צונויפגעגאָסן גאַנץ כינע צו איין איינהייט, וואָס האָט געדויערט עטלעכע יאָרהונדערטער. נאָר אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן די פאַרבאַהאַלטענע ביכער זיך ווידער באַוויזן.

כינע איז געבליבן פאַראייניקט, הגם ניט אונטער זיינע קינדסקינדער. נאָך אַ בירגער-קריג איז געקומען צו דער מאַכט אַ נייע דינאַסטיע, די האַן-דינאַסטיע (200 פאַר קר.), דער ערשטער כאַנאַרך פון די האַנס האָט ניט געפירט ווייטער די מלחמה פון שי כואַן-טי קעגן די „שרייבערס“, און זיין יורש האָט מיט זיי געמאַכט שלום און אויפגעריכט די טעקסטן פון די קלאַסיקער.

קאַפּיטל 17

לייב־אייגענע, שקלאַפן, סאָציאַלע קלאַסן און פרייע יחידים

1. דער געמיינער מאַן אין דער אַלטער וועלט. 2. די עלטסטע שקלאַפן. 3. די ערשטע „וועלבשטענדיקע מענטשן". 4. סאָציאַלע קלאַסן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. 5. קלאַסן פאַרהאַרטעוועט צו קאַסטעס. 6. די קאַסטעס אין אינדיע. 7. די סיסטעם פון די מאַנדאַרינען. 8. אַ סך־הכל פון צען טויזנט יאָר. 9. פּלאַסטיק און געמעל־קונסט אין דער אַלטער וועלט. 10. ליטעראַטור, דראַמע און מוזיק אין דער אַלטער וועלט.

מיר האָבן אין די לעצטע פיר קאַפּיטלעך דערציילט, ווי אַזוי ציוויליזירטע מלוכות זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער פּרימיטיווער נעאָלי־טישער אַגריקולטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ערגעץ וואו אין אָדער אַרום דעם מזרחדיקן טייל פון מיטללענדישן ים־באַסיין אפשר מיט 15.000 יאָר צוריק. דאָס איז געווען צוערשט גיכער אַ גאָרטן־קול־טור, איידער אַ פעלד־קולטור; עס פלעגט געאַרבעט ווערן מיטן גראָב־שטיק פריער, ווי מיטן אַקער, און צוערשט איז עס געווען נאָר אַ טפל צו דער הויפּט־פּרנסה פונם פאַמיליען־שבט, וואָס איז באַ־שטאַנען אין געיעג און אין האָדעווען שאָף, ציגן און רינדער.

מיר האָבן געצייכנט אין ברייטע שטריכן, ווי אַזוי די ערשטע דאָרף־ישובים האָבן זיך אַנטוויקלט אין די געגנטן פון אויסנאַמלעכער פּרוכפּערקייט צו מער באַפעלקערטע שטעטלעך און שטעט, און ווי אַזוי דער דאָרפישער געטער־אָרון און דער דאָרף־מכשף זיינען אויסגעוואַקסן צום גרויסן שטאָטישן טעמפּל און צו אַ גאַנצן קלאַס שטאָטישע כּוהנים. מיר האָבן פאַרצייכנט דעם אָנהייב פון אָרגאַניזירטן

קריג, צוערשט ווי אַ צוזאַמענשטויס צווישן איינציקע דערפער, און דערנאָך ווי אַ דיסציפּלינירטן קאַמף צווישן דעם כּוהן־מלך און דעם גאָט פון איין שטאָט און צווישן דעם כּוהן־מלך און דעם גאָט פון אַ צווייטער. אונזער געשיכטע איז האַסטיק אַריבערגעלאָפן פון די ערשטע ידיעות וועגן באַצווינגונג און באַהערשונג אין שומער מיט 5 אָדער 6 טויזנט יאָר פאַר קר. ביז צום בילד, ווי עס וואַקסן אויס גרויסע אימפּעריעס, מיט אָנפאַלן און אַרמייען, מיט אויפשריפטן

אן עגיפטער מאָלט קאָרן, מיט 3000 יאָר צוריק. די קערנער ליגן אויף א שטיין און ווערן צעמאָלן מיט א צווייטן שטיין.

אויף שטיין און געשריבענע דאָקומענטן, מיט געלערנטע כּוהנים און מלכים, מיט רעגירערס, וואָס האַלטן זיך פאַר אַן אַלטער טראַדיציע. מיר האָבן געזען, ווי עגיפטן מאַכט דורך דעם זעלביקן וועג. מיר האָבן אָנגעצייכנט אין ברייטע שטריכן, ווי אַזוי די דאָזיקע אימפּעריעס ביי די גרויסע טייכן האָבן זיך באַוויזן, וואָסערע קאָנפליקטן און פאַר־ענדערונגען זיי האָבן דורכגעמאַכט. מיר האָבן באַזונדערס געווענדט

די אויפמערקזאַמקייט אויף די סימנים פון נאָך ברייטערע פּאָליטישע אידעען, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן מיט מעשים און רייד אַזעלכע מענטשן, ווי אַמענאָפיס IV און נאַבונאַהיד. דאָס איז געווען אַן איבערבליק איבער דער אָנזאַמלונג פון מענטשלעכער ערפאַרונג אין משך פון 10 אָדער 15 טויזנט יאָר, אַ גוואַלדיק שטיק צייט אין פאַרגלייך מיט דער שפּעטערדיקער געשיכטע, אָבער אַ קורצער פּעריאָד, ווען מיר מעסטן אים מיט דער מאָס פון די אָן אַ צאָל דורות, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען צווישן אונז און די ערשטע מענטשלעכע באַשעפענישן אין דעם באַגינען פון דער פּלייסטאָצען-תקופה. נאָר אין די לעצטע פיר קאַפּיטלעך האָבן מיר געשריבן כמעט אינגאַנצן ניט וועגן דער מענטשהייט בכלל, נאָר וועגן יענע מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט, וועגן מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט מאָלן און לייענען און שרייבן, וועגן מענטשן, וואָס האָבן געביטן זייער וועלט. וואָס איז אָבער געווען, חוץ דער ווירקונג פון די איינציקע, דאָס לעבן פון דער גרויסער שטומער מאַסע?

דאָס לעבן פון געמיינעם מאַן איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן באַ-ווירקט און איבערגעביטן דורך די אַלע מעשים, פּונקט ווי עס האָט זיך איבערגעביטן דאָס לעבן פון די שטוביקע בהמות און דער פּנים פון דער קולטיווירטער ערד. נאָר על-פּי רוב איז דער דאָזיקער שינוי געווען אַ גענויטער, און ניט אַ שינוי, וואָס דער געמיינער מאַן אין לאַנד זאָל האָבן געהאַט דערין אַ שטים אָדער אַ ווילן. לייענען און שרייבן איז נאָך ניט געווען אַן ענין פאַר זיינס גלייכן. ער האָט זיך געלעבט פאַר זיך אין אַקערן זיין פעלד: ער האָט ליב געהאַט ווייב און קינדער, געשלאָגן זיין הונט און געהאָדעוועט זיינע בהמות, אין שלעכטע צייטן האָט ער אונטערגעבורטשעט, מורא געהאַט פאַרן כישוף פון די כוהנים און פאַר דער וואַקסנדיקער מאַכט פון די געטער, און געוואונטשן זיך נאָר איין זאַך, אַז די אַלע מאַכטהאָבער אַרום אים זאָלן אים לאָזן צו רו.

אַזוי איז ער געווען 10.000 פאַר קר.; אַזוי איז ער געווען ניט געביטן אין זיין טבע און אויסקוק אין דער צייט פון אלכסנדר דעם גרויסן; אַזעלכער איז ער געבליבן אין גרעסטן טייל פון דער וועלט ביזן היינטיקן טאָג. וואָס מער די ציוויליזאַציע האָט

פּראָגרעסירט, האָט ער געקראָגן בּעסער געציַיג, בּעסערע זוימען, בּעסערע מעטאָדן אין דער אַרבּעט, זיַין דירה איז געוואָרן אַ בּיסל בּעסער, ער האָט געקאָנט אויסבּיַיטן זיַינע פּראָדוקטן אויף אַ בּע־סער־אָרגאַניזירטן מאַרק. אָבּער אַ געוויסע פריַיהייט און אַ געוויסע גליַיכהייט האָבּן זיך געפעלט אין מענטשנס לעבּן, ווי נאָר די מענטשן האָבּן אויפגעהערט אַרומצוּוואַנדערן. מענטשן האָבּן בּאַצאָלט מיט פריַיהייט און זיי האָבּן בּאַצאָלט מיט אַרבּעט פאַר דער זיכערקייט, פאַרן רו־פּלאַץ, פאַר די רעגולערע מאָלציַיטן. צו בּיסלעכוויַיז, אָן צו מערקן, האָט דער געמיַינער מאַן זיך אַרומגעזען, אַז דאָס פעלד, וואָס ער אַקערט, איז גאָרניט זיַין אייגנס; עס געהערט דעם גאָט; און ער מוז צאָלן אַ טייל פון זיַינע פּראָדוקטן דעם גאָט. אָדער דער גאָט האָט דאָס געהאַט אָפּגעגעבּן דעם קעניג, וואָס האָט גע־מאָנט זיַינע אָפּגאָבּן און צינז. אָדער דער קעניג האָט דאָס געהאַט אַוועקגעגעבּן אַ בּאַאַמטן, וואָס איז איצט געווען דער האַר פון גע־מיינעם מאַן. און אַמאָל איז געווען אַן אַרבּעט צו טאָן פאַרן גאָט, צי פאַרן קעניג, צי פאַרן שררה, און דער געמיַינער מאַן האָט גע־מוזט לאָזן זיַין אַקער־פעלד און אַרבּעטן פאַר זיַין בּאַלעבּאָס.

ווי וויַיט דאָס פעלד, וואָס ער האָט בּאַאַרבּעט, איז געווען זיַין אייגנס, האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט אויף קלאָר. אין אַשור איז די ערד געווען, וויַיזט אויס, געהאַלטן אין פריַיער אַרענדע, און דער אַרענדאַר האָט געצאָלט שטיַיערן; אין בּבל האָט די ערד גע־הערט דעם גאָט, און ער האָט דערלויבּט דעם אַרענדאַטאָר צו אַר־בּעטן אויף איר. אין עגיפּטן זיַינען געווען די בּאַלעבּאַטים פון דער ערד די טעמפּלען אָדער די פּרעהס אָדער די שרים אונטער פּרעהס איבּערהערשאַפט, און די פּויערים האָבּן זיי געמוזט צאָלן אַרענדע. אָבּער דער פּויער איז ניט געווען קיין שקלאַף; ער איז געווען אַ פריַיער מענטש, און צוגעבּונדן צו דער ערד נאָר אויף אַזוי פיל, ווי וויַיט ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער זאַך צו טאָן, הוץ בּאַאַרבּעטן די ערד, און ניט וואו זיך אַהינצוטאָן אַנדערשוואו. ער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף אָדער שטאָט און פלעגט אַרויסגיין צו דער אַרבּעט. דאָס דאָרף איז לכתחילה געווען אָפט נאָר אַ גרויסע

משפּחה קרובים אונטער אַ פּאַטריאַרך אָן עלטסטן; די פּאַרציטיקע שטאָט — אַ גרופּע אַזעלכע געזינדן אונטער זייערע עלטסטע.

מיטן וואוקס פון דער ציוויליזאַציע הייבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון פאַרשקלאַפונג. די הויפּטלייט און פירערס וואַקסן אויס אין מאַכט און הערשאַפט, און דער געמיינער מאַן קאָן מיט זיי ניט מיטהאַלטן; ניט באַמערקטערהייט, איז ער בהדרגה דורך דער טראַדיציע אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון אָפּהענגיקייט און אונטערטעניקייט.

אין גרויסן און גאַנצן זיינען די געמיינע מענטשן געווען גאַנץ צופרידן צו לעבן אונטערן האַר אָדער קיניג אָדער שר און צו פאָלגן זייערע באַפעלן. דאָס איז געווען גרינגער, דאָס איז געווען זיכערער. אַלע בעלי-חיים — און דער מענטש איז ניט קיין אויסנאַם — הייבן אָן זייער לעבן אין אָפּהענגיקייט. דאָס רוב מענטשן מאַכן זיך קיינמאָל ניט פריי פון דעם פאַרלאַנג צו ווערן געפירט און געשיצט. דאָס רוב מענטשן נעמען אָן די תנאים, וואָס אין זיי זיינען זיי געבאָרן, אָן צו שטעלן קשיות.

ברעסטעד דערציילט אין זיין ווערק „רעליגיע און דענקען אין אַלטן עגיפּטן“ פאַרשיידענע מעשיות, צו ווייזן, אַז נאָך פאַר 2000 פאַר קר. איז אין עגיפּטן געווען סאָציאַלע אומצופרידנקייט, אָבער דאָס איז געווען אַ נאַיווע, ניט-רעוואָלוציאָנערע אומצופרידנקייט. דאָס זיינען געווען טענות וועגן דעם, אַז מענטשן זיינען פאַלש און שופטים זיינען ניט גערעכט. רייכע לייט זיינען איינגעווילט און זשעדנע און האָבן ניט קיין רחמנות אויפן אָרעמאַן און העלפן אים ניט. עס זיינען אויך פאַראַן תביעות וועגן העכערן דאָס געצאָלט און שטרייקן פון וועגן שלעכטער שפּייז און אַכזריותדיקער באַהאַנדלונג. אָבער עס איז ניטאָ קיין פראַגע וועגן דעם פרעהס רעכט צו געוועלטיקן אָדער וועגן דעם יושר פון די רייכע. דאָ איז ניטאָ קיין אָנפאַל אויף דער סאָציאַלער אָרדענונג; קיינמאָל זיינען די טענות ניט געוואָרן פאַרקערפּערט אין מעשים.

2. די עלטסטע שקלאַפן.

די עלטסטע מלחמות האָבן זיך ניט פאַרנומען איף קײן װײטע עקספּעדיציעס און איף אַ לאַנגער צײט. צוליב פירן קריג פלעגט מען פּשוט איטלעכס מאָל צונויפנעמען די פויערים=באַפעלקערונג, אָפּגעריסן זי אויף אַ קורצער צײט פון איר טעגלעכער אַרבעט. נאָר די מלחמה האָט אַרײנגעבראַכט אַ נײעם מקור פון פאַרמעגן, מלחמה=רויב, און אַ נײעם סאָציאַלן פאַקטאָר, געפאַנגענע. אין די פריערע, נאָמאַדישע צײטן פלעגט מען נעמען געפאַנגען מאַנסביל נאָר בכדי צו פּײניקן זײ און צו ברענגען פאַר קרבנות דעם גאָט, װאָס האָט מנצח געװען. די געפאַנגענע פרויען און קינדער, װידער, פלעגן זיך אַסימילירן אין שבט. נאָמאַדן קאָנען װינציק=װאָס אויסנוצן שקלאַפן, נאָר שפּעטער פלעגט מען אַ סך געפאַנגענע פאַרהאַלטן װי שקלאַפן, װײל זײ האָבן געהאַט אויסנאַמלעכע כשרונות אָדער באַזונדערע קענטשאַפטן. צוערשט האָבן, מסתמא, די מלכים און די קריגפירערס צוגענומען די דאָזיקע שקלאַפן פאַר זיך — און באַלד איז זײ קלאָר געװאָרן, אַז די דאָזיקע מענטשן זײנען מער זײער אײגנס, װי די פויערים ערד=אַרבעטער און געמײנע לײט פון זײער אײגענער ראַסע. דעם שקלאַף האָט מען געקאָנט הײסן טאָן פאַר זײן האַר אַלע מיני=אַרבעטן, װאָס דער כלומרשט פרײער מאַן האָט זײ ניט געטאָן גערנװיליק, װײל ער איז געװען צוגעבונדן צו זײן אײגענעם אַקער=פעלד. דעם שקלאַף האָט מען געקאָנט נוצן צוליב אַ סך אַרבעטן, צוליב בױען דאַמבעס, צוליב אַרויסגראָבן מעטאַל=אַרץ פון די בערג.

פון אַ זײער פריען פּעריאָד איז דער בעל=מלאכה געװען אָפט אַ שקלאַף אין הויזגעזינד. די אויסאַרבעטונג פון די האַנדלס=אַרטיקלען, לײמענע כלים, געװעבן, מעטאַל=זאַכן און אַזוי װײטער, װאָס איז געװען שטאַרק אַנטװיקלט אין דער באַלעבאַטישקײט פון קנאָכאָס, דער שטאָט פון מינאָס, איז געװען פון אָנהײב אָן אַ שקלאַפן=אינדוסטריע. דער אַשוראָלאָג סײס ברענגט אין זײן װערק „בבלים און אַשורים" בבלישע אָפּמאַכן װעגן אויסלערנען שקלאַפן מלאכות, װעגן טײלן זיך מיט דער עקספּלואַטאַציע פון שקלאַפס אַרבעט. די קינדער פון שקלאַפן זײנען אויך געװען שקלאַפן; װער עס האָט ניט

געקאָנט באַצאָלן אַ חוב, איז געוואָרן אַ שקלאַף. אַזוי-אַרום איז די צאָל שקלאַפן כסדר געוואַקסן. עס איז אָנגעקומען, אַז בעת די שטעט זיינען אויסגעוואַקסן גרעסער, איז דער גרעסטער טייל פון דער נייער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון שקלאַפן-בעלי-מלאכות און שקלאַפן-באַדינער אין די גרויסע באַלעבאַטישקייטן. זיי זיינען לחלוטין ניט געווען קיין פאַרמיאוסטע שקלאַפן; אין דער שפּעטערדיקער בבל זיינען זייער לעבן און אייגנטום געווען געשיצט דורך אויסגעאַרבעטע געזעצן. אויך זיינען ניט אַלע געווען קריגסגעפאַנגענע. עלטערן האָבן געקאָנט פאַרקויפן זייערע קינדער אין שקלאַפעריי, און ברידער זייערע שוועסטער יתומות. פרייע מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט פונוואַנען צו לעבן, פלעגן זיך אויך פאַרקויפן פאַר שקלאַפן. אַ שקלאַף איז אויך געוואָרן אַ בעל-חוב, וואָס האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן. דער, וואָס האָט זיך געלערנט אַ מלאכה, איז אויך געווען אַ געוויסער מאָס אויף אַ צייט אַ שקלאַף.

פון אָט דער שקלאַפן-באַפעלקערונג איז אויפגעקומען, דורך אַ פאַרקערטן פּראָצעס, דער קלאַס פרייגעלאָזטע מענער און פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר לוין און האָבן געהאַט נאָך מער באַשטימטע אינדיווידועלע רעכט. זינט די שקלאַפן אין בבל האָבן געמעגט האָבן אייגנטום, האָבן אַ סך שקלאַפן אָפּגעשפּאָרט און אויסגעקויפט זיך אויף דער פריי. מסתמא זיינען די שטאָטישע שקלאַפן געווען אין אַ בעסערן מעמד און פאַקטיש פונקט אַזוי פריי, ווי דער ערדאַרבעטער אין דאָרף. און אַז די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט גענומען וואַקסן, זיינען אירע זין און טעכטער געקומען צווישן די בעלי-מלאכות און פאַרגרעסערט זייערע רייען, טייל ווי שקלאַפן, טייל ווי פרייע.

אַז עס איז געוואַקסן דער פאַרנעם און די קאָמפּליצירטקייט פון דער רעגירונג, איז פאַרמערט געוואָרן די צאָל באַלעבאַטישקייטן. אונטער דעם קיניגס באַלעבאַטישקייט זיינען אויפגעוואַקסן די באַלעבאַטישקייטן פון זיינע שרים און באַאַמטע, אונטער דעם טעמפּל זיינען געוואַקסן די פּערזענלעכע באַלעבאַטישקייטן פון זיינע כוהנים. עס איז ניט שווער זיך אויסצומעלן, וויפיל הייזער און פעלדער עס זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער באַטראַכט בפירוש, ווי דאָס



אַ טייל פֿון דער אַסטראָנאָמישער סטעליע אין דעם קבר־זאַל פֿון סעטי I. דאָ זיינען אויסגעמאָלט געטער ווי די פֿאַרשטייער פֿון שטערן־בילדער.



דאָס זעלביקע — המשך פון בילד אויף זייט 52.

איינגס פון די, וואָס האָבן זיי פּאַרנומען, און זיינען אַליין מער און מער באַשטימט אָפּגעשיידט געוואָרן פון דעם לכתחילהדיקן באַלעבאָס — דעם גאָט. די עלטערע אימפּעריעס פון עגיפּטן און סיי פון כינע זיינען אַריבערגעגאַנגען אין אַ פעאָדאַלן צושטאַנד, אַזוי אַז משפחות, וואָס זיינען לכתחילה געווען באַאַמטע, זיינען אין משך פון אַ געוויסער צייט געוואָרן זעלבשטענדיקע אַדל-פאַמיליעס. אין די שפּעטערדיקע תקופות פון דער בבלישער ציוויליזאַציע געפינען מיר אַ וואַקסנדיקן קלאַס פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס באַווייזן זיך אין דער סאָציאַלער סטרוקטור, ניט קיין שקלאַפן, ניט קיין פּויערים, ניט קיין כּוהנים, ניט קיין באַאַמטע, נאָר אַלמנות און קינדער פון דעם מין מענטשן, אָדער אויך סוחרים, וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, וכדומה, און אַלע די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט קיין האַר איבער זיך.

סוחרים זיינען געקומען פון דער פרעמד. בבל איז געווען פול מיט אַראַמישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַלטן גרויסע געשעפטן מיט שקלאַפן, פריי-געלאָזטע, מיט כל-המינים אָנגעשטעלטע (זייער בוך-האַלטונג איז געווען אַן ערנסטער עסק אין אַ ציוויליזאַציע אָן פּאַפּיר. מען האָט באַדאַרפט קלייבן גאָר אַ פולע ליימענע טאָוועלעך אין גרויסע ליימענע טעפּ). פון אָט דעם דאָזיקן געמיש פון מער אָדער ווייניקער פרייע און אומאָפּהענגיקע מענטשן האָבן געלעבט אַנדערע מענטשן, קרעמער, קליינהענדלער, וואָס האָבן זיי צוגעשטעלט זייער באַדאַרף. סיאיז גיט, ווי אַ ביישפּיל, די פּרטים פון אַן אָפּמאַך וועגן גרינדן און באַזאָרגן אַן אַכסניא און אַ ביר-שענק. עס איז אויפגעקומען דער מין דורכפאָרער, וואָס איז היינט דאָ און מאָרגן דאָרט.

דער ערנסטער מין שקלאַפעריי איז שטענדיק געווען די אַרבעט מיט שקלאַפן-גרופּעס. אָט דער מין איז ניט געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין די אַלטע שטעט, נאָר געווען איז ער אומעטום. קודם-כל איז דער קיניג געווען דער הויפּטאונטערנעמער. ער האָט געשאַפן די קאַנאַלן און אָרגאַניזירט די באַוואַסערונג (אַזוי, למשל, זיינען האַמוראַבים אונטערנעמונגען פאַרצייכנט אין פּעריאָדיקן קאַפּיטל). ער פלעגט עקספּלואַטירן די מעטאַל-גרובן. ער האָט, ווי עס זעט אויס, אָר-

גאַניזירט אויסאַרבעטונגען פאַר'ן עקספּאָרט (קנאָסאָס, למשל). די פרעהס פון דער ערשטער דינאַסטיע האָבן שוין געלאָזט באַאַרבעטן די קופּער־און טירקיז־גרובן אויפן האַלב־אינזל סיני. צוליב אַ סך אַזעלכע אונטערנעמונגען זיינען גרויסע קריגס־געפאַנגענע געווען ווערטוועלער, און מען האָט זיי בעסער געקאָנט אויספּאַסן, ווי מענטשן פונם קיניגס אייגענע אונטערטאַנען.

פון אַ פריען פעריאָד אָן זיינען געפאַנגענע געווען אויך רודערערס פון די גאַלערע־שיפן, הגם טאָר פאַרצייכנט אין זיין ווערק „אַנטיקע שיפן", אַז אויך פרייע אַטענער האָבן ביז פעריקלעסעס צייט (450 פאַר קר.) זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אָט דער אַרבעט. דער מאָנאַרך האָט אויך איינגעזען, אַז שקלאַפן זיינען גוט פאַר זיינע מיליטערישע עקספּעדיציעס. זיי זיינען געווען מענטשן אָן וואָרצלען; זיי האָבן זיך ניט געריסן גיין אַהיים, וואָרעם זיי האָבן קיין היים ניט געהאַט. די פרעהס פלעגן זוכן צו כאַפּן שקלאַפן אין נוביע, כדי צו האָבן שוואַרצע חיילות פאַר מלחמה־עקספּעדיציעס אין סיריע. זייער ענלעך צו אַזעלכע שקלאַפן־חיילות זיינען געווען די געדונגענע באַרבאַרישע חיילות, וואָס די מאָנאַרכן פלעגן זיי אַריינכאַפּן אין זייער דינסט, אויב ניט ממש דורך צוואַנג, איז דורך געבן זיי עסן און די מעגלעכקייט צו ראַבעווען און אונטער דעם דרוק פון דער נויט. וואָס מער די אַלטע ציוויליזאַציע האָט זיך אַנטוויקלט, האָבן די געדונגענע אַרמייען אַלץ מער פאַרנומען דעם אָרט פון די פריערדיקע נאַציאָנאַלע רעקרוטירונגען, און די אַרבעט פון שקלאַפן־קבוצות זיינען געוואָרן אַלץ אַ מער וויכטיקער פאַקטאָר אין דער עקאָנאָמישער סיסטעם. חוץ ביי אַרבעטן אין די מעטאַל־גרובן, ביי די קאַנאַלן און ביים בויען מויערן, האָט מען אָנגעהויבן נוצן שקלאַפן־קבוצות אויך ביי ערד־אַרבעט. פריצים און טעמפּלען האָבן אָנגענומען די סיסטעם פון שקלאַפן־קבוצות פאַר זייערע מאַיאָנטקעס. די שקלאַפן־קבוצות האָבן אַרויסגעשטופּט די פייערים די אַרענדאַרן פון זייערע פעלדער, ווייל עס האָט די באַלעבאַטים געלוינט צו פלאַנצן פּלאַנטאַציעס פון לאַנגער־פירות.

3. די ערשטע „וועלבשטענדיקע מענטשן".

אַזוי קאָנען מיר אָנצייכענען די אַנטוויקלונג פון דער פּשוטער סאָציאַלער סטרוקטור פון די פּאַרציטיקע שומערישע שטעט ביז צו דעם קאָמפּליצירטן באַשטאַנד פון די גרויסע שטעט אין די לעצטע טויזנט יאָר פאַר קר. מיט זייערע גרויסע מאַסן איינוואוינער, פאַרשיידן לויט זייער ראַסע, טראַדיציע, דערציִונג און התמנות, פאַרשיידן לויט זייער רייכקייט, פרייהייט, מאַכט און נוציקייט. די מערקווערדיקסטע זאַך אין דער דאָזיקער געשיכטע איז דער פאַקט, וואָס אינמיטן אָט דעם פאַרשיידנאַרטיקן המון איז בהדרגה אויפגעקומען אַ מין מענטשן, וואָס מיר מעגן זיי אָנרופן פרייע יחידים, איינציקע פּערזאָנען, וואָס זיינען ניט קיין כּוהנים, ניט קיין מלכים, ניט קיין באַאַמטע, ניט קיין לייבאייגענע פּויערים, וואָס האָבן ניט שטאַרק נייטיק צו אַרבעטן צוליב זייער חיונה, וואָס האָבן צייט צו לייענען און צו פאָרשן. זיי באַווייזן זיך צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער עפנטלעכער זיכערקייט און פון פּריוואַט-אייגנטום.

ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די מעטאָדעס פון חשבונען. די אָפּעראַציעס פון די אַרמים און אַנדערע סעמיטישע האַנדלס-לייט האָבן געבראַכט צו דער אָרגאַניזאַציע פון קרעדיט און געלט-זיכערקייט. אין די עלטסטע צייטן איז אייגנטום באַשטאַנען, חוץ דאָס ביסל מטלטלין, כּמעט נאָר פון רעכט אויף ערד און אויף הייזער; שפּעטער אָבער האָט מען שוין געקאָנט איינלייגן משכּנות און לייען געלט, מען האָט געקאָנט אָפּזיין אַ שטיק צייט אין דער פרעמד און קומען צוריק און געפינען די נחלה אָפּגעהיט און גאַנץ. אַן ערך אינמיטן דעם פּעריאָד פון דער פּערסישער אימפּעריע האָט געלעבט איינער אַ פרייער יחיד, העראָדאָט, וואָס האָט פאַר אונז אַ גרויסן אינטערעס, מחמת ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשריבן אַ קריטישע און גוט אויסגעפאָרשטע געשיכטע, צום אונטערשייד פון די בראַניקעס, וואָס עס האָבן געשריבן כּוהנים און הויף-שרייבערס פון די מלכים. עס איז כּדאי צו וואַרפן בקיצור אַ בליק אויף די אומשטאַנדן פון זיין לעבן. שפּעטער וועלן מיר ברענגען ציטאַטן פון דער געשיכטע, וואָס ער האָט געשריבן.



אַ מאָדעל פון אַ שיף צו פאָרן איבערן נילוס מיט 4000 יאָר צוריק. ער איז געפונען געוואָרן אין אַ פעלזן-קאַמער ביי טעבען. דער מאָדעל (פיר פוס לאַנג) איז אַן ערך אַ צענט חלק די גרייס פון דער אָריגינאַל-שיף.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט דעם פאַקט, אַז די אַרישע פערבער אונטער כורשן האָבן איינגענומען בבל אין יאָר 539 פאַר קר. מיר האָבן אויך פאַרצייכנט, אַז די פערסישע אימפעריע האָט זיך אויסגעשפרייט אויך איבער עגיפטן, אָבער דאָרט האָט זי זיך ניט געהאַלטן פעסט; זי האָט פאַרנומען אויך קליין-אַזיע. העראָדאָט איז געבאָרן געוואָרן אַן ערך 484 פאַר קר. אין האַליקאַרנאַס, אַ גריכישער שטאָט פון קליין-אַזיע, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער איבערהערשאַפט פון די פערסער, און דירעקט אונטער דער רעגירונג פון אַ פאָליטישן האַר אָדער טיראַן. עס איז ניטאָ קיין רמז דערויף, אַז העראָדאָט זאָל זיין געווען געצוואונגען צו אַרבעטן צוליב זיין חיונה אָדער צו פטרן צופיל צייט אויף צו פאַרוואַלטן זיין פאַרמעגן. מיר ווייסן ניט די פרטים פון זיין מאַטעריעלן מצב, נאָר עס איז קלאָר, אַז אין דער לפי-ערך קליינער גריכישער שטאָט, אונטער דער פרעמדער ממשלה, איז ער געווען ביכולת צו קריגן און צו לייענען און צו שטודירן מאַנוסקריפטן כמעט פון אַלצדינג, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין גריכיש פאַר זיין צייט.

ער האָט אַרומגערייזט, ווי ווייט אונזערע ידיעות גרייכן, פריי און באַקוועם איבער די גריכישע אינזלען; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואו ער האָט געוואָלט, און איז, קענטיק, אומעטום געוואָרן פיין אויפגענומען; ער האָט דערלאַנגט ביז בבל און שושן (שושן הבירה), דער נייער הויפּט-שטאָט פון די פערסער, וואָס זיי האָבן געגרינדעט אין מזרח-זייט פון חידקל; ער איז אַרומגעפאָרן פאַזע די ברעגעס פון שוואַרצן ים און האָט צונויפגעקליבן אַ היפשן סכום ידיעות וועגן די סקיטן, אַן אַרישן פאָלק, וואָס איז דעמאָלט געווען צעשפּרייט איבער דרום-רוסלאַנד; ער איז געקומען ביז קיין דרום-איטאַליע, האָט אויסגעפאָרשט די אַלטערטימלעכקייטן פון צור, אַרומגעשוואומען פאַרביי די ברעגעס פון פאַלעסטינע, אַרויסגעזעצט זיך אין עזה, און איז געשטאַנען אַ צייט לאַנג אין מצרים. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער מצרים, באַקוקט די טעמפּלען און מאָנומענטן און געקליבן ידיעות. מיר ווייסן ניט נאָר פון אים, נאָר אויך פון אַנדערע מקורים, אַז אין יענע צייטן פלעגן די עלטערע טעמפּלען און די פּיראַמידעס (וואָס זיינען דעמאָלט שוין אַלט געווען ביי דריי טויזנט יאָר) באַזוכט ווערן פון מחנות טוריסטן, און דערביי זיי-

נען געווען אַ באַזונדער קלאַס כּוהנים, וואָס פלעגן זײ אַרומפירן און באַווײזן אַלצדינג. נאָך עד־היום זיינען געבליבן די אויפשריפטן, וואָס אָט־די נייגעריקע באַזוכערס האָבן אײנגעקריצט אין די ווענט; אַ סך פון די אויפשריפטן האָט מען איבערגעלײענט און פאַרעפנטלעכט.

אַז העראָדאָט האָט געהאַט צונויפגעזאַמלט זיינע ידיעות, איז אים אײנגעפאַלן דער געדאַנק צו שרײבן אַ גרויסע געשיכטע פון די פרוון, וואָס די פערסער האָבן געמאַכט צו באַצווינגען גריכנלאַנד. כּדי אַרײנצופירן אין דער דאָזיקער געשיכטע, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ באַריכט וועגן עבר פון די גריכן, פערסער, אַשורים, בבלים, עגיפטער, סקיטן, און אַ באַשרײבונג פון די דאָזיקע פעלקער און זײערע לענדער. דערנאָך, זאָגט מען, האָט ער גענומען באַקאַנט מאַכן זיינע גוטע פרײנד אין האַליקאַרנאַס מיט דער געשיכטע און האָט זײ פאָרגעלײענט וואָס ער האָט אָנגעשריבן; נאָר זײ איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַטען, וואָס איז דעמאָלט געווען די רײכסטע און די שענסטע שטאָט פון גאַנץ גריכנלאַנד. דאָרט האָט מען זיין ווערק אויפגענומען מיט פיל בײפאַל. מיר טרעפן אים דאָרט צווישן אַ גלענצנדיקן קרײז אינטעליגענטע און אַקטיווע בירגער, און די שטאָט־רעגירונג האָט באַשטימט פאַר אים אַ באַלוינונג פון צען טאַלענטן (דאָס איז אַ סומע, וואָס באַטרעפט 2,400 ענגל. פונט) פאַר זיין גרויסן ליטעראַרישן אויפטו.

נאָר מיר וועלן דאָ ניט דערצײלן אינגאַנצן די ביאָגראַפיע פון דאָזיקן העכסט־אינטערעסאַנטן מענטשן, מיר וועלן אויך ניט פאַרנעמען זיך מיט דער קריטיק פון זיין באַרײדעוודיקער היסטאָריע, וואָס פאַרכאַפט מיט אירע וואונדער־מעשיות. דאָס איז אַ בוך, וואָס ניט געקוקט אויף זיינע פיל בפירושע פעלערן, טוט קיין אינטעליגענטער מענטש ניט אויסמײדן פריער אָדער שפעטער זיך צו באַקענען מיט דעם. מיר גיבן דאָ די דאָזיקע פרטים פשוט, כּדי צו ווײזן, אַז אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר קר. האָט זיך באַוויזן אַ נײער פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די קונסט פון לײענען און שרײבן האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אַרויסגעקליבן פון צווישן

די מויערן פון די טעמפּלען און באַפרייט זיך פון דער אַפּוטרופּסות פון די הויף-שרייבערס. די אוצרות פון וויסן זיינען שוין מער ניט געווען באַגרענעצט מיטן הויף און מיטן טעמפּל. אַ נייער מין מענטשן, מענטשן מיט פרייער צייט און אומאָפּהענגיקע מיטלען, האָבן גענומען שטעלן פראַגעס, ביישן זיך מיט וויסן און אָנשווינגען און אַנטוויקלען אידעען. אַזוי-אַרום פאַרצייכענען מיר, חוץ דעם מאַרש פון אַרמייען און דער פּאָליטיק פון מאָנאַרכן און איבער דעם פּשוטן לעבן פונם המון, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אינטערעסירט, די התחלות פון אַ כוח, וואָס האָט סוף-כל-סוף געקראָגן די איבערהאַנט אין די מענטשלעכע ענינים, דאָס איז די פרייע אינטעליגענץ פון דער מענטשהייט.

וועגן אָט-דער פרייער אינטעליגענץ וועלן מיר האָבן צו דערציילן מער אין ווייטערדיקן קאַפּיטל, ווען מיר וועלן האַלטן ביי די גריכן אין די שטאָט-מלוכות פון די אינזלען און פון קליין-אַזיע.

4. סאָציאַלע קלאַסן מיט 3000 יאָר צוריק.

מיר קאָנען מאַכן אַ סך-הכל פון אונזערע חקירות אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלען, דורך דעם, וואָס מיר וועלן דאָ צונויפשטעלן אַ רשימה פון די הויפּט-עלעמענטן פון יענע קאָמפּליצירטע מענטשן-קיבוצים, וואָס האָבן געבילדעט די שפּעטערדיקע בבלישע און עגיפּטישע ציוויליזאַציעס פון 2500 — ביז 3000 יאָר צוריק. די דאָזיקע עלעמענטן זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אַנאַנד אין די גרויסע טייך-טאָלן פון דער וועלט אין משך פון פינף אָדער זעקס טויזנט יאָר. זיי האָבן אַנטוויקלט גייסטיקע נטיות און טראַדיציעס און דענק-רגילותן אומלעכער אויף זיין שטייגער. די ציוויליזאַציע, וואָס אין איר לעבן מיר היינטיקן טאָג, איז פּשוט אַ המשך פון יענע שייכותן, זי אַנטוויקלט זיי נאָר ווייטער און אַרבעט זיי אויס און שטעלט זיי איבער אין נייע קאָמבינאַציעס. דאָס איז די וועלט, וואָס מיר טראָגן איר ירושה. נאָר דורך גענוי שטודירן די התחלות פון די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן קאָנען מיר זיך אָפּרייסן פון די פאָראורטיילן און ספּעציעלע אידעען פון



אַן עגיפּטישער שׂרה זיצט אויף זיין וואַרענדע. און מען פירט פאַרבײַ אים זיינע סטאַדעס רינדער. שרייבערס פאַרשרייבן זייער צאָל. אויך אַ מאָדעל, ווי אויבן, ז. 57.

דעם קלאַס, וואָס צו אים געהערן מיר, און אָנהייבן פאַרשטייןּ די סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגעס פון אונזער איי‍גענער צייט.

1. צוערשט קומט די כהונהשאַפט, די טעמפּל־סיסטעם, דאָס איז געווען דער קערן און די פירנדיקע אינטעליגענץ, וואָס אַרום איר זיינען די פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס געוואַקסן. נאָך אין יענע שפּעטערע צייטן איז זי געווען אַ גרויסער כוח אין דער וועלט, דער הויפּט־זאַמלפּונקט פאַר וויסן און טראַדיציע, זי האָט נאָך פאַרמאָגט די ווירקונג אויף איטלעכנס לעבן און אַ פאַרבינד־קראַפט צו האַלטן צוזאַמען די געמיינשאַפט. אָבער זי איז שוין מער ניט געווען די איינציקע מאַכט, וואָרעם לויט איר טבע נאָך איז זי געווען קאָנסערוואַטיוו און ניט מסוגל זיך צוצופּאַסן צו נייסן. זי האָט שוין מער ניט געהאַט דאָס וויסן פאַר אַ מאָנאָפּאָל און האָט אויך ניט אַרויסגעבראַכט קיין נייע אידעעס. געלערנטקייט האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעריסן צו מענטשן, וואָס זיינען ווינציקער געבונדן און באַגרענעצט. אַרום דער טעמפּל־סיסטעם האָבן זיך גרופּירט אירע כוהנים און כוהנות, אירע שרייבערס, אירע דאָקטוירים, אירע מאַגיער און חרטומים, אירע גבאים און קאַסירערס און פאַרוואַלטערס וכדומה. זי האָט פאַרמאָגט גרויסע מאַיאָנטקעס און פלעגט אָנקלייבן אָפטמאָל גרויסע אוצרות.

2. איבער דער כהונהשאַפט, און לכתחילה אָפּגעשטאַמט פון איר, איז געווען די הויף־סיסטעם, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער קיניג אָדער אַ „מלך המלכים", וואָס אין דער שפּעטערער בבל און אַשור איז ער געווען אַ קריגספירער און אַ וועלטלעכער אייבערהאַר, און אין עגיפּטן איז ער געווען אַ גאָט־קיניג, וואָס האָט זיך באַפרייט פון קאָנטראָל פון זיינע כוהנים. אַרום דעם מאָנאַרך זיינען געווען פאַרזאַמלט זיינע שרייבערס, יועצים, כראָניקערס, שלוחים, קריגס־הויפּלייט און לייב־וועכטערס. אַ סך פון זיינע שרים, באַזונדערס די געשטעלטע איבער די איינציקע מדינות, האָבן געהאַט אונטער זיך גרויסע סוויטעס און חיילות, און האָבן שטענדיק געהאַט חשק צו ווערן זעלבשטענדיק. דער אַדל פון די אַלטע טייך־טאָל־ציוויליזאַציעס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער הויף־סיסטעם. בכן, איז ער לויט זיין אָפּשטאַם פאַרשיידן פון דעם

אַדל פון די אַלטע אַריער, וואָס איז געווען אַ רעפּובליקאַנישער אַדל פון עלטסטע אין אָנפירערס.

3. דעם באַזיס פון דער סאָציאַלער פּיראַמידע האָבן געבילדעט דער גרויסער און דער נויטווענדיקסטער קלאַס פון דער געמיינשאַפט, דאָס איז דער קלאַס פון די ערד-אַרבעטער. זייער מעמד איז געווען פאַרשיידן אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע לענדער. זיי זיינען געווען אָדער פרייע פויערים, וואָס האָבן געצאָלט צינז, אָדער לייבאייגענע פון דעם גאָט, אָדער לייבאייגענע אָדער אַרענדאַרן פון קיניג אָדער פון אַדלמאַן, אָדער פון אַ פּריוואַט-אייגנטימער, וואָס זיי האָבן אים געצאָלט אַרענדע. אין גרעסטן רוב פאַלן האָבן זיי געצאָלט צינז אָדער אַרענדע אין פּראָדוקטן. אין די מלוכות פון די טייך-טאָלן איז די ערד-קולטור געווען אַ גאַנץ הויכע, די ערדאַרבעטער פלעגן באַאַרבעטן לפי-ערך קליינע שטחים; זיי האָבן געלעבט אינאיינעם אין דערפער, צוליב זיכערקייט; זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו האַלטן אין אָרדענונג זייערע באַוואַסער-קאַנאַלן און אין זייער דאָרפס-לעבן האָט געהערשט אַ גייסט פון געזעלשאַפטלעכקייט. די ערד-אַרבעט פאַרלאַנגט פּינקטלעכקייט און פלייס; די צייטן פון יאָר וואַרטן ניט אויפן מענטשן, און די זון בלייבט ניט שטיין, ביז דער פויער האָט געענדיקט זיין שניט. קינדער קאָנען ווערן באַנוצט צו דער אַרבעט גאָר יונגערהייט, און דערפאַר איז דער פויערים-קלאַס, געוויינטלעך, ווינציק געבילדעט, שטאַרק פאַרהאָרעוועט, און ווייל עס פעלט אים וויסן, און ער איז אין זיין אַרבעט אָפּהענגיק פון דעם קאַפּריזן וועטער, איז ער נאָך פול מיט אָבערגלויבנס, מען קאָן דעם פויער גרינג איינריידן פאַרשיידענע נישט-געשטויגענע-נישט-געפלויגענע מעשיות און אים האַלטן דורך דעם אין צאַם. צייטנווייז כאַפּט זיך דער פויערים-קלאַס אויף צו אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אָבער ער האָט פאַר זיך ניט קיין ברייטערן ציל, ווי קלייבן גערעטעניש נאָך גערעטעניש, פּטור צו ווערן פון חובות און אָנקלייבן זאַפּאַסן אויף שלעכטע צייטן. אַזעלכער איז ער געבליבן ביז צו אונזערע טעג אין דעם גרעסטן טייל פון איירעפּע און אַזיע.

4. שטאַרק פאַרשיידן פון דעם ערד-אַרבעטער אין אָפּשטאַם און כאַראַקטער איז געווען דער ק ל אַ ס ב ע ל י - מ ל א כ ו ת. לכתחילה איז ער מסתמא געווען צום טייל אַ קלאַס פון שטאָטישע שקלאַפן און צום טייל באַשטאַנען פון פויערים, וואָס האָבן געהאַט זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה. נאָר איטלעכע מלאכה, וואָס מער זי האָט זיך אַנטוויקלט און וואָס פיינער איר טעכניק איז געוואָרן, איז זי געוואָרן אַ קונסט מיט סודות, וואָס מען האָט באַדאַרפט זיך אויסלערנען, איידער מען האָט געקאָנט נעמען זיך פאַר דער פראַקטיק. דערפאַר האָט איטלעכע מלאכה זיך מסתמא אַנטוויקלט צו אַ געוויסער זעלבשטענדיקייט און צו אַ געוויסן געפיל פון געבונדנקייט צווישן די אייגענע מענטשן. די בעלי-מלאכות האָבן גרינגער געקאָנט זיך צונויפקלייבן אינאיינעם און אַרומשמועסן זייערע בשותּפישע ענינים, איידער די ערד-אַרבעטער, זיי זיינען מער געווען מסוגל צו בילדן חברות אָדער צעכן, כּדי אָפּצושטופן אָנפאַלן, אונטערצוהאַלטן צאָלראַטעם און באַשיצן זייערע בשותּפישע אינטערעסן.

5. אַז די מאַכט פון די בבלישע מושלים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַריבער די גרענעצן פון דער גוטער אַקער-ערד ביז צו די גראָז-לענדער און ווינציקער פרוכפּערדיקע געגנטן, איז אויפגעקומען נאָך אַ קלאַס, אַ קלאַס פון פאַסטעכער. אין בבל זיינען דאָס געווען נאָמאַדישע סעמיטן, די בעדוינען, וואָס זיינען גלייך צו די היינטיקע בעדוינען. זיי פלעגן מסתמא פאַשען זייערע טשערעדעס אויף גרויסע פלעצער, גענוי ווי די בהמות-האָדעווער פון קאַליפאָרניע ביי היינטיקן טאָג. מען פלעגט זיי באַצאָלן און שאַצן העכער, ווי דעם ערד-אַרבעטער.

6. די ערשטע ס ו ח ר י ם אין דער וועלט זיינען געווען אָדער באַלעבאַטים פון שיפן, אַזוי ווי דאָס פאָלק פון צור און קנאָסאָס, אָדער נאָמאַדן, וואָס פלעגן פירן מיט זיך סחורות צום האַנדלען אויף זייערע וואַנדערונגען צווישן איין פלאַץ פון דער פרימיטיווער ציוויליזאַציע צום אַנדערן. אין דער בבלישער און אַשורישער וועלט זיינען די סוחרים געווען דער עיקר די סעמיטישע אַרמים. די אָבות פון די היינטיקע סיריער. זיי זיינען געוואָרן אַ קענטיקער פאַקטאָר אין לעבן פון דער געמיינדע; זיי האָבן געבילדעט אייגענע

באַלעבאַטישקייטן. געלט לייען אויף פּראָצענט האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אין לעצטן יאָרטויזנט פאַר קר. אַפילו נאָך אין די שומערישע צייטן איז דאָס אויך געווען אײַנגעפירט. סוחרים האָבן זיך געניטיקט אין אויסקער-געלט; ערד-אַרבעטער האָבן געוואָלט מאַכט צו געלט זייער גערעטעניש פאַר דער שניט-צייט. סיים גיט אַ באַריכט וועגן דעם בבלישן באַנקהויז עגיבי, וואָס האָט זיך געהאַלטן עטלעכע דורות און האָט איבערגעלעבט די כשדישע אימפּעריע.

7. אַ קלאַס פון קליינע קרעמערס, מעג מען משער זיין, האָט זיך באַוויזן בעת די לעצטע צייטן פון די ערשטע אימפּעריעס, אַז די געזעלשאַפט איז געוואָרן קאָמפּליצירטער, נאָר מסתמא האָט ער קיין גרויסן באַטרעף ניט געהאַט.

8. אַ קלאַס פון אומאָפּהענגיקע איינגעטימער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן.

9. אַז עס האָבן גענומען וואַקסן די באַקוועמלעכקייטן און תענוגים פון לעבן, איז אויפגעקומען ביים הויף, אין די טעמפּלען, אין די הייזער פון רייכע פּריוואַט-לייט אַ קלאַס פון שטובּיקע דינער, שקלאַפן אָדער באַפרייטע שקלאַפן, אָדער קינדער פון פּויערים, וואָס מען האָט זיי צוגענומען אין הויז.

10. קבוצה-אַרבעטער. — דאָס זיינען געווען קריגס-געפאַנגענע אָדער שקלאַפן פאַרקויפטע פאַר חובות, מענטשן אונטער דרוק און געפאַנגענשאַפט.

11. גערונגענע זעלנערס. — דאָס זיינען אויך אָפטמאָל געווען געפאַנגענע אָדער אונטערדריקטע מענטשן. טיילמאָל זיינען זיי געווען מיטן גוטן ווילן גענומען ביי אַ באַפריינדעטן פאָלק. וואָס אין דעם האָט נאָך געהערשט דער קריגערישער גייסט.

12. ים-לייט.

אין מאָדערנע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע חקירות זיינען מיר געווינט צו ריידן בדרך-כלל מכוח דעם „אַרבעטער-קלאַס“. מען האַלט זייער אַ פולע פון דער סאָלידאַריטעט פון דעם אַרבע-

טער־קלאַס, פון זיין אַחדות־געפיל. עס איז כדאי צו פאַרציי־כענען, אַז אין יענע ערשטע ציוויליזאַציעס איז דאָס, וואָס מיר קאָנען אָנרופן „אַרבעטער־קלאַס“, בעצם פאַרגעשטעלט דורך פינף באַזונ־דערע קלאַסן, וואָס שיידן זיך אָפּ איינער פון אַנדערן דורך זייער אָפּ־שטאַם, טראַדיציעס און אויסקוק — דאָס זיינען די קלאַסן 3, 4, 5, 9, 10 און די רודערערס פון קלאַס 12. די „סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער־קלאַס“ איז אַ נייע אידעע, אַ נייע מעגלעכקייט אין די מענטש־לעכע ענינים, ווי מיר וועלן דאָס געפינען, ווען מיר וועלן האַלטן ביים אויספאָרשן די מעכאַנישע רעוואָלוציע פון 19טן יאָרהונדערט.

.5 קלאַסן פאַרהאַרטעוועט צו קאַסטעס.

איידער מיר פאַרלאָזן די חקירה איבער די סאָציאַלע קלאַסן, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַנטוויקלען זיך אין יענע ערשטע ציווי־ליזאַציעס, לאָמיר אַ ביסל זיך צוקוקן, אויף וויפל זיי זיינען איינגע־פונדעוועט. ווי ווייט זיינען זיי אָפּגעשיידט פון אַנאַנד און ווי ווייט מישן זיי זיך אויס? וואָס איז שייך צו די קלאַסן, וואָס מיר האָבן זיי געשטעלט אונטער די ציפער 9, 10, 11, און 12, די דינערס, די קבוצה־אַרבעטער און שקלאַפן, די געדונגענע זעלנערס, און אין אַ קלענערער מאָס די מאַטראָסן, אָדער על־כל־פנים, די גאַלערע־רו־דערערס צווישן די מאַטראָסן, זיינען זיי געוואָרן צונויפגעשטעלט פון ווייט און ברייט. זיי פלעגן ניט גרינג און גערן בילדן פאַמיליעס, קיין נאַטירלעכע פאַרמערונג איז אין די דאָזיקע קלאַסן כמעט ניט פאָרגעקומען; זיי פלעגן ווערן פאַרפילט דור־אויס דור־איין דורך געפאַנגענע, דורך דעקלאַסירטע פון אַנדערע קלאַסן, באַזונדערס דורך פאַראָרעמטע קליינהענדלערס אָדער דורך אָפּגענאַרטע און אונטער־דריקטע פויערים. וואָס איז שייך צו די ים־לייט, מוזן מיר אונטער־שיידן צווישן די פשוטע רודערערס און די באַלעבאַטים פון שיפן און קאַפּיטאַנען פון אַזעלכע האַפן־שטעט, ווי צור און צידון. די שיף־באַלעבאַטים גייען בלי־ספק איבער בהדרגה אין קלאַס פון די סוחרים, אָבער די שיפסלייט האָבן געמוזט בילדן אַ באַזונדער גע־

מיינשאַפט אין די גרויסע ים-פּאָרטן, דאָרט האָבן זיי געהאַט זיי-
ערע היימען און פאַמיליעס און פלעגן איבערגעבן די סעקרעטן פון
דער שיפפאָר-קונסט צו זייערע זין.

דער אַכטער קלאַס, וואָס מיר האָבן אויסגעטיילט, איז זי-
כער געווען ניט קיין פעסטער אין זיין באַשטאַנד; עס פלעגן צו-
קומען שטענדיק יורשים און צוגעהעריקע, די אַלמנות און ווייַ-
טערע קרובים פון די רייכע און מעכטיקע, און עס פלעגן ווי-
דער כסדר אָפּקומען געשטאָרבענע אָדער אַזעלכע, וואָס פלעגן דורך



שפּינערינס און וועבערינס אין אַלטן עגיפּטן מיט 4000 יאָר צוריק.

ספּעקולאַציע אָנווערן זייער אייגנס, וואָס פלעגט צעשטויבט און צע-
ברעקלט ווערן. אויך די כוהנים און כוהנות, ווי ווייט דאָס איז שייך
צו דער וועלט מערבדיקער פון אינדיע, האָבן זיך ניט פאַרמערט
גאַנצירלעך; ביי אַ סך פעלקער האָבן די כוהנים ניט געטאָרט חתונה
האָבן; בכן, איז אויך דער דאָזיקער קלאַס צונויפגעשטעלט געוואָרן
דורך רעקרוטירטע מענטשן. אויך דינער האָבן, בדרך-כלל, ניט קיין
קינדער. זיי לעבן אין הויזגעזינד פון פרעמדע מענטשן; זיי האָבן

ניט קיין אייגענע באַלעבאַטישקייט און האָדעווען ניט אויס קיין אייגענע משפחות. בכן, בלייבן אין דער אַלטער ציוויליזירטער געמיינשאַפט די ווייטערדיקע קלאַסן, וואָס בילדן איר פעסטן באַשטאַנד:

א) דער קלאַס פון די מלכים און אַריסטאָקראַטן, די שרים, די קריגס-הויפטלייט וכדומה;

ב) דער סוחרים-קלאַס;

ג) די שטאָטישע בעלי-מלאכות;

ד) די ערד-אַרבעטער;

ה) די פאַסטעכער.

איטלעכער פון די דאָזיקע קלאַסן האָט געהאָדעוועט זיינע קינדער אויף זיין אייגענעם שטייגער, און ממילא האָט ער זיך געהאַלטן כסדר מער אָדער ווייניקער אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע קלאַסן. בכלל איז דערציִונג ניט געווען אָרגאַניזירט אין יענע אַלטע מלוכות, דערציִונג איז געווען דער עיקר אַ זאַך פון דער היים (אַזוי איז עס נאָך אין אַ סך טיילן פון אינדיע ביזן היינטיקן טאָג), און אַזוי איז ממילא אַרויסגעקומען, אַז די זין זיינען ניטווענדיק געגאַנגען אין די וועגן פון זייערע פאָטערס און זיי פלעגן חתונה האָבן מיט פרויען, וואָס זיינען געווען צוגעוויינט צו זייער אייגענעם שטייגער אין דער היים. בכן, איז, חוץ צייטן פון גרויסע פאָליטישע מהומות, געווען אַיינגעשטעלט אַ נאַטירלעכע און כסדרדיקע אַיינטיילונג פון קלאַסן; דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט שטערן, אַז אין אויסנאַם-פאַלן זאָלן זיך משדך זיין מענטשן פון פאַרשיידענע קלאַסן אָדער איינציקע פערזאָנען זאָלן אַריבערגיין פון איין קלאַס אין אַ צווייטן. אָרעמע אַריסטאָקראַטן האָבן געקאָנט נעמען רייכע מיידלעך פון האַנדלס-קלאַס, צי פאַרקערט, רייכע סוחרים — אָרעמע אַריסטאָקראַטינס; כבוד-זוכערישע פאַסטעכער, צי בעלי-מלאכות אָדער ים-לייט האָבן געקאָנט ווערן רייכע סוחרים. ווי ווייט אונזערע ידיעות גרייכן, איז דאָס געווען דער אַלגעמיינער צושטאַנד סיי אין מצרים און סיי אין בבל. פריער האָט מען געמיינט, אַז אין עגיפּטן זיינען די קלאַסן געווען פעסט אַרומגעגרענעצט, אָבער דאָס איז, קענטיק, געווען אַ טעות, ווייל מען האָט דאָס פאַלש אַרויסגעלייענט ביי העראָדאָטן. דער איינציקער קלאַס אין

עגיפּטן, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן פאַר זיך און פלעגט זיך ניט משדך זיין מיט אַנדערע, איז געווען די קיניגלעכע פאַמיליע, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר האַלב־געטלעך.

אין פאַרשיידענע פונקטן פון דער סאָציאַלער סיסטעם זיינען מסתמא געווען איינגעשטעלט געזעצן אויף אויסצושליסן פרעמדע, דאָרט, וואו מען האָט זיך באַדאַרפט אָפּהיטן פון מסיגי־גבול. אַ שטייגער, בעלי־מלאכות פון באַזונדערע פאַכן, וואָס האָבן געהאַט סעקרעטן פון זייער פאַך, זיינען ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן גע־



אין דעם דאָזיקן מאָדעל פון טעבענער בעלן־קאַמער איז פאָרגעשטעלט, ווי מען באַקט ברויט און מען ברויט ביר.

ווען נוטה אויסצובילדן צעכן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ניט דער־לאָזט, אַז מענטשן אויסער די צעכן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דעם פאַך, און אָפּגעהיט, אַז שידוכים זאָלן געשלאָסן ווערן נאָר צווישן מיטגלידער פון צעך. אויך באַצווינגערס האָבן געהאַט די טבע צו האַלטן זיך פון דער וויטנס פון דעם באַצוואונגענעם פאָלק, בפרט, ווען עס זיינען געווען דייטלעך־אויסגעדריקטע פיזישע ראַסן־אונטער־שיידן, און האָבן זיך ווי אַריסטאָקראַטן אָפּגעזונדערט פון איבעריקן

פאָלק. אין דער געשיכטע פון אַלע ציוויליזאַציעס, וואָס האָבן געהאַלטן אַ לאַנגע צייט, זיינען אויפגעקומען און פאַרשוואונדן פאַרשיידענע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן באַדאַרפט באַגרענעצן דעם פרייען פאַרקער צווישן מענטשן. אַלעמאָל זיינען געווען די נאַטירלעכע גרענעצן צווישן די באַשעפטיקונגען און פרנסות, נאָר טיילמאָל פלעגן זיי הערן געצויגן שאַרף און אונטערגעשטראָכן, און טיילמאָל פלעגט מען פון זיי מאַכן ווינציק מחוקות. צווישן די אַרישע פעלקער איז געווען אַן אַלגעמיינע טענדענץ צו אונטערשיידן צווישן משפחות פון אַדל־לייט (פאַטריציער) און פון געמיינע מענטשן (פלעבייער). די שפּורן פון אַט־דער נטיה זיינען קענטיק עד־היום אין גאָר דער ליטעראַטור און אין לעבן פון אייראָפּע, און זי האָט געפונען איר בילדערישע באַקרעפטיקונג אין דער „וויסנשאַפט" פון העראַלדיק (וואָס שטודירט און סיסטעמאַטיזירט די יחוס־צייכנס פון אַדל). די דאָזיקע טראַדיציע איז נאָך אַקטיוו אַפילו אין דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע. דייטשלאַנד, דאָס מעטאָדישסטע צווישן די לענדער פון אייראָפּע, האָט אין מיטלעלטער געהאַט אַ זייער קלאָרע פאַרשטעלונג פון דער פעסטקייט פון אַזעלכע אונטערשיידן. אויבנאָן זיינען געשטאַנען די פירשטן; זיי האָבן געבילדעט אַן אָפּגעשלאָסענעם קלאַס, וואָס האָט געשלאָסן שידוכים נאָר צווישן זיך. דערנאָך זיינען געגאַנגען:

א) ריטערס — דאָס איז די מיליטערישע און באַאַמטן־קאַסטע, וואָס אירע מיטגלידער האָבן געטראָגן העראַלדישע פאַנצערס;

ב און ג) דער בירגער־שטאַנד — דאָס זיינען די סוחרים, שיף־פאָרערס און בעלי־מלאכות; און

ד) דער פויערים־שטאַנד — די לייב־אייגענע, וואָס האָבן באַאַרבעט די ערד, אָדער פרייע פויערים.

דייטשלאַנד איז פון אַלע מערבדיקע יורשים פון די ערשטע גרויסע ציוויליזאַציעס אַוועק צום ווייטסטן אין דער פיקסירונג פון די קלאַסן. אַ סך ווינציקער איז דער דאָזיקער געדאַנק אָנגענומען סיי ביי די ענגלענדער און סיי ביי די פראַנצויזן און איטאַליענער; זיי באַציִען זיך גינסטיקער צום איבערגאַנג פון איין קלאַס צום צווייטן. די דאָזיקע אָפּזונדערונגס־אידעעס האָבן זיך אָנגעהויבן צוערשט ביי

די איבערשטע קלאַסן, און זיי האָבן דאָס דער עיקר אַרויסגעדריקט און אונטערגעהאַלטן. נאָר עס איז איצט געקומען אַ נאַטירלעכער ענטפער מידה כנגד מידה, וואָס די מאַסן פאַרשטויסענע שטעלן זיך איצט אַנטקעגן די איבערשטע שיכטן. ווי מיר וועלן זען אין די לעצטע קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער געשיכטע, איז גראָד אין דייטשלאַנד צוערשט אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן אַ נאַטירלעכן און נויטווענדיקן קאָנפליקט, „דעם קלאַסן־קאַמף“, צווישן די געמישטע מאַסן אומפאַרמעגלעכע („דעם קלאַסן־באַוואוסטן פּראָלעטאַריאַט“, ווי דער מאַרקסיסט רופט זיי) און צווישן די רעגירערס און סוחרים. דאָס איז געווען אַ אידעע, וואָס אַ דייטשער גייסט קאָן זי גיכער תופס זיין, ווי אַ בריטישער אָדער פראַנצויזישער.

נאָר איידער מיר קומען צום דאָזיקן קאָנפליקט, מוזן מיר דורכמאַכן אַ לאַנגע געשיכטע פון אַ סך יאָרהונדערטער.

---

6. קאַסטעס אין אינדיע.

ווענדן מיר זיך איצט קיין מזרח־זייט פון אָט־דעם הויפּט־פּלאַן פון דער וועלט־ציוויליזאַציע צווישן צענטראַל־אַזיע און דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן צו דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון אינדיע אין די לעצטע 2000 יאָר פאַר דער קריסטלעכער ערע, געפינען מיר דאָרט גרויסע און אינטערעסאַנטע אונטערשיידן. קודם־כל געפינען מיר דאָרט די סאָציאַלע קלאַסן, ווי זיי שטעלן זיך איין צו פעסט פיקסירטע איינהייטן, ווי נאָך אין ערגעץ ניט אין גאָר דער וועלט. די דאָזיקע פעסטע אָרדענונג פון די סאָציאַלע קלאַסן איז באַוואוסט די אייראָפּעער, ווי די סיסטעם פון קאַסטעס (קאַסטע איז אַ וואָרט פון פּאָרטוגעזישן אָפּשטאַם; דאָס אינדישע וואָרט דערפאַר איז וואַרנאַ — פאַרב). פונוואַנען די דאָזיקע סיסטעם שטאַמט, ווייס מען לחלוטין ניט, נאָר זי איז שוין געווען פעסט איינגעוואָרצלט אין גאַנגעס־טאָל אין אַלכסנדר דעם גרויסנס צייטן. דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע האָריזאָנטאַלע איינטיילונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור אין קלאַסן אָדער קאַסטעס, וואָס זייערע מיטגלידער טאָרן ניט עסן

צוזאַמען און ניט זיך משדך זיין מיט מענטשן פון אַ נידעריקערער קאַסטע אונטער דער שטראָף צו ווערן אַרויסגעטריבן פון דער קאַסטע; מען קאָן אויך „פאַרלירן די קאַסטע“ פאַר ניט אָפּהיטן געוויסע צערעמאָניעס אָדער פאַר זיך מטמא זיין. ווען עמעצער פאַרלירט זיין קאַסטע, נידערט ער אַראָפּ אין אַ נידעריקערער קאַסטע, ער בלייבט אויסן פון אַלע קאַסטעס.

די פאַרשיידענע אונטער־אָפּטיילן פון די קאַסטעס זיינען זייער קאָמפּליצירט; אַ סך זיינען פּאַקטיש פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס.



מאָדעל פון אַ טשעסלער־וואַרשטאַט אין אלטן עגיפּטן.

איטלעכע קאַסטע האָט אירע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער, וואָס זייער עובדא איז צו האַלטן דיסציפּלין, טיילן צדקה, האָבן השגחה איבער די אָרעמעלייט פון דער קאַסטע, פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון די מיטגלידער און קאָנטראָלירן די כשרקייט פון אורחים, וואָס קומען פון אַנדערע ערטער. עס איז גרינג אַרויסצוגעפינען, צי אַ רייזנדיקער אינדיער גיט זיך ניט אַרויס פון אַ העכערער קאַס־

טע, ווי ער איז אין דער אמתן). לכתחילה זיינען די פיר הויפּט-קאַסטעס געווען, ווייזט אויס, אַזעלכע:

די בראַמינען — די כּוהנים און לערערס;

די קשאַטראַס — די קריגסלייט;

די וואַיסיאַס — פאַסטעכער, מלווהס, סוחרים און ערד-אייגנטימער;

די סודראַס;

און איסער די קאַסטעס, די פּאַריאַס.

נאָר די דאָזיקע לכתחילהדיקע קאַסטעס זיינען מיט דער צייט אײַנגעטיילט געוואָרן אין אַ סך קלענערע קאַסטעס, וואָס אַלע זייגען זיי אָפּגעשלאָסן קעגן אַנאַנד, און איטלעכע פון זיי ווייזט אָן אירע מיטגלידער אַ באַשטימטן לעבנס-שטייגער און פאַרבינדט זיי מיט אַנאַנד. אין בענגאַליע זיינען די קשאַטריאַס און וואַיסיאַס אין גרויסן און גאַנצן פאַרשוואונדן... נאָר עס וואָלט אונז צו-ווייט אַוועקגעפירט, ווען מיר וואָלטן געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין פּרטים.

לעבן אָט-דער איסערגעווייטלעכער צעשפּליטערטקייט און געפלאָנטערטקייט פון דעם סאָציאַלן קערפּער באַדאַרפן מיר פאַרצייכענען, אַז די בראַמינען, די כּוהנים און לערערס פון דער אינדישער וועלט, זיינען ניט געגליכן צו אַ סך כּוהנים-קלאַסן פון דער מערבדיקער וועלט, מחמת זיי האָבן חתונה און האָבן קינדער און זיינען אָפּגעשלאָסן פון אַנדערע, זיי לאָזן ניט אַריין אין זייער קרייז מענטשן פון אַנדערע סאָציאַלע שיכטן.

אַליין איינס, וואָס עס זאָל זיין געווען די לכתחילהדיקע סיבה, פאַרוואָס די סאָציאַלע קלאַסן אין אינדיע זיינען געוואָרן אַזוי פעסט פיקסירט, עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז די בראַמינער האָבן געשפּילט די ראָלע פון אויפהיטער פון דער טראַדיציע און אַז ווי די איינציקע לערערס האָבן זיי זי אויפגעהאַלטן אין פאָלק. טייל געלערנטע זיינען משער, אַז די ערשטע דריי פון די פיר לכתחילהדיקע קאַסטעס, וואָס זיינען באַוואוסט אויך ווי די „צווי מאָל געבאָרענע", זיינען די אוראיינקלעך פון די ווערישע אַריער, וואָס האָבן איינגענומען אינדיע, און אַז זיי זאָלן דאָס האָבן איינגעשטעלט אָט-די פעסטע צעשיידונג, בכדי צו פאַרהיטן די ראַסע קעגן אויסמי-

שונג מיט די באַצוואונגענע סודראַס און פּאַריער. די סודראַס ווערן פאַרגעשטעלט, ווי אַ פריערדיקע כוואַליע פון צפונדיקע באַצווינגערס און די פּאַריער זיינען די לכתחילהדיקע דראַווידישע איינוואוינערס פון אינדיע. נאָר די דאָזיקע השערות זיינען ניט אָנגענומען פון אַלעמען, און דער טעם פון דער שאַרפער צעטיילונג איז אפשר דער, וואָס די איינפאָרמיקע לעבנס־תנאים אין גאַנגעס־טאָל האָבן אין משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן מיטגעווירקט איינצושטעלן אַ פעסטן סדר אין די אונטערשיידן צווישן די קלאַסן, בעת אין דער מערבדיקער גרעסערער וועלט, וואו אַלץ האָט זיך כסדר שטאַרק געביטן, האָט ניט געקאָנט זיין קיין שטאַנדהאַפטיקייט.

וואָסערער עס זאָל אויך זיין דער אָפּשטאַם פון די קאַסטעס, איז קיין ספק ניט, אַז זייער ווירקונג אויפן אינדישן גייסט האַלט זיך שטאַרק. אין זעקסטן יאָרהונדערט פאַר קר. איז אויפגעשטאַנען גאַוטאַמאַ, דער גרויסער לערער פון בודיזם, און האָט אויסגערופן: „אַזוי ווי די פיר טייכן, וואָס פליסן אַריין אין גאַנגעס, פאַרלירן זייערע נעמען, באַלד ווי זיי מישן אויס זייערע וואַסערן מיט די וואַסערן פון הייליקן טייך, אַזוי הערן אויף אַלע, וואָס גלויבן אין בידאַ, צו זיין בראַמינער קשאַטריאַס, וואַיסיאַס און סודראַס". די דאָזיקע תורה האָט געהערשט אין אינדיע עטלעכע יאָרהונדערט: זי האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער כינע, טיבעט, יאַפּאַן, בירמאַ, ציילאָן, טורקעסטאַן, מאַנדזשוריע; זי איז ביז היינטיקן טאָג די רעליגיע פון אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט. נאָר אין אינדיע איז זי סוף־כל־סוף געוואָרן דערדריקט און פאַרטריבן פון אינדישן לעבן דורך דער איינגעשפּאַרטקייט און לעבעדיקייט פון די בראַמינען און פון זייערע קאַסטן־אידעעס.

---

7. די סיסטעם פון די מאַנדאַרינען.

אין כינע געפינען מיר ווידער אַן אַנדער סאָציאַלע סיסטעם, פאַרשיידן פון דער, וואָס אין אינדיע און אין די מערבדיקע ציוויליזאַציעס. די כינעזישע ציוויליזאַציע איז נאָך מער ווי די אינדישע אָרגאַניזירט צוליב שלום, און דער קריגסמאַן שפּילט אַ קליינע ראָ־

לע אין איר סאָציאַלער סכעמע. פּונקט ווי אין דער אינדישער ציוויליזאַציע, איז דער רעגירנדיקער קלאַס אַ קלאַס פון אינטעליגענטן; זיי זיינען ווינציקער כּוהנים, ווי די בראַמינען, נאָר מער באַאַמטע. נאָר די מאַנדאַרינען אין כינע זיינען ניט קיין קאַסטע, ווי די בראַמינען: מען איז ניט קיין מאַנדאַרין לויטן געבוירן, נאָר מען ווערט אַ מאַנדאַרין לויט בילדונג; דורך דערציונג און עקזאַמענס ווערן מאַנדאַרינען אַרויסגעהויבן פון אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, און אַ מאַנדאַרינס אַ זון האָט ניט קיין געזיכערט רעכט צו פאַרנעמען דווקא זיין פאָטערס אָרט. דער פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן חילוק איז דאָס, וואָס בעת די בראַמינער אין אינדיע זיינען ווי אַ קלאַס עם־האָרציש אַפילו אין די אייגענע הייליקע ביכער, גייסטיק אומפּראָדוקטיוו און פול מיט פוסטער גאווה, האָט דער כינעזישער מאַנדאַרין די ענערגיע, וואָס קומט פון האַרבער, גייסטיקער פּראַצע. מער ניט וואָס דען? היות ווי זיין דערציונג איז ביז איצט געווען ניט מער ווי אַ סכאָלאַסטישער שטודיום פון דער כינעזישער קלאַסישער ליטעראַטור, איז זיין השפּעה ביז איצט געווען אינגאַנצן קאָנסערוואַטיוו. פאַר דער צייט פון אַלכסנדר דעם גרויסן האָט כינע שוין געהאַט זיך אויספאָרמירט און געשטעלט אירע פיס אויף דעם וועג, וואָס אויף אים איז זי געגאַנגען נאָך אין יאָר 1900 נאָך קר. אַריינרייסערס און דינאַסטיעס זיינען געקומען און זיינען אַוועק, נאָר די לעבנס־הנהגות פון דער געלער ציוויליזאַציע איז געבליבן ניט געענדערט.

די טראַדיציאָנעלע כינעזישע סאָציאַלע סיסטעם אָנערקענט פיר הויפּט־קלאַסן אונטער דעם כּהן דעם קיסר:

א) דעם ליטעראַרישן קלאַס, וואָס איז געווען צום טייל גלייך צו דעם באַאַמטן־קלאַס פון דער מערבדיקער וועלט און צום טייל אַ קלאַס פון לערערס און גייסטלעכע. אין דער צייט פון קאָנפוציוס האָט די דערציונג פון אַ מאַנדאַרין אַרומגענומען בויגן־שיסן, רייט־קונסט, רעליגיעזע מנהגים און מוזיק, געשיכטע און מאַטעמאַטיק, דאָס זיינען די „זעקס שלמותן“.

ב) די ערד־אַרבעטער.

ג) די בעלי־מלאכות.

ד) דעם האַנדלס־קלאַס.

נאָר היות, ווי זינט די עלטסטע צייטן איז ביי די כינעזער געווען אַ מנהג צו צעטיילן אַלע ערד־נחלאות פון אַ מענטשן צווישן אַלע זיינע זין, דעריבער איז אין דער כינעזישער געשיכטע קיינמאָל ניט געווען קיין קלאַס פון גרויסע ערד־אייגנטימער, וואָס האָבן זייער ערד אַרויסגעגעבן אויף אַרענדע ערד־אַרבעטער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין רוב אַנדערע לענדער. די כינעזישע ערד איז שטענדיק געווען צעשניטן אויף קליינע חלקים, וואָס זיינען צום גרעסטן טייל געווען פרייע נחלאות און קולטיווירט אינטענסיוו. פאַראַן אין כינע באַלעבאַטים, וואָס פאַרמאָגן איין פּויערשע ווירטשאַפט, צי עטלעכע, און זיי פאַרדינגען דאָס צו אַרענדאַרן, אָבער דאָרט זיינען ניטאָ קיין גרויסע פריצישע מאַיאָנטקעס. ווען אַ נחלה ווערט דורך עטלעכע מאָל טיילן אַזוי צעברעקלט, אַז איטלעכער טייל איז שוין ניט מסוגל צו געבן חיונה דעם באַלעבאָס, פאַרקויפט יענער זי צו אַ שכן, וואָס עס גייט אים בעסער, און דער פריערדיקער באַלעבאָס לאָזט זיך אַוועק אין איינער פון די גרויסע כינעזישע שטעט אַריין, בכדי צו זוכן זיין ברויט צווישן די מאַסן לוין־אַרבעטער. אין כינע זיינען שוין אַ סך יאָרהונדערטער געווען מאַסן פון אַ שטאָט־באַפעלקערונג, וואָס האָט כמעט קיין שום אייגנס ניט, מענטשן, וואָס זיינען ניט קיין לייב־אייגענע אָדער שקלאַפן, נאָר זיי זיינען געצוואונגען צום אַרבעטן, ווייל זיי האָבן קיין געלט ניט אויפצוהאַלטן די נשמה. אָט צווישן די דאָזיקע מאַסן קלייבט די כינעזישע רעגירונג צונויף די זעלנערס, וואָס זי באַדאַרף האָבן, און פון זיי קלייבט מען אַרויס די אַרבעטער־קבוצות, וואָס מען דאַרף זיי האָבן אויף צו גראָבן קאַנאַלן, בויערן מויערן וכדומה אַזעלכע אַרבעטן. קריגס־געפאַנגענע און שקלאַפן שפּילן אַ קלענערע ראָלע אין דער כינעזישער געשיכטע, איידער אין דער געשיכטע פון די מער מערבדיקע פעלקער אין יענע תקופות פאַר דער קריסטלעכער ערע.

אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון אַלע דריי פאַרשיידענע סאָציאַלע סטרוקטורן איז פאַראַן איין זאַך, וואָס געהער צו זיי אַלע דריי, און דאָס איז די געוואַלדיקע מאַכט, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן דער געבילדעטער קלאַס אין די עלטסטע סטאַדיעס, איידער

די קרוין אָדער דער גרויסער המון האָט אָנגעהויבן צו לייענען און ממילא אויך צו טראַכטן פאַר זיך. אין אינדיע האָבן די בראַמינען, דער קלאַס געבילדעטע, ווייל ער איז אָפּגעשלאָסן אין זיך, אויפגעהיט זייער השפעה ביזן היינטיקן טאָג. אויך די מאַנדאַרינען געוועלטיקן איבער די פאָלקסמאַסן אין כינע, אין אַן אַנדער ריכטונג, דערפאַר, וואָס די געשריבענע שפּראַך איז זייער אַ געפלאָנטערטע און האַרבע. אין מערב ווידער האָט זיך ניט געקאָנט אויסבילדן אַן ענלעכער באַזונדערער, אָפּגעשלאָסענער קלאַס געבילדעטע און ער וועט אפשר שוין קיינמאָל ניט זיך אויסבילדן. די ראַסעס און די טראַדיציע זיינען דאָרט צו פאַרשיידן לויט זייער אָפּשטאַם, און צו פאַרשיידנאַרטיק און פול געשעעניש איז געווען די געשיכטע פון דער מערבדיקער וועלט. דאָרט האָט בילדונג, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, זיך פרי באַפרייט פון אונטער דעם קאָנטראָל פון אַ באַזונדער קלאַס; זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער באַגרענעצטקייט פון קאַסטעס, פון כהונות, פון טראַדיציעס אַרויס אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. שרייבן און לייענען איז געוואָרן אַזוי פאַראיינפאַכט, אַז מען האָט שוין דערפון ניט געקאָנט מער מאַכן קיין קולט און קיין מיסטעריע. אַז די זעלביקע זאַך האָט ניט געטראָפן אויך אין כינע, איז שולדיק גיכער ניט דער ראַסן-כאַראַקטער פון די כינעזער, נאָר די איינגעטימלעכקייט און האַרבקייט פון די כינעזישע אותיות.

---

8. אַ סך-הכל פון צען טויזנט יאָר.

אין די לעצטע זעקס קאַפּיטלעך האָבן מיר אָנגעצייכנט אין ברייטע שטריכן דעם גאַנצן פּראָצעס, ווי אַזוי אין משך פון 10 אָדער 12 טויזנט יאָר — דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַן ערך 3 ביז 4 הונדערט דורות — האָט דער מענטש אויפגעהערט צו זיין אַ זעלטענע, פאַרהונגערטע, רויבערישע, גיכער אומסאָציאַלע חיה, וואָס איז שיטער צעשפּרייט איבער די וואַרעמערע טיילן פון דער ערד, און איז געוואָרן אַ פּילצאָליק סאָציאַל באַשעפעניש, וואָס באַזעצט גע-

דיכט די גינסטיקערע געגנטן פון דער אַלטער וועלט. עס האָט
זיך אָנגעהויבן אַרבעטס=טיילונג, שקלאַפעריי — און זיכערקייט. אין
דעם דאָזיקן פעריאָד איז די מענטשהייט איבערגעגאַנגען פון צו=
שטאַנד פון דער פרי=נעאָליטישער באַלעבאַטישקייט, בעת דער פרימי=
טיווער פעלן=באַקליידטער פאַמיליען=שבט פלעגט שניידן מיט שטיי=
נערנע שניידמעסערס ווילד=וואַקסנדיקע פּיטערונג און קערנער=טראָגנ=
דיקע גראָזן און אויפשפּייכלערן זיי אין די גראָבע ליימענע שטיב=
לעך, ביז צו דער צייט פון פערטן יאָרהונדערט פאַר קר., ווען איבער
אַלע לענדער אַרום די ברעגעס פון מיטללענדישן ים און ביים ני=
לוס אַרויף און דורך אַזיע ביז קיין אינדיע, און אויך איבער די
גרויסע אָנפלייץ=פליינען פון כינע האָבן זיך אויסגעשפּרייט פעלדער
באַאַרבעט פון מענטשן, שטעט פיל מיט באַשעפטיקטע מענטשן זיינען
געווען אומעטום צעוואָרפן, גרויסע טעמפּלען, און אויף די וועגן
איז געגאַנגען אַהין=און=אַהער מענטשלעכער האַנדל און פאַרקער.
גאַלערעס און זעגל=שיפן זיינען אַריין און אַרויס פון געדיכט=באַ=
זעצטע האַפנס און האָבן געשיפט זיך פאָרזיכטיק פון לאַנד=שפּיץ
צו לאַנד=שפּיץ און פון לאַנד=שפּיץ צו אינזל, זיך האַלטנדיק שטענ=
דיק נאָענט צו יבשה. פעניקישע שיפערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי
עגיפּטישע באַלעבאַטים, זיינען אַריינגעדרונגען ביז קיין מזרח=אינדיע און
אפשר אַפילו ווייטער ביז אין שטילן אָקעאַן אַריין. מיר האָבן אין
דרום=אַפריקע געמעלן פון בושמענער אויף פעלזן, וואו עס זיינען
אויסגעמעלט ווייסע מענטשן מיט היטלען פון אַ טיפּ, וואָס מען האָט
אַ געוויסע צייט געטראָגן אין אַשור און וואָס איז געווען באַוואוסט
אויך אין צפון=איראָפּע, אָבער קיינמאָל ניט ווי אַ היימישער אין אַפריקע.
דורך די מדבריות פון אַפריקע און אַראַביע און דורך טורקעסטאַן זיי=
נען געצויגן די קאַראַוואַנעס מיט זייערע סחורות פון ווייטע לענדער;
זייד איז שוין געוואָרן געבראַכט פון כינע, העלפאַנד=ביין פון צענט=
ראַל=אַפריקע און צין פון בריטאַניע צו די נייע לעבנס=צענטערס
אין דער וועלט. דמשק האָט שוין דעמאָלט געמאַכט דאַמאַסט=
געוואַנט און „דמשקער” שטאָל. מענטשן האָבן זיך שוין געהאַט אויס=
געלערנט צו וועבן פיינעם ליין און אײדעלע אויסאַרבעטונגען פון
געפאָרבענער וואָל; זיי האָבן פאַרשטאַנען צו בלייכן און צו פאַרבן;

זיי האָבן געהאַט אײַזן, חוץ קופּער, בראָנזע, זילבער און גאָלד; זיי האָבן געקאָנט מאַכן די שענסטע כּלים פון ליים און פּאָרצעליי; ס'איז מסתּמא ניטאָ קיין מין טייערע שטיינער, וואָס זיי האָבן נאָך דעמאָלט ניט געהאַט געפינען און געשניטן און געשליפן; זיי האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן; זיי האָבן געקאָנט אָפּווענדן די שטראָמונג פון טייכן, בויען פּיראַמידעס, אויפשטעלן מויערן פון טויזנטער מייל די לענג. די הונדערט יאָרהונדערטער, צי מער, וואָס אין משך פון זיי איז דאָס אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרן, קאָן אויסווייזן אַ לאַנגע צייט אין פאַרגלייך מיט די זיבעציק לעבנס-יאָרן פון אַ מענטשן, אָבער עס האָט לחלוטין קיין באַטרעף ניט לגבי די מאָסן פון דער געאָלאָגישער צייט. ווען מיר מעסטן צוריק פון די דאָזיקע אַלכּסדרינישע שטעט צו די צייטן פון די ערשטע שטיין-געצייג אין דער פּליאָצען-תּקופה, באַקומען מיר אַ משך צייט, וואָס איז העכער הונדערט מאָל אַזוי לאַנג.

מיר האָבן געפּרוווט געבן אינם דאָזיקן באַריכט, מיט דער הילף פון קאַרטעס און ציפערן און צייט-דיאַגראַמעס, אַ גענויע השגה פון דעם, ווי אַזוי האָט אויסגעזען די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט אין די דאָזיקע געשעעניש-רייכע יאָרהונדערטער. מיר האָבן אָנגערופן נאָר ווינציק נעמען פון יחידים; ווייטער וועט אָבער די צאָל נעמען פון פּערזאָנען ווערן גרעסער. אָבער דער אינהאַלט פון דעם געשיכטע-קאָנטור, וואָס מיר האָבן דאָ געצייכנט אין עטלעכע דיאַגראַמעס און קאַרטעס, מוז ניט אַנדערש פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע. ווען מיר וואָלטן נאָר געקאָנט זיך צוקוקן נעענטער, וואָלטן מיר געזען דורך אָט-די זעכציק יאָרהונדערטער אַ גאַנצע פּראָצעסיע לעבעדיקע מענטשן, וואָס דערנעענטערן זיך אַלץ מער און מער צו אונז אין זייער שטייגער. מיר האָבן געוויזן, ווי אַזוי דער באַמאָלטער פּאַלעאָליטישער ווילדער מענטש האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר דעם נעאָליטישן ערד-אַרבעטער, אַ מענטשן-טיפּ, וואָס מען קאָן אים נאָך איצט געפינען אין די אָפּגעלעגענע ווינקעלעך פון דער ערד. מיר האָבן געגעבן אַן אילוסטראַציע פון שומערישע זעלנער, אַראָפּגענומען פון אַן אײַנגעקריצטן שטיין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ לאַנגע צייט פריער, אײדער דער סעמיט סרגון I האָט אײַנ-

גענומען דאָס לאַנד. טאָג־אײַן טאָג־אױס האָט אַ פֿלײסיקער ברוינלעכער מענטש געקריצט די דאָזיקע פֿיגורן, און בלי־ספק אונטערגעפּײַפֿט פֿאַר זיך קריצנדיק. אין יענע טעג איז דער פֿלײַן פֿון דער עגיפּטישער דעלטע געװען אָנגעזעצט מיט גרופּעס שװאַרצלעכע אַרבעטער, װאָס האָבן אױסגעלאָדן שטײנער, װאָס זײַנען געקומען אַראָפּ דעם נילוס, בכדי פֿון זײ זאָל געבױט װערן נאָך אַ פּיראַמידע. מען קאָן אױסמאָלן טױזנט סצענעס פֿון יענע צײַטן: אָט שטײט אַ הענדלער פֿאַר אַן עגיפּטישער שײנער, רײַכער דאַמע און שפּרײט אױס פֿאַר איר זײַן הומל פֿײַנע געװאַנטן פֿון בבל; אָט שפּאַרט זיך אַ געדיכטער פֿאַרשײדנפֿאַרביקער המון אין אַ יום־טוב־טאָג צװישן די הױכע טױערן־זײַלן פֿון אַ טעמפּל אין טעבען; אָט שטײט אַן אױפֿגערעגט, טונקל־אױגיק געזעמל פֿון קרעטער ענלעך צו הײַנטיקע שפּאַניער, װאָס קוקן צו אַן אָקסן־קאַמף, און אינמיטן פּלאַץ די אָקסן־קעמפֿער אין קורצע הױזלעך און שטײף־אַרומגעגאַרטלט, פּינקטלעך װי הײַנטצײַטיקע טאָרעאַדאָרן. אָט זיצן קינדער און לערנען זײערע פֿלעקל־צײכנס (אין ניפּור האָט מען געפֿונען לײמענע טאָװלעך פֿון שול־געניטונגען). אָט שאַרט זיך אַרײַן שטילערהײט אַ פֿרױ מיט אַ צעבראָכענעם געמיט אין אַ גרױסן טעמפּל אין קאַרטאַגאָ: זי האָט אין דער הײם אַ קראַנקן מאַן און איז געקומען אױסבעטן פֿאַר אים אַ רפֿואה.

אָדער אַ װילדער גריך, פֿעל־באַקלײדט און מיט אַ בראָנזענער האַק אין האַנט, שטײט אומבאַװעגלעך אױף אַ בערג־קאַם אין איליריע, פֿאַרחידושט און געפּלעפֿט, װען ער זעט צום ערשטן מאָל, װי אַ פֿיל־סודותדיקע קרעטישע גאַלערע־שיף פּױזעט זיך איבער דעם אַמעטיסטענעם שפּיגל פֿון אַדריאַטישן ים ניט װײַט פֿון ברעג. און ער קומט אַהײם און דערצײלט די מענטשן פֿון זײַן שבט אַ װוּנדערלעכע געשיכטע פֿון אַ שרעק־באַשעפֿעניש, פֿון אַ ריז בריאַרײ מיט זײַנע הונדערט הענט. פֿון מיליאָנען אַזעלכע פּעטעלקעס אין איבערלעבן פֿון די 200 דורות איז אױסגעהאַפּטן דאָס געװעב פֿון דער דאָזיקער געשיכטע. נאָר מיר קאָנען זיך איצט ניט אָפּשטעלן אױף צו באַטראַכטן די דאָזיקע פּעטעלקעס אײנציקװײַז, סײַדן זײ באַצײכענען אַן אָנדױב־נאָט, צי אַ פֿאַרבינד־גליד.

9. פּלאַסטיקע און געמעל־קונסט אין דער אַלטער וועלט.

אידער מיר גייען איבער צו דעם טויזנט־יאָריקן קאַמף און קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן אַריער און סעמיטן אין דער מערבֿדיקער וועלט, וואָס דאָס בילדעט דעם הויפּט־אינהאַלט פֿון די ווייטערדיקע דריי ביכער פֿון אונזער געשיכטע, וועלן מיר געבן צוויי קורצע פּאַראַגראַפֿן צו פֿאַרצייכענען, ווי אַזוי עס האָט זיך באַוויזן אין לעבן פֿון די מענטשן אַ באַוואוסטזיניק זוכן נאָך שיינקייט. אין צוויי ביכער האָבן מיר דערציילט, ווי אַזוי דער מענטש האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונם מצבֿ פֿון אַ וואָגלענדיקער זעלטענער חיה צו אַ האָרעפּאַשנעם, אָבער זיכערן און רייכערן לעבן פֿון ציוויליזאַציע. פֿאַר אַ מער גליקלעכן מיעוט האָט די ציוויליזאַציע באַטייט באַפֿרייונג פֿון אַ סך ענערגיע; פֿאַר אַלעמען האָט זי באַטייט אַ געוויסע אויסלייזונג פֿון ערגסטער שרעקעניש און נויט. אָט די באַפֿרייטע ענערגיע האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַן אַקטיוויטעט, וואָס באַטייט „שפּיל“ אַריינגעבראַכט אין לעבן פֿון דערוואַקסענעם מענטשן, אין אַ באַוואוסטזיניקן זוכן תּענוגים. דער מענטש איז שוין מער ניט געווען אַריינגעטאָן אינגאַנצן אין זוכן פֿאַר זיך שפּייז און דאַך. ער האָט אויפֿגעהויבן זיינע אויגן אויף שיינקייט. אַפֿילו דער נעאַנדערטאַלער איז שוין ניט געווען אינגאַנצן אַ חיה. ער פֿלעגט קלייבן מושלען און קאָלירטע שטיינדלעך און כּדומה אַזעלכע זאַכן און פֿלעגט דאָס טראָגן, ווי עס ווייזט אויס, צוליב פֿאַרגעניגן און צירונג.

אין דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער צייט איז אויפֿגעקומען, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, מאָלעריי און שניצעריי אויף אַ גאַנץ היפּשער מדרגה. דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב פֿאַרגעניגן וועגן. בלי־ספק, אַז די געמעלן האָבן געהאַט אויך אַ מאַגישן באַטייט; אַנדערש האָט גאָרניט געקאָנט געמאָלט זיין. עס ליגט שוין אַזוינס אין דעם מענטשנס טבֿע, וואָס ער קאָן דערפֿון ניט פּטור ווערן, אַז ער מוז אָנפֿילן אַלע זאַכן מיט אַ פּערזענלעכן באַטייט. נאָך

ביז היינטיקן טאָג האַלטן מענטשן, אַז דער טייערער שטיין אָדער צירונג איז מזלדיק און יענער ניט מזלדיק, און עס איז קיין ספק ניט, אַז דער פּאַלעאָליטישער מענטש האָט געטראַכט, אַז זיינע



אַשורישע אַרבעטער — אַ באַרעליעף, וואָס איז געפונען געוואָרן צווישן די חורבות פון נינווה. די אַרבעטער פירן מיט זיך שטריק, כדי איבער־צושלעפּן אַ געפליגלטן אָקס, אויסגעהאַקט פון שטיין.

געמעלן פון חיות האָבן אַ גוטע ווירקונג אויף זיין געיעג. נאָר טייל פון זיינע סטאַטועטקעס זיינען בפירוש געווען מיט אַ קאָמישער נטיה. מען האָט אַ סך אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס די פאַלעאָליטישע געמעלן און צייכענונגען, וואָס זיינען איבערגעבליבן, געפינען זיך אין פינסטערע היילן און פאַררוקטע ווינקעלעך. אָבער דאָס איז אפשר נאָר אַ קליינער רעשט פון דער דעקאָראַציע, וואָס מיט איר האָט דער אַלטער מענטש באַדעקט די ביימער און די פעלזן אַרום. דאָס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פרייער לופט, איז געוואָרן, נאַטירלעך, צעשטערט אין עטלעכע יאָר.

די שפעט=פאַלעאָליטישע מענטשן האָבן געצייכנט און גראַווירט; ווי זייערע צייכענונגען באַווייזן, האָבן זיי אויך געטאַנצט, צום טאַנץ געהערן אויך, ווייזט אויס, ריטמישע אויסגעשרייען און קלאַפן מיט די הענט. דאָס זיינען די ערשטע התחלות פון בינע=קונסט און מוזיק. דער לאַגער=פלאַץ, וואָס ער האָט זיך געבויט, און די ביידלעך און היילן פון די פרי=נעאָליטישע מענטשן זיינען געווען געמאַכט שטרענג אוטיליטאַר, אָן שום באַפוצונג. ערשט ביים באַגינען פון דער ציוויליזאַציע, אַז עס זיינען שוין געווען ישובים מיט גרעסערע אָנזאַמלונגען פון איינוואוינער, דעמאָלט האָט דער הייליקער אָרון פון גאָט און דאָס שטיבל פון דעם שבט=עלטסטן גענומען ווערן עפעס מער, ווי אַ פשוטע דירה צום וואוינען, ערשט דעמאָלט הויבט זיך אָן באַוואוסטזיניקע אַרכיטעקטור. מענטשן האָבן גענומען פילן, אַז אַ בנין קאָן האָבן פאַר זיך חשיבות און סודות=דיקייט, אַז ער קאָן מאַכן אַן איינדרוק דורך זיין חן און שיינקייט.

די גרעסטע בוי=אָנשטרענגונג, וואָס די מענטשן פון דער שטיין=צייט האָבן אפשר געמאַכט, איז געווען ביים אויפשטעלן די קברים=בערגלעך, וואו עס זיינען געווען באַגראָבן זייערע גרויסע לייט. אין אַלע אַזעלכע בנינים איז געווען אַ צענטראַלע קאַמער פון צונויפגעלייגטע גרויסע שטיינער און אַרום זיי ערד אָדער ליים=ציגל. די גרויסע פיראַמידעס פון עגיפטן, די דאָזיקע ריזיקע שטיין=הויפנס אָן שיינקייט, זיינען אויך געווען בעצם קברים=בערגלעך. דאָס אויבן=דערמאָנטע סילבערי=בערגל אין ענגלאַנד איז אַ פיראַמידע פון ערד. די דאָזיקע הויפנס זיינען געווען אַוועקגעשטעלט מיט גרויס זאָר=

געוודיקייט. די עגיפּטישע פּיראַמידעס זאָגן עדות אויף אַ היפּשער מעכאַנישער געשיקטקייט, אָבער אויך אויף אַ כּוח־באַנוץ פון טעמפּע מאַסן; מען קאָן אָבער קייםריידן וועגן אַרכיטעקטור אין שייכות מיט די דאָזיקע שטיין־הויפנס.



די אייבער־טיילן פון די צענטראַלע זיילן אין דעם גרויסן זאַל פון דעם קאַרנאַק־טעמפּל. אויף די זיילן זיינען איינגראַווירט בילדער און אויפשריפטן און זיי זיינען אויסגעמאָלט. די קאָלירן זיינען נאָך איצט גאַנץ לעבעדיק. דער טעמפּל איז געגרינדעט אין דער 12טער דינאַסטיע, נאָר איז שפּעטער פאַרגרעסערט געוואָרן.

די אַרכיטעקטן פון דער מעסאָפּאָטאַמישער געגנט און פון דעם נילוס-טאָל האָבן אָנגעהויבן איטלעכע פאַר זיך; זיי האָבן איינע פון די אַנדערע גאָר ווינציק געוואוסט און זיי האָבן געהאַט ווינציק אָדער גאָר קיין השפּעה ניט איינע אויף די אַנדערע. זייערע ערשטע פאָרמען זיינען אין איטלעכן פאַל געווען באַשטימט דורך די אייגנטימלעכקייטן פון זון-געטריקנטע ליים-ציגל און בוי-געהילץ. די שומערער האָבן געהאַט ווינציק שטיין, וואָס האָט געטויגט צום בויען; די עגיפּטער, פאַרקערט, האָבן געהאַט נאָענט צו דער האַנט אַ סך שטיינער פון פאַרשיידענע מינים, וואָס מען האָט זיי גרינג געקאָנט אויסברעכן און גרינג ברענגען צום נילוס. ציגל געטריקנט אויף דער זון האָבן די טבע צו ווערן איינגעפּרעסט; מחמת דעם האָבן ווענט, געבויט פון אַזעלכע ציגל, געמוזט זיין אונטן ברייטער, און סיי די שומעריש-בבלישע און סיי די עגיפּטישע בנינים האָבן טאַקע פון אויסווייניק משופּעדיקע ווענט, און דאָס גיט זיי דעם באַזונדערן אויסזען פון בכבודיקער איינגעפעסטיקטקייט. די אינעווייניקסטע דורכגענג זיינען געווען שמאָל, וואָרעם די בויערס האָבן נאָך ניט געהאַט גובר געווען די שווערקייט פון אַרויפלייגן דעם דאַך. אין שומער האָבן די הויפּט-בנינים זיך אַנטוויקלט צו דער פאָרם פון אַ „זיגוראַט", וואָס איז געבליבן די כאַראַקטעריסטישע בוי-פאָרם פאַר יענער געגנט. אַ זיגוראַט איז אַ פילגאָרנדיקער בנין, געבויט אין טעראַסעס; איטלעכער העכערער גאָרן איז שמעלער, ווי דער גאָרן אונטער אים, און האָט אַרום און אַרום אַ טעראַסע מיט טרעפּ. די ווייכערע ציגל זיינען באַדעקט מיט האַרטע ציגל-פּליטקעס און געברענטע ציגל. די רעשטן, וואָס מיר גראָבן איצט אויס אין יענע קאַנטן, זיינען נאָר די אונטערשטע גרונטפעסטן פון די דאָזיקע בנינים, זיי האָבן לכתחילה געהאַט זיבן אָדער אַכט גאָרנס. זיילן זיינען זעלטן אָדער קיינמאָל ניט גענוצט געוואָרן אין דער עלטערער מעסאָפּאָטאַמישער אַרכיטעקטור, מחמת עס האָט עס געפעלט דער פּאַסיקער מאַטעריאַל. די סופיטן פון די צימערן זיינען, ווייזט אויס, געווען געמאַכט ניט אין געוועלבן, נאָר אַזוי, אַז איטלעכע שורה ציגל אין דער הויפּט-וואַנט איז אַ ביסל געווען אַרויסגערוקט איבער דער אונטערשטער

שורה. עס זיינען אָבער פאַראַן מאַסיווע ציגל=זיילן אין שומערישע בנינים פון אור און קיש. דעקאָראַטיווע עפעקטן האָט מען אַרויסגעבראַכט דורך אונטערשטיצן און ציגל=פאַנעלן. טינקע און טעראַקאָטע שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעם אָרנאַמענט=ווערק. שטיינער באַווייזן זיך אין אויסגעקריצטע פּליטעס און צוליב כּדומה אַזעלכע ספּעציעלע צוועקן. ערשט ווען מיר דערגרייכן צו דער אַשורישער אַרכיטעקטור, קומען מיר אין אַ שטייניקער געגנט, וואו די בנינים זיינען געווען אין פראָנט געדעקט מיט שטיין און באַפּוצט מיט שטיין=אָרנאַמענטן. ערשט, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט דער פאַרקער מיט עגיפּטן, אין צווייטן יאָרטויזנט פאַר קר., באַווייזן זיך שטיינערנע זיילן אויך אין דער געגנט פון פרת און חידקל.

די עגיפּטישע אַרכיטעקטור האָט קיינמאָל ניט פּראָדוצירט קיין פיל=גאָרנדיקע טורעמס פון דעם זיגוראַט=טיפּ. חוץ די פּיראַמידעס, אָבעליסקן און פּילאָנען (טויער=בנינים ביי די טעמפּלען און פּאַלאַצן) האָט די עגיפּטישע אַרכיטעקטור זיך געהאַלטן ברייט און נידעריק. שטיין באַווייזט זיך צוערשט, ווי אַ פאַרבייט אָנשטאָט האָלץ, שטיינערנע ביישטידלעך און איבערבאַלקנס פאַרבייטן הילצערנע, און זיינען זיי נאָכגעמאַכט אין זייערע פאָרמעס. אָנשטאָט הילצערנע אינטערשפּאַרן נעמט מען שטעלן קיילעכיקע שטיינערנע זיילן. אויף די דאָזיקע זיילן זיינען איצט אויסגעמעלט אָדער אויסגעקריצט רעליעף=געשטאַלטן פון מענטשן און בעלי=חיים. איין אַלטער טעמפּל, דער ספינקסן=טעמפּל, וואָס שטאַמט פון איין צייט מיט די פּיראַמידעס און שטייט ניט ווייט פון זיי, איז אין גרויסן און גאַנצן אויסגעהאַקט אין פעלז. ער האָט ניט קיין קאָלאָנעס (זיילן). קאָלאָנעס און קאָלאָנאַדעס באַווייזן זיך אַן ערך אין דער צייט פון דער 12טער דינאַסטיע.

די גרויסע טעג פון עגיפּטישן סטיל זיינען געווען אין דער צייט פון דער 18טער דינאַסטיע. פון יענעם פּעריאָד האָבן מיר די גרויסע זאַמלונג פון טעמפּל=בנינים אין טעבען. די 19טע דינאַסטיע איז אויך געווען אַ גרויסע דינאַסטיע פון בויערס.

סקולפּטור און מאָלעריי זיינען צוערשט געווען נאָר צוגאָבן צו דער הויפּט=מייסטערשאַפט פון אַרכיטעקטור. אַזוי איז דאָס גע=

ווען אין ביידע צענטערס פון ציוויליזאַציע. סקולפּטור האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ רעליעף און ווי דער אויסגעקריצטער פּילאָן; מאָלעריי האָט פיל געמאַכט דעם פּאַנעל און באַדעקט די ווייסע וואַנט. אַדאַנק דעם טרוקענעם קלימאַט פון עגיפּטן, זיינען געבליבן גאַנץ גרויסע שטיקער פון הפלאדיק-באַמאָלטע ווענט, וואָס שטעלן פאָר טויזנטער בילדער פון טאָג-טעגלעכן לעבן אין עגיפּטן און וואָס לאָזן וויסן די איצטיקע דורות, וואָס עס האָט געטראַכט און פאַנטאַזירט דאָס אַלטע עגיפּטישע פאָלק. לגבי דעם זיינען די זכרונות פון אַשור און בבל אָרעם און קנאַפּ.

די עגעישע אַרכיטעקטור האָט זיך אירע אייגענע סימנים, דאָך איז זי אין גרויסן און גאַנצן נעענטער אין גייסט צו דער עגיפּטישער, איידער צו דער בבלישער. פרי האָט מען גענומען נוצן זיילן, און די בנינים האָבן אַ לאַבירינטישע איינאָרדענונג, וואָס איז שטאַרק פאַרשיידן סיי פון די עגיפּטישע, סיי פון די בבלישע בוי-פּלענער. פרעסקאָ-מאָלערייען און מאָזאַיקע האָט ביי זיי דערגרייכט צו אַ זייער הויכער מדרגה.

צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע דריי גרויסע קונסטן איז אין די דאָזיקע ציוויליזאַציעס געווען אַ געוואַלדיקע פּראָדוקציע פון געשניצטע און איינגראַווירטע געמעס, פון אויסגעאַרבעטונגען פון גאָלד און פון אַנדערע מעטאַלן, פון קליינע סטאַטועטקעס, מאָדעלן און כדומה, אַזעלכע צאַצקעס און אָרנאַמענטן, שטולן, בעטן, טרוינען און פיינע מעבל. גראַווירונגען אין האָלץ און העלפאַנד-ביין זיינען געווען שיין געמאַכט. קרעטאַ האָט באַזונדערס פיל פּראָדוצירט גאָלד-אַרבעט און טעפּעריי. קרעטישע וואַזעס פלעגן ווערן פאַרקויפט אין גאַנצן אַלטן מזרח.

---

10. ליטעראַטור, דראַמע און מוזיק אין דער אַלטער וועלט.

פאַנטאַזיע-ליטעראַטור און מוזיק זיינען, ווייזט אויס, ניט געווען אַזוי הויך אַנטוויקלט אין די אַלטע ציוויליזאַציעס, ווי די קונסטן, וואָס זיינען געווענדט צום אויג. דערציילן מעשׂות איז גע-



דער טעמפל פון לוקסאָר מיט אַן אָבעליסק. ער איז אויסגעבויט בעוואָרן דורך אַמענאָפיס III פון דער 18טער דינאַסטיע. דעם אָבעליסק האָט געשטעלט רעמסס II.

ווען אַ וויכטיקער ענין אין מענטשלעכן לעבן, זינט דער מענטש האָט געהאַט די שפּראַך, און די וויכטיקסטע עלעמענטן פֿון דער פּראָזע־ליטעראַטור, אַ גוסט פֿאַר אויסדרוק, אײַנפֿאַל, כאַ־אַקטער־שטודיע, — דאָס אַלץ טרעפֿט מען אומעטום, וווּ עס ריידן זיך דורך אַ צוויי־דריי ווייבער פֿון וואָסער פֿאָלק איר ווילט. חלומות, זייער אָפֿט פֿול מיט שרעקנס, וואָס האָבן פֿאַרקערפּערט די רעאַקציעס קעגן די נויטווענדיקע באַגרענעצונגען פֿון אַ פּרימיטיוון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, האָבן צוגעשטעלט אַ פֿאַנטאַסטישן עלעמענט פֿאַר די עלטסטע מעשיות. ביים דערציילן אַ זאַך זיינען אַלע מענטשן, חוץ זייער קאַלטע און שטאַרק איינגעהאַלטענע, זיך נוהג צו באַגלייטן זייערע רייד מיט דראַמאַטישע זשעסטן און אויסרופֿן. זינט די עלטסטע צייטן איז געווען אַ מנהג צו פֿייערן פּעריאָדיש דעם אָנדענק פֿון גרויסע געשעענישן און אָפּריכטן גרויסע יום־טובים מיט דערציילערישע טענץ, וואָס אין זיי זיינען געווען אויסגעמישט רייד און געזאַנג, מימיקע, ריטמישע באַוועגונג און שפּיל פֿון מוזיק־אינסטרומענטן.

דאָס אַלץ איז געווען אין מענטשנס לעבן שוין, איידער ציוויליזאַציע איז געווען; און אַז ציוויליזאַציע איז אויפֿגעקומען, אין די פּעריאָדישע אָנדענק־טעג זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דעם צערעמאָניאַל פֿון די טעמפּלען, זיינען נאָך אַלץ געבליבן צווישן דעם פּראָסטן המון די געוווינהייטן צו דערציילן זיך מעשיות, צו זינגען לידער און צו טאַנצן אין די היימישע פֿאַרזאַמלונגען. נאָר הגם די כּהנים האָבן אַריינגענומען אין זייערע לערנונגען פֿאַרשיידענע סיסטעמעס פֿון לעגענדעס, ווי, למשל, די מעשה וועגן דער וועלט־באַשאַפֿונג, און האָבן אויסגעברייטערט אַ סך פֿון די פּרימיטיווע מעשהלעך צו אַ קאָמפּליצירטער מיטאָלאָגיע, דאָך האָבן זיי, ווייזט אויס, ניט אַריינגעאָסן זיי אין פֿורעמס פֿון אַ שיינער שפּראַך. דער גאַנצער ענין איז געווען פֿאַר זיי דער אינהאַלט גופֿא. ניט אין עגיפּטן און ניט אין בבל איז געקומען צו אַן ערנסטער אַנטוויקלונג פֿון דער דראַמע אין איר עצם מהות. די פֿויערים האָבן אפֿשר געהאַט זייערע שפּילן, אָבער קיינער האָט וועגן זיי ניט געזאָרגט, זיי אויסצופֿיינערן. וועגן דעם, צי די עגעיִשע פֿעלקער

האָבן געהאַט אַ דראַמאַטישע קונסט, ווייסן מיר נאָך דערווייל ניט גענוג אויף צו משפטן. אפשר האָבן זיי קיין דראַמע ניט געהאַט. זיי האָבן געהאַט שטאַרקערע, אַכזריותדיקע שפּילן. זייער געוויינטלעכע פאַרוויילונג איז געווען אָקסן-קאַמף. די מסתמא קרובישע עטרוסקער, און אויך די פעלקער פון אַמעריקע פאַרן אייראָפּעיִשן אַריינדרינג, האָבן זיך געווילט דורך קוילען שקלאַפן און דורך אָנשטעלן געפאַנגענע, זיי זאָלן פאַר זייערע אויגן קעמפן קעגן אַנאַנד אויף לעבן און טויט.

דער מחבר קאָן ניט געפינען קיין שום זכר פון פּראָפעסיאָנעלע מעשיות-דערציילערס אָדער מעשיות-זינגערס אין לעבן פון די דאָזיקע אַלטע ציוויליזאַציעס, אַפילו ניט אין דאָרף-לעבן. אויב עס זיינען ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע דערציילערס אויף אויסווייניק, האָט די ליטעראַרישע קונסט געקאָנט זיך ווינציק פאַרברייטערן, ביז די שרייב-קונסט האָט זיך געהאַט אַנטוויקלט. מענטשן האָבן געקאָנט האָבן גוטע איינפאַלן און אַרויסזאָגן בליציקע געדאַנקען, אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט אויפגעהיט ווערן, כדי עס זאָל ווערן ליטעראַרישע מעטאָדע און טראַדיציע. די עלטסטע עגיפּטישע געשריפטן זיינען, קענטיק, געווען כישוף- און אַנדערע רעצעפּטן, מוסר-שפּראַכן, טרוקענע רשימות. די באַפעלקערונג סיי אין עגיפּטן און סיי אין שומער האָט זיך געשפּירט געזיכערט און רויק, און דערוואַקסענע מענטשן פלעגן מסתמא זעלטן זען חלומות, צי גלויבן אין מופתים. זיי זיינען געווען פּשוטע פּראַקטישע מענטשן. אַפילו בנוגע דעם טויט זיינען די עגיפּטער געווען אויסטערליש פּראַקטיש. זיי פלעגן דעם טויטן פאַרוואָרגן מיט דעם גרעסטן קאָמפאָרט און באַקוועמלעכקייט. די גרעסטע עגיפּטישע מעשה איז געווען די געשיכטע פון דעם וועג, ווי אַזוי די נשמה גייט צו אָזיריסן; זי איז געוואָרן דערציילט אין הונדערטער וואַריאַציעס. דאָס איז דאָס טויטן-בוך, זייער אַ פּשוטער מאָראַלישער וועגווייזער אין דער טויטן-וועלט, אָן אַ ברעקל מעטאַפיזיק.

די יידן האָבן געהאַלטן אין אַנטוויקלען זייער בוך, די ביבל, דאָס ערשטע בוך פון מאַכט אין דער וועלט. דאָס דאָזיקע בוך האָט, ווי איך וועל נאָך דערציילן, געמאַכט אַ סינטעז פון אַ

סך צעבּרעקלטע יסודות פון דער אַלטער סעמיטישער וועלט*. די אַריער האָבּן אין זייערע וואַלד-לענדער אויף אויסטוייניק זיך דערציילט לעגענדעס און מעשיות און געזונגען לידער, אָבער זיי האָבּן נאָך ניט געהאַט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשרייבּן די מעשיות און געזאַנגען פון זייערע זינגערס.

אין גאָר דער אַלטער וועלט איז מוזיק קיינמאָל ניט געוואָרן אָפּגעטיילט ווי אַ קונסט פאַר זיך; זי איז געווען שטענדיק אַ הילפס-קונסט פאַר געזאַנג אָדער טאַנץ. די אַלטע מוזיק האָט געהאַט ריטם, האָט געהאַט מעלאָדיע, אָבער זי האָט קיין האַרמאָניע ניט געהאַט. מען פלעגט שאַלן, קלאַפּן אָדער בלאָזן מער ווייניקער אין אונטסאָן. פרויען און יונגלעך פלעגן זינגען אַן אָקטאַווע העכער, ווי מאַנסביל. צוהעלפן פלעגט מען דורך טופען מיט די פיס, פאַטשן מיט די הענט, דורך אַ פרימיטיוון פייקל. דאָס איז ריכטיק אויך בנוגע צו דער יידישער און גריכישער מוזיק ביז צום אָנהייבּ פון דער קריסטלעכער ערע. אַראַבּישע מוזיק ווייס נאָך היינט ניט פון האַרמאָניע. די מוזיק באַשטייט פון ריטמישע קאַדענצן מיט אַ גיכער מאָנאָטאָנישער מעלאָדיע. שטימען, סטרונעס, צימבּלען גייען אין אונטסאָן אונטער דעם כסדרדיקן פויקן פון טאַמבּורינען. אַזוי האָט, מסתמא, געקלונגען אויך די מוזיק אין עגיפּטן און אין בבל.

די בילדער און סקולפּטורן פון די אַלטע ציוויליזאַציעס, וואָס שטעלן פאָר מוזיקאַלישע אויפפירונגען, ווייזן גענוי דאָס זעלביקע. עס ווערט געוויזן אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס דער פויק און דער טאַמבּורין. די צימבּלען האָבּן געקלאַפּט — זיי ווערן באַוויזן אויף אַשורישע רעליעפן — און דער עגיפּטישער סיסטרום האָט אַרויסגעבראַכט אַ הודזשענדיקן אונטערשטראָם פון מעלאָדישע קלאַנגען. עס זיינען געווען פלייטעס און טאָפּל-פלייטעס, פלאַזשאָלעטן און מויל-האַרמאָניקעס. עס זיינען געווען האָרן-שופרות און מעטאַלענע טרומייטן, פשוטע טראָמבּעס, וואָס פלעגן אַרויסלאָזן שטאַרקע טענער אין געוויסע ערטער. צולעצט זיינען נאָך געווען סטרונעס-

* פארשטייט זיך, אז די „מאכט״ פון דער ביבל שטעקט ניט אין דעם דאזיקן „סינטעז״, נאר אין דעם נייס, וואס זי האט אריינגעטראגן און וואס איז אין דער „אלטער סעמיטישער וועלט״ ניט צו געפינען. (דער איבערז.).

אינסטרומענטן, וואָס שטאַמען אָפּ פֿון נעאָליטישן בייגן; טייל פֿון זיי האָט דער שפּילער געצויגן מיט די הענט, אויף טייל געקלאַפּט מיט אַ פּלעקעלע. די דאָזיקע סטרונעס־כּלים זיינען געווען: לירעס, האַרפּעס פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס, מאַנדאָלינעס און ציטרעס. די האַרפּע איז געווען דער גרעסטער און דער צום מייסטן אַנטוויקלטסטער מוזיקאַלישער אינסטרומענט פֿון דער אַלטער וועלט. די ציטריע איז געווען אַ סטרונע־אינסטרומענט מיט אַ האָריזאָנטאַלער ראַם.

פּונקט ווי ליטעראַטור האָט זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען פֿולקום אין דער אַלטער וועלט, ווייל די שריפֿט איז ניט געווען גוט אַנטוויקלט, אַזוי איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן די אַנטוויקלונג פֿון מוזיק, ווייל עס איז ניט געווען קיין אויסגעבילדעטע נאָטן־סיסטעם. מענטשן האָבן געהאַט די זעלביקע אויערן און דעם זעלביקן כּוח־הדמיון, וואָס איצט, אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט האַלטן פֿעסט זייערע דערגרייכונגען, בכדי צו געבן דעם דור נאָך זיי נייע אויסגאַנגס־פּונקטן.

בוך IV

יהודה, גריכנלאַנד און אינדיע

קאפיטל 18

די העברעישע שריפטן און די נביאים

1. דער אָרט פון פאָלק ישראל אין דער געשיכטע. 2. שאול, דוד און שלמה. 3. די יידן א געמישט פאָלק. 4. די וויכטיקייט פון די יידישע נביאים.

מיר זיינען איצט אין דער לאַגע אָוועקצושטעלן אין זייער געהעריקער מאָס לגבי אַט-דעם אַלגעמיינעם קאָנטור פון דער וועלט-געשיכטע דאָס פאָלק ישראל און די מערקווערדיקסטע זאַמלונג פון אַלטע דאָקומענטן, וואָס די וועלט פאַרמאָגט און וואָס טראָגט דעם נאָמען תנ"ך אָדער ביבל. מיר געפינען אין די דאָזיקע דאָקומענטן די אינטערעסאַנטסטע און ווערטפולסטע שיין, וואָס באַלויכט די אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע, מיר האָבן אין זיי די קלאָרסטע עדות פון אַ נייעם גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער מענטשן-וועלט אין משך פון יענער צייט, ווען עגיפטן און אַשור האָבן געקעמפט צווישן זיך פאַר דער וועלט-הערשאַפט.

שפּעטסטנס אַרום 100 פאַר קר. זיינען אַלע די ביכער, וואָס פון זיי איז דער תנ"ך צונויפגעשטעלט, שוין געווען אָנגעשריבן און אין גרויסן און גאַנצן אין דער פאָרם, ווי זיי זיינען איצט. דאָס גרעסטע רוב פון זיי זיינען געוואָרן אָנערקענט פאַר הייליקע שריפטן מסתמא אין דער צייט פון אַלעכסנדר דעם גרויסן (330 פאַר קר.). זיי זיינען געווען די הייליקע ליטעראַטור פון אַ פאָלק, די יידן, וואָס, חוץ אַ קליינעם רעשט פון פראָסטן המון, האָט נבוכדנאצר II, דער קיניג פון די כשדים, זיי אין יאָר 587 פאַר קר. געהאַט פאַרטריבן פון זייער היים-לאַנד קיין בבל. דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק אין זייער שטאָט ירושלים און האָבן אויס-

געבויט זייער בית־המקדש אונטער דער ממשלה פון כורש דעם פּער־סער, וואָס האָט, ווי מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, אין יאָר 539 פאַר קר. מנצח געווען נאַבּונאַהיד, דעם לעצטן קיניג פון די כשדים. דער גלות־בבל האָט געדויערט ביז 50 יאָר, און אַ סך געלערנטע האַלטן, אַז פאַר דער צייט האָבן די יידן זיך שטאַרק אויסגעמישט מיט בבלים סיי אין דער ראַסע און סיי אין די אידעען*.

די געאָגראַפישע לאַגע פון לאַנד יהודה און פון איר הויפּט־שטאָט ירושלים איז אַן אייגנטימלעכע. דאָס לאַנד ציט זיך ווי אַ שמאָלער פאַס צווישן מיטללענדישן ים אין מערב־זייט און דעם מדבר אויף יענער זייט ירדן אין מזרח־זייט. דורכן לאַנד ציט זיך דער נאַטירלעכער וועג צווישן די חיתים, סיריע, אַשור און בבל קיין צפון־זייט און מצרים קיין דרום־זייט. עס איז דעריבער גע־ווען אַ לאַנד, וואָס אויף דעם איז געלעגן דער גזר־דין פון אַ שטורמישער געשיכטע. עגיפּטן און איטלעכע מלוכה אין צפון־זייט האָט געמוזט דורכגיין דורך דעם, ווען זיי האָבן געקעמפט פאַר דער איבערהערשאַפט אין דער וועלט; קעגן פאָלק פון דעם לאַנד האָבן זיי געקעמפט צוליב דעם האַנדלס־וועג. פאַר זיך אַליין האָט דאָס לאַנד קיין חשיבות ניט, ניט עס האָט די גרויסע שטרעקעס פאַר ערד־אַרבעט, ניט עס פאַרמאָגט קיין מינעראַל־רייכטימער. די געשיכטע פון זיין פאָלק, וואָס איז פאַרשריבן אין זיינע שריפטן, לייענט זיך, ווי אַ פירוש אויף דער גרעסערער געשיכטע פון די צוויי ציוויליזאַציע־סיסטעמען אין צפון און אין דרום און פון די ים־פעלקער אין מערב־זייט.

די דאָזיקע שריפטן באַשטייען פון פאַרשיידענע עלעמענטן. די ערשטע פינף ביכער, דעם חומש, האָט מען שוין גאָר פרי געהאַלטן הייליק. דער חומש הייבט זיך אָן אין דער פאָרם פון אַ וועלט־געשיכטע מיט אַ צווייענדיקער מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי די

---

* בנוגע צו די אידעען, ווייס אויך די יידישע טראַדיציע צו דערציילן, אַז די פּאַרטריבענע האָבן איבערגענומען ביי די בבלים, למשל: „די נעמען פון די מלאכים האָבן יידן מיטגעבראַכט פון בבל". בנוגע אָבער דער ראַסע האַלט די יידישע טראַדיציע, אַז די פאַרטריבענע האָבן דווקא געהאַלטן ריין זייער יחוס. (דער איבערז.).

וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, ווי אַזוי דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן, דערנאָך גייט די עלטסטע געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער ראַסע, וואָס ענדיקט זיך מיטן מבול, וואָס אין אים איז אומגע־קומען די גאַנצע מענטשהייט, חוץ עטלעכע באַזונדערס גוטע אין



אשורישע מוזיקער.

פֿרומע. די געשיכטע פֿון מבול איז זייער שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין דער טראַדיציע פֿון דער אַלטער וועלט; עס איז אפֿשר אַ געדעכע־ניש פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג פֿון דעם מיטללענדישן טאָל, וואָס האָט געטראָפֿן אין דער נעאָליטישער תּקופֿה פֿון דער מענטשהייט. עס קאָן

איך האָבן אַ שייכות צו אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע אין גרויזיע אין דער געגנט פון קאַספּישן ים. אין אויסגראָבונגען האָט מען געפונען בבלישע נוסחאות סיי פון דער געשיכטע פון דער וועלטבאַשאַפונג און סיי פון מבול, וואָס שטאַמען פון פאַר דער צייט פון גלות־בבל, און עס זיינען פאַראַן ביבל־קריטיקער, וואָס האַלטן, אַז יידן האָבן די דאָזיקע ערשטע קאַפּיטלעך פון חומש איבערגענומען פון די בבלים אין דער צייט פון גלות. דאָס זיינען די ערשטע צען קאַפּיטלעך פון בראשית*.

דערנאָך גייט אַ געשיכטע פון די אָבות און באַגרינדערס פון פאָלק ישראל, אברהם, יצחק און יעקב. זיי זיינען פאָרגעשטעלט ווי פּאַטריאַרכאַלישע בעדוינען־שייכן, וואָס פירן אַ לעבן פון נאָמאַדישע פּאַסטעכער אין די לענדער צווישן בבל און מצרים. די ביבל־קריטיקער זאָגן, אַז די איצטיקע דערציילונג פון חומש איז צונויפגעשטעלט פון עטלעכע עלטערע נוסחאות; נאָר אַלץ איינס, פונוואַנען די דאָזיקע געשיכטע שטאַמט, ווי זי איז איצט, איז זי פול פאַרב און לעבהאַפטיקייט. דאָס לאַנד, וואָס הייסט איצט פּאַלעסטינע, האָט אַמאָל געהייסן כנען, און דאָרט האָט געוואוינט אַ סעמיטיש פאָלק, וואָס האָט געהייסן כנענים, נאָענטע קרובים מיט די פעניקיער, וואָס האָבן געגרינדעט צור און צידון, און מיט די אמורים, וואָס האָבן איינגענומען בבל און האָבן אונטער דעם קיניג האַמוראַבי געגרינדעט די ערשטע בבלישע אימפּעריע.

די כנענים זיינען געווען אַן איינגעזעסן פאָלק אין יענע טעג — דאָס איז אפשר געווען די צייט פון האַמוראַבי — בעת אברהם מיט זיינע טשערעדעס שאָף און רינדער איז געצויגן דורכן לאַנד. דער חומש דערציילט, אַז דער גאָט פון אברהם האָט צוגעזאָגט דאָס גאַנצע לאַנד מיט די שיינע שטעט אַוועקצוגעבן אים און זיינע קינדער. ווייטער קאָן מען געפינען אין ספר בראשית, ווי אַזוי אברהם, וואָס

* אויב אפילו דער סוזשעט פון דער באַשאַפונגס־לעגענדע און פון דער מבול־לעגענדע זיינען איבערגענומען, איז דאָך די ביבלישע אויספירונג פון סוזשעט דורכגעדרונגען מיט גאָר אַן אַנדער גייסט, ווי די בבלישע דערציילונגען, מיטן גייסט פון עטישן מאָנאָטעיזם, און מחמת דעם מוז מען די ביבלישע לעגענדעס רעכענען פאַר אַן אָריגינעלער יידישער שאַפונג. (דער איבערז.).

האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט ניט געוואָלט גלייבן דעם דאָזיקן צוזאָג, און ווי אַזוי עס זיינען געבאָרן געוואָרן זיינע זין ישמעאל און יצחק. אין דעם זעלביקן ספר בראשית געפינט מען אויך די לעבנס-באַשרייבונג פון יצחקן און יעקבן, וואָס זיין נאָמען איז געוואָרן אומגעביטן אויף ישראל, און פון די צוועלף זין פון ישראל. ווייטער ווערט דאָרט דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן אין דער צייט פון אַ גרויסן הונגער אַראָפּגעוואַנדערט קיין מצרים. הערמיט ענדיקט זיך דער ספר בראשית, דאָס ערשטע בוך פון חומש. דאָס צווייטע בוך, שמות, דערציילט די געשיכטע פון משה.

די געשיכטע וועגן שעבוד מצרים, וועגן דעם אַז די בני-ישראל זיינען געווען קנעכט אין עגיפּטן, איז זייער אַ האַרבע שאלה. עס איז פאַראַן אַ פאַרצייכעניש אין די עגיפּטישע כראָניקעס, אַז דער פרעה רעמסס II האָט באַזעצט סעמיטישע שבטים אין לאַנד גושן, און עס ווערט דערציילט, אַז זיי זיינען געקומען קיין עגיפּטן צו זוכן זיך שפּייז. אָבער מכּות דעם לעבן און דעם אויפטו פון משהן ווערט אין די עגיפּטישע כראָניקעס גאָרנישט דערמאָנט; עס איז ניטאָ קיין שום ידיעה וועגן די מכּות אין מצרים אָדער מכּוח אַ פרעה, וואָס זאָל זיין אַיינגעזונקען אין ים-סוף. אַ סך זאַכן פון דעם, וואָס ווערט דערציילט וועגן משהן, האָט אַ מיטישן כאַראַקטער, און איינע פון די מערקווערדיקסטע זאַכן, וואָס ווערט וועגן אים דערציילט, אַז זיין מוטער זאָל אים האָבן באַהאַלטן אין אַ קעסטל פון ראָר, איז אויך געפונען געוואָרן אין אַן אַלטער שומערישער לעגענדע.

די שומערישע געשיכטע פון סרגון I דערציילט אָט וואָס:

„סרגון, דער מעכטיקער קיניג, דער קיניג פון אַכּד בין איך; מיין מוטער איז געווען אָרעם, מיין פאָטער קען איך ניט; דער ברודער פון מיין פאָטער האָט געלעבט אין די בערג... מיין מוטער, וואָס איז געווען אָרעם, האָט מיך געבוירן אין פאַרבאָרגעניש; זי האָט מיך אַריינגעלייגט אין אַ קעסטל פון ראָר-שטעקלעך, זי האָט פאַרמאַכט מיין טיר מיט ערד-פּעך, זי האָט מיך איבערגעענטפערט דעם טייך, וואָס האָט מיך ניט באַצוואונגען. דער טייך האָט מיך אָוועקגעטראָגן

און געבראַכט צו אַקי דעם באַוואַסערער. אַקי דער באַוואַסערער האָט מיך צוגענומען מחמת זיין גוט האַרץ. אַקי דער באַוואַסערער האָט מיך צוגענומען פאַר אַ קינד און האָט מיך אויפגעהאָדעוועט. אַקי דער באַוואַסערער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ גערטנער. מיין אַרבעט ווי אַ גערטנער איז געווען וואויל געפעלן אישתאַר און איך בין געוואָרן קיניג".

דאָס דערוועקט שאלות און ספקות. נאָך מער דערוועקט שאלות אַנטקעגן דער ביבל-דערציילונג אַ געפונען ליימען טאָוועלע, וואָס אַן עגיפּטישער גובערנאַטאָר פון אַ שטאָט אין כנען האָט געשריבן צום פּרעה אַמענאָפיס IV פון דער 8נטער דינאַסטיע, ד"ה אַ צייט פאַר רעמסס II; דאָרט ווערט דערמאָנט באַשיימפּערלעך דער נאָמען עברים (חאַבירי) און עס ווערט דערציילט, אַז זיי פאַלן אָן אויף כנען. עס איז קלאָר, אַז אויב די עברים האָבן געהאַלטן ביים איינעמען כנען אין דער צייט פון דער 18טער דינאַסטיע, איז ניט מעגלעך, אַז זיי זיינען געווען פאַרשקלאַפּט און אונטערדריקט, איידער זיי האָבן איינגענומען כנען, הורך רעמסס II פון דער 19-טער דינאַסטיע. מען קאָן אָבער דאָס דערקלערן אַזוי, אַז די מעשה פון חומש, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ לאַנגע צייט נאָך די געשעענישן גופא, וואָס זי דערציילט, האָט אפשר קאָנצענטרירט און פאַראיינפאַכט, און אפשר אויך פערזאָניפיצירט און סימבאָליזירט דאָס, וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ לאַנגע און פאַרפלאָנטערטע געשיכטע פון אינוואַזיעס פון די שבטים. איין שבט פון די עברים האָט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען קיין עגיפּטן און איז דאָרט געוואָרן פאַרשקלאַפּט און אין דער זעלביקער צייט האָבן אַנדערע שבטים שוין געמאַכט זייערע אָנפאַלן אויף די גרענעץ-שטעט פון די כנענים. עס איז אויך מעגלעך, אַז דאָס לאַנד פון דער געפאַנגענשאַפט איז געווען ניט עגיפּטן (מצרים), נאָר דאָס לאַנד מוצרי, וואָס געפינט זיך אין צפון-אַראַביע אויף יענער זייט ים-סוף. אָט די אַלע פראַגעס באַהאַנדלט אויספירלעך די ביבל-קריטיק און די געשיכטע-פאָרשונג פון אוראַלטן פאָלק ישראל.

צוויי אַנדערע ביכער פון חומש, דברים (משנה תורה) און ויקרא (תורת כוהנים), פאַרנעמען זיך מיט די געזעצן און מיט די דינים

פון די כּוהנים. דער ספר במדבר (חומש הפּקודים) דערציילט וועגן די וואַנדערונגען פון די בּני ישראל אין מדבר און וועגן זייער אַריינ-דרינגען אין כּנען.

אַליין איינס, וואָסערע עס זאָלן אויך זיין די פּרטים פון דעם אַריינדרינגען פון די בּני-ישראל אין לאַנד כּנען, איז קיין ספק ניט, אַז דאָס לאַנד, וואָס אין דעם זיינען זיי אַריינגעדרונגען, האָט זיך שטאַרק אומגעביטן זינט די טעג פון יענעם לעגענדאַרן צוזאָג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט יאָרהונדערטער פריער צו אברהמען. דעמאָלט איז דאָס געווען, ווייזט אויס, דער עיקר אַ סעמיטיש לאַנד, מיט אַ סך בּליענדיקע האַנדלס-שטעט. זינט דעמאָלט אָבער האָבן גרויסע כוואַליעס פרעמדע פעלקער פאַרפלייצט זיינע בּרעגעס. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אַזוי אויף די טונקעלע איבּערישע אָדער מיטללענדישע פעלקער פון איטאַליע און גריכנלאַנד, די פעלקער פון יענער עגעישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט דערגרייכט צו איר שפּיץ אין קנאָסאָס, זיינען אָנגעפאַלן פון צפון-זייט אַריש-רעדנדיקע פעלקער. די איטאַליענער און גריכן, און ווי אַזוי קנאָסאָס איז אויסגעראַבּעט געוואָרן אַן ערך אַרום 1400 פאַר קר. און אַרום 1000 פאַר קר. אינגאַנצן צעשטערט. עס איז איצט דערוויזן, אַז די פעלקער פון יענע עגעישע שטעט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבּערן ים זוכן פאַר זיך אַ מקום-מנוחה. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין דער עגיפּטישער דעלטע און אויפן אַפריקאַנער בּרעג אין מערב-זייט, זיי האָבן גע-שלאָסן בּונדן מיט די חיתּים און אַנדערע אַרישע אָדער אַריזירנ-דיקע פעלקער.

און עס איז געווען אין דער צייט נאָך רעמסס II, אין די טעג פון רעמסס III. עגיפּטישע מאָנומענטן פאַרצייכענען גרויסע ים-געשלעגן, און אויך אַ מאַרש פון די דאָזיקע „ים-פעלקער" פאַזע בּרעג פון פּאַלעסטינע קיין מצרים. זיי האָבן געפירט זייערע משׂאות אין וועגענער בּאַשפּאַנט מיט אָקסן, וואָס דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַרישע שבטים. אַזוי-אַרום איז קלאָר, אַז די דאָזיקע קרעטער זיינען געווען שותּפים מיט אַ שבט פון די אור-אַלטע אַריער. קיין צוזאַמענהענגענדיקע דערציילונג פון די דאָזיקע מלחמות, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט צווישן 1300 פאַר קר. און 1000 פאַר קר.,

איז נאָך ניטאָ, אָבער פון דער ביבלישער דערציילונג איז קלאָר, אַז בעת די בני־ישראל האָבן אונטער דער אָנפירונג פון יהושע פּאַוואָליע איינגענומען דאָס לאַנד כנען, האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ ניי פאָלק, די פלישתים, וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין אַ ריי שטעט פאַזע ברעג ים, וואָס די גרעסטע פון זיי זיינען געווען עזה, גת, אַשדוד, אשקלון און עקרון. די דאָזיקע פלישתים, הייסט דאָס, זיינען אויך געווען ניי אָנגעקומענע, ווי די בני־ישראל, און מסתמא זיינען זיי געווען די זעלביקע קרעטער, געקומען פון ים און פון צפון־זייט*.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז די בני־ישראל האָבן באַלד פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד כנען. נאָכן חומש קומען אין דער ביבל די ספרים: יהושע, שופטים, רות**, שמואל א׳ און שמואל ב׳, מלכים א׳ און מלכים ב׳ מיטן ס דברי הימים, וואָס חזרט איבער מיט קליינע שינויים אַ גרויסן טייל פון דעם מאַטעריאַל פון שמואל און מלכים. אין גרעסטן טייל פון דער דאָזיקער שפּעטערדיקער געשיכטע קומט צו אַלץ מער רעאַליטעט, און אין די דאָזיקע ביכער שטייט געשריבן, אַז די פלישתים האַלטן פעסט אונטער זייער ממשלה די פרוכפּעריקע נידערונגען אין דרום־זייט (שרון און שפלה), און די כנענים און פעניקיער (צידונים) האַלטן זיך קעגן די בני־ישראל אין צפון־זייט. נאָך יהושעס ערשטע נצחונות קומען ניט קיין נייע. דער ספר שופטים איז אַ מעלאַנכאָלישע רשימה פון מפּלות. דאָס פאָלק איז אַראָפּ פון גלייכן וועג. זיי האָבן פאַרלאָזן זייער אייגענעם גאָט יאַהווע און האָבן געדינט צו פרעמדע געטער, דעם בעל און עשתורת (בעל און אישתאַר). זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פלישתים, מיט די חיתים און אַזוי ווייטער און זיי זיינען געוואָרן אַ געמישטע ראַסע און אַזוי זיינען זיי געבליבן. זיי פלעגן אַמאָל זיך צונויפנעמען און פירן מלחמות קעגן זייערע שונאים אונטער דער אָנפירונג פון העלדישע און קלוגע פירערס, אָבער זיי האָבן זעלטן געהאַט הצלחה, און קיינמאָל זיינען זיי ניט געווען פאַראייניקט.

* אין דודס צייט ווערן דערמאָנט כרתי ופלתי, ד״ה קרעטער און פלישתים, צווישן דודס קריגסלייט.

** דאָס איז לויטן סדר פון דער אלטער לאַטייבישער איבערזעצונג.

איינע נאָך די אַנדערע האָבן די מואָבים, די כנענים, די מדינים, די פלישתים זיי אונטערטעניק געמאַכט און אונטערדריקט. דער ספר שופטים דערציילט די געשיכטע פון די דאָזיקע מלחמות, ווי אַזוי גדעון אָדער שמשון און אַנדערע העלדן האָבן אויף אַ צייט באַזיגט די שונאים און אַרויסגעראַטעוועט ישראל פון שווערער נויט און פיין. אין ספר שמואל א׳ ווערט דערציילט די געשיכטע פון זייער גרויסער מפּלה ביים אבן-העזר אין די טעג, ווען עלי איז געווען כוהן און שופט.

דאָס איז געווען אַן אמתע פאַרלענדונגס-שלאַכט, וואָרעם די בני ישראל האָבן אין איר אָנגעוואָרן 30 טויזנט מאַן (!). פריער האָבן זיי נאָך געהאַט געליטן אַ מפּלה און אָנגעוואָרן דערביי 4000 מאַן. דעמאָלט האָבן זיי אַרויסגעטראָגן זייער הייליקסטן סימבאָל, דעם ארון-הברית פון יאַהווע.

„און עס איז געווען, אַז דער ארון-הברית פון גאָט איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָט גאַנץ ישראל געטאָן שאַלן מיט גרויס געשאַל, אַזוי, אַז די ערד האָט געהילכט. האָבן די פלישתים דערהערט דעם קול פון געשאַל און זיי האָבן געזאָגט: „וואָס איז דער קול פון דאָזיקן גרויסן געשאַל אין לאַגער פון די עברים?“ און זיי האָבן געוואוסט, אַז דער אָרון פון גאָט איז געקומען אין לאַגער. האָבן די פלישתים מורא געהאַט, וואָרעם זיי האָבן געזאָגט: „ווי צו אונז! עס איז ניט געווען אַזוינס נעכטן און אייערנעכטן! ווי צו אונז! ווער וועט אונז ראַטעווען פון האַנט פון דעם דאָזיקן מעכטיקן גאָט? דאָס איז דאָך דער גאָט, וואָס האָט געשלאָגן די עגיפּטער מיט אַלע שלעק אין מדבר. שטאַרקט זיך און זייט מענער, איר פלישתים, כדי איר זאָלט ניט דאַרפן דינען די עברים, ווי זיי האָבן אײַך געדינט. זייט מענער און קעמפט“.

„און די פלישתים האָבן געקעמפט און ישראל איז געשלאָגן געוואָרן און זיי זיינען אַנטלאָפן איטלעכער אין זיין געצעלט. און עס איז געווען דער קלאַפּ זייער גרויס, און עס זיינען געפאַלן פון ישראל דרייסיק טויזנט פוסגייער. און דער אָרון פון גאָט איז גענומען געוואָרן; און די צוויי זין עלים, חפני און פנחס, זיינען געשטאָרבן.

„און עס איז אַנטלאָפֿן אַ מאַן פֿון בנימין פֿון שלאַכט־פֿעלד און ער איז געקומען קיין שילה אין זעלביקן טאָג, און זיינע קליידער זיינען געווען צעריסן און ערד אויף זיין קאָפּ. און אַז ער איז געקומען, איז עלי געזעסן אויפֿן שטול ביים וועג און ער האָט אויסגעקוקט, וואָרעם זיין האַרץ האָט געציטערט פֿאַר אָרון פֿון גאָט. און דער מאַן איז געקומען אָנצוזאָגן אין שטאָט, און די גאַנצע שטאָט האָט גענומען שרייען. און אַז עלי האָט געהערט דעם קול פֿון געשריי, האָט ער געפֿרעגט: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קול פֿון רעש?“ איז דער מאַן האַסטיק געקומען און האָט גע־זאָגט עלין. און עלי איז געווען אַלט אַכט־און־ניינציק יאָר, און זיינע אויגן זיינען געווען פֿאַרטונקלט, און ער האָט ניט געקאָנט זען. און דער מאַן האָט געזאָגט צו עלין: „איך בין דאָס דער, וואָס איז געקומען פֿון שלאַכטפֿעלד און איך בין פֿון שלאַכטפֿעלד אַנטלאָפֿן היינט“. און ער האָט געזאָגט: „וואָס איז געשען, מיין זון?“ און דער אָנזאָגער האָט געענטפֿערט: „אַנטלאָפֿן איז ישראל פֿאַר די פּלישתּים, און אויך אַ גרויסן קלאַפּ האָט געקראָגן דאָס פֿאָלק. און אויך דיינע צוויי זין זיינען געשטאָרבן, חפני און פּנחס, און דער אָרון פֿון גאָט איז גענומען געוואָרן“. און עס איז גע־ווען, אַז ער האָט דערמאָנט דעם אָרון פֿון גאָט, איז ער אַראָפּ־געפֿאַלן הינטערוווילעכס פֿון שטול אַראָפּ ביים טויער, און עס איז צעבראָכן געוואָרן זיין קאַרק, און ער איז געשטאָרבן, וואָרעם אַלט איז געווען דער מאַן און שווער. און ער האָט געמשפּט ישראל פֿערציק יאָר.

„און זיין שנור, די ווייב פֿון פּנחסן, איז געווען ביים געלעגן ווערן, און אַז זי האָט געהערט די בשורה, אַז דער אָרון פֿון גאָט איז גענומען געוואָרן, און אַז געשטאָרבן זיינען איר שווער און איר מאַן, האָט זי אַנידערגעקנײט און געבוירן, וואָרעם די ווייען האָבן זי פֿאַרכאַפּט. און ביים שטאַרבן האָבן די פֿרויען, וואָס שטייען אַרום איר, געזאָגט: „שרעק זיך ניט, וואָרעם דו האָסט געבוירן אַ זון“. און זי האָט ניט געענטפֿערט און זיך ניט געווענדט צו זיי. און זי האָט אָנגערופֿן דאָס קינד: אי כבוד, דאָס הייסט: אַוועק איז דער כבוד פֿון ישראל; פֿונוועגן דעם, וואָס דער אָרון פֿון

גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן און פונוועגן איר שוועך און איר מאַן" (שמואל א' קאַפּיטל ד').

נאָך עלין איז געווען אַ שופט שמואל. ער איז געווען דער לעצטער פון די שופטים; צום סוף פון זיין רעגירונג האָט געטראָפן אין דער געשיכטע פון ישראל אַ געשעעניש, וואָס טרעפט ביי אַזאַ לאַגע ביי אַלע פעלקער. עס איז אויפגעשטאַנען ביי זיי אַ קיניג. אין אַ לעבעדיקער שפּראַך ווערט אין דער ביבל דערציילט מכוח דעם איבערגאַנג פון דער עלטערער כוהנים-הערשאַפט צו אָט דעם נייעם סדר פון די מענטשלעכע ענינים. דאָ מוז מען ווידער ברענגען אַ ציטאַט פון דער ביבל. ווי דייטלעך קלינגט אַרויס די מיינונג פון די כוהנים פון גאָטס רייד צו שמואלן!

„האָבן אַלע עלטסטע פון ישראל זיך צונויפגעקליבן און זיינען געקומען צו שמואלן קיין רמה. און זיי האָבן צו אים געזאָגט: „אָט דו ביסט אַלט, און דיינע זין גייען נישט אין דיינע וועגן. איצטער זעץ אַוועק איבער אונז אַ קיניג, ער זאָל אונז משפּטן, ווי אַלע פעלקער".

„איז אָבער די זאַך נישט געפעלן געוואָרן אין שמואלס אויגן, אַז זיי האָבן געזאָגט: גיב אונז אַ קיניג צו משפּטן אונז. און שמואל האָט מתפּלל געווען צו גאָט. און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: „האָרך זיך צו צו דער שטים פון פאָלק, צו אַלץ, וואָס זיי וועלן צו דיר זאָגן, וואָרעם נישט דיך האָבן זיי פאַרוואָרפן, נייערט מיך האָבן זיי פאַרוואָרפן פון צו קיניגן איבער זיי. ווי אַלע מעשים, וואָס זיי האָבן געטאָן, זינט דעם טאָג, ווען איך האָב זיי אַרויסגעבראַכט פון מצרים, און ביזן הײַנטיקן טאָג, אַז זיי האָבן מיך פאַרלאָזט און האָבן געדינט צו פרעמדע געטער, אַזוי טוען זיי אויך צו דיר. און איצט זאָלסטו פאָלגן, וואָס זיי זאָגן דיר, נאָר וואָרענען זאָלסטו זיי און זיי זאָגן דאָס געזעץ פון קיניג, וואָס וועט קיניגן איבער זיי".

„און שמואל האָט געזאָגט אַלע די רייד גאָטס צום פאָלק, וואָס זיי האָבן ביי אים געבעטן אַ קיניג. און ער האָט געזאָגט: „דאָס איז דאָס געזעץ פון קיניג, וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער נעמען און וועט זיי אַוועקשטעלן ביי זיינע



דער אוהל-מועד, דאָס הייליקטום, וואָס די בני ישראל האָבן געפירט מיט זיך אין מדבר.

רייטוועגן און בײַ זײַנע רײַטערס, און זיי וועלן לויפן פאַר זײַן רײַט-וואָגן; און ער וועט זיך מאַכן האַרן איבער טויזנט און האַרן איבער פופציק; און אויך צו אַקערן זײַן אַקער און אויך צו שנײַדן זײַן שניט און אויך צו מאַכן זײַן קריגס-געצײַג און זײַן רײַט-געצײַג. און אײַערע טעכטער וועט ער נעמען פאַר פּרעגלעריגס און פאַר קעכינס און פאַר בעקערינס. און אײַערע בעסטע פעלדער און ווײַנגערטנער און איילבירטן וועט ער צונעמען און אָפּגעבן זײַנע קנעכט. און פון אײַער זאָט און פון אײַערע ווײַנגערטנער וועט ער נעמען דאָס צענטל און געבן צו זײַנע באַדינער און קנעכט. און אײַערע קנעכט און אײַערע דינסטן און אײַערע בעסטע יונגעלײַט און אײַערע אייזלען וועט ער נעמען און באַנוצן פאַר זײַן אַרבעט. פון אײַער שאָף וועט ער אַראָפּנעמען אַ צענטל, און איר וועט אים זײַן קנעכט. און איר וועט שרײַען אין יענעם טאָג פונוועגן אײַער קיניג, וואָס איר האָט זיך אויסגעקליבן, און ניט ענטפערן וועט אײַך גאָט אין יענעם טאָג".

„האָט אָבער דאָס פאָלק ניט געוואָלט האָרכן צו שמואלס שטים. און זיי האָבן געזאָגט: „ניין, נייערט נאָר אַ קיניג זאָל זײַן איבער אונז, און מיר זאָלן אויך זײַן ווי אַלע פעלקער, און זאָל אונז משפּטן אונזער קיניג און זאָל אַרויסגיין פאַר אונז און זאָל פירן אונזערע מלחמות" (שמואל א׳ קאַפּ. ח *).

---

2. שאול, דוד און שלמה.

אָבער די נאַטור און די לאַגע פון זייער לאַנד איז געווען קעגן די בני ישראל, און זייער ערשטער קיניג שאול האָט געהאַט ניט מער הצלחה, ווי די שופטים. אין צווייטן טייל פון ספר שמואל א׳ ווערט דערציילט וועגן דעם לאַנגן קאַמף, וואָס שאול

---

* טייל היסטאָריקער האַלטן, אַז אַט די דערציילונג שטאַמט פון די שפּעטערדיקע נביאים און איז אַ טענדענץ-שריפט צום קאַמף קעגן קיניגטום. די עלטערע דערציילונג וועגן גרינדונג פון דער קיניגס-מאַכט אין ישראל געפינט זיך אין שמואל א׳ ט׳, י׳ ביז פסוק 16, י״א. (דער איבערז.).

האָט געפירט קעגן דעם באַנדע=הויפּטמאַן דוד; דער סוף פון שאולן איז געווען אַ גרויסע מפּלה אויפן באַרג גלבוע. זיין אַרמיי איז באַזיגט געוואָרן דורך דעם כוח פון די פלישתּישע בויגן=שיסערס און ער אַליין איז געפאַלן אין שלאַכט.

„און עס איז געווען אויף מאָרגן, זיינען געקומען די פלישתּים צו באַרויבן די געפאַלענע. האָבן זיי געפונען שאולן און זיינע דריי זין געפאַלן אויפן באַרג גלבוע. האָבן זיי אָפּגעשניטן אים דעם קאָפּ און אויסגעטאָן אים די געווער און געשיקט אַנזאָגן אין לאַנד פלישתּים אַרום אין זייערע געצן=הייזער. און זיי האָבן אַוועקגעלייגט זיינע געווער אין הויז פון עשתּרות און זיין גוף האָבן זיי אויפגעהאַנגען אויפן מויער פון בית=שאָן" (שמואל א' קאַפּ. ל"א).



סטאַטוע פון רעמסס II פון דער 19טער דינאַסטיע. ער האָט געקיניגט 67 יאָר.

דוד (אַרום 990 פאַר קר.) איז געווען מער פּאָליטיקער ווי זיין פאָרגייער און האָט געהאַט מער הצלחה. ער האָט זיך געשטעלט, ווייזט אויס, אונטער דעם שוץ פון חירם דעם קיניג פון צור. דער דאָזיקער בונד מיט די פעניקער האָט אים אונטערגעהאַלטן און איז געווען דער גרונט=עלעמענט אין דער גדולה פון זיין זון שלמה. זיין געשיכטע, מיט די פּסדודיקע רציחות און שטראָף=עקזעקוציעס, לייענט זיך מער ווי די געשיכטע פון אַ ווילדן שבט=עלטסטן, איי=

דער ווי פון אַ ציוויליזירטן מאָנאַרך. זי ווערט דערציילט מיט גרויס לעבעדיקייט אין ספר שמואל ב׳.

דער ספר מלכים א׳ הייבט זיך אָן מיט דער רעגירונג פון שלמה המלך (960 פאַר קר. אַן ערד). די אינטערעסאַנטסטע זאַך אין שלמהס געשיכטע פון וועלט-געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט איז זיין באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער רעליגיע און צו דער כּהונה און זיין באַגיין זיך מיטן משכּן, מיטן כּוהן צדוק און מיט נתן הנביא.

סטאטוע פון רעמסס IIטנס ווייב
אין טעמפּל פון לוקסאָר.

דער אָנהייב פון שלמהס רעגירונג איז געווען פונקט אַזוי בלוטיק ווי זיין פאָטערס. די לעצטע ווערטער דודס, וואָס זיינען פאַרצייכנט, איז אַ באַפעל צו הרגענען שמעי בן גראַ; זיין לעצט וואָרט, וואָס ווערט דערמאָנט, איז „בלוט“. „דו זאָלסט זיין גראָען קאָפּ מאַכן אַראָפּנידערן אין שאול מיט בלוט“, זאָגט ער אָן שלמהן בנוגע שמעי בן גראַ: דוד האָט אים געהאַט צוגעשוואָרן, אַז ער וועט אים ניט טויטן, כּל־זמן ער, דוד, וועט לעבן, שלמה אָבער איז דורך דער דאָזיקער שבועה ניט געבונדן. שלמה האָט אויך געלאָזט טויטן זיין ברודער, וואָס האָט געפּרוּווט פאַרכאַפּן דעם טרון, נאָר האָט זיך אָפּגעשראָקן און זיך אונטערגעגעבן. און דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ קורצן הכלית פון זיין ברודערס צד. דעם כּוהן, וואָס איז געווען קעגן אים, זעצט ער אַראָפּ און פאַרבייט אים

דורך זיין אייגענעם אָנהענגער צדוק. די גרינגקייט, וואָס מיט איר איז דאָס געטאָן געוואָרן, באַווייזט, ווי שוואַך די ווירקונג פון רעליגיע איז געווען דעמאָלט אויף די ראַסיק און גייסטיק-אויסגעמישטע יידן. נאָך מער באַווייזט דאָס דער אופן, ווי אַזוי עס איז דערהרגעט געוואָרן יואָב, דודס שר-צבא: ער האָט זיך באַהאַלטן אין היילקטום און אָנגעכאַפּט זיך פאַר די הערנער פון מזבח, בכדי צו זוכן דאָרט שוץ, נאָר בניהו, שלמהס הויפּטמאַן, האָט אים דערהרגעט אין היילקטום. דערנאָך האָט שלמה אויסגעפירט אַ זאַך, וואָס איז פאַר יענער צייט געווען דורכאויס מאָדערן: ער האָט דורכגעפירט אַ רעפאָרמע אין דער רעליגיע פון זיין פאָלק. ער האָט ווייטער געהאַלטן דעם בונד מיט חירם דעם קיניג פון צור, וואָס האָט אויסגענוצט שלמהס קיניגרייך, ווי אַ יבשה-וועג, וואָס דורך אים האָט ער געקאָנט דערגרייכן צום רויטן ים און בויען דאָרט שיפן. ווי אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער שותפות האָט אין ירושלם גענומען זיך אָנקלייבן אַן עשירות, וואָס אַזוינס איז דאָרט נאָך ניט געווען.

אין ישראל האָט זיך באַוויזן צוואַנגס-אַרבעט. שלמה פלעגט שיקן גאַנצע קבוצות אַרבעטער צו האַקן געהילץ אין לבנון פאַר חירם דעם קיניג פון צור און האָט אָרגאַניזירט טרעגערס אַריבערצוטראָגן דאָס דורכן לאַנד (דאָס דערמאָנט אַ צענטראַל-אַפריקאַנישן שבט-עלטסטן, וואָס פאַרדינגט זיין פאָלק צו אַרבעטן פאַר אַן אייטאָפּעישער האַנדלס-געזעלשאַפט). דערנאָך האָט שלמה אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ פאַר זיך און אַ היילקטום פאַר יאַהווע, אַ סך אַ קלענערס. ביז אַהער איז דער אָרון-הברית, דער געטלעכער סימבאָל פון די אַלטע עבריים, געשטאַנען אין אַ גרויסן געצעלט (אוהל-מועד), וואָס פלעגט ווערן אַריבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט, און מען פלעגט ברענגען קרבנות צום גאָט פון ישראל אויף פאַרשיידענע הויכקייטן (במות). איצט האָט מען אַריינגעבראַכט דעם אָרון אין אַ שטיינערנעם טעמפּל, אין גאָלדענעם גלאַנץ פון קדשי-קדשים, וואָס זיינע ווענט זיינען געווען באַשלאָגן מיט ברעטער פון צעדערהאָלץ, און מען האָט אים אַוועקגעשטעלט צווישן צוויי גרויסע באַפליגלטע פיגורן (כרובים) געמאַכט פון אייל-

בירטן-האָלץ באַשלאָגן מיט גאָלד-בלעך און קרבנות האָט מען באַדאַרפט ברענגען פון איצט אָן נאָר אויפן מזבח פאַרן אָרון.

די דאָזיקע צענטראַליזיר-רעפאָרם דערמאָנט געוויס דעם לעזער אָן די פרוון פון עכנאַטאָן און נאַבונאַהיד. אַזעלכע נייסן ווי די קאָנען געטאָן ווערן נאָר דעמאָלט מיט הצלחה, ווען דער פרעסטיזש און די טראַדיציע און די תורה פון דעם כּוהנים-שטאַנד איז שטאַרק געפאַלן.

„און ער האָט אַוועקגעשטעלט, לויט דעם דין פון זיין פאָטער דוד, די אָפּטיילונגען פון די כּהנים אויף זייער עבודה און די לוויים אויף זייער וואַך, צו לויבן און צו באַדינען פאַר די כּוהנים, לויט דער פאָדערונג פון איטלעכן טאָג, און טויער-וועכטערס אין זייערע אָפּטיילן ביי איטלעכן טויער, וואָרעם אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דויד דעם געטלעכן מאַן. און זיי האָבן ניט אָפּגעטראָטן פון קיניגס באַפעל צו די כּוהנים און לוויים בנוגע יעטווידער זאַך און בנוגע די אוצרות" *.

ניט דאָס, וואָס שלמה האָט אויסגעבויט דעם בית-המקדש און איינגעשטעלט אויף נייע יסודות דעם דינסט צו יאַהווע אין ירושלים, און אויך ניט דאָס, וואָס ער האָט אינאָנהייב פון זיין רעגירן געריכט מיט גאָט, — האָבן אים ניט אָפּגעהאַלטן אין די עלטערע יאָרן זיך אַוועקצוטאָן צו פרעמדע געטער. ער האָט גענומען אַ סך ווייבער, בכדי צו פאַרגרעסערן זיין מאַכט און דעם גלאַנץ פון זיין הויף, און פאַר אַלע זיינע ווייבער האָט ער געלאָזט ברענגען קרבנות צו זייערע נאַציאָנאַלע געטער, צו דער צידונישער גאָטהייט עשתּורת, צום מואָבישן גאָט כמוש, צום מולך אאַז"וו. די ביבלישע דערציילונג וועגן שלמה המלך ווייזט אונז אַ קיניג, וואָס איז לחלוטין ניט מער רעליגיעז און מער פעסט אין זיין אמונה, ווי יעדער אַנדערער, און אַ פאָלק, וואָס איז אָבערגלויביש און גייסטיק צעטומלט ניט ווייניקער פון אַלע אַרומיקע פעלקער.

אַ היפשן אינטערעס האָט דער פונקט אין שלמהס געשיכטע, וואָס איז נוגע זיין שידוך מיט פרעהס טאָכטער, וואָרעם דאָס באַליכט

* די געבראַכטע עטלעכע פסוקים שטאַמען פון דברי הימים ב' קאַפּ. ח' 13—15), אַ בוך וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צייט פון בית שני, און די היסטאָריקער פאַרלאָזן זיך ניט אויף זיינע ידיעות. (דער איבערז.).

אַ געװיסן צושטאַנד אין דער עגיפּטישער געשיכטע. דאָס איז מסתּמא געשען מיט איינעם פון די פּרעהס פון דער 21טער דינאַסטיע. אין די גרויסע טעג פון אַמענאָפיס III האָט אַ פּרעה, װערליג עס זאָגן עדות די בריװ פון תל־אל־עמרנא, געקאָנט זיך אַראָפּלאָזן אַזוי װייט, אַז ער איז מרוצה געװען אַריינצונעמען אַ בבלישע פּרינצעסין אין זיין האַרעם, אָבער ער האָט לחלוטין ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז אַזאַ געטלעך װעזן װי אַן עגיפּטישע פּרינצעסין זאָל חתונה האָבן מיט אַ בבלישן מאָנאַרך. דאָס באַװייזט אַ היפּשע ירידה פון דעם עגיפּטישן פּרעסטיזש, אויב איצט, אין דריי הונדערט יאָר אַרום, האָט אַ קיניג פון אַ קליינינקער מלוכה, װי שלמה, געקאָנט קריגן אין זיין האַרעם אַן עגיפּטישע פּרינצעסין. דערפאַר אָבער איז אין דער נאָענטסטער עגיפּטישער דינאַסטיע (דער 22סטער) געקומען אַן אויפלעבונג. און דער פּרעה שישק, דער גרינדער פון דער דאָזיקער דינאַסטיע, האָט אויסגענוצט די שפּאַלטונג צװישן ישראל און יהודה, װאָס האָט זיך אַנטװיקלט בעת דער רעגירונג פון דוד און שלמה און איז פאַרענדיקט געװאָרן נאָך שלמהס טויט, און האָט איינגענומען ירושלים און האָט אויסגערויבט סיי דעם נייעם בית־המקדש און סיי דעם קיניגס פּאַלאַץ און אַראָפּגענומען דעם גאַנצן גלאַנץ, װאָס האָט געהאַט אַזוי אַרום נאָר קורצע יאָרן.

שישק האָט, װייזט אויס, אויך אונטערטעניק געמאַכט די פּלישתּים. זינט דער צייט איז צו מערקן, אַז די חשיבות פון די פּלישתּים װערט אויסגעװעבט. זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעװאָרן זייער קרעטישע שפּראַך און אָנגענומען די שפּראַך פון די סעמיטן, װאָס זיי האָבן געהאַט באַצװונגען, און הגם זייערע שטעט זיינען געבליבן מער װייניקער אומאָפּהענגיק, זיינען זיי דאָך בהדרגה אונטערגעגאַנגען אין דעם אַלגעמיינעם סעמיטישן לעבן פון פּאַלעסטינע.

עס איז באַשיימפּערלעך, אַז די לכתּחילהדיקע פּשוטע, נאָר באַגלויבטע דערציילונג װעגן שלמהס רעגירונג, װעגן זיינע פאַרשיידענע מערדערייען, װעגן זיין פאַרבינדונג מיט חירמען, װעגן זיין בויען דעם בית־המקדש און דעם פּאַלאַץ און דערנאָך װעגן זיינע אומגעלומפּערטע מעשים, װאָס האָבן אָפּגעשװאַכט זיין קיניגרייך און דערנאָך צעשפּאָלטן דאָס, איז שפּעטער איבערגעמאַכט געװאָרן דורך אַ שרייבער פון

אַ שפּעטערדיקן דור, וואָס איז אויסן געווען צו פאַרגרעסערן שלמהס גדולה און צו פאַרהערלעכן זיין חכמה, און דערפאַר האָט ער אַריינגע-שטעלט פון זיך פאַרשיידענע מעשיות און רעדעס. עס איז ניט דאָ דער אָרט צו פאַרנעמען זיך מיט ביבל-קריטיק, נאָר מען באַדאַרף דערצו ניט קיין געלערנטקייט, נייערט דער געוויינטלעכער שכל הישר איז גענוג צו אונטערשיידן, וואו עס גייט די דערציילונג פון אַ שרייבער אַ בן-דור אָדער כמעט אַ בן-דור, און וואו עס קומט אַריין די האַנט פון אַ שפּעטערדיקן: דער ערשטער דערציילט די געשיכטע פון דויד און שלמה דורך בפירושע רעאַלע און אמתדיקע פאַקטן, דערביי דערקלערט ער אַמאָל און פאַרענטפערט אַמאָל, אָבער ער טיילט ניט אַפילו די

אשורבאניפאל — דער לעצטער קיניג פון נינווה — אויף לייבן-געיעג.
פון א בארעליעף.

סאַמע מיאוסטע זאַכן, ווייל ער איז זיכער, אַז באַהאַלטן זיי קאָן מען ניט, דעם צווייטנס האַנט אָבער באַמערקט מען תיכף, ווי עס באַ-ווייזן זיך שבחים און פאַרהערלעכונגען פון די מושלים.

עס איז ממש אַ חידוש, וואָס פאַר אַ כוח עס האָט אויפן מענטש-לעכן גייסט דאָס געשריבענע וואָרט, אַז עס פאַרשטעלט אַפילו רעאַלע זאַכן. אָט די דערציילונג פון דער ביבל האָט גורם געווען, אַז ניט נאָר אין דער קריסטלעכער וועלט, נייערט אויך באַזונדערס אין דער מוסלמאַנישער וועלט האָט זיך איינגעוואָרצלט דער גלויבן, אַז שלמה המלך איז געווען לא די וואָס דער רייכסטער און הערלעכסטער פון אַלע מלכים, נאָר אויך דער קליגסטער פון אַלע מענטשן. נאָך דער

ספר מלכים א׳ דערציילט די פרטים פון זיין גרויסן גלאַנץ. נאָר פאַרגלייכט מען זיינע בנינים מיט דער שיינקייט און מיט די חידושים פון די בנינים און אָרגאַניזאַציעס פון אַזעלכע מאָנאַרכן, ווי תּותמס III אָדער רעמסס II אָדער אַ נאָך אַ האַלב טוץ אַנדערע פרעהס, אָדער פון סרגון II אָדער סאַרדאַנאַפּאַל אָדער נבוכדנאצר דעם גרויסן, זיינען זיי נישטיק און נעבעכדיק. זיין טעמפּל אינעווייניק האָט געהאַלטן 20 איילן אין דער ברייט, דאָס הייסט אַרום 35 פוס — אַן ערך די ברייט פון אַ קליינער ווילע — און 60 איילן, דאָס הייסט 100 פוס, אין דער לענג. די אייל (העבר. אמה) ווערט געשאַצט פאַרשיידן, די גרעסטע שאַצונג איז 44 צאָל. ביי דער מאָס וואָלט די ברייט געהאַלטן ביי זיבעציק פוס און די לענג — 200 פוס. וואָס איז שייך זיין חכמה און פּאָליטיק-קונסט, באַדאַרף מען ניט גיין ווייטער פון דער ביבל גופא, בכדי איינצוזען, אַז שלמה איז געווען אַ פּשוטער העלפער אין די ברייט-אויסגערעכנטע פּלענער פונם הענדלער-קיניג חירם, און אַז זיין קיניגרייך איז געווען נאָר אַ פּיאָן אין דער שפּיל צווישן פעניקיע און עגיפּטן. זיין חשיבות האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער עיקר דעם פאַקט, וואָס עגיפּטן איז צייטווייליק געווען אָפּגעשוואַכט, און דאָס האָט געשטאַרקט די אַמביציע פון די פעניקיער, און באַוואויגן זיי דעריבער צו זוכן די פריינדשאַפט פון דעם קיניג, וואָס דאָט געוועלטיקט איבער אַ מעגלעכן וועג קיין מזרח. בנוגע צו זיין אייגענעם פאָלק איז שלמה געווען אַן אויסברענגערישער און באַדריקערישער מאָנאַרך, און תּיכף נאָך זיין טויט איז זיין קיניגרייך צעפאַלן.

מיט דער רעגירונג פון שלמה המלך ענדיקט זיך די קורצע גדולה פון ישראל. דער צפונדיקער און רייכערער טייל פון זיין קיניגרייך, וואָס איז געווען לאַנג אונטערדריקט דורך צינז-אָפּצאָל, בכדי אונטערצוהאַלטן שלמהס גלאַנץ, שפּאַלט זיך אָפּ פון ירושלים און ווערט אַ קיניגרייך פאַר זיך, מלכות אפרים אָדער מלכות ישראל. די דאָזיקע שפּאַלטונג רייסט איבער די פאַרבינדונגס-קייט צווישן צור און צידון און דעם רויטן ים, וואָס נאָר פון דעם האָט זיך גענומען דער גלאַנץ פון שלמהס רייכקייט. זינט דעמאָלט איז שוין ניטאָ קיין רייכקייט אין דער געשיכטע פון ישראל. ירושלים בלייבט די הויפּטשטאָט פון איין שבט, פון שבט יהודה, אַ הויפּטשטאָט פון אַ לאַנד פון

טרוקענע בערגלעך, אָפּגעשניטן פון ים דורך די פּלישתּים און אַרומגערינגלט פון שונאים.

אין משך פון דריי יאָרהונדערטער ציט זיך די דערציילונג פון מלחמות, פון רעליגיעזע קאָנפליקטן, פון קרוין־ריב און ברודערמאָרד, כּדי צו זיכערן דעם טראָן. עס איז אַ געשיכטע אַ באַשיימפּערלעך באַרבאַרישע. ישראל פירט מלחמה מיט יהודה און מיט די שכנישע מלוכות; פאַרבינדט זיך צוערשט מיט איינער, דערנאָך מיט דער אַנדערער. דער כּוח פון די ארמים ברענט ווי אַ בייזער שטערן איבער דער געשיכטע פון ישראל, און דערנאָך שטייט אויף הינטער אים די גרויסע און די וואַקסנדיקע מאַכט פון דער לעצטער אימפּעריע פון אַשור. אין משך פון דריי יאָרהונדערטער איז דאָס לעבן פון די בני ישראל געגליכן צום לעבן פון אַ מענטשן, וואָס וויל דווקא זיצן אינמיטן אַ באַלעבטער דורכפאָר־גאַס, און ווערט דערפאַר כּסדר אַריבערגעפאָרן פון אָמניבוסן און מאָטאָר־וואָגנס.

וועדליג די ביבל דערציילט איז פול (קענטיק, דער זעלביקער, וואָס הייסט אַנדערש תּגלת פּלאסר III) דער ערשטער אַשורישער מאָנאַרך, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן ישראלישן האָריזאָנט, און דער קיניג מנחם קויפט זיך אָפּ ביי אים מיט טויזנט טאַלענטן זילבער (738 פאַר קר.). אָבער די מאַכט פון אַשור איז געווענדט גלייך קעגן דעם איצט געעלטערטן און אָפּגעשוואַכטן לאַנד פון מצרים, און די ליניע פון אַשורס אָנפאַל ליגט דורכן לאַנד יהודה. תּגלת פּלאסר III קומט ווידער אַמאָל און שלמנאסר גייט אין זיינע טריט. דער קיניג פון ישראל אינטריגירט מכּוח הילף מיט עגיפּטן, דעם דאָזיקן „צעבראָכענעם ראָר־שטעקל" (הקנה הרצוץ), און אין יאָר 721 פאַר קר. איז דאָס דאָזיקע קיניגרייך, ווי מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, פאַרטריבן געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און אויסגעמעקט געוואָרן אויף שטענדיק פון דער געשיכטע. די זעלביקע סכּנה האָט אויך געהויערט איבער יהודה, אָבער אויף אַ קליינער וויילע איז זי געוואָרן אָפּגעווענדט. מכּוח דעם כּוח פון סנחריבס חיל אין די טעג פון קיניג חזקיה (701 פאַר קר.), און ווי אַזוי די זין זיינע האָבן סנחריבן אומגעבראַכט (מלכים ב' י"ט 37), האָבן מיר שוין דערמאָנט. אַז אַשור האָט דערנאָך אונטער־

טעניק געמאַכט עגיפּטן, דאָס ווערט אין די הייליקע שריפטן ניט דער־
מאָנט, נאָר עס איז קלאָר, אַז פאַר דער רעגירונג פון סנחריב האָט



צוויי בויגנשיסערס און א שילד־טרעגער פון אשורישן חייל. א רעליעף.

דער קיניג חזקיה געפירט אַ דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ מיט בבל,
וואָס האָט געהאַט מורד געווען קעגן סרגון II פון אַשור. דערנאָך האָט

אסרחדון איינגענומען עגיפטן, און שפעטער איז אשור געווען פארנומען מיט די אייגענע צרות; די סקיטן אין מדי און פרס האבן זי צוגעקוועטשט פון צפון-זייט, און בבל האט מורד געווען. ווי מיר האבן שוין פריער פארצייכנט, איז עגיפטן, וואס איז אויף א צייט פטור געווארן פון אשורישן דרוק, אריינגעטראטן אין א פאזע פון אויפלעבונג, צוערשט אונטער פסאמעטיך און דערנאך אונטער נכו II.

בינתים האט די קליינע מלוכה ווידער געמאכט פעלערן אין אירע פארבינדונגען. נאר קיין זיכערקייט איז פון קיין זייט ניט געווען. דער קיניג יאשיהו האט זיך אנטקעגנגעשטעלט קעגן נכו, און דערפאר איז ער דערהרגעט געווארן אין דער שלאכט ביי מגידו (608 פאר קר.). דער קיניג פון יהודה האט געמוזט צאלן צינז עגיפטן. דערנאך, אז נכו, נאכדעם ווי ער איז געווען פארגעדרונגען אזש ביז צום פרת, איז געפאלן פאר נבוכדנאצר II, איז יהודה געפאלן מיט אים (604 פאר קר.). נאכדעם ווי נבוכדנאצר האט געפרווט אוועקזעצן דריי מלכים, וואס זאלן אים זיין אונטערטעניק, האט ער סוף-כל-סוף פארטריבן דעם גרעסטן טייל פון יידישן פאלק אין געפאנגענשאפט קיין בבל (586 פאר קר.). די איבעריקע האבן מורד געווען און אויסגעהרגעט די בבלישע באאמטע, און דערנאך זיינען זיי אנטלאפן קיין מצרים, ווייל זיי האבן מורא געהאט פאר דער נקמה פון די כשדים.

„און אלע כלים פון גאטסהויז די גרויסע און די קליינע, און די אוצרות פון גאטס-הויז, און די אוצרות פון קיניג און פון זיינע שרים — אלץ האט ער געבראכט קיין בבל. און זיי האבן פארברענט גאטס הויז און צעבראכן די מויערן פון ירושלים און אלע אירע פאלאצן פארברענט אין פייער, און אלע אירע טייערע זאכן פארדארבן. און ער האט פארטריבן דעם רעשט, וואס איז געבליבן פון שווערד, קיין בבל און זיי זיינען געווען קנעכט פאר אים און פאר זיינע זין, ביז עס האט געקיניגט דאס קיניגרייך פון פרס" (דה"י ב לו 18, 19, 20).

אזוי האבן זיך געענדיקט די פיר יארהונדערטער פון קיניגרייך אין ישראל. פון אנהייב ביזן סוף איז עס געווען נאר א קליינער עפיזאד אין דער ברייטערער און גרעסערער געשיכטע פון עגיפטן, סיריע, אשור און פעניקיע. נאר גראד פון דעם האבן בארארפט

אַרויסגיין העכסט וויכטיקע מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פּועל־יוצאס פאַר גאָר דער מענטשהייט.

---

3. די יידן אַ פאָלק פון געמישטן אָפּשטאַם.

די יידן, וואָס זיינען אין מער ווי אין צוויי דורות אַרום געקומען צוריק פון בבל קיין ירושלים אין דער צייט פון כורש מלך פרס, זיינען געוועזן שוין גאָר אַן אַנדער פאָלק, ווי יענע קריגערישע בעל־דינערס און יאַהווע־דינערס, וואָס האָבן געבראַכט קרבנות אויף די במות און געבראַכט קרבנות אין ירושלים און האָבן געהאַט געשאַפן מלכות ישראל און מלכות יהודה. דער קלאָרער פאַקט, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון דער ביבלישער דערציילונג, איז דער, אַז יידן זיינען אַוועק קיין בבל באַרבאַרן און זיינען געקומען צוריק ציוויליזירט. געוועזן זיינען זיי אַ צעטומלטער און צעשפּאָלטענער המון, אָן אַ שום נאַציאָנאַל זעלבסט־באַוואוסטזיין; געקומען צוריק זיינען זיי מיט אַ שטאַרקן און אויס־שליסנדיקן נאַציאָנאַלן גייסט. אַוועק זיינען זיי אין גלות אָן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין אַלגעמיין באַוואוסט אין פאָלק, וואָרעם ס״ה ערשט פערציק יאָר פאַרן גלות זאָל מען אונטער קיניג יאשיהו, ווי עס ווערט דער־ציילט אין תנך (מלכים ב׳ קאַפּ. כ״ב), האָבן געפונען אַ „ספר התורה“, און חוץ אָט דעם ספר, איז קיין זכר ניטאָ וועגן לייענען אַ בוך; און צוריק זיינען זיי געקומען מיטן גרעסטן טייל פון דעם מאַטעריאַל פאַרן תנ״ך. עס איז באַשיימפּערלעך, אַז נאָכדעם ווי זיי זיינען פּטור געוואָרן פון זייערע קריגערישע און מערדערישע מלכים, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געהאַט צוריקגעצויגן פון פּאָליטיק, האָבן די יידן אין דער אינטעלעקטועל געוועקטער און וועקנדיקער אַטמאָספער פון יענער בבלישער וועלט געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָראויס אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דאָס איז געווען אַ תקופה פון היסטאָרישער פאָרשונג און לערנונג אין בבל. די בבלישע השפּעה, וואָס האָט באַוויזן סאַרדאַנאַפּאַלן צו־נויפצוקלייבן אין נינווה אַ גרויסע ביבליאָטעק פון אַלטע שריפטן, האָט נאָך אַלץ געווירקט. מיר האָבן שוין דערציילט, אַז נאַבּונאַהיד

איז געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען מיט דער אויספֿאָרשונג פֿון אַלטער-טימלעכקייטן, אַז ער האָט פֿאַרזען צו פֿאַרטיידיקן זיין קיניגרייך קעגן כורשן. בכן האָט אַלצדינג אַרום געשטופּט די יידן אין גלות, זיי זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט דער אויספֿאָרשונג פֿון זייער אייגענער געשיכטע. און זיי האָבן געפֿונען אַ באַגייסטערער און פֿירער אין דעם נביא יחזקאל. פֿון יענע פֿאַרבאָרגענע און פֿאַרגעסענע שריפֿטן, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, פֿון יחוס-מגילות, פֿון כראָניקעס און געשיכטעס, וואָס בני דור האָבן פֿאַרשריבן וועגן דודן, שלמהן און אַנדערע מלכים, פֿון לעגענדעס און מסורות האָבן זיי אויסגעאַרבעט און אויסגעברייטערט זייער געשיכטע און דערציילט דאָס פֿאַר די בבלים און פֿאַר זיך אַליין. די געשיכטע וועגן דער וועלט-באַשאַפֿונג, וועגן מבול, אַסך זאַכן פֿון משהס לעבן, אַסך מעשיות וועגן שמשון הגבור זיינען מסתמא גענומען געוואָרן פֿון בבלישע מקורים. איין נוסח פֿון דער געשיכטע וועגן דער וועלט-באַשאַפֿונג און איינע וועגן גאָרטן עדן, הגם זיי שטאַמען אויך לכתחילה פֿון בבל, נאָר יידן האָבן זיי געוואוסט נאָך פֿאַרן גלות. אַז די יידן זיינען געקומען צוריק קיין ירושלים, איז ניט נאָר דער חומש געווען צונויפֿגעשטעלט אין איין בוך, נייערט אויך די איבעריקע היסטאָרישע ביכער האָבן שוין געהאַלטן אין ווערן גרופּירט.

דער רעשט פֿון זייער ליטעראַטור איז געבליבן נאָך עטלעכע יאָרהונדערטער ווי באַזונדערע ביכער, און זייער הייליקייט און חשיבות ביים פֿאָלק זיינען געווען פֿאַרשיידן. טייל פֿון די שפּעטערדיקע ביכער זיינען פֿריי פֿאַרפֿאַסט שוין נאָכן צוריקקער פֿון גלות. דורך גאָר דער דאָזיקער ליטעראַטור גייען דורך עטלעכע פֿירנדיקע אידעעס. געווען אַן אידעע, וואָס די דאָזיקע ביכער גופֿא זיינען סותר אין פּרטים, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק איז פֿון זרע אברהם; ווייטער איז געווען אַ אידעע, אַז יאַהווע האָט צוגעזאָגט אברהמען צו דערהייבן דאָס יידישע פֿאָלק העכער איבער אַלע פֿעלקער; און דריטנס איז געווען דער גלויבן, קודם-כל, אַז יאַהווע איז דער גרעסטער און מעכטיקסטער גאָט צווישן די געטער פֿון אַנדערע פֿעלקער, דערנאָך אַז ער איז דער גאָט איבער אַלע געטער, און צולעצט, אַז ער איז דער איינציקער אמתער גאָט.

און סוף־כל־סוף זיינען יידן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון דעם גאָט פון גאָר דער וועלט.

און פון די דאָזיקע דריי אידעעס האָט נאַטירלעכערווייז געמוזט אַרויסשפּראָצן אַ פערטע אידעע — וועגן דעם קומענדיקן פירער, דעם אויסלייזער, דעם משיח, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכן יאַהוועס הבטחה.

אָט דאָס צונויפשמעלצן די יידן צו איין פאָלק, וואָס איז פעסט פאַרבונדן דורך אַ טראַדיציע, אַ פראָצעס, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן אין די „זיבעציק יאָר‟ פון גלות, איז דער ערשטער אַרויסווייז אין דער וועלט־געשיכטע פון אַ נייעם כוח — פון דעם געשריבענעם וואָרט. דאָס איז געווען אַ גייסטיקע קאָנסאָלידירונג, וואָס האָט פאַראייניקט דאָס פאָלק, וואָס איז געקומען צוריק קיין ירושלים. די אידעע פון געהערן צו אַן אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס איז באַשטימט צו באַהערשן די וועלט, האָט געקאָנט זייער צוציען מענטשן. זי האָט פאַרכאַפּט אויך יענע יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין בבל. די ליטעראַטור האָט דערגרייכט אויך ביז קיין עגיפּטן. זי האָט אָנגערירט אויך יענעם געמישט פאָלק, וואָס די אַשורים האָבן באַזעצט אין שומרון, דער אַלטער הויפּטשטאָט פון מלכות ישראל, דעמאָלט, ווען די צען שבטים זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין מדי. זי האָט אויך געווירקט אויף אַ גרויסער צאָל בבלים און נאָך אַנדערע זיך צו חברן מיט יידן און ווערן צוגערעכנט צו אברהם אבינוס קינדער. עמונים און מואבים זיינען צוגעשטאַנען. דער ספר נחמיה איז פול מיט טענות איבער די צרות, וואָס די פרעמדע צוגעקומענע טוען אָן אין דער עדה פון די אויסדערוויילטע. די יידן זיינען שוין געווען אַ פאָלק צעזייט אין אַ סך לענדער און שטעט, ווען זיי זיינען געוואָרן פאַראייניקט אין גייסט און האָפענונג און זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָסן פאַר דער וועלט. נאָר אין אָנהייב דאַרף זיי די אָפּגעשלאָסנקייט דינען דער עיקר אויף אָפּצוהיטן די ריינקייט פון זייער תורה און קולט, בכדי עס זאָלן ניט זיין אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן, ווי אין שלמהס צייט. אָבער אויב עס האָבן זיך געוויזן אמתע גרים, וואָס האָבן מיטן גאַנצן האַרצן אָנגענומען די יידישע אמונה, אַליין איינס פון וואָסער פאָלק זיי זיינען געקומען, האָבן יידן זיי אויפגענומען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

פאַר די פעניקיער האָט באַזונדערס געמוזט זיין גרינג, נאָך דעם חורבן פון צור און קאַרטאַגאָ, אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן. זייער שפּראַך איז געווען זייער נאָענט צו העברעיש. עס איז מעגלעך, אַז דער גרעסטער טייל פון די אַפריקאַנישע און שפּאַנישע יידן שטאַמען אין דער אמתן פון פעניקיער. אויך פון די אַראַבער זיינען אַ סך צוגעשטאַנען צו יידן. אין דרום-רוסלאַנד, ווי מיר וועלן שפּעטער פאַרצייכענען, זיינען אַפילו געווען מאָנגאָלישע יידן*.

4. די וויכטיקייט פון די יידישע נביאים.

די היסטאָרישע ביכער פון בראשית ביז נחמיה, וואָס אויף זיי איז שפּעטער אַרויפגעדריקט געוואָרן דער שטעמפּל פון דער אידעע וועגן די יעודים און הבטחות צו דעם אויסדערוויילטן פאָלק, זיינען בלי ספק געווען דער רוקנביין פון דער יידישער גייסטיקער אחדות,

*) דער מחבר האָט באהאנדלט די גייסטיקע איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די גולי בבל צופיל סכעמאטיש. אין פּרטים זיינען ביי אים אַ סך איבעריקע השערות, בעת ער האָט זיך צו ווינציק פאַרטיפט אין די מקורים, בפרט אין די נבואה-ספרים. די ווירקונג פון דער בבלישער קולטור האָט געקאָנט זיין אַ ריין אויסוויניקסטע; זי האָט געקאָנט צושטעלן נאָר די גינסטיקע תנאים פאַר דער אנטוויקלונג פונעם עטישן מאָנאָטעיזם פון די נביאים, וואָס איז אַ דורכאויס אָריגינעלע און איינציקע שאַפונג אין דער וועלט-געשיכטע. די אויסווייניקסטע מאַכט, וואָס האָט אָפּגעשאפט דאָס קיניגטום און די פּאָליטיק אין פאָלק ישראל, האָט נאָר פריי געמאַכט יענע אינעווייניקסטע כוחות, וואָס האָבן פון שטענדיק אָן געקעמפט אין פאָלק גופא קעגן דער קיניגלעכער מאַכט און פאַר יושר און רחמים (ווי אליהו הנביא קעגן אחאב, עמוס א. אגד.). אַ ליטעראַרישן מוסטער פון אָט דעם קאַמף האָט דער מחבר אַליין נעבראַכט אויבן אין דער דערציילונג פון ספר שמואל א'. ניט ריכטיק איז, נאַטירלעך, אויך די מיינונג, אַז אין פאַרגלותדיקן ישראל איז קיין ליטעראַטור ניט געווען. דער מחבר איז זיך אַליין סותר, דורכדעם, וואָס ער זאָגט, אַז די נאָכגלותדיקע ליטעראַטור איז צונויפגעשטעלט פון פאַרגלותדיקע מקורים. — דאָס ריכטיקע, נאַטירלעך, איז דאָס, וואָס אַ נייער גייסט האָט באַהערשט און פאַראייניקט דאָס פאָלק. (דער איבערזעצער).

אָבער זיי זיינען ניט די איינציקע ביכער פון דער העברעישער ליטעראַ־
טור, וואָס אין זיי איז צונויפגעשטעלט דער תנ״ך. פון אַזעלכע ביכער,
ווי איוב, וואָס מען זאָגט, אַז עס איז נאָכגעמאַכט דער גריכישער טראַ־
געדיע, שיר־השירים, תהילים, משלי און אַנדערע, איז ניטאָ קיין אָרט
צו שרייבן אין די דאָזיקע „קאָנטורן פון געשיכטע״. נאָר עס איז
נייטיק אַרומצורײדן גענויער יענע ביכער, וואָס זיינען באַוואוסט אונטערן
נאָמען „נביאים״. וואָרעם די דאָזיקע ביכער זיינען כמעט דער עלטסטער
און זיכער דער בעסטער באַוויז דערפאַר, אַז אין דער מענטשלעכער
געשיכטע האָט זיך באַוויזן אַ נייער מין פירערשאַפט.



איינע פון די וואַנט־סקולפּטורן פון תגלת פלאכר III, אין בריטישן
מוזיי. עס שטעלט פאָר די עוואַקואַציע פון דער שטאָט אזכותו.

די נביאים זיינען ניט געווען קיין נייער קלאַס אין דער געזעלשאַפט.
זיי שטאַמען אָפּ פון פאַרשיידענע קלאַסן: יחזקאל איז געווען אַ כּוהן
און האָט געהאַט כּהונישע סימפּאַטיעס, עמוס איז געווען אַ פּאַסטעך;
זיי האָבן אָבער איין בשותּפישע זאַך פאַר אַלעמען: זיי טראָגן אַריין אין
לעבן אַ רעליגיעזן כּוח, וואָס שטייט אויסערהאַלב פון קרבנות און
די צערעמאָניעס פון טעמפּל און כּהונה. די עלטסטע נביאים זעען אויס
ענלעך צו די עלטסטע כּוהנים, זיי זיינען וואָרזאָגערס, זיי גיבן
עצות און זאָגן פאָראויס די צוקונפט. עס איז מעגלעך, אַז צוערשט,
אין די צייטן ווען אין לאַנד זיינען געווען אַ סך במות און רעליגיעזע

אידעעס, זיינען געווען ניט אַזוי שטאַרק געאָרדנט, איז ניט געווען קיין גרויסער חילוק צווישן כּוהן און נביא.

די נביאים פלעגן טאַנצן, ווייזט אויס, אַן ערך אַזוי ווי עס טוען די דערווישן, און פלעגן זאָגן נביאות. געוויינטלעך פלעגן זיי טראָגן אַ מאַנטל פון גראָבע ציגן-פעל, און לויט דעם האָט מען זיי געקאָנט דערקענען. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן די נאָמאַדישע טראַדיציע קעגן די „נייע דרכים" פון דעם ישוב-שטייגער. אָבער נאָכדעם ווי דער בית-המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן און די כּהונה איז געוואָרן אָר-גאַניזירט, זיינען די נביאים געבליבן פון יענער זייט פון דער רעליגיעזער סכעמע. זיי זיינען מסתּמא שטענדיק געווען מער אָדער ווייניקער אַ דאָרן אין אויגן פאַר די כּוהנים. זיי זיינען געוואָרן עצה-געבערס אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, עפנטלעכע מוסר-זאָגערס, זיי האָבן זיך אומעטום אַריינגעמישט ניט געפרעגטערהייט און זיינען געקומען שטענדיק מיט אויסטערלישע, ניט געוויינטע פאָרשלאָגן, זיי האָבן זיך אויף קיין זאַך ניט סומך געווען נאָר אויף זייער אינעווייניקסטן חוש. „אַזוי האָט גאָט געזאָגט" — דאָס איז דער געוויינטלעכער נוסח.

אין די שפּעטערע און טומלדיקע טעג פון מלכות יהודה, ווען עגיפּטן, צפון-אַראַביע, אַשור און דערנאָך בבל האָבן געהאַלטן איינ-געשלאָסן דאָס לאַנד ווי מיט צוואַנגען, דעמאָלט זיינען די דאָזיקע נביאים געוואָרן באַטייטפול און מעכטיק*. זייער רוף איז געווען געווענדט צו איבערגעשראָקענע און צעטומלטע גייסטער, און צוערשט איז זייער גאַנצער רוף געווען געווענדט דעה עיקר אויף תּשובה טאָן, צו צעשטערן די אָדער יענע במה, אויפצוריכטן דעם קולט אין ירושלים וכדומה נאָך אַזעלכע פאָדערונגען. נאָר דורך טייל פון די נבואות ציט זיך שוין אַ טאָן, וואָס מיר וואָלטן אים ביי היינטיקן טאָג אָנגערופן „דער טאָן פון אַ סאָציאַלן רעפאָרמאַטאָר". די רייכע „טוען צעמאָלן דעם פּנים פון די אָרעמע לייט". די וואָס יאָגן זיך נאָך תּענוגים כאַפּן אויס דאָס ברויט ביי קליינע קינדער; האַרן און רייכע לייט מאַכן נאָך דעם גלאַנץ און די שלעכטע מידות פון די פרעמדע, זיי נוצן אויס צוליב

---

* דאָס שטימט ניט מיט די פאַקטן. ירמיה הנביא איז גראָד אין יענע צייטן געלעגן אין גרוב און געהאַלטן גאָר ניט ווייט פון טויט. (דער איבערז.).

דעם דאָס געמיינע פאָלק; און די דאָזיקע נייע דרכים האָט יאַהווע פיינט און ער וועט געוויס באַשטראָפן דאָס לאַנד*.

אָבער מיט דער פאַרברייטערונג פון די אידעעס, וואָס דער גלות האָט מיט זיך געבראַכט, פאַרברייטערט זיך אויך און פאַרענדערט זיך דער פאַרנעם פון דער נבואה. אָנשטאָט די אַלע קליינע פרטים, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן שינויים אין די השגות פון אַ שבט־גאָט, איז איצט געקומען אַ נייע אידעע פון אַ גאָט פון אוניווערסאַלן יושר. עס איז קלאָר, אַז די וואַקסנדיקע השפעה פון די נביאים איז ניט געווען באַגרענעצט מיטן יידישן פאָלק; עס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געגאַנגען איבער גאָר דער סעמיטישער וועלט. פעלקער און מלוכות זיינען געפאַלן; אימפעריעס זיינען געוואָרן און פאַרשוואונדן; קולטן און כהונהשאַפטן זיינען געוואָרן צעקלאַפּט; די טעמפּלען האָבן קאָנקורירט און געקריגט זיך צווישן אַנאַנד; — דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפן צו באַפרייען די מענטשנס גייסט צו אַ ברייטערן קוק אויף רעליגיע. די טעמפּלען האָבן געהאַט אָנגעקליבן

* דאַ מוז ווידער געמאַכט ווערן אַ באַמערקונג, אַז דער מחבר האָט קענטיק אין איינעניש ניט שטודירט גרונטיק ניט די נביאים און ניט די מאָדערנע ליטעראַטור איבער די נביאים. ער גיט דאַ בלויזע השערות. די דאָקומענטן ריידן קלאָרע רייד: די גרויסע נביאים פון ישראל, אָנגעהויבן פון עמוס, זיינען דורכאויס נאָר סאָציאַל־עטישע מאָנערס און דערמאָנערס. די צערעמאָניעלע זייט פון דער רעליגיע גייט זיי ניט אָן. אַלע הערן זיי דאָס איבער אין פאַרשיידענע נוסחאות ניט איין מאָל (ביז יחזקאלן). אויב זיי זיינען קעגן געצן־דינסט, איז דאָס דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז אַ מאָראַלישער געזעץ קאָן זיין אין דער וועלט, נאָר אויב עס איז פאַראַן איין גאָט. בכן, איז דער גלויבן אין איין גאָט גלייכבאַטייטיק מיט דער אָנע־קענונג פון מאָראַלישן געזעץ. דאָס איז דער יסוד פון עטישן מאָנאָטעיזם. אָט דער איין גאָט, זאָגן די נביאים אַלע אין איין קול, איז דער באַשיצער פון די שוואַכע, דער אבי יתומים און דיין אלמנות, וואָס האָבן ניט, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי. ער, וואָס איז דערהויבן איבער אַלץ, איז מיט די געדריקטע און דערנידעריקטע. אָט דאָס איז געווען דאָס נייס פון די נביאים. ניט מיט די רייכע און מיט די שטאַרקע און מיט די מעכטיקע איז גאָט, ווי עס איז געווען אין אַלע פריערדיקע רעליגיעס, נאָר דווקא מיט די דערשלאָגענע און געפּלאָגטע.

(דער איבערזעצער).

גרויסע אוצרות פון גילדערנע כלים, ווי האָבן אָבער געהאַט אָנגעוואָרן די השפעה אויפן כּוח הדמיון פון די מענטשן.

עס איז שווער צו וויסן, צי איז אינמיטן די דאָזיקע שטענדיקע מלחמות דאָס לעבן טאַקע געוואָרן אומזיכערער און שווערער, ווי עס איז געווען פריער, נאָר עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז די מענטשן האָבן גענומען מער שפּירן די אומזיכערקייט און דאָס אומגליק פון לעבן. חוץ פאַר שוואַכע און פאַר ווייבער, איז געבליבן אַ קנאַפּער טרייסט אָדער שוץ אין די קרבנות און צערעמאָניעס פון די טעמפּלען. דאָס איז געווען די וועלט, וואָס אין איר האָבן די שפּעטערדיקע יידישע נביאים גענומען ריידן וועגן איינציקן גאָט און וועגן צוזאָג, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די וועלט וועט קומען צו שלום און אחדות און גליק. דער גרויסער גאָט, וואָס מענטשן האָבן איצט געפונען, האָט געוואוינט אין אַ טעמפּל, „ניט געמאַכט מיט די הענט, אַן אייביקן אין די הימלען“. עס איז כּמעט ווי זיכער, אַז אַזעלכע געדאַנקען זיינען אַרומגעגאַנגען אומעטום: אין בבל, עגיפּטן און אין גאַנצן סעמיטישן מזרח. די ספרים פון די נביאים קאָנען זיין נאָר מוסטערן פון נבואות פון יענער צייט*.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן דערויף, ווי אַזוי די שריפט און די וויסנשאַפט רייסן זיך אַרויס בהדרגה פון דער לכּתּחילהדיקער באַגרענעצטקייט פון די טעמפּל-ווענט, פון דער שאָלעכץ, וואו זיי האָבן זיך צוערשט אַנטוויקלט. מיר האָבן גענומען הערן העראָדאָטן ווי אַן אינטערעסאַנטן ביישפּיל פון דעם, וואָס מיר האָבן אָנגערופן פרייע מענטשלעכע אינטעליגענץ. איצטער האָבן מיר ווידער צו טאָן מיט אַן ענלעכער אויסשפּרייטונג פון מאָראַלישע אידעעס צווישן דעם כּלל מענטשהייט. די יידישע נביאים, און די כּסדרדיקע אויסשפּרייטונג פון זייערע אידעען וועגן איין גאָט איבער גאָר דער וועלט, איז אַ פּאַראַלעלע אַנטוויקלונג.

* אויב עס זאָל טאַקע זיין אַזוי, איז דאָך דאָס גופא, וואָס גראָד ביים יידישן פאָלק האָבן זיך די דאָזיקע ספרים אויפגעהיט, אַ גענוגער סימן אויף אויסצוטיילן דאָס דאָזיקע פאָלק, ווי אַן איינציקס און באַזונדערס. — דאָס, וואָס די גריכן האָבן ניט איבערגעגעבן אונז ידיעות וועגן אַ נבואישער ליטעראַטור ביי די עגיפּטער און סעמיטן, איז אַ שטאַרקער באַווייז קעגן דעם מחברס השערה.
(דער איבערזעצער).

פון דעם פרייען באוואוסט פון דער מענטשהייט. זינט יענער צייט שטראמט דורכן מענטשלעכן געדאנק, אמאל שוואך און פארבארגן און אמאל שטארקער, די אידעע פון איין פירונג אין דער וועלט און פון א צוזאג און א מעגלעכקייט פון אן אקטיוון און הערלעכן שלום און גליק אין די מענטשלעכע ענינים. פון א טעמפל־רעליגיע פון אלטן טיפ ווערט די יידישע אמונה אין א גרויסער מאס א נבואישע און שעפערישע רעליגיע פון א נייעם טיפ. איין נביא קומט נאכן אנדערן.

שפעטער איז, ווי מיר וועלן נאך דערציילן, געבארן געווארן א נביא ישו, וואס זיינע אנהענגער האבן געגרינדעט די גרויסע אוניווערסאלע רעליגיע פון קריסטנטום. נאך שפעטער באווייזט זיך אין אראביע דער נביא מאכמעד און גרינדעט דעם איסלאם. די דאזיקע צוויי רעליגיעזע לערערס האבן, אמת, זייערע אייגענע כאראקטעריסטישע שטריכן, נאר אין גרונט קומען זיי ארויס פון די פריערדיקע יידישע נביאים און פירן ווייטער זייער אויפטו. עס איז ניט די אויפגאבע פון היסטאריקער ארומצוקלערן די פראגע, וואסער רעליגיע איז ריכטיק צי פאלש, זיין עובדא איז צו פארצייכענען, ווען עס באווייזן זיך גרויסע קאנסטרוקטיווע אידעען. מיט צוויי טויזנט פיר הונדערט יאר צוריק און אין א זיבן אדער אכט טויזנט יאר ארום, נאכדעם ווי עס זיינען אויסגעבויט געווארן די מויערן פון די ערשטע שומערישע שטעט, זיינען געקומען אין דער וועלט די אידעעם וועגן דער מאראלישער אחדות פון דער מענטשהייט און וועגן וועלט־שלום.

קאַפּיטל 19

די אַריש-רײדנדיקע פעלקער אין פּרעהיסטאָרישע צײטן

1. די אויסשפרײטונג פון די אַריש-רײדערס. 2. וועגן דעם לכתחילהדיקן לעבן פון די אַריער. 3. די אַרישע פאַמיליע.

מיר האָבן גערעדט וועגן דער אַרישער שפּראַך, אַז זי איז מסתמא אויפגעקומען אין דער געגנט פון דונאַי און דרום-רוסלאַנד און האָט זיך אויסגעשפרײט פון דעם דאָזיקן שטאַם-לאַנד. מיר זאָגן „מסתמא“, ווייל עס איז לחלוטין נאָך ניט דערוויזן אויף געווים, אַז דאָ איז געווען דער צענטער; מכוח דעם פונקט זײנען געווען אַ סך דיסקוסיעס און גרויסע חילוקי-דעות. מיר גיבן די הערשנדיקע מײנונג. אַריש איז געווען לכתחילה די שפּראַך פון אַ גרופּע פעלקער פון דער צפונדיקער ראַסע. אַז עס האָט זיך פאַרשפרייט איבער גרעסערע שטחים, האָט עס זיך דיפערענצירט אין אַ צאָל אונטערגעאָרדנטע שפּראַכן. אין מערב און דרום האָט עס זיך צונויפגעטראָפן מיט דער באַסקישער שפּראַך, וואָס האָט געהערשט אין שפּאַניע, און אפשר אויך מיט אַנדערע מיטללענדישע שפּראַכן.

אײדער די אַריער האָבן זיך אויסגעשפרייט פון זייער שטאַם-לאַנד קיין דרום און קיין מערב, איז די איבערישע ראַסע געווען פונאַנדערגעטיילט איבער גרויס-בריטאַניע, אירלאַנד, פראַנקרײך, שפּאַניע, צפון-אַפריקע, דרום-איטאַליע און, אין אַ מער ציוויליזירטן צושטאַנד, אין גריכנלאַנד און קלײן-אַזיע. זי איז געווען אין נאָענטער קרובישאַפט מיט די עגיפּטער. אויב מען זאָל משפּטן לויט די שפּורן, וואָס זײנען געבליבן נאָך איר אין אײראָפּע, איז זי געווען גיכער אַ קלײנוויקסיקער

מענטשן־טיפּ, בדרך־כּלל מיט אַן אָוואַלן פּנים און אַ לאַנגן קאָפּ. די מענטשן פון דער דאָזיקער ראַסע פלעגן באַגראָבן זייערע עלטסטע און חשובע מענטשן אין מעגאַליטישע קאַמערעס — ד״ה געמאַכט פון גרויסע שטיינער — צוגעדעקט פון אויבן מיט גרויסע קברים־הויפנס



באַרעליעף פון אן אשורישן קריגסמאַן, אין לוּווּר־מוזיי אין פּאַריז.

פון ערד. די דאָזיקע ערד־הויפנס, היות ווי זיי זיינען לענגער ווי ברייטער, ווערן אָנגערופן לאַנגע קברים. די דאָזיקע מענטשן פלעגן צייטנווייז וואוינען אין היילן; און לויט די רעשטן פון אָפּגעבּרענטע

צעבראָכענע און צעשניטענע מענטשישע ביינער, דערין אויך ביינער פֿון קינדער, האָט מען געדרונגען, אַז זיי זיינען געווען מענטשן־פֿרעסערס.

די דאָזיקע קליינגעוויקסיקע טונקעלע איבערישע שבֿטים (און די באַסקן, אויב זיי געהערן צו אַן אַנדער ראַסע) זיינען צוריקגעשטופּט געוואָרן קיין מערבֿ און באַצוווּנגען און פֿאַרשקלאַפֿט דורך די גרעסערע און ליכטיקערע אַריש־ריידנדיקע שבֿטים, וואָס זיינען כוואַליעסווייז פֿאַוואַליע אַריינגעדרונגען דורך צענטראַל־אייראָפּע קיין מערבֿ און קיין דרום; די דאָזיקע שבֿטים זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען קעלטן. מער ניט די באַסקן האָבן זיך ניט געלאָזט איינגעמען פֿון דער אַרישער שפּראַך. ביסלעכווייז האָבן אָט די קעלטיש־ריידערס זיך צוגערוקט צום אַטלאַנטישן אָקעאַן, און אַלץ וואָס איז איצט איבערגעבליבן פֿון די איבעריער, איז צונויפֿגעמישט מיט דער קעלטישער באַפֿעלקערונג. ווי ווייט די קעלטישע אינוואַזיע האָט פֿאַרכאַפּט אויך די אירישע באַפֿעלקערונג, מכּוח דעם גייט נאָך איצט אַ דיסקוסיע. אויף דעם דאָזיקן אינזל זיינען אפֿשר די קעלטן געווען נאָר אַ קאַסטע פֿון באַצווינגערס, וואָס האָבן אָנגעבונדן זייער שפּראַך דער גרעסערער אונטערטעניקער באַפֿעלקערונג. דאָס זעלביקע קאָן זיין ריכטיק פֿאַר שפּאַניע. עס איז אַפֿילו אַ קלער, צי צפֿון ענגלאַנד איז געווען באַוואוינט פֿון דער צפֿונדיקער ראַסע אָדער פֿון אַ פֿאַר־קעלטישער ראַסע. פֿאַראַן אַ מין קורץ־געוואַקסענע טונקעלע וועלסער און געוויסע טיפּן אירלענדער, וואָס זיינען איבערער לויט דער ראַסע. די מאָדערנע פּאָרטוגעזן זיינען אויך אין גרויסן און גאַנצן איבעריש לויטן בלוט.

די קעלטן האָבן גערעדט אַ שפּראַך, קעלטיש, וואָס וועגן איר זאָגט מען, אַז זי האָט געהאַט פֿאַראייניקט אַן אַרישן וואָרט־אוצר מיט אַ בערבערישער (אָדער איבערישער) גראַמאַטיק; קעלטיש איז פֿון זיין זייט געווען איינגעטיילט אין דער שפּראַך פֿון די גאַליער, וועליש, ברעטאָניש, סקאָטיש און איריש, גאַעליש און אַנדערע דיאַלעקטן. די קעלטן פֿלעגן באַגראָבן זייערע טויטע עלטסטע און אַנדערע חשובֿע לייט אין קיילעכיקע קבֿרים. אין דער זעלביקער צייט ווען די צפֿונדיקע קעלטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין מערבֿ, האָבן אַנדערע צפֿונדיקע אַרישע פֿעלקער געדריקט אויף דער טונקל־ווײַ

סער ראַסע אויף דעם איטאַלישן און גריכישן האַלב-אינזל און האָבן אַנטוויקלט די לאַטיינישע און גריכישע שפּראַך-גרופּע. ווידער אַנדערע אַרישע שבטים האָבן זיך געווענדט צום באַלטישן ים און אַריבער דעם ים קיין סקאַנדינאַוויע: זיי האָבן גערעדט אַ וואַריאַנט פון אַריש, וואָס איז געוואָרן אַלט-נאָרדיש — דער עלטערפאָטער פון שוועדיש, דעניש, נאָרוועגיש און איסלענדיש, — גאָטיש און נידער-און הויך-דייטש.

בעת די פּרימיטיווע אַרישע שפּראַך האָט אַזוי אַרום זיך פאַרשפּרייט אין מערב-זייט און געשפּאָלטן זיך אין טאָכטער-שפּראַכן, האָט זי אין דער זעלביקער צייט זיך פאַרשפּרייט אויך אין מזרח-זייט און אויך דאָרט זיך געשפּאָלטן. אין צפון-זייט פון די קאַרפּאַטן-בערג און פון שוואַרצן ים האָבן אַריש-ריידנדיקע שבטים באַנוצט אַ באַזונדער דיאַלעקט, סלאַוויש, וואָס פון אים שטאַמען אָפּ רוסיש, סערביש, פּויליש, טשעכיש און אַנדערע שפּראַכן; אַנדערע וואַריאַציעס פון אַריש, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער קליין-אַזיע און פּערסיע, האָבן זיך אויך צעטיילט אין אַרמעניש און אינדאָ-איראַניש, דעם עלטערפאָטער פון סאַנסקריט און פּערסיש. אין דעם בוך באַנוצן מיר דאָס וואָרט אַריש פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, נאָר טיילמאָל נוצט מען דעם טערמין אינדאָ-אייראָפּעיש פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און „אַריש“ ווערט אָנגעווענדט נאָר פאַר דער אינדאָ-איראַנישער שפּראַך. די אינדאָ-איראַנישע שפּראַך איז שפּעטער צעשפּליטערט געוואָרן אין אַ צאָל שפּראַכן, צווישן זיי פּערסיש און סאַנסקריט. די לעצטע איז געווען די שפּראַך פון געוויסע שבטים פון ליכטיק-פּנימדיקע אַריש-ריידערס, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען קיין מזרח-זייט אין אינדיע אין אַ צייט צווישן 3000 און 1000 פאַר ק"ר. און האָבן אונטערטעניק געמאַכט די טונקעלע דראַווידישע שבטים, וואָס צו זיי האָט דעמאָלט דאָס לאַנד געהערט.

פון זייער לכתחילהדיקן וואַנדער-פּלאַץ האָבן אַנדערע אַרישע שבטים זיך אויסגעשפּרייט אַרום שוואַרצן ים אין צפון-זייט און אין דרום-זייט, און צולעצט, אַז די ימים זיינען קלענער געוואָרן און געלאָזן וועגן פאַר זיי, האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט אויך אין צפון און אין מזרח פון קאַספּישן ים. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך צונויפגעשטויסן און גענומען

זיך אויסמישן אויך מיט מאָנגאָלישע פעלקער פון דער אוראַל-אַלטאַישער לינגוויסטישער גרופּע, וואָס האָבן געהאָדעוועט פערד אויף די גראָזיקע סטעפּעס פון צענטראַל-אַזיע. פון די דאָזיקע מאָנגאָלישע פעלקער האָבן די אַריער, ווייזט אויס, אויסגעלערנט זיך צו נוצן דאָס פערד צום רייטן און צוליב מלחמה-צוועקן. עס זיינען געווען דריי אָדער פיר פּרעהיסטאָרישע וואַריאַציעס און אונטער-מינים פון פערד אין אייראָפּע און אַזיע, אָבער נאָר אין די סטעפּעס אָדער האַלב-וויסטעניש זיינען אויסגעוואַקסן פערד, וואָס האָבן געטויגט אויף אַנדערע צוועקן, ווי אויף צום עסן.

אַלע די דאָזיקע שבטים פון די רוסישע און אַזיאַטישע סטעפּעס, דאַרף מען האָבן אין זינען, האָבן זייער גרינג געביטן זייערע זיץ-ערטער. עטלעכע ניט-גערעכנטע יאָרן האָבן געקאָנט זיי פאַרטרייבן אויף הונדערטער מיילן, און נאָר גאַנץ פון אויבן אויף לאָזן זיך איצט באַשטימען זייערע וועגן. איטלעכן זומער פלעגן זיי גיין קיין צפון, איטלעכן ווינטער פלעגן זיי אָפּטרעטן צוריק קיין דרום. אָט דאָס וואַנדערן אַהין און צוריק איטלעכס יאָר האָט טיילמאָלס פאַרכאַפּט עטלעכע הונדערט מייל. אין אָט דעם גרויסן שטח סטעפּ-לאַנד, וואָס האָט זיך געצויגן פאַזע די צפונדיקע ברעגעס פון שוואַרצן ים און מסתמא אויך אין צפון-זייט פון קאַספּישן-ים, פונם שטאַם-לאַנד פון די גערמאַנישע שבטים אין צענטראַל-און צפון-אייראָפּע ביז צו די איראַנישע שבטים, וואָס זיינען געוואָרן די פעלקער פון פּרס און מדי און (די אַרישע) אינדוסן, האָבן אַרומגעוואַנדערט אַן ערב-רב פון שבטים, וואָס עס איז גלייכער צו ריידן וועגן זיי אומבאַשטימט, איידער געניי, דאָס זיינען די קימערער, די סאַרמאַטן און יענע סקיטן, וואָס צוזאַמען מיט די מעדער און פּערסער זיינען זיי געקומען אין באַרירונג מיט דער אימפּעריע פון אשור אַרום 1000 פאַר קר. אָדער פריער.

אין מזרח-זייט און אין דרום-זייט פון שוואַרצן ים, צווישן דעם דונאַי און די מעדער און די פּערסער, און אין צפון-זייט פון די סעמיטישע און מיטללענדישע פעלקער פון די ים-ברעגעס און האַלב-אינזלען, האָבן געוואוינט ווידער אַרישע שבטים, וואָס מען קאָן זיי ניט גענוי, ווי באַוועגן זיך גרינג אַרום פון אָרט צו אָרט און מישן זיך אויס,



אַזוי אַז די היסטאָריקער ווייסן ניט וואָס אָנצוהייבן מיט זיי. עס ווייזט אויס, למשל, אַז זיי זאָלן דאָס האָבן חרוב געמאַכט די ציוויליזאַציע פון די חתּים, וואָס זיינען לכתּחילה ניט געווען קיין אַריער, און האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיי. די דאָזיקע שפּעטערע אַריער זיינען אפשר ניט געווען אַזוי ווייט אַוועק אין נאָמאַדנטום, ווי די סקיטן פון די גרויסע פליינען.

2. וועגן דעם לכתּחילהדיקן לעבן פון די אַריער.

וואָס פאַר אַ שטייגער לעבן האָבן געפירט די דאָזיקע פּאַרהיסטאָרישע אַריער, די דאָזיקע צפונדיקע אַריער, וואָס זיי זיינען דאָס געווען די אבות סיי פון דעם גרעסטן רוב אייראָפּעער און פון דעם רוב ווייסע אַמעריקאַנער און אייראָפּעישע קאָלאָניסטן פון היינטיקן טאָג און סיי פון די פּערסער און פון די העכערע קאַסטעס פון די אינדער? זיי זיינען אפשר געווען אויך די אבות פון די אַרמעניער, נאָר גיכער זיינען די אַרמעניער ניט קיין אַריש פאָלק, נאָר אַ חתּיש פאָלק, מער ניט וואָס זיי האָבן איבערגענומען אַן אַרישע שפּראַך.

בכדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, פאַרמאָגן מיר, חוץ די רעשטן פון די אויסגראָבונגען און די איבעריקע שפּורן, וואָס אויף זיי זיינען מיר זיך סומך ביים שילדערן דאָס לעבן פון די פּאַר=אַרישע פעלקער, נאָך אַ קוואַל, פון וואַנען מיר שעפּן ידיעות. דאָס איז די שפּראַך. דורך אַ זאָרגעוודיקן שטודיום פון די אַרישע שפּראַכן איז מעגלעך געוואָרן אַרויסצודרינגען אַ גאַנצע ריי מסקנות מכּוח דעם לעבן פון די דאָזיקע פעלקער מיט 4 אָדער 5 טויזנט יאָר צוריק.

אַלע די דאָזיקע שפּראַכן זיינען ענלעך צו אַנאַנד; זיי פאַרמאָגן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, בשותּפישע וואָרצלען, וואָס האָבן אין איטלעכער שפּראַך אָנגענומען אַ ספּעציפישע אייגענע פאָרם. אויב מיר געפינען איין און דאָס זעלביקע וואָרצל=וואָרט אין אַלע אָדער אין דעם רוב אַרישע שפּראַכן, מעגן מיר דרינגען על=פּי=שכל, אַז די זאַך, וואָס אָט דער וואָרצל באַטייט, איז געווען באַקאַנט די שותּפישע אָבות. פאַרשטייט זיך, אויב זיי האָבן גענוי דאָס זעלביקע וואָרט אין זייערע

שפּראַכן, דעמאָלט איז דאָס אַנדערש: דעמאָלט קאָן דאָס זיין אַ נייער נאָמען פון אַ נייער זאַך אָדער אַ נייער פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט גאָר ניט לאַנג. למשל, דאָס וואָרט



עמאַלירטער בראָנזענער צודעק פון א שילד, פון קריסטוסעס צייט און ערד־ געפונען אין דער טעמזע אין ענגלאַנד.

„גאז“ האט געשאפן וואן העלמאנט, א האלענדישער כעמיקער אן ערך אין יאר 1625, און עס האט זיך אויסגעשפרייט אין דעם רוב ציוויליזירטע שפראכן; און „טאבאק“ ווידער איז אן אמעריקאניש-אינדיש ווארט, וואס האט זיך פארשפרייט כמעט אומעטום אין איינעם מיטן רויכערן. אבער ווען איין און דאס זעלביקע ווארט באגעגנט זיך אין עטלעכע שפראכן, אבער אין איטלעכער שפראך אין אנדער פארם, צוגעפאסט צו די כאראקטעריסטישע מאדיפיצירונגען פון דער שפראך, דעמאלט מעגן מיר זיין זיכער, אז דאס ווארט איז געווען אין דער שפראך און א טייל פון דער שפראך פון אנהייב אן, און אז עס האט זיך אומגעביטן אין איינעם מיט אלע איבעריקע ווערטער פון דער שפראך. מיר ווייסן, למשל, אז די ווערטער פאר וואגן און ראד גייען דורך אויף אזא שטייגער אין די ארישע שפראכן, אזוי ארום מעגן מיר דרינגען, אז די פרימיטיווע אריער, די ריינערע צפונדיקע אריער האבן געהאט וועגענער; און היות ווי עס זיינען ניטא קיין בשותפישע ווארצל-ווערטער פאר שפיצעס, רייף, אקס-לעכער, מעגן מיר אננעמען, אז זייערע רעדער זיינען ניט געווען ריכטיקע רעדער מיט שפיצעס, נאר זיי זיינען געווען געמאכט פון גאנצע בוים-קלעצער, צעזעגט דין, וואס זיינען געווען ארויפגעזעצט אויף ביידע עקן פון אקס.

די פרימיטיווע וועגענער האבן געשלעפט אקסן. די אלטע אריער זיינען ניט געריטן אויף קיין פערד און האבן זיי ניט געשפאנט אין זייער פורוואג; זיי האבן בכלל געהאט ווינציק צו טאן מיט פערד. די נעאליטישע מאנגאלן זיינען געווען א פערד-פאלק, אבער די נעאליטישע אריער זיינען געווען א קו-פאלק. זיי האבן געגעסן רינדפלייש, ניט קיין פערד; ערשט נאך א סך יארהונדערטער האבן זיי גענומען נוצן פערד צום פארן. רייכטום פלעגן זיי רעכענען לויט דער צאל קי. זיי פלעגן ארומוואנדערן, זוכנדיק פאשע-ערטער, און ארומפירן מיט זיך זייער האב-און-גוטס אין אקסן-וועגענער, אזוי ווי עס טוען היינט די דרום-אפריקאנישע בורן, הגם זייערע וועגענער זיינען, פארשטייט זיך, געווען א סך גרעבער געארבעט, ווי וואסערע עס איז וועגענער פון דער היינטיקער וועלט. זיי פלעגן מסתמא ארומוואנדערן איבער גרויסע שטרעקעס. זיי זיינען געווען וואנדער-פעלקער, אבער ניט קיין „נאמאדן“ אין גענויעם באטייט פון ווארט; זיי האבן זיך בא-

וועגט אין אַ מער פּאַוואָליעדיקן, שווערערן שטייגער, ווי די שפּעטערדיקע, מער ספּעציאַליזירטע נאָמאַדישע פעלקער. זיי זיינען געווען וואַלד־און פּאַרקלאַנד־פעלקער אָן פערד. זיי האָבן געהאַלטן אין אַנטוויקלען אַ וואַנדער־לעבן פון דעם מער אײַנגעזעסענעם לעבן פון דעם פריערן נעאָליטישן פּעריאָד, ווען מענטשן האָבן אין די וועלדער זיך געמוזט אויסהאַקן ערטער פאַר אַ ישוב. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געוואָרן אפשר געשטיצט דורך שינויים אין קלימאַט, וואָס האָט געמאַכט וועלדער צו פּאַשע־פּלעצער, אָדער דורך צופעליקע שׂרפות פון וועלדער.

מיר האָבן שוין באַשריבן, וואָס פאַר אַ מין הויז דער פּרימיטיווער אַריער האָט פאַרנומען, און ווי איז געווען זיין באַלעבאַטישקייט, ווי



טרומייט און קלעפּערלעך פון דער שפּעטערער בראָנזע־תּקופה. געפונען אין אירלאַנד צוזאַמען מיט נאָך זאַכן אין אַ לאַגער.

וויט די רעשטן פון די שווייצער פּאַליעס־בנינים ערלויבן אונז צו באַשרייבן דאָס. על־פּי־רוב זיינען די דאָזיקע הייזער געווען צו גרינג געבויט, מסתּמא פון וויטשעס און ליים, אַזוי אַז פון זיי האָט קיין זכר ניט געקאָנט בלייבן, און איבער גאָר גרינגע סיבות פלעגט דער באַלעבאָס זיי לאָזן און גיין זיך ווייטער. די אַרישע פעלקער פלעגן זייערע טויטע פאַרברענען, דער דאָזיקער מנהג איז נאָך געבליבן אין אינדיע; נאָר זייערע פאָרגייער, דאָס פאָלק מיט די לאַנגע קברים, די איבּערער, פלעגן באַגראָבן זייערע טויטע ליגנדיק אויף אַ זייט אין אַ זיצנדיקער

פּאָזע. אין טייל אַלטע אַרישע קברים-בערגלעך (קיילעכיקע קברים) זיינען די אורנעס מיט דער אַש פון די פאַרשטאָרבענע געמאַכט אין דער פאָרם פון הייזער, דאָס זיינען קיילעכיקע ביידלעך מיט דעכער פון משערעט.

פאַרן פּרימיטיוון אַריער איז דאָס פּאַשען די בהמות געווען וויכטי-קער ווי די אַגריקולטור. צוערשט פלעגט ער איבערגראָבן די ערד מיט אַ פראָסטן גראָב-שטיק; שפּעטער, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט נוצן בהמות צו שלעפּן משאות, האָט ער אָנגעהויבן אַקערן מיט אַן אַקער. פאַר אַן אַקער האָט אים געדינט אַ געהעריק אויסגעבויגענער בוים-צווייג. זיין ערשטע ערד-קולטור, איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט אַקערן, איז מסתמא געווען מער אַ שטיקל גאָרטן לעבן שטוב, איידער אַ פעלד. דער גרעסטער טייל ערד, וואָס זיין שבט האָט געהאַט פאַר-נומען, איז געווען שותּפישע ערד, וואו עס האָבן זיך געפּאַשעט אַלע-מענס בהמות.

ער האָט קיינמאָל ניט גענוצט שטיין צו בויען די ווענט פון זיין הויז ביז האַרט ביים גרענעץ פון דער געשיכטע. ער פלעגט נוצן שטיין צוליב אַ פייער-פּלאַץ און אַמאָל צוליב אַן אונטער-בוי. נאָר ער פלעגט מאַכן אַ מין שטיינערן הויז אין צענטער פון די גרויסע קברים-בערגלעך, וואָס אין זיי פלעגט ער באַגראָבן די אַש פון זיינע באַרימטע מתים. ער האָט אפשר אָפּגעלערנט ידעם דאָזיקן מנהג פון זיינע איבעריגע שכנים און פאָרגייערס. אָט די טונקל-ווייסע פון דער מעגאַליטישער קולטור האָבן דאָס געמאַכט די שטיין קברים, וואָס געפינען זיך אין אייניקע ערטער פון מערב-אייראָפּע.

די דאָזיקע אַריער זיינען געווען פאַרזאַמלט ניט אין שטעט, נאָר אין פּאַשע-באַצירקן, ווי משפּחות און שבטים-געמיינדעס. זיי האָבן געבילדעט פרייע פאַרבאַנדן, כדי צו העלפן איינע די אַנדערע, אונ-טער אויסגעקליבענע אָנפירערס. זיי האָבן געהאַט צענטערס, וואָס אַהין האָבן זיי געקאָנט קומען, אין איינעם מיט זייערע בהמות, אין צייט פון סכנה, און זיי האָבן געמאַכט לאַגערס מיט וואַלן פון ערד און האָליץ-פּאַליסאַדן, וואָס פון אַ סך פון זיי קאָן מען נאָך איצט געפינען סימנים אויף די אויסגעטראָטענע וועגן פון אייראָפּע. די אָנפירערס אין

מלחמה זיינען ביי זיי געווען די כוהנים, וואָס האָבן געבראַכט די ריי־ניקונגס־קרבנות.

די באַקאַנטשאַפט מיט בראָנזע האָט זיך אויסגעשפּרייט שפּעט אין אייראָפּע. דער צפונדיקער אייראָפּעער האָט פּאַוואָליע זיך אַנט־וויקלט פון תקופה צו תקופה אין משך פון 7 אָדער 8 טויזנט יאָר, איידער מעטאַלן האָבן זיך באַוויזן. פאַר דער צייט האָט זיין סאָציאַל לעבן זיך אַנטוויקלט אַזוי, אַז עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף פאַרשיידענע אַרבעטן, און מענער און פרויען פון פאַרשיידענע ראַנגען אין דער געזעלשאַפט. עס זיינען געווען מאַנסביל וואָס האָבן געאַרבעט האָלץ און לעדער, טעפּערס און קרי־צערס. די פרויען האָבן געשפּונען און געוועבט און אויסגעהאַפט. עס זיינען געווען הויפּטלייט און פאַמיליעס, וואָס זיינען געווען אויסגע־צייכנט ווי מיוחסדיק און האָבן געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע.

דער אַריער האָט ליב געהאַט אַריינצוטראָגן פריילעכקייט אין דעם איינטאָניקן שבט־לעבן פון בהמות־האָדעווען און וואַנדערן. אַז ער פלעגט אַרויסגיין אין מלחמה, פלעגט ער אָפּריכטן אַ פייערלעכע צערעמאָניע, אַז ער פלעגט זיך אומקערן מיט נצחון, פלעגט ער פייערן אַ טריומף. ביי אַ באַגרעבעניש פלעגט ווערן אָפּגעריכט אַ סעודה, דער בייט פון די צייטן פון יאָר פלעגט ווערן געהייליקט דורך אַ יום־טוב. אויף זיינע מאָלצייטן האָבן מיר שוין געוואָרפן אַ בליק; ער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ טרונק. זיינע שיכרות־געטראַנקען האָט ער געמאַכט פון האָניק, פון גערשטן, און אַז די אַריש־רײדנדיקע שבטים האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין דרום, אויך פון ווייַנטרויבן. און ער איז געווען פריילעך און שיכור. צי האָט ער באַנוצט הייוון צוערשט צו מאַכן גרינגער זיין ברויט אָדער צו מאַכן יוירן זיין געטראַנק, דאָס ווייסן מיר ניט.

בעת די דאָזיקע ימים־טובים אָדער שימחות זיינען געווען איינ־ציקע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט משמח זיין דעם עולם דורך טרייבן קאַטאָוועס צי דורך ליצנות. אָבער עס זיינען אויך געווען אַן אַנדער מין מענטשן, שטאַרק וויכטיק פאַר זייער צייט, און נאָך וויכטיקער פאַרן היסטאָריקער, — דאָס זיינען געווען די זינגערס, וואָס האָבן אַוי זייערע גרויסאַנגען דערציילט מעשיות. די דאָזיקע פאָלקס־זינגערס רופט

מען באַרדן אָדער ראַפּסאָרן. באַרדן זיינען געווען ביי אַלע אַריש־ריידנ־
דיקע פעלקער; זיי זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג



שווערדן פון דער פריער אייזן־צייט. זייערע הענטלעך זיינען סטיליזירטע מענטשישע פיגורן.

פון דער גערעדטער שפּראַך און אַ ווייטערדיקער פאַקטאָר פאַר דער
דאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָס איז געווען די גרעסטע פּעולה, וואָס די

מענטשהייט האָט אויסגעטאָן אין נעאָליטישן פּעריאָד. זיי פלעגן זינגען אָדער רעציטירן („זינגען און זאָגן") מעשיות פון עבר אָדער מעשיות וועגן דעם לעבעדיקן הויפּטמאַן און זיין פאָלק; זיי פלעגן אויך דערציילן מעשיות, וואָס זיי פלעגן אויסקלערן פון קאָפּ; זיי פלעגן פאַרגעדענקען הלצהלעך און צושפּילן. זיי האָבן אויסגעפונען און אויסגעכאַפּט און פאַרפולקומט די ריטמען, די גראַמען, די אַליטעראַציעס און כדומה אַזעלכע קונסט=מעגלעכקייטן, וואָס האָבן געשטעקט אין דער שפּראַך; זיי האָבן מסתמא אַ סך מיטגעווירקט אויסצואַרבעטן און איינצושטעלן גראַמאַטישע פאָרמען. זיי זיינען געווען אפשר די ערשטע גרויסע קינסטלער פון געהער, פונקט ווי די פעלזן=מאָלער פון דער שפּעט=אָריניאַק=צייט זיינען געווען די ערשטע גרויסע גרופּע קינסטלער פון אויג און האַנט. זיי האָבן בלי=ספק גענוצט אַ סך זשעסטיקולאַציע; זיי האָבן אפשר זיך געלערנט מאַכן די געהעריקע תנועות, באַגלייך ווי זיי האָבן זיך געלערנט זינגען זייערע געזאַנגען. נאָר דער סדר און די געשמאַקייט און די קראַפט פון דער שפּראַך — דאָס איז געווען זייער הויפּט=עסק.

די דאָזיקע באַרדן פאַרצייכענען אַ וויכטיקן טריט פאָראויס אין דער קראַפט און פאַרנעם פון דעם מענטשלעכן גייסט. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן און אַנטוויקלט אין די גייסטער פון מענטשן אַ געפיל, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס איז גרעסער פאַר זיי אַליין, פאַר דעם שבט, אַז עס איז פאַראַן אַ לעבן, וואָס גרייכט צוריק אין ווייטן עבר אַריין. זיי האָבן ניט נאָר דערמאָנט אָן אַמאָליקער פיינטשאַפט און אַמאָליקע מלחמות, זיי האָבן דערמאָנט אויך אַמאָליקע פאַרבינדונגען און בשותפישע ירושה. די גבורות פון פאַרצייטיקע העלדן האָבן ווידער געלעבט. די אַריער האָבן גענומען לעבן אין געדאַנק, איידער זיי זיינען געווען געבאָרן, און נאָכדעם ווי זיי זיינען געווען געשטאָרבן.

פונקט ווי דאָס רוב מענטשלעכע אויפטוען, איז די דאָזיקע באַרדישע טראַדיציע געוואַקסן צוערשט פּאַמעלעך, דערנאָך אָבער אַלץ גיכער. אין דער צייט, ווען בראָנזע האָט זיך באַוויזן אין אייראָפּע, איז ניט געווען קיין איין אַריש פאָלק, וואָס זאָל ניט האָבן קיין געלערנטע פּראָפעסיאָנעלע זינגערס. אין זייער מויל איז די שפּראַך גע=

וואָרן אַזוי שיין, ווי זי קאָן נאָר זיין. די באַרדן זיינען געווען לעבעדיקע ביכער, פאַרקערפּערטע געשיכטע, היטערס און שאַפּערס פון אַ נייער און מעכטיקער טראַדיציע אין מענטשנס לעבן. איטלעך אַריש פאָלק האָט געהאַט זיינע פּאָעטישע זכרונות פון אַלטע צייטן, וואָס פלעגן אַזוי איבערגיין פון דור צו דור, זיינע סאַגעס (די גערמאַנען), זיינע עפּאָסן (די גריכן), זיינע וועדישע פּאָעמעס (אַלט סאַנסקריט). דאָס אַלטע אַרישע פאָלק איז געווען אין זיין מהות אַ פאָלק, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו לאָזן הערן. ווייזט אויס, אַז ביי זיי האָט רעציטאַציע געהערשט אויך אין אַזעלכע צערעמאָניעלע און דראַמאַטישע טענץ און ביי דעם „אויספוץ", וואָס ביים רוב פעלקער האָבן זיי געדינט אויף איבערצוגעבן די טראַדיציע.

אין יענער צייט איז נאָך קיין שריפט ניט געווען, און אַז די שריפט-קונסט האָט צוערשט זיך באַוויזן אין אייראָפּע, האָט זי די מענטשן געמוזט אויסוויזן פאַר אַ צו פאַמעלעכדיקער, צו האַמענער און שטייפער מעטאָדע, אַז זיי זאָלן זיך וועלן מטפל זיין מיט פאַרשרייבן אָט די גליענדיקע און שיינע אוצרות, וואָס האָבן געלעבט אין זיכרון. די שריפט האָט מען צוערשט באַנוצט אויף באַריכטן פון פאַקטן. די באַרדן און ראַפּסאָדן האָבן געבליט אַ צייט לאַנג שפּעטער, נאָכדעם ווי די שריפט איז געוואָרן איינגעפירט. זיי האָבן נאָך איבערגעלעבט אין אייראָפּע ווי די מינסטרעלס, די הויף-זינגערס פון מיטלעלטער.

צום באַדויערן, האָט זייער טראַדיציע ניט די פעסטקייט פון אַ געשריבענער געשיכטע. זיי פלעגן מוסיף זיין און איבערמאַכן, זיי האָבן געהאַט זייערע מאַנירן, איינגעשטעלטע נוסחאות, און צייטנווייז זיינען זיי געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן. ממילא האָבן מיר איצט נאָר די שטאַרק פאַרענדערטע רעשטן פון דער דאָזיקער גערעדטער ליטעראַטור פון די פּרעהיסטאָרישע צייטן. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און באַלערנדיקסטע פון די פּרעהיסטאָרישע געזאַנגען פון די אַריער איז פאַרבליבן ווי אַ רעשט אין דער גריכישער איליאַדע. אַן אַלטע פאָרם פון דער איליאַדע איז מסתמא געוואָרן רעציטירט אַרום 1000 פאַר קר., נאָך פאַרשריבן געוואָרן איז זי ערשט אַרום 700 אָדער 600

פאַר קר. אַ סך מענטשן זיינען מסתמא געווען די מחברים פון דער איליאַדע, אָבער אַ שפּעטערדיקע גריכישע טראַדיציע איז מייחס דאָס ווערק צו אַ בלינדן פאָלקסזינגער מיטן נאָמען האָמער; ער ווערט אויך גערעכנט פאַרן מחבר פון דער אָדיסייע, אַ ווערק מיט גאָר אַן אַנדער גייסט און אויסקוק. עס איז מעגלעך, אַז אַ סך פון די אַרישע באַרדן זיינען געווען בלינדע. וועדליג פּראָפעסאָר דזש. ל. מוירס מיינט, פלעגט מען די באַרדן אויסשטעכן די אויגן, כדי זיי זאָלן ניט קאָנען אַוועקגיין פון שבט. מ"ר ל. ללאָיד האָט געזען אין ראָדעזיאַ אין דרום-אַפריקע אַ מוזיקער פון אַ טענצער-טרופּע, וואָס דער שבט-הויפּטמאַן האָט אים אויסגעשטאָכן די אויגן טאַקע צוליב דעם צוועק. די סלאַוון רופן אַלע פאָלקסזינגערס סליעפּאַק, און דאָס איז טייטש אויף זייער שפּראַך אַ בלינדער.

דער לכתחילהדיקער נוסח פון איליאַדע, וואָס איז רעציטירט געוואָרן אויף אויסווייניק, איז געווען עלטער ווי די אָדיסייע. „די איליאַדע ווי אַ גאַנצע פּאָעמע איז עלטער ווי די אָדיסייע", זאָגט פּראָפעסאָר דזשילבערט מערי, „הגם דער שטאָף פון דער אָדיסייע, וואָס איז אין גרויסן און גאַנצן פאָלקלאָר, וואָס לאָזט זיך ניט דאַטירן, איז עלטער פון גאַנצן היסטאָרישן שטאָף פון דער איליאַדע". ביידע עפּאָסן זיינען מסתמא געוואָרן געשריבן און איבערגעשריבן צו עטלעכע מאָל, און די נייע שרייבערס פלעגן טאַרען זיך צופּאַסן זיי צו די השגות פון זייער צייט. נאָר די געשעענישן אין איליאַדע און אָדיסייע, דער לעבנס-שטייגער וואָס ווערט אין זיי געשילדערט, דער גייסט פון די פּאַרצייטיקע מעשים געהערן צו די לעצטע יאָרהונדערטער פון דער פּרעהיסטאָרישער תקופה. די דאָזיקע סאַגעס, עפּאָסן און וועדעס בילדן אַ דריטן מקור פון ידיעות מכוח יענע פאַרגאַנגענע צייטן, חוץ דער אַרכעאָלאָגיע און פילאָלאָגיע. אָט איז, למשל, דער סוף פון דער איליאַדע, וואָס באַשרייבט זייער גענוי, ווי אַזוי עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרעהיסטאָרישער קבר:

„...אָקסן און מולאייזלען האָבן געשפּאַנט זיי אין וואָגנס,
זיינען געפאָרן אין וואַלד אַריין, אָן אַ צאָל ביימער געשניטן,
ניין טעג צום שייטער געפירט; אַז דער צענטער פרימאָרגן
באַשיינט האָט

די אומגליקלעכע מענטשן, דעמאָלט דעם העלד צו פֿאַרברענען
האָט מען געבראַכט. אין טרערן געשוואומען איז טראָיאַ. דעם
קערפּער
אויף שייטער געלייגט און פֿייער געצונדן. אַ טאָג האָט געברענט
און אַ נאַכט. אַז דער עלפֿטער פֿרימאָרגן מיט ראָזעווע פֿינגער
די ערד האָט באַרירט, האָט דאָס פֿאָלק, אַרום שייטער פֿאַר-
זאַמלט, די פֿלאַמען
געלאָשן מיט גלאַנציקן וויין. דערנאָך האָבן ברידער און פֿריינד
אין גאָלדערנער אורנע די ביינער די ווייסע מיט קרעכצן געקליבן.
איינגעוויקלט דערנאָך די אורנע אין פּורפּל און ווייכן,
האָבן אַ גרוב זיי געגראָבן, אַרומגעבויט זי מיט שטיינער,
אויפֿגעריכט באַלד אַ קבֿר...
און אַז דער קבֿר איז געווען געהויפֿנט, זיינען די שטאָט-לייט
אַלע צום זעוועס-געגערטן פֿריאַם אין פּאַלאַץ געגאַנגען,
און אַ סעודה אַ רייכע לכּבֿוד דעם טויטן געפֿייערט,
כּדי דער נשמה פֿון העקטאָר דעם פֿערדצאַמער זי צו פֿאַרשאַפֿן".

געבליבן איז אויך אַן אַלטע ענגלישע טאַגע, „בעאָוואולף",
געשאַפֿן אַ צייט פֿריער, איידער די ענגלענדער האָבן זיך אַריבערגעשיפֿט
פֿון דייטשלאַנד קיין ענגלאַנד, וואָס שילדערט אויך אַזאַ באַגרעבע-
ניש. עס ווערט באַשריבן צוערשט, ווי מען גרייט צו אַ שייטערהויפֿן.
מען באַהענגט אים אַרום מיט שילדן און מיט פּאַנצערס. מען ברענגט
דעם קערפּער און מען צינדט אָן דעם שייטערהויפֿן, און דערנאָך בויען
די קריגסלייט אין משך פֿון צען טעג אַ גרויס בערגל, וואָס דער
רייזנדער אויפֿן ים אָדער יבשה זאָל קאָנען דאָס זען.

„בעאָוואולף", וואָס איז לכל-הפּחות מיט טויזנט יאָר יינגער
פֿאַר איליאַדע, איז אויך אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס איינס פֿון די
הויפּט-טרעפֿעניסן אין אים איז דאָס אויסרויבן די אוצרות פֿון אַ
קבֿר, וואָס איז שוין אין יענער צייט אַלט.

3. די אַרישע פאַמיליע.

די גריכישע עפּאָסן אַנטפּלעקן די אַלטע גריכן אין אַזאַ צו־שטאַנד: פון קיין אַיזן ווייסן זיי נאָך ניט, קיין שריפט האָבן זיי ניט, און קיין שטעט, וואָס גריכן האָבן געגרינדעט, עקסיסטירן נאָך ניט אין דעם לאַנד, וואָס זיי זיינען אַהין באַשיימפּערלעך אַריינגעקו־מען ערשט ניט לאַנג און האָבן דאָס איינגענומען. זיי האָבן זיך אויס־געשפּרייט קיין דרום, קומענדיק פון אַרישן שטאַם־געביט. זיי זיינען קענטיק געווען אַ ליכטיק פאָלק, פריש אָנגעקומען אין גריכנלאַנד, אַ לאַנד, וואָס ביז אַהער איז דאָס געווען באַזעצט פון די מיטללענדישע אָדער איבערישע פעלקער.

לאָמיר קלאָר מאַכן איין פונקט, אַפילו מיט דער ריזיקע אַ ביסל זיך איבערצוחזרן. די איליאַדע גיט אונז ניט דאָס פרימיטיווע נעאָליטישע לעבן פון יענעם אַרישן שטאַם־געביט; זי גיט אונז אַ לעבן, וואָס האַלט זיך אין רוקן צו אַ נייער סטאַדיע. צווישן 15000 און 6000 פאַר קר. האָט דער נעאָליטישער לעבנס־שטייגער זיך אויסגעשפּרייט אין איינעם מיט די וועלדער און מיט דעם רייכערן געוויקסטום פון דעם אויספּלייץ־פּעריאָד איבערן גרעסטן טייל פון דער אַלטער וועלט, פון דעם ניגער ביזן כואַן־כאָ און פון אירלאַנד ביז קיין דרום־אינדיע. איצטער, אַז דער קלימאַט פון גרויסע טיילן פון דער ערד האָט גענומען ענדערן זיך און ווערן אַלץ טריקענער, און עס האָבן גענומען ווערן אַלץ מער אָפענע פליינען, האָט דאָס איינפאַכע פרי־נעאָליטישע לעבן גענומען אַנטוויקלען זיך אין צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען. איינע האָט געפירט צו אַ וואַנדער־לעבן, וואָס האָט סוף־כל־סוף זיך איינגעשטעלט ווי אַ שטענדיק אַרומוואַנדערן צווישן זומערדיקן און ווינטערדיקן פיטער־פּלאַץ, וואָס ווערט אָנגע־רופן נאָמאַדנטום; די צווייטע ריכטונג האָט געפירט זיך איינצו־זעצן אין עטלעכע וואַרעמע טייך־טאָלן, צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי אָנ־צוקלייבן וואַסער אויף צו באַוואַסערן די ערד; דאָרט האָבן מענטשן זיך צונויפגעקליבן אין די ערשטע שטעט און געשאַפן די ערשטע ציוויליזאַציעס. מיר האָבן שוין באַשריבן די ערשטע ציווי־ליזאַציעס און מיר האָבן געשילדערט, ווי אַזוי זיי האָבן שטענדיק

געמוזט אויסשטיין אָנפאַלן מצד די נאָמאַדן-פעלקער. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, אַז אין משך פון פיל טויזנטער יאָרן האָט זיך כמעט איבער-געחזרט די באַצווינגונג פון די ציוויליזאַציעס דורך נאָמאַדן. דאָ מוזן



פלאַן פון אַ באַגרעבעניש-פּלאַץ אין אַלטן פראַנקרייך.

מיר פאַרצייכענען, אַז די גריכן, וועדליג די איליאַדע שילדערט זיי, זיינען ניט קיין פּשוטע נאָמאַדן, אינגאַנצן אָן ציוויליזאַציע, זיי זיינען אויך ניט קיין ציוויליזירטע מענטשן. זיי זיינען נאָמאַדן אין צושטאַנד פון אויפרעגונג, וואָרעם זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ ציוויליזירטער געגנט, און פאַר זיי איז ציוויליזאַציע נאָר אַ געלעגנהייט פאַר קריג און רויב.

די דאָזיקע אַלטע גריכן זיינען העלדישע קעמפערס, אָבער אָן דיסציפּלין — זייערע שלאַכטן זיינען אַ מישמאַש פון צווייקאַמפן. זיי האָבן פערד, אָבער ניט קיין רייטעריי, זיי נוצן די פערד, וואָס זיי האָבן לפי-ערך ניט לאַנג געקראָגן, אויף צו שלעפּן אין שלאַכט אַריין די שווערע רייטוואָגנס. דאָס פערד איז נאָך גענוג אַ נייס, בכדי אַליין פאַר זיך אַריינצויאָגן שרעק. אויף צו פירן געוויינטלעך משאות ווערן באַנוצט אָקסן, ווי עס איז שוין צו זען פון דער ציטאַט פון איליאַדע וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט.

די איינציקע כהנים פון די דאָזיקע אַריער זיינען די היטערס פון הייליקטימער און געהייליקטע ערטער. עס זיינען פאַראַן הויפּטלייט, וואָס זיינען די עלטסטע פון משפּחות און וואָס ברענגען אויך קרבנות, נאָר עס איז, קענטיק, ניטאָ קיין סך מיסטעריע אָדער הייליקייטס-געפיל אין זייער רעליגיע. אַז די די גריכן גייען אויף מלחמה, קלייבן זיך צונויף זייערע עלטסטע און הויפּטלייט אין אַ ראָט און ווילן אויס אַ קיניג, וואָס זיין מאַכט איז גאָר שוואַך באַשטימט. קיין געזעצן זיינען ניטאָ, פאַראַן נאָר מנהגים; עס זיינען אויך ניטאָ קיין פעסטע כללים פאַר אַ מענטשנס אויפפיר.

דאָס סאָציאַלע לעבן פון די אַלטע גריכן איז געווען קאָנצענטרירט אַרום די באַלעבאַטישקייטן פון די עלטסטע. עס זיינען בלי-ספק געווען ביידלעך פאַר טשערעדעס וכדומה און אָפּגעלעגענע לאַנדווירטשאַפטלעכע בנינים. נאָר דעם אָנפירערס פּאַלאַץ איז געווען יענער אַלגעמיינער צענטער, וואָס אַהין איז איטלעכער געקומען צו אַ יום-טוב, צו הערן די באַרדן, צו באַטייליקן זיך אין שפּיל און געניטונגען. דאָ פלעגן זיין צונויפגעקליבן די פּרימיטיווע בעלי-מלאכות. אַרום זיינען געווען שטאַלן פאַר בהמות און כדומה אַזעלכע דינסט-געביידעס. געמיינע מענטשן פלעגן שלאָפן אומעטום וואו עס מאַכט

זיך, אַזוי ווי עס איז געווען אין די מיטלעלטערלעכע שלעסער מיט דער דינערשאַפט, און אַזוי ווי עס איז נאָך הײַנט בײַ אינדישע הויזגעזינדן. חוץ גאָר פּערזענלעכע חפצים, האָט נאָך געהערשט אַ מין פּאַטריאַרכאַלישער קאָמוניזם אין דעם שבט. דער שבט, אָדער דער עלטסטער ווי דער פירער פון שבט, איז געווען דער אייגנטימער פון דער גאַנצער פּאַשע־ערד: וואַלד און טײַך זײַנען געווען הפקר.

די אַרישע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע אַלטע געמיינשאַפטן, האָט קענטיק ניט געהאַט יענע קליינע באַזונדערע באַלעבאַטישקייטן, וואָס בילדן די באַפעלקערונג פון מערב־



א קריגס־רייטוואָגן אין קאמף קעגן אמאזאָנען. א געמעל אויף אן אטישער וואזע פון 5טן י״ה פאר קר.

אייראָפּע אָדער אַמעריקע בײַ הײַנטיקן טאָג. דער שבט איז געווען איין גרויסע פאַמיליע; די נאַציע איז געווען אַ גרופּע פון שבט־פאַמיליעס; אַ הויזגעזינד פלעגט אַמאָל אַרומנעמען הונדערטער מענטשן. די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן, פּונקט ווי די הערט און די טשאַטעס בײַ בעלי־חיים, דערפון, וואָס די פאַמיליעס האָבן זיך ניט געטיילט. בײַ הײַנטיקן טאָג זײַנען לייבן אין מזרח־אַפריקע געוואָרן באַשײמפערלעך סאָציאַלע בעלי־חיים, דורכדעם וואָס די יונגע לייבן בלײַבן מיט זייער מוטער, אַפילו נאָכדעם ווי זיי וואַקסן אויס, און גייען אויף געיעג אין אַ גרופּע. ביז אַהער איז דער לייב געווען מער

אַ יחידישע חיה. אויב מענער און פרויען זיינען איצט ניט אַזויפיל צוגעבונדן צו זייער פאַמיליע, ווי אַמאָל, איז דאָס דערפאַר, ווייל די מלוכה און די געזעלשאַפט גיבן איצט די זיכערקייט און די הילף און די באַקוועמלעכקייטן, וואָס פריער איז דאָס געווען מעגלעך נאָר אין דער פאַמיליע.

אין דער אינדישער געמיינדע קאָן מען נאָך איצטער געפינען יענע גרויסע הויזגעזינדן פון די עלטערע סטאַדיעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מר. בהופענדראַנאַט באַסו האָט ניט לאַנג באַשריבן אַ טיפּיש אינדיש-הויזגעזינד. עס איז אַן אַריש הויזגעזינד, אויסגעפיינערט און אויסגעאיידלט דורך טויזנטער יאָרן ציוויליזאַציע, נאָר זיין סאָציאַלע סטרוקטור איז די זעלביקע, ווי פון די הויזגעזינדן, וואָס פון זיי דערציילן די אַרישע עפּאָסן.

„די געבונדענע פאַמיליע-סיסטעם", זאָגט ער, „איז אַראָפּגעקומען צו אונז פון צייטן, וואָס זייער געדעכעניש איז פאַרשוואונדן; די אַלטע אַרישע פאַטריאַרכאַלע סיסטעם געוועלטיקט נאָך איצט אין אינדיע. הגם די סטרוקטור איז אַלט, דאָך איז זי נאָך אַלץ פול מיט לעבן. די געשלאָסענע פאַמיליע איז אַ קאָאָפּעראַטיווע קערפּערשאַפט, וואו מענער און פרויען האָבן זייער פעסט באַשטימטן אָרט. בראש פון דער קערפּערשאַפט שטייט דער עלטסטער מיטגליד פון דער פאַמיליע, בדרך כלל דער באַיאָרנטסטער מאַנסביל, אָבער ווען ער איז ניטאָ, פאַרנעמט זיין אָרט די עלטסטע פרוי (למשל, ווי פּענעלאָפּע אין אָדיסייע).

„אַלע קערפּערלעך געזונטע מיטגלידער פון הויזגעזינד מוזן אַריינטראָגן זייער אַרבעט און פאַרדינסטן, צי פון וואָסער מלאכה אָדער פון ערד-אַרבעט אָדער האַנדל, אין דער אַלגעמיינער קאַסע; שוואַכערע מיטגלידער, אלמנות, יתומים, נעפּאַלענע קרובים, אַלע מוזן ווערן אויסגעהאַלטן און געשטיצט; זין, פּלימעניקעס, ברידער, שוועסטערקינדער, אַלעמען מוז מען באַהאַנדלען גלייך, וואָרעם טאָמער וועט מען עמעצן נושא פנים זיין, קאָן דאָס צעברעכן די פאַמיליע. מיר האָבן ניט קיין וואָרט צו באַצייכענען שוועסטערקינדער, — זיי זיינען ברידער אָדער שוועסטער, און מיר ווייסן ניט, וואָס דאָס זיינען גלידשוועסטערקינדער. די קינדער פון אונזערע שוועסטער-

קינדער אין ערשטן גראַד זיינען אונזערע פּלימעניצעס און פּלימעניקעס, פּונקט ווי די קינדער פון אונזערע ברידער און שוועסטער. מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט אַ שוועסטערקינד, אַליין איינס אין וואָסער ווייטן גראַד, פּונקט ווי מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט אַ שוועסטער; חוץ אייניקע טיילן פון מאַדראַס, וואו מען מעג חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון דער מוטערס פעטער. די משפּחה-געפילן, די משפּחה-פאַרבינדונגען זיינען נאָך זייער שטאַרק, און דערפאַר איז ניט אַזוי שווער איינצוהאַלטן די גלייכקייט צווישן אַזוי פיל משפּחה-גלידער, ווי דאָס קאָן אין פלוק אויסווייזן. אדרבא, דאָס לעבן איז זייער פשוט. ביז גאָר ניט לאַנג פלעגט מען אין דער היים בדרך כלל ניט טראָגן קיין שיך, נאָר סאַנדאַלן אָן שום לעדערנע טיילן. איך האָב געקענט אַ גאַנץ פאַרמעגלעכע משפּחה פון מיטל-קלאַס, וואָס באַשטייט פון עטלעכע ברידער און שוועסטערקינדער — האָבן זיי געהאַט סך-הכל צוויי אָדער דריי פּאָר לעדערנע שיך אין שטוב, וואָס זיי פלעגן עס אָנטאָן, נאָר ווען זיי האָבן באַדאַרפט גיין אין גאַס. דאָס זעלביקע איז מען זיך נוהג בנוגע צו נאָך טייערע בגדים, אַ שטייגער ווי שאַלן—וואָס האַלטן זיך דורות-לאַנג און ווערן אָפּגעהיט אַליין מיט מער יראת-הכבוד, וואָס עלטער זיי ווערן, ווייל זיי דערמאָנען אָן די פאַרשטאָרבענע עלטערזיידעס און באָבעס, וואָס האָבן זיי געטראָגן.

„די געשלאָסענע פאַמיליע בלייבט פאַראייניקט טיילמאָל דורות-לאַנג, ביז זי ווערט שוין צו האַמעטנע; דעמאָלט צעטיילט זי זיך אין קלענערע פאַמיליעס, און מען קאָן אַמאָל זען גאַנצע דערפער באַזעצט פון מיטגלידער פון איין און דערזעלביקער משפּחה. איך האָב געזאָגט, אַז די פאַמיליע איז אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, און זי קאָן ווערן צוגעגליכן צו אַ קליינער מלוכה, און זי ווערט געהאַלטן דורך דיסציפּלין, וואָס איז באַגרינדעט אויף ליבשאַפט און הכנעה. מען קאָן זען אַלע טאָג כמעט, ווי די יינגערע מיטגלידער פון דער משפּחה קומען צום עלטסטן און נעמען די שטויב פון זיינע פיס ווי אַ סימן פון ברכה; ווען זיי גייען טאָן עפּעס אַן עסק, נעמען זיי פון אים רשות און לאָזן זיך פון אים בענטשן... אַ סך זאַכן זיינען פאַראַן, וואָס פאַרבינדן מיט אַנאַנד די מיטגלידער פון אַ משפּחה—סימפּאַטיע, שותּפישע שמחות, שותּפי-

שער צער; ווען עס טרעפֿט אַ טויט־פֿאַל, ריכטן אַלע מיטגלידער
פֿון דער פֿאַמיליע אָפּ טרויער; מאַכט זיך אַ חתונה אָדער אַ קינד
ווערט געבאָרן, איז דאָס אַ שמחה פֿאַר גאָר דער משפּחה. און איבער
אַלץ די גאָטהייט פֿון דער משפּחה, אַ בילד פֿון ווישנו דעם באַ־
היטער; זיין אָרט איז אין אַ באַזונדער חדר, וואָס איז באַוואוסט
ווי דעם גאָטס חדר, און ביי פֿאַרמעגלעכע פֿאַמיליעס אין אַ באַזונדער



קאָסטיום פון די אלטע גריכן, לויט א געמעל אויף אן אטישער וואזע.

טעמפּל, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן הויז, וואו די פֿאַמיליע ריכט אָפּ
איר טעגלעכן קולט. עס איז פֿאַראַן אַ געפֿיל פֿון פֿערזענלעכער פֿאַר־
בונדנקייט צווישן דעם גאָטס בילד און צווישן דער משפּחה, וואָרעם
דאָס גייט איבער געוויינטלעך בירושה פֿון אַמאָליקע דורות, און
עס איז פֿאַראַן אַמאָל אַ מסורה, אַז אַ פֿאַרצייטיקער פֿרומער עלטער־
פֿאָטער האָט דאָס געקראָגן בדרך נס... מיט די געטער פֿון הויז־

געווינד איז ענג פֿאַרבונדן דער פֿאַמיליע-כּוהן... דער אינדישער כּוהן איז אַ טייל פֿון פֿאַמיליע-לעבן פֿון זיין עדה, דער פֿאַרבונד צווישן אים און די מאמינים האַלט זיך אין משך פֿון פֿיל דורות. דער כּוהן איז בדרך-כּלל ניט קיין מאַן פֿון גרויס געלערנטקייט; נאָר ער ווייס די טראַדיציעס פֿון זיין אמונה... ער איז ניט קיין זייער שווערע משא, וואָרעם ער באַנוגנט זיך מיט ווינציק — אַ ביסל רייז, אַ פּאָר באַנאַנעס אָדער אַ ביסל גרינס פֿון אייגענעם גאָרטן, אַ קאַפּ ניט ראַפֿינירטן צוקער, פֿון דעם וואָס ווערט געמאַכט אין דאָרף, און אַמאָל עטלעכע קופּערנע מטבעות — דאָס איז אַלץ, וואָס ער באַדאַרף...

„אַ בילד פֿון אונזער משפּחה-לעבן וואָלט געווען ניט פֿאַרפֿולט אָן די באַדינערס פֿון הויז. אַ דינסט איז אין בענגאַליע באַזאָרגט ווי די „דושהי“ אָדער טאָכטער — וואָרעם זי איז אַזוי ווי אַ טאָכטער אין שטוב; דעם באַלעבאָס און באַלעבאָסטע רופֿט זי פֿאָטער און מוטער און די יונגע מענער און פֿרויען פֿון דער פֿאַמיליע — ברידער און שוועסטער. זי באַטייליקט זיך אין לעבן פֿון דער משפּחה; זי גייט צו די הייליקע ערטער צוזאַמען מיט איר באַלעבאָסטע, וואָרעם אַליין טאָר זי ניט גיין, און געוויינטלעך פֿאַרברענגט זי איר לעבן ביי דער פֿאַמיליע, וואָס האָט זי צוגענומען צו זיך; די פֿאַמיליע האָט נאָך שפּעטער די השגחה אויף אירע קינדער. אויך מיט די באַדינערס מאַנספּיל באַגייט מען זיך אויפֿן זעלביקן שטייגער. די דאָזיקע באַדינערס, מענער און פֿרויען, זיינען בדרך כּלל מענטשן פֿון נידעריקערע קאַסטעס, נאָר אַ געפֿיל פֿון פּערזענלעכער פֿאַרבונדנקייט וואַקסט אויס צווישן זיי און צווישן די מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע, און אַז זיי קומען אַריין אין די יאָרן, גיבן זיי די יינגערע מיטגלידער פֿון דער משפּחה אָפּ כּבוד און רופֿן זיי אָן פֿעטער, מומע אאַז״וו.

„אין אַ פֿאַרמעגלעכער משפּחה איז שטענדיק פֿאַראַן אַ לערער, וואָס לערנט מיט די קינדער פֿון דער משפּחה און אויך מיט אַנדערע יינגלעך פֿון ישוב; קיין גרויסע שול-בנינים זיינען ניטאָ, אָבער מען געפֿינט אָרט פֿאַרן לערער מיט זיינע תּלמידים אין אַ וואַרענדע אָדער אונטער אַ פּידאַשעק, און אין אַזאַ שול האָבן אויך יינגלעך פֿון נידעריקע קאַסטעס פֿרייען צוטריט. די דאָזיקע שולן פֿאַר דער אָרטיקער

באַפעלקערונג זיינען ניט געשטאַנען אויף אַ זייער הויכער מדרגה, אָבער דאָך האָבן זיי פאָרגעשטעלט אַ בילדונגס־אָרגאַניזאַציע פאַר די מאַסן, וואָס אין אַ סך אַנדערע לענדער האָט מען אַזוינע ניט געהאַט...

„מיטן אינדישן לעבן איז פאַרבונדן דער טראַדיציאָנעלער מנהג פון הכנסת־אורחים. דעם באַלעבאָס חוב איז צו געבן אָפּצועסן איטלעכן פרעמדן, ווער עס קומט פאַר וואַרעמעס און בעט עסן. די באַלעבאָסטע פון שטוב זעצט זיך ניט עסן, איידער זי האָט אַלעמען אין שטוב געגעבן מיטאָג, און היות ווי טיילמאָל איז איר עסן אַליין, וואָס איז געבליבן, זעצט זי זיך ניט עסן ביז שפּעט נאָך האַלבן טאָג, אפשר וועט נאָך קומען אַ הונגעריקער אורח און בעטן עסן“...

מיר האָבן געבראַכט אַ לענגערע ציטאַט פון מר. באַסום ווערק, ווייל מיר קאָנען דורך דעם קריגן אַ שטיקל לעבעדיקע השגה פון יענעם טיפּ באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט געהערשט אין די מענטשלעכע קיבוצים זינט די נעאָליטישע צייטן, וואָס הערשט נאָך ביי היינטיקן טאָג אין אינדיע, כינע און ווייטן מזרח, נאָר אין מערב גייט ער האַסטיק אונטער, ווייל ער קאָן ניט באַשטיין אַנטקעגן דער מלוכישער און מוניציפּאַלער דערציונגס־אָרגאַניזאַציע און אַנטקעגן אַן אינדוסטריע־סיסטעם אין גרויסן מאַסשטאַב, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַזאַ אינדיווידועלע פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, וואָס יענע גרויסע הויזגעזינדן האָבן קיין מאָל אַזעלכע ניט געוואוסט...

נאָר קערן מיר זיך אום צו דער היסטאָריע, וואָס איז אויפגעהיט אין די אַרישע עפּאָסן.

די סאַנסקריט־עפּאָסן דערציילן אונז זייער אַן ענלעכע געשיכטע צו דער, וואָס אויף איר איז באַגרינדעט די איליאַדע, די געשיכטע פון אַ העל־הויטיקן פאָלק פון פלייש־עסערס — ערשט שפּעטער ווערן זיי וועגעטאַריער — וואָס קומט אַראָפּ פון פערסיע אין דעם פליין פון צפון־אינדיע און שלאָגט זיך דורך פּאַוואָליע אַ וועג ביז צום טייך אינדוס. פון אינדוס האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט איבער אינדיע, אָבער אויסשפּרייטנדיק זיך האָבן זיי איבערגענומען אַ סך זאַכן פון די טונקעלע דראַווידן, וואָס זיי האָבן איינגענומען, און זיי האָבן קענטיק אָנגעוואָרן זייער באַרדן־טראַדיציע. די אַלטע לידער, דערציילט מר.

באַסו, ווערן איבערגעענטפערט דער עיקר דורך פרויען אין די פאַמיליעס...

די בעל-פה-ליטעראַטור פון די קעלטישע פעלקער, וואָס האָבן זיך געשטופט קיין מערב, איז ניט געוואָרן אויפגעהיט אַזוי פול, ווי די ליטעראַטור פון די גריכן און אינדער. זי איז פאַרשריבן געוואָרן אַ סך יאָרהונדערטער שפּעטער; און דערפאַר האָט זי, פּונקט ווי דער פרימיטיווער, באַרבאַרי.שער ענגלישער „בעאָוואולף“, אָנגעוואָרן יעטווידער געדעכעניש וועגן אַ פעריאָד פון וואַנדערונגען אין לענדער, וואו עס האָט געוואוינט אַן אַנדער פאָלק. אויב עס פיגורירן אין יענער ליטעראַטור די פאַר-אַרישע פעלקער, איז דאָס אין דער געשטאַלט פון דעם גייסטער-פאָלק פון די אירישע מעשהלעך.

אירלאַנד, וואָס איז צום מיינסט געווען אָפגעשניטן פון אַלע קעלטיש-רייִדנדיקע קיבוצים, האָט די שפּעטסטע אויפגעהיט איר פרי-מיטיוו לעבן. די „טאַין“, די אירישע איליאַדע, שילדערט אַ לעבן פון רינדער-האָדעווען, ווען מען האָט גענוצט קריגס-רייטוואָגנס און אויך קריגס-הינט, און די קעפּ פון די דערהרגעטע זיינען געווען אויפ-געהאַנגען ווי אַ האַלז-באַנד אַרום די פערדס העלזער. די „טאַין“ איז אַ מעשה וועגן רינדער-רויב. זי מעלט אויס דעם זעלביקן סאָציאַלן סדר, וואָס די איליאַדע; די הויפּטלייט זיצן און הוליען אין גרויסע זאַלן, זיי בויען פּאַלאַצן פאַר זיך, צו זיי קומען באַרדן און זינגען און דערציילן מעשיות, און מען טרינקט און מען שיכּורט זיך אָן. כּוהנים זענען זיך ניט שטאַרק אָן, נאָר עס איז פאַראַן אַ מין מעדיצין-מאַן, וואָס שפּרעכט אָפּ און טרעפט די צוקונפט.

קאַפּיטל 20

די גריכן און די פּערסער

1. די העלענישע פעלקער. 2. אונטערשייד־סימנים פון דער העלענישער ציוויליזאַציע. 3. די מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע אין גריכנלאַנד. 4. דאָס קיניגרייך פון לידיע. 5. דער אויפשטייג פון די פּערסער אין מזרח. 6. די געשיכטע פון קרעזוס. 7. דריוש דרינגט אַריין אין רוסלאַנד. 8. די שלאַכט פון מאַראַטאָן. 9. טערמאָפּילע און סאַלאַמיס. 10. פּלאַטעע און מיקאַלע.

די גריכן באַווייזן זיך אין דער פאַרנעפּלטער שיין פון באַגינען פון דער געשיכטע (זאָגן מיר אַרום 1500 פאַר קר.) ווי איינס פון די וואַנדערדיקע, ניט אינגאַנצן נאָמאַדישע אַרישע פעלקער. זיי האָבן בהדרגה אויסגעשפּרייט די גרענעצן פון זייער פּאַשע־לאַנד קיין דרום־זייט ביז אין באַלקאַן־האַלבאינזל אַריין און האָבן זיך צונויפגעשטויסן און אויסגעמישט מיט דער עלטערער עגעישער ציוויליזאַציע, וואָס קנאָסאָס איז געווען דער שפּיץ פון איר.

אין די האָמערישע פּאָעמעס טוען אָט די דאָזיקע גריכישע שבטים ריידן אַלע איין שותּפישע שפּראַך, און אַ שותּפישע טראַדיציע, אונטערגעהאַלטן דורך די עפּישע פּאָעמעס, נעמט זיי צונויף אין אַ לויזער איינהייט. זיי רופן אָן זייערע פאַרשיידענע שבטים מיט אַ שותּפישן נאָמען: העלענעס. גיכער פון אַלץ זיינען זיי געקומען כוואַליעסווייז, איינע נאָך די אַנדערע. אין אַלט־גריכיש אונטערשיידט מען דריי הויפּט־וואַריאַציעס: יאָניש, עאָליש און דאָריש. עס זיינען געווען נאָך אַ סך פאַרשיידענע דיאַלעקטן. די יאָניער זיינען, ווייזט אויס,



א טייל פון געמעל אויף אן איטאליש-גריכישער וואזע, וואס ווייזט די ניין מוזעס. צו זעען די פארשיידענע מוזיק-אינסטרומענטן.

געקומען די ערשטע און האָבן זיך נאָענט צונויפגעמישט מיט די ציוויליזירטע פעלקער, וואָס זיי האָבן באַצוואונגען. אין פרט פון ראַסע איז די באַפעלקערונג פון אַזעלכע שטעט ווי אַטען און מילעט געווען אפשר ווינציקער נאָרדיש, איידער מיטללענדיש. די האָריער זיינען באַשיימפערלעך געווען די לעצטע, און די מעכטיקסטע און צום ווייניקסטן ציוויליזירטע כוואַליע פון די אייגעוואַנדערטע. די דאָזיקע העלענישע שבטים האָבן איינגענומען און שטאַרק חרוב געמאַכט די עגעישע ציוויליזאַציע, וואָס האָט געבליט פאַר זייער אָנקומען. אויף אירע חורבות האָבן זיי אויסגעבויט אַן אייגענע ציוויליזאַציע. זיי האָבן זיך געלאָזן צום ים און זיינען אריבערגעשוואומען דורך די אינזלען ביז קיין קליין-אַזיע; שווימענדיק דורך די דאַרדאַנעלן און דעם באָספאָר, האָבן זיי פאַרשפרייט זייערע ישובים פאַזע די דרומדיקע און דערנאָך פאַזע די צפונדיקע ברעגעס פון שוואַרצן ים. זיי האָבן זיך אויסגעשפרייט אויך איבער דרום-איטאַליע, וואָס איז צולעצט אָנגערופן געוואָרן גרויס גריכנלאַנד, און אַרום די צפונדיקע ברעגעס פון מיטללענדישן ים. זיי האָבן געגרינדעט די שטאָט מאַרסעל לעבן אַן עלטערער פעניקישער קאָלאָניע. זיי האָבן געגרינדעט ישובים אין סיציליע און גענומען קאָנקורירן מיט קאַרטאַגאָ נאָך אין יאָר 735 פאַר קר.

האַרט הינטער די גריכן זיינען געקומען די קרובישע מאַקעדאָניער און טראַקיער; אויף זייער לינקן פליגל זיינען די פריגער איבער דעם באָספאָר אַריבער קיין קליין-אַזיע.

אָט די דאָזיקע פונאַנדערטיילונג פון די גריכן געפינען מיר פאַרענדיקט נאָך פאַרן אָנהייב פון אַ געשריבענער געשיכטע. אָנהייב זעקס-

טער יאָרהונדערט פאַר קר. — אַן ערך אין דער צייט פון גלות בבל אין דער יידישער געשיכטע — זיינען שוין די סימנים פון דער פאַר-העלעניסטישער ציוויליזאַציע אין אייראָפּע געווען אָפּגעמעקט. טי-רינס און קנאָסאָס זיינען פאַרוואָרפענע ווינקלען; מיקען און טראָיאַ לעבן נאָר אין לעגענדעס. די גרויסע שטעט פון דער נייער גריכישער וועלט זיינען אַטען, ספּאַרטאַ (די הויפטשטאָט פון לאַקעדעמאָן), קאָרינט, טעבען, סאַמאָס, מילעט. די וועלט, וואָס אונזערע זיידעס פלעגן אָנרופן „דאָס אַלטע גריכנלאַנד“, איז אויסגעוואַקסן אויף די פאַרגע-סענע חורבות פון אַ נאָך עלטערן גריכנלאַנד, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געווען פּונקט אַזוי ציוויליזירט און קינסטלעריש, און וואָס ביי היינטיקן טאָג הייבן מיר ערשט אָן צו באַקענען זיך מיט דעם דורך די אויסגראָבונגען.

אָבער אָט דאָס נייערע אַלט-גריכנלאַנד, וואָס פון דעם דערציילן מיר איצט, לעבט נאָך ביז היינטיקן טאָג אין די פאָרשטעלונגען און אינסטיטוציעס פון מענטשן. דאָס איז דערפאַר, ווייל עס האָט געהערט אַ שיינע און העכסט אויסדרוקפולע אַרישע שפּראַך, און ווייל עס האָט איבערגענומען דעם מיטללענדישן אלף-בית און אים אויסגע-בעסערט דורך צוגעבן וואָקאַל-צייכנס, אַזוי אַז לייענען און שרייבן זיינען איצט געוואָרן אַ גרינגע זאַך צו לערנען און צו באַנוצן, און אַ גרויסע צאָל מענטשן האָט זיך אויסגעלערנט די שרייב-קונסט און האָבן פאַרצייכנט אַ סך זאַכן צום אָנדענק פאַר קומענדיקע דורות.

---

2. אונטערשייד-סימנים פון דער העלענישער ציוויליזאַציע.

די גריכישע ציוויליזאַציע, וואָס מיר זעען זי וואַקסן אין דרום-איטאַליע און גריכנלאַנד און קליין-אַזיע אין 7טן יאָרהונדערט פאַר קר., איז אין אַ סך וויכטיקע פּרטים פאַרשיידן פון די צוויי גרויסע ציווי-ליזאַציע-סיסטעמעס, וואָס זייער וואַקסן האָבן מיר שוין אָנגעצייכנט, די ציוויליזאַציע פון נילוס און פון די צוויי טייכן אין מעסאָפּאָטאַמיע. די דאָזיקע ציוויליזאַציעס זיינען אויסגעוואַקסן אין משך פון לאַנגע

תקופות דאָרט, וואו זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן; זיי זיינען אַרויסגע־
וואַקסן פּאַוואָליע אַרום אַ טעמפּל־לעבן פון אַ פּרימיטיווער אַגריקולטור
אַרויס; כּוהנים־מלכים און געטער־מלכים האָבן געמאַכט אַזעלכע שטאָט־



דער פּאָרטיקוס פון די קאַריאַטידן, אַ טייל פון דעם ערעכטייאָן־טעמפּל אין אַטען, ווי ער זעט איצט אויס. די פיגורן זיינען אויסגענוצט ווי זיילן אונטערצוהאַלטן דעם סופיט.

מלוכות צו אימפעריעס. נאָר די באַרבאַרישע גריכישע אָנפאַלער״ם זיינען אַריינגעקומען אין דרום־זייט אין אַ וועלט, וואָס איר ציוויליזאַציע האָט שוין געהאַט אַן אַלטע געשיכטע. שיף־פאָרעריי און אַגריקולטור, באַפעסטיקטע שטעט און שריפט זיינען שוין דאָרט געווען. די גריכן האָבן ניט געמאַכט פון דאָס ניי אַן אייגענע ציוויליזאַציע; זיי האָבן צעשעדיקט אַ פריערדיקע ציוויליזאַציע, און פון די חורבות האָבן זיי צונויפגעשטעלט אַ נייע.

דורך דעם קאָן מען דערקלערן דאָס, וואָס אין די ידיעות וועגן גריכישן עבר איז ניטאָ קיין זכר וועגן סטאַדיע פון אַ טעמפל־מלוכה אָדער פון כוהן־קיניג. די גריכן זיינען מיט איין מאָל אַריין אין דער שטאָט־אָרגאַניזאַציע, וואָס אין מזרח איז זי אויסגעוואַקסן אַרום טעמפל. זיי האָבן איבערגענומען די פאַרבינדונג צווישן טעמפל און שטאָט; די אידעע דערפון איז שוין געווען פאַרטיק געמאַכט פאַר זיי. וואָס האָט אויף זיי געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק פון דער שטאָט, זיינען געווען די מויערן. ס'איז אַ ספק, צי זיי האָבן זיך גלייך אַריינגעלאָזן אין שטאָט־לעבן. צוערשט האָבן זיי געלעבט אין אָפענע ישובים, אויסערהאַלב פון די חורבות פון די שטעט, וואָס זיי האָבן צעשטערט. אָבער שטענדיק איז די שטאָט געשטאַנען פאַר זיי ווי אַ מוסטער און ווי אַ רייצונג. זיי האָבן צוערשט געטראַכט, אַז די שטאָט קאָן זיין אַ זיכערער אָרט אין דער צייט פון מלחמה, און אַז דער טעמפל איז בעצם אַ טייל פון שטאָט. זיי האָבן געירשנט אַ פאַרגאַנגענע ציוויליזאַציע, בעת אין זייער גייסט זיינען געווען נאָך שטאַרק די אידעעס און טראַדיציעס פון די וואַלד־לענדער. די העראָאישע סאָציאַלע סיסטעם פון דער איליאַדע האָט איינגענומען דאָס לאַנד און האָט זיך צוגעפאַסט צו די נייע תנאים. אין משך פון דער צייט זיינען די גריכן געוואָרן מער רעליגיעז און איבערגלויביש, און די גלויבונגען פון די איינגענומענע פעלקער זיינען ווידער אַרויסגעקוואָלן אַרויף.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז די סאָציאַלע סטרוקטור פון די פרימיטיווע אַריער איז געווען אַ צוויי־קלאַסן־סיסטעם פון אַדל־לייט און געמיינע מענטשן, נאָר די קלאַסן זיינען ניט געווען שאַרף אָפּגעגרעבעצט פון אַנאַנד. אין מלחמה פלעגט אָנפירן אַ קיניג, וואָס איז געווען

פשוט דער ראש פון איינער פון די אַדל־פאַמיליעס, אַן „ערשטער צווישן גלייכע“. אַז די אײַנגעבאָרענע באַפעלקערונג איז באַצוואונגען געוואָרן און די שטעט זיינען געוואָרן אויפגעבויט, איז צוגעקומען



פונאַנדערטיילונג פון די
העלענישע שבטים
1000 ביז 800 פאַר קר.

צו אַמט דעם פשוטן סאָציאַלן באַשטאַנד פון צוויי קלאַסן אַן אונטער־שיכט פון ערד־אַרבעטערס און געלערנטע און ניט־געלערנטע אַר־בעטערס, וואָס זיינען על־פי־רוב געווען שקלאַפן. אָבער ניט אַלע גריכי־שע געמיינשאַפטן זיינען געווען פון דעם דאָזיקן „באַצווינג־טיפ“. עס

זיינען געווען אויך עטלעכע „ערי-מקלט", שטעט, וואָס זיינען גע-
ווען געבילדעט פון פליטים פון פאַרשיידענע געמיינדעס — אין די דאָ-
זיקע שטעט האָט דער שיכט איינגעבאָרענע געפעלט.

אין אַ סך שטעט פון ערשטן מין האָבן די איבערגעבליבענע פון דער פריערדיקער באַפעלקערונג געבילדעט אַן אונטערטעניקן קלאַס שקלאַפן פון דער מלוכה, ווי אַ גאַנצהייט, אַזוי ווי למשל די העלאָטן אין ספּאַרטאַ. די אַדל-לייט און די געמיינע לייט זיינען געוואָרן שררות און באַלעבאַטים. זיי האָבן דאָס געפירט דעם בוי פון שיפן און זיי זיינען געווען די סוחרים. טייל פון די אָרעמע פרייע בירגער האָבן זיך פאַרנומען מיט די מעכאַנישע קונסטן, און ווערדליג מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, פלעגן זיי זיך אַמאָל אויך פאַרדינגען פאַר רודערערס אויף אַ גאַלערע. די כּוהנים אין דער גריכישער וועלט זיינען געווען אָדער די היטער פון הייליקטום אָדער טעמפּל אָדער אָפּריכטער פון צערע-מאָניעס. אַריסטאָטעלעס אין זיין „פּאָליטיק" מאַכט פון זיי פּשוט אַן אונטער-אָפּטייל פון באַאַמטן-קלאַס. דער בירגער האָט יונגערהייט געדינט ווי אַ קריגסמאַן, אין די מיטעלע יאָרן ווי אַ רעגירער, אין דער עלטער ווי אַ כּוהן. דער קלאַס כּוהנים איז לגבי דעם קלאַס כּוהנים אין עגיפּטן און בבל געווען קליין און אָן באַטרעף.

די געטער פון די גריכן גופא, די געטער פון די העראָישע גריכן, זיינען געווען, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, פאַרגעטלעכטע מענטשלעכע וועזנס, און מען האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי ניט מיט קיין גרויסער שרעק אָדער יראת-הכּבוד. אָבער הינטער די דאָזיקע געטער פון די פרייע באַצווינגערס האָבן אַרויסגעלאָקערט אַנדערע געטער פון די אונטער-טעניקע פעלקער, וואָס האָבן געפונען זייערע באַהאַלטענע אָנהענגער אין שקלאַפן און פרויען. פון די אייגענע געטער פון די אַריער האָט מען ניט געהאָפט, זיי זאָלן טאָן ניסים אָדער אַריינמישן זיך אין מענטשנס לעבן. נאָר גריכנלאַנד איז, פונקט ווי דער גרעסטער טייל פון דער מזרח-וועלט אין די טויזנט יאָר פאַר קר., געווען שטאַרק צו-געוויינט צו פרעגן עצות בייַ אָראַקלען און וואָרזאָגערס. דעלפי איז געווען באַזונדערס באַרימט מיט איר אָראַקל. „אַז דער זקן אין שבט האָט ניט געקאָנט זאָגן די ריכטיקע זאַך וואָס צו טאָן", זאָגט דושיל-בערט מערייַ, „איז מען אַוועק צו די געהייליקטע פאַרשטאָרבענע. אַלע

אָראַקלען זיינען געווען לעבן קברים פון העלדן. זיי האָבן געזאָגט, וואָס דאָס איז „טעמים“, די ריכטיקע זאַך, וואָס מען האָט צו טאָן, אָדער ווי פרומע מענטשן וואָלטן היינט געזאָגט: וואָס איז גאָטס רצון“.

די כּוהנים און כּוהנות פון די דאָזיקע טעמפּלען זיינען ניט געווען פאַראייניקט אין איין קלאַס און זיי האָבן אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין כּוח ווי אַ קלאַס. די גריכישע מלוכה האָבן געבילדעט צוויי קלאַסן, די אַדל-לייט און די פרייע פּשוטע בירגער, וואָס אין איניקע פאַלן פלעגן זיי זיך צונויפשמעלצן אין איין קלאַס בירגער. אין אַ סך פאַלן, בפרט אין גרויסע שטאָט-מלוכות, איז די באַפעלקערונג פון שקלאַפן און ניט-פרייע פרעמדע געווען אַ סך גרעסער אין צאָל, ווי די בירגער. נאָר פאַר זיי האָט די מלוכה עקסיסטירט נאָר פון חסד וועגן; געזעצלעך איז זי געווען נאָר פאַר דער אויסדערוויילטער קערפערשאַפט פון די בירגער. די מלוכה האָט געקאָנט דולדן דעם פרעמדן אָדער שקלאַף אָדער אים ניט דולדן, אָבער לויטן געזעץ האָבן זיי ניט געהאַט זאָגן קיין דעה, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט זיי — אַלץ אייגס, ווי עס וואָלט געווען אַ דעספּאָטיזם.

דאָס איז אַ סאָציאַלע סטרוקטור, וואָס איז שטאַרק פאַרשיידן פון דער סטרוקטור פון די מזרח-מאָנאַרכיעס. די אויסשליסלעכע וויכטיקייט פון די גריכישע בירגער דערמאָנט אַ ביסל אָן דער אויסשליסלעכער וויכטיקייט פון די בני-אברהם יצחק ויעקב אין דער שפּעטערדיקער יידישער עדה, אָבער אויף דער גריכישער זייט איז ניטאָ אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען צוגעגליכן ווערן צו די נביאים און כּוהנים, און עס איז אויך ניטאָ די אידעע וועגן דער איבערהערשאַפט פון יאַהווע.

נאָך אַ חילוק איז געווען צווישן די גריכישע מלוכות און די אַנדערע מענטשלעכע קיבוצים, וואָס מיר האָבן ביז אַהער באַטראַכט, דאָס איז, וואָס זיי זיינען די גאַנצע צייט געבליבן געטיילט. אויך די ציוויליזאַציעס פון עגיפּטן, שומער, כינע און בלי-ספק אויך צפון-אינדיע, אַלע האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אין אַ צאָל אומאָפּהענגיקע שטאָט-מלוכות, איטלעכע פון זיי אַ שטאָט מיט אָפּהענגיקע דערפער און אַקערפעלדער אויף עטלעכע מייל אַרום; נאָר פון דעם דאָזיקן פּאַזיס אַרויס זיינען זיי איבערגעגאַנגען דורך אַ פּראָצעס פון צונויפוואַקסן

זיך אין קיניגרייכן און אימפעריעס. נאָר די גריכן האָבן ביזן סאַמע סוף פון זייער אומאָפהענגיקער געשיכטע זיך ניט צונויפגעוואַקסן. געוויינטלעך דערקלערט מען דאָס דורך די געאָגראַפישע תּנאים, וואָס אין זיי האָבן זיי געלעבט. גריכנלאַנד איז אַ לאַנד, וואָס איז צעשניטן אין אַ סך טאָלן דורך בערג-מאַסיוון און ים-אויסגוסן, אַזוי אַז דער פאַרקער איז דאָרט אַ שווערער; אַזאַ שווערער, אַז וויניציק שטעט זיינען געווען ביכולת איינצוהאַלטן אונטערטעניק די אַנדערע שטעט אַ לענגערע צייט. נאָך מער, אַ סך גריכישע שטעט זיינען געווען אויף אינזלען און צעשפּרייט אין ווייטע ברעג-לענדער. סוף-כּל-סוף איז די גרעסטע פון די שטאָט-מלוכות פון גריכנלאַנד געבליבן קלענער, ווי סך ענגלישע גראַפשאַפטן; טייל האָבן פאַרנומען אַ שטח סך-הכּל פון עטלעכע קוואַדראַט-מייל. אַטען, איינע פון די גרעסטע גריכישע שטעט, האָט געהאַט אויפן שפּיץ פון איר מאַכט אַ באַפעלקערונג פון אפשר אַ דריטל מיליאָן. וויניציק גריכישע שטעט האָבן געהאַט מער פון 50 .000 איינוואוינער. פון דער צאָל זיינען אַ העלפט אָדער מער געווען שקלאַפן און פרעמדע און צוויי דריטל פון דער פרייער קער-פּערשאַפט זיינען געווען קינדער.

---

3. מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע אין גריכנלאַנד.

די רעגירונג פון די דאָזיקע שטאָט-מלוכות איז געווען שטאַרק פאַרשיידן לויט איר מהות. אַז זיי האָבן זיך באַזעצט אין איינגע-נומענעם לאַנד, זיינען די גריכן אַ געוויסע צייט נאָך געבליבן אונטער דער רעגירונג פון זייערע מלכים; אָבער דערנאָך זיינען די דאָזיקע קיניגרייכן אַלץ מער און מער איבערגעגאַנגען צו דער ממשלה פון אַריסטאָקראַטישן קלאַס. אין ספּאַרטאַ (לאַקעדעמאָן) זיינען געווען מלכים נאָך אין זעקסטן יאָרהונדערט פאַר קר. די לאַקעדעמאָניער האָבן געהאַט אַ טשעקאַווע סיסטעם פון טאָפּל-קיניגטום: עס האָבן רעגירט צוגלייך צוויי מלכים, פון צוויי פאַרשיידענע קיניגלעכע פאַמיליעס.

נאָר דער גרעסטער רוב פון די גריכישע שטאָט-מלוכות זיינען געוואָרן אַריסטאָקראַטישע רעפּובליקן אַ צייט פאַר דעם זעקסטן יאָר-הונדערט. אין דעם גרעסטן טייל משפחות, וואָס רעגירן מחמת ירושה-רעכט, איז פאַראַן אַ טענדעניץ צו פוילקייט און אָפּגעלאָזנקייט. פריער אָדער שפּעטער הייבט זיך אָן זייער ירידה. און אַז די גריכן האָבן זיך געלאָזט פאָרן איבער די ימים און גרינדן קאָלאָניעס, און דער האַנדל



א דעטאל פון פריז פון פארטענאָן-טעמפּל. די גריכישע געטער פּאָסיידאָן, דיאָניסוס און די געטין דעמעטער זיצנדיק. איצט אין בריטישן מוזיי.

האָט זיך אויסגעשפּרייט, זיינען אויפגעשטאַנען נייע רייכע משפּחות און האָבן אָפּגעשטופּט די אַלטע און געפירט נייע מענטשן צו דער מאַכט. די דאָזיקע אויפגעקומענע זיינען געוואָרן מיטגלידער פון אַ הערשנדיקן קלאַס, וואָס האָט געבילדעט אַ רעגירונגס-שטייגער, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען אָליגאַרכיע — אין אָפּאָזיציע צו אַריס-טאָקראַטיע, הגם שטרענג גענומען, באַדאַרף דער נאָמען אָלי-

גאַרכיע (דאָס איז טייטש: הערשאַפט פון ווינציקע) כולל זיין אין זיך דעם באַגריף אַריסטאָקראַטיע, ווי אַ ספּעציעלן פאַל.

אין אַ סך שטעט האָבן מענטשן מיט ניט-געוויינטלעכער ענערגיע, וואָס האָבן אויסגענוצט אַ סאָציאַלן קאָנפליקט צי אומצופרידנקייט פון אַ קלאַס, פאַרזיכערט זיך אַ מער אָדער ווייניקער אומגעזעצלעכע מאַכט אין דער מלוכה. די דאָזיקע קאָמבינאַציע פון פערזענלעכקייט מיט פאַסיקער געלעגנהייט טרעפט, למשל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וואו מענטשן מיט אַ פאַקטישער מאַכט, הגם פאָרמאַל געהערן זיי ניט צו דער רעגירונג, ווערן אָנגערופן „באָסעס". אין גריכנלאַנד האָט מען זיי גערופן „טיראַנען". נאָר דער טיראַן איז געווען מער פון אַ „באָס"; ער איז געווען אָנערקענט פאַר אַ מאָנאַרך און האָט פאַרלאַנגט פאַר זיך דעם אַווטאָריטעט פון אַ מאָנאַרך. דער מאָדערנער „באָס" אָבער באַהאַלט זיך אויס הינטער לעגאַלע פאָרמען, וואָס ער האָט „פאַרכאַפּט אין זיין רשות" און נוצט זיי אויס צוליב זיינע צוועקן. טיראַנען אונטערשיידן זיך פון מלכים דערמיט, וואָס מלכים פאָדערן פאַר זיך רעכט, זיי האַלטן, אַז צו זייער משפחה געהער דאָס רעגירן לויט רעכט. די טיראַנען אָבער פלעגן אַמאָל גאָר אונטערגעהאַלטן ווערן דורך די אָרעמערע קלאַסן; פייסיסטראַטוס, למשל, וואָס איז געווען טיראַן פון אַטען צווישן 560 און 527 פאַרן קר. (מיט צוויי הפסקות, ווען מען האָט אים געהאַט פאַרטריבן), איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די פאַראָרעמטע אַטענער איינוואוינער. אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווי אין דער גריכישער סיציליע, איז דער טיראַן געשטאַנען פאַר די רייכע קעגן די אָרעמע. שפּעטער, אַז די פּערסער האָבן אָנגעהויבן אונטערטעניק צו מאַכן די גריכישע שטעט אין קליין-אַזיע, האָבן זיי אַריינגעזעצט דאָרט טיראַנען, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר די פּערסער.

אַריסטאָטעלעס, דער גרויסער פילאָסאָפישער לערער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אונטער דער מאַקעדאָנישער ירושה-מאָנאַרכיע און איז געווען עטלעכע יאָר דערציער פון קיניגס זון, אונטערשיידט אין זיין ווערק „פּאָליטיק" צווישן מלכים, וואָס רעגירן לויט אַן אָנגענומענעם און געירשנטן רעכט, אַזעלכע ווי דער קיניג פון מאַקעדאָניע, וואָס ער האָט ביי אים געדינט, און צווישן טיראַנען, וואָס

רעגירן אָן דעם הסכּם פֿון די רעגירטע. וואָס איז שייך דעם עצם פּאַקט, לאָזט זיך דאָס ניט תּופֿס זיין, ווי אַזוי האָט דאָס דער טיראַן רעגירט אָן דעם הסכּם פֿון אַ פּולע און אָן דעם, אַז אַ חשובער טייל פֿון זיינע אונטערטאַנען זאָל אים אַקטיוו מיטהעלפֿן. וואָס איז שייך דער געטרייקייט און דאָס אײַנשטעלן זיך פֿאַרן כּלל פֿון די „אמתע מלכים“, איז גוט באַוואוסט, אַז דאָס איז לכתּחילה אָפּגעפֿרעגט. אין דעם פּרט און דערין, וואָס ער באַטראַכט שקלאַפֿעריי ווי אַ נאַטירלעכע זאַך און האַלט, אַז פֿרויען זיינען ניט מסוגל צו פֿרייהייט און פּאָליטישע רעכט, איז אַריסטאָטעלעס צוגעבונדן די מיינונגען פֿון זיין סביבה.

אַ דריטע פֿאָרם פֿון רעגירונג, וואָס האָט גענומען אַלץ מער זיך פֿאַרשפּרייטן אין גריכנלאַנד אין זעקסטן, פֿינפֿטן און פֿערטן יאָרהונדערט פֿאַר קר., איז געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. אויך די מאָדערנע וועלט רעדט ביי היינטיקן טאָג כּסדר וועגן דעמאָקראַטיע, נאָר די מאָדערנע פֿאָרשטעלונג פֿון דעמאָקראַטיע איז גאָר אַן אַנדער זאַך ווי יענע דעמאָקראַטיע פֿון די גריכישע שטאָט-מלוכות. עס איז דערפֿאַר כּדאַי אויסצוטייטשן דאָ, וואָס איז דאָס געווען אַזוינס די דעמאָקראַטיע אין גריכנלאַנד. דעמאָקראַטיע איז דעמאָלט געווען די הערשאַפֿט פֿון גאַנצן כּלל, פֿון „דעמאָס“; עס האָבן רעגירט אַלע בירגער אין פֿולן באַשטאַנד, ניט נאָר עטלעכע. אָבער דער מאָדערנער לעזער דאַרף זיך פֿאַרמערקן דאָס וואָרט „בירגער“. אויסגעשלאָסן פֿון כּלל בירגער איז געווען דער שקלאַף, דער פֿרייגעלאָזענער, דער פֿרעמדער; אַפֿילו אַ גריך, געבאָרן אין דער שטאָט גופֿא, נאָר וואָס זיין פֿאָטער האָט געשטאַמט פֿון אַ ישוב אויף אַ מהלך פֿון אַכט אָדער צען מייל פֿון דער הויפּטשטאָט, איז אויך געווען אויסגעשלאָסן. די עלטערע דעמאָקראַטיעס (אמת ניט אַלע) האָבן געפֿאָדערט פֿון בירגער אַ פֿאַרמעגנס-צענז, און פֿאַרמעגן אין יענע צייטן איז געווען אַן ערד-נחלה. דאָס איז שפּעטער געוואָרן אָפּגעשוואַכט, נאָר דער מאָדערנער לעזער וועט גרינג פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער זאַך ווי מאָדערנע דעמאָקראַטיע. צום סוף פֿינפֿטן יאָרהונדערט פֿאַר קר. איז דער דאָזיקער פֿאַרמעגנס-צענז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, למשל, אין אַטען. נאָר פּעריקלעס, דער גרויסער אַטענישער מלוכה-מאַן, וואָס מיר וועלן שפּעטער האָבן צו דערציילן פֿון אים, האָט

איינגעפירט אַ געזעץ (451 פאַר קר.), אַז פאַר בירגער ווערן פאַררעכנט נאָר יענע, וואָס קאָנען דערווייזן, אַז ביידע עלטערן זייערע שטאַמען פון אַטען. אַזוי אַרום האָבן די בירגער אין די גריכישע דעמאָקראַטיעס, פונקט ווי אין די אָליגאַרכיעס, געבילדעט אַ געשלאָסענע קערפערשאַפט, און האָבן טיילמאָל ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין אַטען אין אירע גרויסע טעג, רעגירט איבער אַ פילצאָליקע באַפעלקערונג פון שקלאַפן און „אויסלענדער“.



נאָך אַ טייל פון פּאַרטענאָן-פריז: דריי יינגלעך טראָגן וואַסער אויף די אַקסלען און אַ פערטער הייבט אויף זיין קרוג.

אַ מאָדערנער פּאָליטיקער, וואָס איז צוגעוויינט צום געדאַנק, צו דעם לחלוטין נייעם געדאַנק, אַז דעמאָקראַטיע אין איר פולקומער פאָרם באַטייט, אַז אַלע דערוואַקסענע מענער און פרויען האָבן אַ דעה אין דער רעגירונג, אויב ער וואָלט זיך אין גייסט איבערגעטראָגן צוריק אַפילו צו דער עקסטרעמסטער גריכישער דעמאָקראַטיע, וואָלט זי אים אויסגעוויזן ווי אַ מין אָליגאַרכיע. דער איינציקער פּאַקטישער

אונטערשייד צווישן אַ גריכישער „אָליגאַרכיע“ און אַ גריכישער דעמאָקראַטיע איז דאָס, וואָס אין דער ערשטער האָבן די אָרעמערע און ווינציקער וויכטיקע בירגער ניט געהאַט קיין דעה אין דער רעגירונג, און אין דער צווייטער האָט איטלעכער בירגער געהאַט אַ דעה. אין די אָליגאַרכיעס האָבן די רייכע געצאָלט ווינציק שטייערן; די דעמאָקראַטיעס, פאַרקערט, פלעגן באַשטייערן די רייכע און די ניט־פאַרמעגלעכע בירגער פלעגן זיי בדרך־כלל אויסצאָלן אונטערשטייגעלטער און שכירות. אין אַטען פלעגט מען צאָלן בירגער שכירות אַפילו פאַר באַזוכן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. אָבער די גרויסע מאַסן מענטשן, וואָס האָבן ניט געהערט צו דעם גליקלעכן שטאַנד בירגער, האָבן געהאָרעוועט און געפּלאָגט, וואָס מען האָט זיי געהייסן. און אויב עמעצער האָט באַדאַרפט האָבן דעם שוץ פון געזעץ, האָט ער געמוזט זיך אויפזוכן אַ בירגער, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַר אים. וואָרעם נאָר דער בירגער האָט געקאָנט שטיין פאַרן געריכט. דער מאָדערנער געדאַנק, אַז איטלעכער מענטש אין דער מלוכה איז אַ בירגער, וואָלט אויסגעקומען יענע פּריווילעגירטע דעמאָקראַטן אין אַטען זייער משונהדיק.

אָט דאָס, וואָס די מלוכה איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון איין קלאַס בירגער, האָט קודם־כל געבראַכט דערצו, אַז דער פּאַטריאָטיזם פון הערשנדיקן קלאַס איז געווען אמת אַ שטאַרקער, נאָר דערפאַר אַן ענגער. די פּריווילעגירטע בירגער זיינען גערן געווען צו שליסן פאַרבונדן מיט אַנדערע מלוכות, אָבער קיין מאָל האָבן זיי ניט געוואָלט זיך צונויפגיסן מיט אַנדערע שטאָט־מלוכות. דורך דעם וואָלטן זיי געהאַט מבטל געווען זייער אייגן וואוילזיין. דאָס, וואָס די דאָזיקע גריכישע מלוכות האָבן פאַרנומען אַזעלכע קליינע שטחים, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זייער געפיל. די ליבע צום לאַנד איז געוואָרן געשפּייזט און געשטאַרקט דורך דער ליבע צו דער געבוירנשטאָט, צו דער רעליגיע, צו דער היים; וואָרעם דאָס אַלץ איז געווען איינס. פאַרשטייט זיך, די שקלאַפן האָבן אַזעלכע געפילן ניט געהאַט, און אין די אָליגאַרכישע מלוכות פלעגט דער קלאַס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין חלק אין דער רעגירונג, זייער אָפט איבערבייטן זיין שנאה צו פרעמדע אויף דער נאָך גרעסערער שנאה צום

קלאַס אין דער היים, וואָס האָט אים געדריקט. נאָר אין גרויסן און גאַנצן איז פּאַטריאָטיזם פון אַ גריך געווען אַ פּערזענלעכע ליידנשאַפט, וואָס האָט געקאָנט ווערן געפערלעך. פונקט ווי אָפּגעשטויסענע ליבע, האָט זי געקאָנט מגולגל ווערן צו אַ געפיל, וואָס שמעקט זייער שטאַרק מיט שנאה. די גריכישע פאַרטריבענע זיינען געווען גלייך צו די פראַנצויזישע אָדער רוסישע עמיגראַנטן נאָך דער רעוואָלוציע אין זייער גרייטשאַפט אָנצוטאָן היפּש צרות זייער געליבטן פאָטערלאַנד, בכדי אויסצולייזן דאָס פון די „טייוואָלים בצורת מענטש", וואָס האָבן דאָס פאַרכאַפּט און זיי גופא משלח געווען.

אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר קר. האָט אַטען געבילדעט אַ סיסטעם פאַרבונדן מיט אַ צאָל אַנדערע גריכישע שטאָט=מלוכות, וואָס טייל היסטאָריקער רופן דאָס אָן די אַטענישע אימפּעריע. נאָר אַלע די דאָזיקע שטאָט=מלוכות זיינען געבליבן ביי זייערע אייגענע רעגירונגען. איין „נייעם פּאַקט" האָט די אַטענישע אימפּעריע אויפגעטאָן: זי האָט אונטערדריקט אינגאַנצן ים=רויבעריי; אַ צווייטער אויפטו איז געווען די איינשטעלונג פון אַ מין אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. דאָס געזעץ איז פּאַקטיש געווען אַן אַטעניש געזעץ; אָבער מען האָט איצט געקאָנט לאָדן און משפּטן פאַר איין געריכט בירגער פון פאַרשיידענע מלוכות פון דעם בונד, אַ זאַך, וואָס פריער איז דאָס, נאַטירלעך, ניט געווען מעגלעך.

די אַטענישע אימפּעריע האָט זיך פּאַקטיש אַרויסאַנטוויקלט פון אַ בונד פאַר קעגנזייטיקן שוץ קעגן פּערסיע; דער זיץ פון בונד איז לכתחילה געווען אויפן אינזל דעלאָס, און די פאַרבינדעטע פלעגן אַריינטראָגן אָפּצאָלן אין אַ בשותּפישער קאַסע אין דעלאָס; די קאַסע פון דעלאָס האָט מען אַריבערגעטראָגן קיין אַטען, ווייל דאָרט איז זי געווען זיכערער קעגן אַ מעגלעכן פּערסישן אָנפאַל. דערנאָך האָט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער פאָרגעלייגט אַריינצוטראָגן אַ געלט=אָפּצאָל אָנשטאָט פּערזענלעכן מיליטערדינסט, און סוף=כל=סוף האָבן די אַטענער שטענדיק געטאָן די נייטיקע אַרבעט און פלעגן צונעמען כמעט דאָס גאַנצע געלט. צוויי אָדער דריי פון די גרעסערע אינזלען פלעגן זיי שטענדיק אונטערשטיצן. אַזוי אַרום איז דער „בונד" בהדרגה געוואָרן אַן „אימפּעריע", נאָר די בירגער

פון די פאַרבונדענע מלוכות זיינען פאַקטיש געבליבן פרעמדע פאַר אַנאַנד, סיידן עס זיינען געווען ספּעציעלע אָפּמאַכן וועגן זיך משדך זיין וכדומה. די דאָזיקע אימפּעריע האָבן דער עיקר אונטערגעהאַלטן די אָרעמערע בירגער פון אַטען. ווייל זיי האָבן געבילדעט די אַרמיי און די באַאַמטע. איטלעכער בירגער איז געווען מחויב צו דינען אין מיליטער אין דער היים אָדער אין דער פרעמד פון 18 יאָר ביז 60, און זיי האָבן געמוזט זיך שלאָגן סיי פאַר די אייגענע אַטענישע אינטערעסן און סיי פאַר די אינטערעסן פון יענע מלוכות פון בונד, וואָס זייערע בירגער האָבן זיך געהאַט אויסגעקויפט. עס איז מסתמא ניט געווען קיין איין מאַנסביל אין אַטען עלטער פון 25 יאָר, וואָס זאָל ניט האָבן געדינט אין עטלעכע קריגס-עקספּעדיציעס אין פאַרשיידענע טיילן פון מיטללענדישן אָדער שוואַרצן ים, און וואָס זאָל זיך ניט האָבן געריכט צו דינען נאָך. די קעגנער פון מאָדערנעם אימפּעריאַליזם טענהן, אַז דאָס איז די עקספּלואַטאַציע פון דער וועלט דורך די רייכע; דער אַטענישער אימפּעריאַליזם איז געווען די עקספּלואַטאַציע פון דער וועלט דורך די אָרעמערע בירגער פון אַטען.

נאָך אַן אונטערשייד לגבי די מאָדערנע תנאים, אַן אונטערשייד, וואָס איז געעדרונגען פון דער קליינקייט פון די גריכישע שטאָט-מלוכות, איז געווען דאָס, וואָס אין אַ דעמאָקראַטיע האָט איטלעכער בירגער געהאַט דאָס רעכט צו קומען צו די פאָלק-פאַרזאַמלונגען, צו ריידן און צו שטימען. פאַרן גרעסטן רוב פון די מלוכות האָט דאָס באַטייט אַ פאַרזאַמלונג פון סך-הכל עטלעכע הונדערט מענטשן; די גרעסטע האָבן געהאַט ניט מער ווי עטלעכע טויזנט. אין אַ מאָדערנער „דעמאָקראַטיע“, וואָס באַשטייט אפשר פון מיליאָנען שטים-באַרעכטיקטע, קאָן אַזאַ זאַך ניט געמאָלט זיין. די דעה פון אַ מאָדערנעם „בירגער“ אין די עפנטלעכע ענינים איז באַגרענעצט אין זיין רעכט צו שטימען פאַר דעם אָדער פאַר יענעם פון די פאַרטיי-קאַנדידאַטן, וואָס מען לייגט אים פאָר. דערנאָך ווערט אָנגענומען, אַז ער, אָדער זי, „איז מסכים“ צו פאָלגן דער רעגירונג, וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן. אַריסטאָטעלעס, וואָס פאַר אים וואָלטן די וואַלמעטאָדן פון אונזערע מאָדערנע דעמאָקראַטיעס אויסגעוויזן ווי אַ חוזק, ווייזט אָן זייער שאַרפזיניק, ווי אַזוי עס איז מעגלעך אין אַ

דעמאָקראַטיע אָפּצונעמען די פּאָליטישע רעכט פון די בירגער פּויערים, וואָס וואַרגען ווייט פון שטאָט, פּשוט דורך דעם, וואָס מען רופט צונויף די פאָלקס־פאַרזאַמלונג צו אָפט, אַז זיי זאָלן קאָנען רעגולער זיך באַטייליקן אין איר. אין די שפּעטערדיקע גריכישע דעמאָקראַטיעס (פינפטער יאָרהונדערט) פלעגן די עפנטלעכע באַאַמטע, חוץ די וואָס האָבן באַדאַרפט זיין גאָר ספּעציעל אויסגעבילדעט, ווערן באַשטימט דורכן גורל. דאָס האָט באַדאַרפט באַשיצן דעם כלל פּריווילעגירטע בירגער קעגן דער ממשלה פון גבירים און איינפלוסרייכע און פון בפירוש אויסגעצייכנט פעיקע מענטשן.

אייניקע דעמאָקראַטיעס (למשל, אַטען און מילעט) האָבן געהאַט אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געהייסן אָסטראַקיזם — פון אָסטראַקאָן, אַ שערבל; אין אַ צייט פון קריזיס אָדער קאָנפליקטן האָט איטלעכער בירגער געמעגט אויפשרייבן אויף אַ שערבל דעם נאָמען פון אַ בירגער, וואָס ער האָט געוואָלט, מען זאָל אים פאַרטרייבן אויף צען יאָר. אַ מאָדערנעם לעזער קאָן אַזאַ אינסטיטוציע אויסדוכטן פאַר אומגערעכט, אָבער דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. דאָס איז געווען, זאָגט דזשילבערט מורי, אַ וועג צו קומען צו אַ טאָלק אין אַזאַ פאַל, ווען די פּאָליטישע מיינונגען זיינען געווען אַזוי געטיילט, אַז עס איז קיין אויסוועג ניט געווען. אין די גריכישע דעמאָקראַטיעס זיינען געווען פּאַרטייען און פּאַרטיי־פירערס, אָבער עס איז ניט געווען קיין רעגולערע רעגירונג און אַנטקעגן איר אַ רעגולערע אָפּאָזיציע. אָפטמאָל איז דעריבער ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו פירן אַן אויסגעהאַלטענע פּאָליטיק, אַפילו ווען דאָס רוב איז געווען פאַר איר, אויב אַ שטאַרקער פירער אָדער אַ שטאַרקע גרופּע איז געווען קעגן. דעמאָלט פלעגט קאָנען ווירקן דער אָסטראַקיזם, אַז דער צום ווייניקסטן פּאָפּולערער אָדער צום ווייניקסטן זיכערער הויפּט־פירער פון דער קעגן־פּאַרטיי זאָל אויף צען יאָר זיך מוזן דערווייטערן, ניט אָנצווווערן דערביי זיין כבוד אָדער זיין אייגנס.

די דאָזיקע אינסטיטוציע פון אָסטראַקיזם האָט פאַראייביקט איינעם אַ פראָסטן און ניט־געבילדעטן בירגער פון אַטען. אַ געוויסער אַריסטידעס האָט געהאַט אַ גרויסן שם פאַר אַ גערעכטן שופט אין דער צייט ווען ער האָט געדינט אין געריכט. צווישן אים און צווישן

טעמיסטאָקלעסן איז אַרויסגעקומען אַ מחלוקת איבער אַ פראַגע פון דער פלאָט-פּאָליטיק; אַריסטידעס האָט געהאַלטן, אַז מען מוז שטאַרקן די יבשה-אַרמיי, טעמיסטאָקלעס איז געווען אינגאַנצן פאַרן פלאָט; קיינער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן. איז געבליבן, אַז דער אָסטראַקיזם זאָל אַנטשיידן צווישן זיי. דערציילט דער שפּעטערדיקער גריכישער שרייבער פּלוטאַרך, אַז בעת דער אָפּשטימונג איז אַריסטידעס אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן; האָט אים אָפּגעשטעלט עפּעס אַ בירגער, קענטיק אַ ישובניק פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָט



דער איצטיקער אויסזען פון אקראָפּאָליס אין אטען.

אַליין ניט געקאָנט שרייבן, און האָט אים געבעטן, ער זאָל אויפשרייבן אַריסטידעס נאָמען אויפן שערבל.

„וואָס איז?“ פרעגט ער אים. „איז אַריסטידעס ווען באַגאַנגען קעגן דיר אַן עוולה?“

„ניין“, האָט געזאָגט דער בירגער. „איך האָב אים קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען. נאָר מיר שטעכט, ווען איך הער, אַז מען רופט אים דער גערעכטער אַריסטידעס“.

דערויף, דערציילט פּלוטאַרך, האָט אַריסטידעס אָן אַ וואָרט צו ריידן אויפגעשריבן, וואָס דער מענטש האָט פאַרלאַנגט...

ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין אין דעם, וואָס עס באַטייטן די דאָזיקע גריכישע אינסטיטוציעס און בפרט וואָס די גאַנצע מאַכט, סיי אין די דעמאָקראַטיעס און סיי אין די אָליגאַרכיעס, איז געווען באַגרענעצט אין די הענט פון אַן אָרטיקן פּריווילעגירטן קלאַס, פאַרשטייט מען, ווי עס האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין, עס זאָלן זיך פאַראייניקן די הונדערטער גריכישע שטעט, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט אין דער געגנט פון מיטללענדישן ים, אָדער אַפילו זיי זאָלן זיך אַלע צונויפרידן צוליב אַ בשותפישער אַקציע. איטלעכע מלוכה איז געווען אין די הענט פון עטלעכע אָדער עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס אָט די אָפּגעזונדערטקייט האָט באַטייט פאַר זיי אַלצדינג, וואָס עס האָט אַ ווערט אין לעבן. פאַראייניקן די גריכן האָט געקאָנט נאָר אַ באַצווינגונג פון אויסווייניק, און ביז וואַנען גריכנלאַנד איז ניט געוואָרן איינגענומען, האָבן גריכן קיין פּאָליטישע איינהייט ניט געהאַט. און אַז זיי זיינען סוף־כל־סוף געוואָרן באַצוואונגען, זיינען זיי געווען אַזוי באַצוואונגען, אַז זייער איינהייט האָט שוין פאַר זיי אַליין קיין באַטרעף ניט געהאַט; עס איז געווען אַן איינהייט פון אונטערטעניקייט.

עס איז אָבער דאָך שטענדיק געווען אַ געוויסע טראַדיציע פון איינהייט צווישן אַלע גריכן, וואָס איז געווען באַגרינדעט אויף אַ בשותפישער שפּראַך און שריפט, אויפן בשותפישן פאַרמאָג פון העלדן־געזאַנגען און אויף אַ כסדרדיקן פאַרקער, וואָס איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן דורך שיפן. און חוץ אַלעמען, איז נאָך געווען אַ געוויסער רעליגיעזער בונד, וואָס האָט פאַראייניקט די גריכן. געוויסע הייליקטימער — למשל, דאָס הייליקטום פון גאָט אַפּאָלאָ אויפן אינזל דעלאָס און אין דעלפי — זיינען אונטערגעהאַלטן געוואָרן ניט דורך איינציקע מלוכות, נייערט דורך ליגעס פון מלוכות אָדער אַמפיקטיאָניעס (דאָס איז טייטש: פאַרבאַנד פון שכנים); די דעלפישע אַמפיקטיאָניע, למשל, האָט אַרומגענומען אַ היפּשן קרייז מלוכות. די דאָזיקע ליגע האָט געשיצט דאָס הייליקטום און די זיכערקייט פון די באַזוכערס זיינע, האָט געזאָרגט פאַר די וועגן, וואָס האָבן גע־

פּירט צו דעם, געזיכערט דעם שלום אין דער צייט פון באַשטימטע יום-טובים, איינגעשטעלט געוויסע כּללים אויף זייכער צו מאַכן די קריגס-מנהגים צווישן אירע מיטגלידער, און האָבן—באַזונדערס די אַמפּיקטיאָניע פון דעלאָס — אונטערדריקט די ים-רויבעריי. נאָך אַ וויכטיקערער פאַרבינד-מיטל פאַר די העלענען זיינען געווען די אָלימפּישע שפּילן, וואָס פלעגן ווערן אָפּגעריכט אַלע פיר יאָר אין אָלימפּיע. וועט-געלאַף, פויסט-קאַמף, ראַנגלעריי, שפּיז וואַרפן, דיסקוס וואַרפן, שפּרינגען, פאַרמעסטונג פון רייטוואָגנס און פערד — דאָס זיינען געווען די הויפּט-שפּילן, און מען פלעגט פאַרצייכענען צום אָנדענק די זיגערס און די חשובסטע באַזוכערס פון די שפּילן. פון יאָר 776 פאַר קר. און ווייטער זיינען אָט די שפּילן אָפּגעהאַלטן געווארן רעגולער אין משך פון איבער טויזנט יאָר, און זיי האָבן אַ סך מיטגעווירקט אויף אונטערצוהאַלטן דאָס געפיל פון אַלגעמיין-גריכישן (פּאַן-העלענישן) לעבן, אַריבער דער איינגעצאַמטער פּאָליטיק פון די שטאָט-מלוכות. דאָס יאָר 776 פאַר קר. איז דאָס יאָר פון דער ערשטער אָלימפּיאַדע, אַ ווערטפולער אָנהייב-פּינקט אין דער גריכישער כראָנאָלאָגיע.

אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונגען פון געפיל און געזעלשאַפטלעכקייט האָבן געהאַט אַ קנאַפּן באַטרעף אַנטקעגן דעם איבערמעכטיקן סעפּאַראַטיזם פון די גריכישע פּאָליטישע אינסטיטוציעס. פון העראָדאָטס געשיכטע קאָן דער פאָרשער זיך מאַכן אַ פאָרשטעלונג, ווי שטאַרק און ווי איינגעגעסן עס זיינען געווען די מחלוקתן, וואָס האָבן געהאַלטן די גריכישע וועלט אין אַ צושטאַנד פון כסדרדיקע מלחמות. אין אַלטע צייטן (ד"ה ביז צום זעקסטן יאָרהונדערט פאַר קר.) האָבן אין גריכנלאַנד געהערשט היפּש גרויסע משפּחות, און עס איז נאָך געבליבן אַ רעשט פון דעם אַלט-אַרישן הויזגעזינד-סיסטעם מיט אירע שטאַרקע משפּחה-געפילן און מיט איר טבע צו פאַרציען אַ מחלוקת אויף יאָרן און דורות. די געשיכטע פון אַטען דרייט זיך יאָרן-לאַנג אַרום דער מחלוקת צווישן צוויי גרויסע משפּחות, די אַלקמעאָנידן און די פּייסיסטראַטידן. אויך די לעצטע איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישע משפּחה, זי האָט אָבער געשטיצט איר מאַכט אויף די אָרעמע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, געזוכט אויסצו-

נוצן איר אומצופרידנקייט. שפּעטער, אין 6טן און 5טן יאָרהונדערט, פאַרשווינדן ביסלעכווייז די אַלטע אַריסטאָקראַטישע משפּחות — אַריס־טאָטעלעס פאַרצייכנט, אַז זיי האָבן ווינציקער געהאַט קינדער, פאַרוואָס שרייבט ער ניט. די שפּעטערדיקע מלחמות זיינען שוין אַרויסגע־קומען מער פון האַנדלס־קאָנקורענץ און פון סיכסוכים, וואָס עס פלעגן אַרויסרופן און אויפרייצן איינציקע אַוואַנטוריסטן, איידער פון נקמה־אַקטן צווישן משפּחות.

ווען מען ווייס דעם דאָזיקן אינטענסיוון סעפּאַראַטיזם פון די גריכן, איז גרינג צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די יאָניער פון אַזיע און פון די אינזלען זיינען אַרונטערגעפאַלן צוערשט אונטער דער אייבערהער־שאַפט פון קיניגרייך לידיע און דערנאָך אונטער דער ממשלה פון די פּערסער, נאָך דעם ווי כורש האָט באַצוואונגען קרעזוס דעם קיניג פון לידיע. זיי האָבן מורד געווען, אָבער זיי זיינען ווידער אַמאָל געוואָרן באַזיגט. דעמאָלט איז געקומען די ריי פון די אייראָפּעישע גריכן. עס איז אַ חידוש, די גריכן אַליין האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ וואונדער, וואָס גריכנלאַנד גופא איז ניט אַרונטערגעפאַלן און־טער דער ממשלה פון די פּערסער, די באַרבאַרישע אייבערהאַרן פון די אַלטע ציוויליזאַציעס פון מערב־אַזיע. נאָר איידער מיר דערציילן וועגן דאָזיקן קאַמף, מוזן מיר אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע אַזיאַטן, וואָס קענען זיי האָבן די גריכן געמוזט קעמפן. באַ־זונדערס דאַרפן מיר באַטראַכטן די מעדער און די פּערסער, וואָס 538 פאַר קר. האָבן זיי שוין באַהערשט די אַלטע ציוויליזאַציעס פון אַשור און בבל און האָבן געהאַלטן ביי איינגעמען עגיפּטן.

---

4. דאָס קיניגרייך פון לידיע.

מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו דערמאָנען דאָס קיניג־רייך לידיע, און עס איז כדאי צו געבן דאָ אַ קורצע נאָטיץ וועגן די לידיער, איידער מיר דערציילן ווייטער אונזער געשיכטע. די לכתּחילהדיקע באַפעלקערונג פון דעם גרעסערן טייל פון קליין־אַזיע איז אפשר געווען פאַרקרובעט מיט דער לכתּחילהדיקער באַ־

פֿעלקערונג פֿון גריכנלאַנד און קרעטאַ. אויב אַזוי, איז דאָס געווען די „מיטללענדישע ראַסע". אָדער זי האָט געקאָנט זיין אַן אַנדער צווייג פֿון יענעם טונקלהויטיקן פֿאָלק, וואָס פֿון דעם זיינען אַרויסגעקומען די מיטללענדישע ראַסע אין מערבֿ־זייט און די דראַווידן אין מזרח־זייט. רעשטן פֿון דעם זעלביקן מין קונסט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר קרעטאַ און מיקען, קאָן מען געפֿינען צעזייט איבער קליין־אַזיע. נאָר פּונקט אַזוי ווי די צפֿונדיקע גריכן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן קיין דרום־זייט אין גריכנלאַנד אַריין און האָבן זי איינגענומען און אויסגעמישט זיך מיט די איינגעבאָרענע, אַזוי זיינען אַנדערע און קרובֿישע צפֿונדיקע שבֿטים אַריינגעדרונגען איבערן באָספּאָר קיין קליין־אַזיע. אין טייל געגנטן האָבן די אַרישע שבֿטים אינגאַנצן געקראָגן די איבערהאַנט, זיינען געוואָרן דער רובֿ מנין פֿון דער באַפֿעלקערונג און האָבן אויפֿגעהיט זייער אַרישע שפּראַך. אַזעלכע זיינען געווען די פֿריגער, וואָס זייער שפּראַך איז געווען כמעט אַזוי נאָענט צו גריכיש, ווי די שפּראַך פֿון די מאַקעדאָניער. נאָר אין אַנדערע געגנטן האָבן די אַריער ניט געהאַט די איבערהאַנט. אין לידיע איז געבליבן די לכתּחילהדיקע ראַסע מיט איר אייגענער שפּראַך. די לידיער זיינען געווען אַ ניט־אַריש פֿאָלק, וואָס האָט גערעדט אַ ניט־אַרישע שפּראַך, וואָס ביז היינטיקן טאָג זיינען פֿון איר באַוואוסט נאָר עטלעכע ווערטער. זייער הויפּטשטאָט איז געווען סאַרדיס.

זייער רעליגיע איז אויך ניט געווען קיין אַרישע. זיי האָבן געדינט צו אַ געטהייט „די גרויסע מוטער". אויך די פֿריגער, הגם זיי האָבן איינגעהיט זייער גריכיש־ענלעכע שפּראַך, נאָר זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט דער מיסטישער רעליגיע, און אַ סך זאַכן פֿון דער מיסטעריע־רעליגיע און פֿון די סודותדיקע צערעמאָניעס, וואָס האָבן אין אַ שפּעטערדיקער צייט געהערשט אין אַטען, שטאַמען פֿון אַ פֿריגישן (אָדער אפֿשר אַ טראַקישן) מקור.

צוערשט האָבן די לידיער געוועלטיקט איבער דעם מערבֿ־ברעג פֿון קליין־אַזיע, אָבער אַז די יאָנישע גריכן זיינען אָנגעקומען פֿון ים־זייט, האָבן זיי זיי פֿאַרטריבן פֿון דאָרט און געגרינדעט זייערע אייגענע מלוכות. שפּעטער אָבער האָבן די לידישע מלכים אונטערטעניק געמאַכט די יאָנישע גריכן.



א טייל פון א הילצערנעם פײלן־שייד, באדעקט מיט טינקע און זילבער, וואס ווייזט סקיטישע קריגס־לייט אין א שלאכט. געפונען אין א דרום־רוסישן קבר־בערגל.

די געשיכטע פון לאַנד לידיע איז נאָך ניט קלאָר באַוואוסט, און וואָלט זי געווען באַוואוסט, וואָלט זי קוים געווען וויכטיק גענוג, מען זאָל זי דאַרפן דערציילן דאָ אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן קאָנטור, אָבער אין 8טן יאָרהונדערט פאַר קר. איז דאָרט געווען אַ מאָנאַרך מיטן נאָמען גיגעס, וואָס אים איז כדאי צו פאַרגעדענקען. אונטער זיין רעגירונג האָט דאָס לאַנד געהאַט צו ליידן פון אַן אָנפאַל פון אַן אַנדער אַרישן שבט; עטלעכע נאָמאַדישע שבטים, וואָס ווערן אָנגערופן די קימעריער, זיינען אַריינגעדרונגען אין קליין־אַזיע, און נאָר מיט מי האָבן גיגעס און זיין זון און זיין אייניקל זיי אָפּגעטריבן. צוויי מאָל האָבן די דאָזיקע באַרבאַרן איינגענומען סאַרדיס און זי פאַרברענט. עס איז אויך פאַרשריבן אין די אַשורישע כראָניקעס, אַז גיגעס האָט געצאָלט צינז סאַרדאַנאַפּאַלן. די דאָזיקע ידיעה דינט צו פאַרבינדן אים מיט אונזערע אַלגעמיינע פאָרשטעלונגען וועגן דער געשיכטע פון אַשור, ישראל און עגיפּטן. שפּעטער האָט גיגעס מורד געווען קעגן אַשור און האָט געשיקט חיל צו העלפן פּסאַמעטיך I צו באַפרייען עגיפּטן פון דער קורצער קנעכטשאַפט פון אַשור.

אַליאַטעס, דער אייניקל פון גיגעס, האָט געמאַכט לידיע פאַר אַ חשובער מאַכט. ער האָט רעגירט זיבן יאָר און ער האָט אונטערטעניק געמאַכט דעם גרעסטן טייל פון די יאָנישע שטעט אין קליין־אַזיע. דאָס לאַנד איז געוואָרן דער צענטער פון אַ גרויסן האַנדל צווישן אַזיע און אייראָפּע; עס איז שטענדיק געווען פּראָדוקטיוו און רייך אין גאָלד, און איצט האָט דער קיניג פון לידיע געקראָגן אַ שם פאַרן רייכסטן מאָנאַרך אין אַזיע. עס איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג צווישן שוואַרצן ים און מיטללענדישן ים, צווישן מזרח און מערב. לידיע איז געווען באַרימט דערמיט, וואָס זי איז די ערשטע מלוכה אין דער וועלט, וואָס האָט געגאָסן מטבעות און וואָס האָט איינגעפירט דעם מנהג צו בויען אכסניות פאַר דורכפאָרערס. די לידישע דינאַסטיע איז קענטיק געווען אַ האַנדלס־דינאַסטיע, אויפן שטייגער ווי מינאָס אין קרעטאַ, מיט אַן אַנטוויקלטער באַנק־און פינאַנץ־סיסטעם... אָט דאָס זאָל זיין פאַרצייכנט מכּוח לידיע ווי אַן אַריינפיר צום ווייטערדיקן פּאַראַגראַף.

5. דער אויפשטייג פון די פערסער אין מזרח.

אין דער זעלביקער צייט, בעת איין טייל פון אריש-ריידנ-דיקע שבטים איז אריינגעדרונגען אין גריכנלאנד, דרום-איטאליע, זיך אויסגעשפרייט, ווי מיר האבן געשלדערט, איבער די אינזלען, פאזע די ברעגעס פון שווארצן ים, האט א צווייטע גרופע פון אריש ריידנדיקע שבטים, וואס זייער לכתחילה צפונדיק בלוט איז אפשר געווען שוין אויסגעמישט מיט מאנגאלישע עלעמענטן, גענומען זיך באזעצן און אויסשפרייטן אין צפון-זייט און אין מזרח-זייט פון דער אימפעריע פון אשור און בבל.

מיר האבן שוין גערעדט דערפון, ווי אזוי די אַרישע שבטים האבן זיך אויסגעשפרייט אין צפון זייט פון שווארצן און קאספישן ים; מען מעג אננעמען, אז גראד איבערן דאזיקן וועג זיינען די אינדא-פערסישע אריש-ריידנדיקע פעלקער געקומען אין לאנד אריין, וואס איז איצטער פערסיע און האבן זיך אויסגעשפרייט, פון איין זייט, אין מזרח-זייט קיין אינדיע (? 2000 ביז 1000 פאר קר.) און פון דער אנדער זייט זיינען זיי געוואקסן און פארמערט זיך אין פערסישן הויכלאנד, ביז זיי זיינען געווארן שטארק גענוג, בכדי אנצופאלן צוערשט אויף אשור (650 פאר קר.) און דערנאך אויף בבל (538 פאר קר.).

א סך זאכן זיינען נאך ניט קלאר מכוח די שינויים פון קלימאט, וואס זיינען צוגעגאנגען אין אייראפע און אזיע אין משך פון די לעצטע 10.000 יאר. דאס אייז פון דער לעצטער אייז-תקופה איז אפגע-טראטן בהדרגה און איבער דעם גרויסן פליין פון אייראפע איז אנ-געשטאנען אַלאנגער פעריאד, ווען ער איז געווען באדעקט אינגאנצן מיט סטעפעס אדער פרעריעס. איצט האט מען אויסגערעכנט, אז מיט 12 אדער 10 טויזנט יאר צוריק האט זיך דער דאזיקער צושטאנד אומגעביטן, און עס האבן אומעטום גענומען זיך אויסשפרייטן וועלדער. מיר האבן שוין פארצייכנט, אז מחמת די דאזיקע שינויים האבן די סאלטרעישע פערד-יעגערס אפגעטראטן דעם ארט פאר מאדליינער פישערס און יעגערס פון וואלד-הירש, און יענע ווידער פאר די נעאליטישע פאסטעכער און ערד-ארבעטער. אין משך פון

עטלעכע טויזנט יאָר איז דער קלימאַט פון אייראָפּע געווען, ווייזט אויס, וואַרעמער, ווי היינט. אַ גרויסער ים האָט זיך אויסגעשפּרייט פונם ברעג פון באַלקאַן=האַלבאינזל ביז ווייט קיין צענטראַל=אַזיע און האָט אין צפון=זייט דערלאַנגט ביז צענטראַל=רוסלאַנד. דער ים האָט מיט דער צייט גענומען בהדרגה אויסטריקענען, און מחמת

קרעזוס אויפן שייטער=הויפן. פון אַ גריכישער וואַזע אין לוווּר.

דעם איז דער קלימאַט אין דרום=רוסלאַנד און אין צענטראַל=אַזיע געוואָרן שטרענגער — דאָס איז געשען גראָד אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך אַנטוויקלט די ערשטע ציוויליזאַציעס אין די טייך=טאָלן. אַ סך פאַקטן ווייזן, קענטיק, אַז אין אייראָפּע און מערב=אַזיע איז

מיט 4 צי מיט 3 טויזנט יאָר צוריק דער קלימאַט געווען אַ וואַרעמערער, ווי איצט, און נאָך מער, אַז די געוויקסן=און בעלי=חיים=וועלט איז געווען אַ רייכערע. וועלדער זיינען געווען דעמאָלט אין דרום=רוסלאַנד און אין יענער געגנט, וואָס איז איצט מערב=טורקעסטאַן, דאָרט, וואו עס הערשן איצט סטעפּעס און מדבריות. פון דער אַנדער זייט, איז די אַראַל=קאַספּישע געגנט מיט 1500 צי מיט 2000 יאָר צוריק געווען מסתמא טריקענער און יענע ימים זיינען געווען קלענער, ווי זיי זיינען איצט.

אין דעם צוזאַמענהאַנג קאָנען מיר פאַרצייכענען, אַז תותמעס III (ד"ה, 15טער י"ה פאַר קר.) איז בעת זיין עקספּעדיציע אויף יענער זייט פרת געגאַנגען אויף געיעג אויף אַ הערט העלפאַנדן פון 120 שטיק. און פאַראַן ווידער אַן עגיפּטישער קינזשאַל פון מיקען, וואָס שטאַמט פון אַרום 2000 פאַר קר., וואָס אויף אים איז אָפּגעמעלט אַ געיעג אויף אַ לייב פון אָנהייב ביזן סוף. די יעגערס טראָגן גרויסע שילדן און שפּיזן און שטייען אין שורות איינער הינטערן אַנדערן. דער ערשטער יעגער שטעכט אַריין זיין שפּיז אין לייב, און אַז די פאַרוואונדעטע חיה וויל זיך אַ וואָרף טאָן אויף אים, ציט ער זיך אויס אויף דער ערד און דעקט זיך צו מיט זיין גרויסן שילד, דערווייל גיט שוין דער צווייטער יעגער הינטער אים אַ שטאָך דעם לייב, און אַזוי ווייטער, ביז דער לייב ווערט דערשטאָכן אויף טויט. די דאָזיקע געיעג=מעטאָדע ווערט נאָך איצט באַנוצט ביי די מאַסאַי אין צענטראַל=אַפריקע, און האָט געקאָנט ווערן פּראַקטיקירט נאָר אין אַ לאַנד, וואו עס זיינען געווען אַ סך לייבן. אָבער אַ סך לייבן קאָנען זיין דאָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ סך געווילד, און דאָס איז מעגלעך נאָר ביי אַ רייכן געוויקסנטום. אַרום 2000 פאַר קר., אַז אין די צענטראַלע טיילן פון דער אַלטער וועלט האָט דער קלימאַט, וועדליג מיר האָבן שוין דערמאָנט, גענומען ווערן שטרענגער, האָבן די אַרישע נאָמאַדן=פעלקער זיך אַ ווענד געטאָן קיין דרום צו די פעלדער און וועלדער פון די מער אַיינגעזעסענע און ציוויליזירטע פעלקער.

לייבן, ווייסן מיר, האָבן זיך אַרומגעטריבן אויפן באַלקאַן=האַלבאינזל נאָך ביז אַרום פערטן יאָרהונדערט פאַר קר., אויב ניט שפּע-

טער. העלפאַנדן זיינען פאַרשוואונדן פון מערב-אַזיע אפשר אַרום 8טן י״ה פאַר קר. דער לייב (אַסך גרעסער, ווי די עקסיסטירנדיקע פאָרם) האָט געלעבט אין דרום דייטשלאַנד ביז דעם נעאָליטישן פעריאָד. דער פאַנטער האָט געלעבט אין גריכנלאַנד, דרום-איטאַליע און דרום-שפּאַניע ביזן אָנהייב פון היסטאָרישן פעריאָד (ד״ה, 1000 פאַר קר.).

די אַרישע פעלקער קומען אַראָפּ פון די מזרח-קאַספּישע געגנטן אין דער זעלביקער צייט, ווען די גריכן האָבן איינגענומען מיקען, טראָיאַ און קנאָסאָס. עס איז שווער אַרויסצופּלאָנטערן די פאַרשיידענע שבטים און פעלקער, וואָס באַווייזן זיך אונטער אַסך נעמען אין די כראָניקעס און אויפשריפטן, וואָס פאַרצייכענען זייער ערשטן אַרויס-טריט אין דער געשיכטע. נאָר, צום גליק, איז אַזאַ אונטערשיידונג אין אַן עלעמענטאַרן קאָנטור, ווי די דאָזיקע געשיכטע איז, גאָר ניט נייטיק. אַ פאָלק, וואָס ווערט אָנגערופן קימערע, באַווייזט זיך אין די קאַנטן אַרום די אָזערעס אורומיאַ און וואַן, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די אַריער זיך געהאַט אויסגעשפּרייט פון אַרמעניע ביז קיין עילם. אין 9טן י״ה פאַר קר. באַווייזט זיך אין די אַשורישע אויפשריפטן אַ פאָלק מיטן נאָמען מדי, וואָס איז נאָענט פאַרקרובעט מיט די פערסער אין מזרח-זייט פון זיי. תגלת פלאסר III און סרגון II, נעמען וואָס זיינען שוין געווען אָנגערופן אין דער דאָזיקער געשיכטע, דערציילן, אַז זיי האָבן זיי געצוואונגען צו צאָלן צינז. אין די אויפשריפטן רעדט מען וועגן זיי ווי וועגן „געפערלעכן מדי״. זיי זיינען נאָך דעמאָלט צעטיילט אין שבטים, נאָך ניט פאַר-אייניקט אונטער איין קיניג.

אַרום זיבעטן יאָרהונדערט פאַר קר. פאַרשווינדט פלוצים פון דער געשיכטע עילם, וואָס זיין הויפּטשטאָט איז געווען שושן, אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ טראַדיציע און אַ ציוויליזאַציע לכל-הפּחות פונקט אַזוי אַלט, ווי די שומערישע. מיר ווייסן ניט, וואָס עס האָט געטראָפן. קענטיק, אַז מען האָט זיי אונטערטעניק געמאַכט און די באַפעלקערונג האָט זיך אויסגעמישט מיט די באַצווינגערס. שושן געפינט זיך אין די הענט פון די פערסער.

אַ פֿערט פֿאָלק, וואָס האָט אַ שייכות צו די דאָזיקע אַרישע שבֿטים און וואָס באַווייזט זיך אין יענער צייט אין העראָדאָטס דערציילונג, זיינען די „סקיטן“. אַ שטיק צייט טוען די מאָנאַרכן פֿון אַשור אויסשפּילן די דאָזיקע פֿאַרשיידענע פֿעלקער, די קימעריע, די מעדער, די פּערסער, די סקיטן איינס קעגן אַנדערן. אַשורישע פּרינצעסינס (למשל, אַ טאָכטער פֿון אסרחדון) האָבן חתונה מיט סקיטישע הויפּטלייט. פֿון דער אַנדער זייט, נעמט נבוכדנאצר דער גרויסער פֿאַר אַ ווייב אַ טאָכטער פֿון קיאַקסאַרעס, וואָס איז געוואָרן קיניג פֿון מדי. די אַרישע סקיטן זיינען פֿאַר די סעמיטישע אַשורים; די אַרישע מעדער זיינען פֿאַר די סעמיטישע בבֿלים. קיאַקסאַרעס איז דאָס געווען דער קיניג, וואָס האָט איינגענומען נינווה, די הויפּטשטאָט פֿון אַשור, אין יאָר 606 פֿאַר קר. און האָט באַפֿרייט בבֿל פֿון דעם יאָך פֿון אַשור, און געהאָלפֿן אַזוי אַרום איינצושטעלן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די כּשׂדים די צווייטע בבֿלישע אימפּעריע. נאָך דער מעשׂה פֿאַרשווינדן די סקיטישע פֿאַרבינדעטע פֿון אַשור פֿון דער געשיכטע. זיי גייען אַוועק צוריק קיין צפֿון צו לעבן זיך אָפּגעזונדערט אויף זייער אייגענעם שטיינער, אָן אַ גרויסן פֿאַרקער מיט די פֿעלקער אין דרום. אַ בליק אויף דער קאַרטע פֿון דאָזיקן פּעריאָד ווייזט, ווי אַזוי די צווייטע בבֿלישע אימפּעריע איז אין משך פֿון צוויי דריטל יאָרהונדערט געלעגן ווי אַ שאָף אַרומגענומען פֿון מעדישן לייב.

אין די אינעווייניקסטע מלחמות צווישן די מעדער און פּערסער, וואָס האָבן זיך סוף־כּל־סוף געענדיקט דערמיט, וואָס אין יאָר 550 פֿאַר קר. האָט כּורש „דער פּערסער“ פֿאַרנומען דעם טראָן פֿון קיאַקסאַרעס, וועלן מיר זיך ניט אַריינלאָזן. כּורש האָט געקיניגט איבער אַן אימפּעריע, וואָס האָט געגרייכט פֿון די גרענעצן פֿון לידיע ביז פּערסיע און אפשר ביז קיין אינדיע. נאַבאָנאַהיד, דער לעצטער פֿון די בבֿלישע מלכים, האָט זיך פֿאַרנומען, ווי מיר האָבן דערציילט, מיט אויסגראָבן אַלטע כראָניקעס און בויען טעמפּלען אין בבֿל.

6. די געשיכטע פון קרעזוס.

עס איז נאָר געווען איין מאָנאַרך אין דער וועלט, וואָס האָט געקאָנט ווערן געפערליך פאַר דער נייער מאַכט אין די הענט פון כורש. דאָס איז געווען קרעזוס דער קיניג פון לידיע. זיין זון איז דערהרגעט געוואָרן אויף זייער אַטראַגישן אופן, וועלכע הערָאדאָט דערציילט, נאָר מיר וועלן עס דאָ ניט איבערדערציילן. הערָאדאָט זאָגט:

„דערנאָך, אין משך פון צוויי יאָר, איז קרעזוס געבליבן פאַרזונקען אין טיפן טרויער, ווייל ער האָט געהאַט אָנגעוואָרן זיין זון. אָבער נאָך דעם דאָזיקן פעריאָד צייט, אַז קרעזוס איז געוואָר געוואָרן, אַז כורש האָט אַראָפּגעוואָרפן די ממשלה פון קיאַקסאַרעסעס זון, און אַז עס וואַקסט די גדולה פון די פערסער, האָט ער אָפּגעלאָזט פון זיין טרויער און האָט גענומען זאָרגן, ווי אַזוי אָפּצושניידן די מאַכט פון די פערסער, אויב דאָס זאָל אים נאָר ווי עס איז זיין מעגליך, בעת זי האַלט נאָך אין וואַקסן און איידער זי איז געוואָרן גרויס".

און ער האָט זיך געווענדט צו פאַרשיידענע אָראַקלען נאָך אַן עצה.

„די לידיער, וואָס זיי איז אויפגעגעבן געוואָרן אַוועקצוטראָגן די מתנות צו די טעמפלען, האָט קרעזוס באַפוילן, זיי זאָלן פרעגן די אָראַקלען אַזאַ פראַגע: צי זאָל קרעזוס אַרויסגיין קעגן די פערסער, און אויב יאָ, צי זאָל ער פאַרבינדן מיט זיך וואָסער אַרמיי ווי זיינע גוטע פריינד. און אַז די לידיער זיינען אָנגעקומען אין די ערטער, וואָס אַהין האָט מען זיי געהאַט געשיקט, און האָבן געהייליקט די מתנות, האָבן זיי געפרעגט ביי די אָראַקלען און האָבן געזאָגט: „קרעזוס, דער קיניג פון די לידיער און פון אַנדערע פעלקער, טוט, נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס זיינען די איינציקע אמתע אָראַקלען צווישן מענטשן, שיקן אייך מתנות, אַזעלכע ווי אייערע אַנטפלעקונגען פאַרדינען, און פרעגט אייך נאָך אַמאָל, צי זאָל ער אַרויסגיין קעגן די פערסער, און אויב יאָ, צי זאָל ער פאַרבינדן מיט זיך וואָסער אַרמיי פון מענטשן ווי פאַרבינדעטע". זיי האָבן

אַזוי געפרעגט, און די ענטפערס פון ביידע אָראַקלען האָבן איינגעשטימט אין איין זאַך, וואָס זיי האָבן געזאָגט צו קרעזוסן, אַז אויב ער וועט אַרויסגיין קעגן די פערסער, וועט ער חרוב מאַכן אַ גרויסע אימפעריע... אַזוי אַז ווען די ענטפערס זיינען געוואָרן אָפגעטראָגן, און קרעזוס האָט זיי אויסגעהערט, האָט ער זיך דערפרייט מיט די אָראַקלען, און היות ווי ער האָט גערעכנט, אַז דאָס וועט ער געוויס חרוב מאַכן דאָס קיניגרייך פון כורש, האָט ער ווידער געשיקט קיין פיטאָ און האָט געשאָנקען די מענטשן פון דעלפי, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט זייער צאָל, צו צוויי סטאַטערס גאָלד פאַר איטלעכן; און דערפאַר האָבן די דעלפיער געגעבן קרעזוסן און די לידיער דעם ערשטן פלאַץ ביים פרעגן דעם אָראַקל און פריי־הייט פון אַלע אָפּצאָלן און דאָס רעכט צו זיצן אויף די ערשטע ערטער ביי די שפילן, און אויך די פריווילעגיע פאַר אַלע צייטן, אַז אויב עמעצער פון זיי וויל, קאָן אים ווערן ערלויבט צו ווערן אַ בירגער פון דעלפי".

בכן האָט קרעזוס געשלאָסן אַ שוץ־בונד מיט די לאַקעדעמאָניער און מיט די עגיפטער. "און אַז קרעזוס האָט זיך געגרייט אַרויסצוטרעטן קעגן די פערסער", דערציילט העראָדאָט ווייטער, "האָט איינער אַ לידיער, וואָס מען האָט שוין פריער אים געהאַלטן פאַר אַ קלוגן מענטשן, נאָר מחמת דער דאָזיקער מיינונג האָט ער געקראָגן גאָר אַ גרויסן נאָמען פון אַ חכם צווישן די לידיער, געגעבן קרעזוסן אַזאַ עצה: "אַדוני קיניג, דו גרייטסט זיך אַרויסצוטרעטן קעגן מענטשן, וואָס גייען אָנגעטאָן אין לעדערנע הויזן, און דאָס איבעריקע פון זייערע מלבושים איז אויך פון לעדער; און שפייז עסן זיי ניט אַזעלכע, וואָס זיי פאַרלאַנגען, נאָר אַזעלכע, וואָס זיי קאָנען דערלאַנגען, ווייל זיי וואוינען אין אַ רויען לאַנד; און נאָך מער, זיי נוצן ניט קיין ווייַן, נאָר זיי טרינקען וואַסער; און זיי האָבן ניט קיין פייגן צום פאַרבייסן און ניט קיין אַנדערע גוטע זאַכן. איז פון איין זייט, אויב דו וועסט זיי מנצח זיין, וואָס וועסטו ביי זיי נעמען, ווייבאַלד זיי האָבן גאָרנישט? און פון דער אַנדער זייט, אויב דו וועסט ווערן באַזיגט, באַטראַכט זיך, וויפל גוטע זאַכן דו פאַרלירסט. וואָרעם ווייבאַלד זיי וועלן נאָר איין מאָל אָפּשמעקן

אונזערע גוטע זאַכן, וועלן זיי זיך צובינדן צו זיי, און עס וועט ניט זיין מעגלעך זיי אָפּצוטרייבן. איך, פון מיין זייט, דאַנק און לויב די געטער, וואָס זיי לייגן ניט אַריין אין זינען פון די פּערסער צו גיין קעגן די לידיער". אַזוי האָט ער גערעדט, אָבער ער האָט קרעזוסן ניט איבערגערעדט; וואָרעם עס איז אמת, אַז איידער די פּערסער האָבן אונטערטעניק געמאַכט די לידיער, האָבן זיי ניט געהאַט קיין לוקסוס און קיין גוטע זאַכן".

קרעזוס און כּורש האָבן זיך געשלאָגן בּיי פּטעריאַ, אָבער עס איז ניט געווען קיין באַשטימענדיקער רעזולטאַט. קרעזוס האָט אָפּגעטראָטן. כּורש איז אים נאָכגעגאַנגען, און עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט ניט ווייט פון דער הויפּטשטאָט סאַרדים. דער הויפּט-כּוח פון די לידיער איז געווען אין זייער רייטעריי; זיי זיינען געווען אויסגעצייכנטע רייטערס, הגם ניט קיין דיסציפּלינירטע, און האָבן זיך געשלאָגן מיט לאַנגע שפּיזן.

„אַז כּורש האָט געזען, ווי די לידיער שטעלן זיך אויס צו דער שלאַכט, האָט ער מורא געהאַט פאַר זייערע רייטערס און האָט, לויט האַרפּאַגוסעס עצה, געטאָן אָט וואָס: אַלע קעמלען, וואָס זיינען געווען אין זיין לאַגער, צו טראָגן פּראָוויאַנט און אַנדערע משאות, האָט ער צונויפגעקליבן, אַראָפּגענומען פון זיי די משא און אַרויסגעזעצט אויף זיי מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די אויסריכטונג פון קאַוואַלעריע. און אַז ער האָט געהאַט זיי אויסגעריכט אַזוי, האָט ער זיי באַפוילן צו שטעלן זיך אין די פאָדערשטע רייען פון זיין אַרמיי אַנטקעגן קרעזוסעס רייטערס; און נאָך דער קעמל-אָפּטיילונג האָט ער באַפוילן צו גיין דער אינפאַנטעריע; און הינטער דער אינפאַנטעריע האָט ער געשטעלט די גאַנצע מאַסע קאַוואַלעריע. דערנאָך, אַז אַלע זיינע מענטשן זיינען געווען צעשטעלט אויף זייערע פּאָזיציעס, האָט ער זיי באַפוילן ניט צו שוינען קיין איינעם פון די לידיער און טויטן אַלעמען, ווער עס וועט זיי קומען אונטער דער האַנט, נאָר קרעזוסן גופא האָבן זיי ניט באַדאַרפט טויטן, אפילו אויב ער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן, ווען מען וועט אים נעמען געפאַנגען. דאָס איז געווען זיין באַפעל. און ער האָט געשטעלט די קעמלען אַנטקעגן די רייטערס מחמת דעם גרונט — ווייל אַ פערד שרעקט



די חורבות פון פארטענאָן. דאָס איז דער שענסטער טעמפעל, וואָס פעריקלעס האָט אויסגעבויט.

זיך פאַר אַ קעמל און קאָן ניט פאַרטראָגן זיין אויסזען אָדער שמעקן זיין ריח: מחמת דעם טעם איז אָט דער קוניץ געוואָרן אויסגעקלערט, כדי עס זאָל פאַרלירן איר נוץ קרעזוסעס קאַוואַלעריע, אָט דער זעלביקער כוח, וואָס מיט אים האָט דער קיניג פון לידיע געוואָלט זיך איבערנעמען. און אַז זיי זיינען זיך צונויפגעקומען צו דער שלאַכט, איז ווי נאָר די פערד האָבן דערשמעקט די קעמלען און האָבן זיי דערזען, האָבן זיי זיך אַלאָז געטאָן אויף צוריק, און קרעזוסעס האָפענונגען זיינען געוואָרן צו נישט".

אין פערצן טעג איז סאַרדיס געוואָרן איינגענומען, און קרעזוס איז גענומען געוואָרן געפאַנגען...

„אַזוי האָבן די פערסער אים גענומען און געבראַכט פאַר כורש; און ער האָט אָנגעלייגט אַ גרויסן שייטערהויפן און ער האָט געהייסן קרעזוסן אַרויפגיין אויף אים, געבונדן אין קייטן און אַרום אים צוויי מאָל זיבן זין פון לידיער — צי איז דאָס געווען, ווייל ער האָט געהאַט בדעה צו ברענגען די ערשטע פרוכט פון זיין ניצחון אַ קרבן פאַר עפעס אַ גאָט, אָדער ער האָט געוואָלט מקיים זיין אַ נדר, אָדער ער האָט געהערט, אַז קרעזוס איז געווען אַ גאָטספאָרכטיקער מאַן, און ער האָט אים געהייסן אַרויפגיין אויפן שייטערהויפן, ווייל ער האָט געוואָלט וויסן, צי וועט עמעצער פון די געטלעכע כוחות אים ראַטעווען, אַזוי אַז ער זאָל ניט ווערן פאַרברענט לעבעדיקערהייט. אַזוי, זאָגט מען, האָט ער דאָס געטאָן. נאָר קרעזוס, אַזוי ווי ער איז דאָ געשטאַנען אויפן שייטערהויפן, איז אים איינגעפאַלן אין זינען, הגם ער האָט זיך געפונען אין אַ ביטערער לאַגע, אַ וואָרט פון סאָלאָן, ווי ער האָט געזאָגט מיט רוח הקודש, אַז קיין איינער פון לעבעדיקע מענטשן קאָן ניט אָנגערופן ווערן גליקלעך. און אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז אים אַריין אין זינען, זאָגט מען, האָט ער טיף אַ זיפץ געטאָן און אויפן קול זיך צעקרעכצט, נאָכדעם ווי ער איז אַ לאַנגע צייט געבליבן שטיל שווייגנדיק, און דריי מאָל אַרויסגערעדט סאָלאָנס נאָמען. אַז כורש האָט דאָס דערהערט, האָט ער געבעטן די טאָלמעטשערס צו פרעגן קרעזוסן, ווער איז דאָס געווען דער מענטש, וואָס ער האָט אָנגערופן; און זיי זיינען צוגעגאַנגען נעענטער און

האָבן געפרעגט. און קרעזוס, זאָגט מען, האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַז מען האָט אים דאָס געפרעגט, אָבער דערנאָך, אַז מען איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער געזאָגט: „איינער, וואָס איך וואָלט גע־



וואונטשן אַלע מאָנאַרכן, זיי זאָלן מיט אים ריידן, מער ווי אַ סך רייכקייט“. דערנאָך, היות ווי דעם באַטייט פון זיינע ווערטער האָט מען ניט געקאָנט פאַרשטיין, האָבן זיי אים נאָך אַמאָל געפרעגט, וואָס ער האָט געזאָגט, און אַז זיי זיינען צו אים צוגעשטאַנען און האָבן אים ניט צו רו געלאָזט, האָט ער זיי דערציילט, ווי איין מאָל איז געקומען סאָלאָן, אַן אַטענער, און האָט אַרומגעקוקט זיין גאַנץ עשירות און האָט דאָס אַוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט מיט אַזעלכע און אַזעלכע ווערטער; און ווי אַזוי אַלץ האָט זיך מיט אים טאַקע אַזוי געטראָפן, ווי סאָלאָן האָט געזאָגט, וואָס האָט גאָרניט גערעדט ספּעציעל דווקא אַנטקעגן קרעזוסן גופא, נאָר ער האָט געהאַט אין זינען דעם גאַנצן מין מענטשן, און בפרט אַזעלכע, וואָס זיי אַליין דוכט זיך אויס, אַז זיי זיינען גליקלעך. און אין דער צייט, וואָס קרעזוס האָט דערציילט אָט די אַלע זאַכן, איז דער שייטערהויפן געוואָרן אונטערגעצונדן און האָט שוין געברענט פון אַלע עקן. דערנאָך, דערציילט מען, אַז כורש האָט דערהערט פון די טאָלמעטשער, וואָס קרעזוס האָט געזאָגט, האָט ער איבערגעביטן זיין מיין און האָט זיך באַטראַכט, אַז ער גופא איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, און אַז ער טוט דאָך איבערענטפערן דעם פייער לעבעדיקערהייט אַ מענטשן, וואָס איז אין גליק ניט געווען נידעריקער פאַר אים; און נאָך מער, ער האָט מורא געקראָגן, עס זאָל אים ניט אָפּגעצאָלט ווערן מידה כנגד מידה, און האָט אַטראַכט געטאָן, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס מענטשן פאַרמאָגן, עס זאָל זיין זיכער. דערפאַר, זאָגט מען, האָט ער באַפוילן וואָס גיכער צו פאַרלעשן דאָס פייער, וואָס האָט געברענט, און אַראָפּצונעמען קרעזוסן און די וואָס זיינען מיט אים פון שייטערהויפן. און זיי האָבן געמאַכט אָנשטרענגונגען, נאָר זיי האָבן שוין ניט געקאָנט בייקומען די פלאַמען. דעמאָלט, דערציילן די לידיער, האָט קרעזוס, אַז ער איז געוואָר געוואָרן, אַז כורש האָט אומגעביטן זיין מיין, און אַז ער האָט דערזען, ווי זיי פרווון אַלע צו פאַרלעשן דאָס פייער, נאָר זיי קאָנען דאָס ניט איינצאַמען, גענומען שרייען אויפן קול און בעטן ביי אַפּאָלאָ, אַז אויב ער האָט ווען עס איז געגעבן דעם גאָט אַ מתנה, וואָס ער האָט באַווילקט צוצונעמען, זאָל ער קומען אים צו הילף און אויסלייזן אים פון דער צרה, וואָס

איז אויף אים געקומען. אַזוי האָט ער מיט טרערן געבעטן זיך בײַם גאָט, און פּלוצים, זאָגן זיי, בײַ אַ קלאָרן הימל און רויִקן וועטער, האָבן זיך צונויפגעקליבן כמאַרעס און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם־ווינט און עס האָט גענומען גיסן אַן אמתער גאָסרעגן, אַזוי אַז דער שייטערהויפן איז אײַנגעלאָשן געוואָרן.

„דערנאָך, אַז כורש האָט פאַרשטאַנען, אַז קרעזוס איז געווען אַ ליבהאָבער פון די געטער און אַ גוטער מענטש, האָט ער געהייסן אים אַראָפּנעמען פון שייטערהויפן און האָט בײַ אים געפרעגט אַט וואָס: „קרעזוס, זאָג מיר, ווער פון אַלע מענטשן האָט דיר אײַנגערעדט אַרויסצוגיין אויף מײַן לאַנד אין מלחמה און אַזוי אַרום צו ווערן מיר אַ שונא, אָנשטאָט אַ גוטער פרײַנד?" און ער האָט געזאָגט: „אָ קיניג, איך האָב דאָס געטאָן צו דײַן גליק און צו מײַן אייגענעם אומגליק, און דער, וואָס האָט דאָס גורם געווען, איז געווען דער גאָט פון די העלענען, וואָס האָט מיך אָנגערייצט אַרויסצוטרעטן מיט מײַן חייל. וואָרעם קיין מענטש איז ניט אַזוי אומזיניק, ער זאָל מיטן אייגענעם ווילן בעסער אויסקלײַבן מלחמה, איידער שלום, וויבאַלד אין שלום באַגראָבן די זין זייערע פאָטערס און אין מלחמה באַגראָבן די פאָטערס זייערע זין. נאָר איך מיין, אַזוי איז געפעלן געוואָרן די געטלעכע כוחות, אַז אַלץ זאָל געשען, ווי עס איז געשען".

נאָר הערראָדאָט איז אַ צופיל פאַרכאַפּנדיקער שותף פאַר אייגעם, וואָס וויל שרײַבן אַ קאָנטור פון דער געשיכטע; און דעם סוף פון קרעזוסעס געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט געלעבט בײַ כורשן און האָט אים געגעבן קלוגע עצות, באַדאַרף מען לייענען בײַ אים גופא באַריכות.

נאָכדעם ווי כורש האָט געהאַט אײַנגענומען לידיע, האָט ער געווענדט זיך קעגן נאַבונאַהיד אין בבל. ער האָט געשלאָגן די בבלישע אַרמיי אונטער בלשאצר, אויסערהאַלב פון די מויערן פון בבל, און דערנאָך האָט ער באַלעגערט די שטאָט. ער איז אַרײַן אין שטאָט (538 פאַר קר.), ווי מיר האָבן שוין דערציילט, מסתמא מיט דער הילף פון די כוהנים פון בל.

7. דריוש דרינגט אַריין קיין רוסלאַנד.

נאָך כורשן האָט געקיניגט זיין זון קאַמביזעס (כנבוזי), וואָס האָט געפירט זיין חייל קיין עגיפטן (525 פאַר קר.). עס איז געווען אַ שלאַכט אין דער דעלטאַ, וואו גריכישע געדונגענע זעלנער האָבן זיך געשלאָגן אויף ביידע זייטן. העראָדאָט דערציילט, אַז ער האָט נאָך געזען די ביינער פון די דערהרגעטע ליגנדיק אויפן פעלד מיט פופציק אָדער זעכציק יאָר שפעטער, דערביי באַמערקט ער, אַז די פערסישע שאַרבנס זיינען געווען דינע. העראָדאָט האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט קיין געלעגנהייט עפעס צו זאָגן קעגן די פערסער. נאָך דער דאָזיקער שלאַכט האָט קאַמביזעס איינגענומען מעמפיס און דעם גרעסטן טייל פון עגיפטן.

אין עגיפטן, דערציילט מען, איז קאַמביזעס משוגע געוואָרן. ער האָט זיך דערלויבט מבזה צו זיין די עגיפטישע טעמפלען און ער איז געבליבן אין מעמפיס, „געעפנט אַלטע קברים און דורכגעזוכט די טויטע קערפערס". נאָך איידער ער איז געקומען קיין עגיפטן, האָט ער געהאַט אַוועקגעהרגעט קרעזוסן, דעם געוועזענעם קיניג פון לידיע, און זיין אייגענעם ברודער סמערדיסן, און ער איז געשטאָרבן אין סיריע, אויפן וועג קיין שושן, פון אַ צופעליקער וואונד. קיין יורשים נאָך זיך האָט ער ניט איבערגעלאָזט. קיניג איז געוואָרן נאָך אים דריוש דער מעדער, דער זון פון היסטאַספעס, איינער פון כורשס ערשטע יועצים (521 פאַר קר.).

די אימפעריע פון דריוש I איז געווען גרעסער פון אַלע די פריערדיקע אימפעריעס, וואָס וועגן זייער וואַקסן האָבן מיר דערציילט. זי האָט אַרומגענומען גאַנץ קליין-אַזיע און סיריע, דאָס הייסט די אַלטע אימפעריעס פון די לידיער און חיתים, און די אימפעריעס פון אַשור און בבל, עגיפטן, קאַווקאַז און די קאַספּישע געגנטן, מדי, פערסיע און האָט זיך אפשר אויסגעשפרייט אין אינדיע ביז צום טייך אינדוס. בלויז די נאָמאַדישע אַראַבער זיינען געווען די איינציקע צווישן די פעלקער פון יענע לענדער, וואָס זיינען איצט באַבאַוואוסט אונטערן נאָמען נאָענטער מזרח, וואָס האָבן ניט געצאָלט קיין צינז די סאַטראַפּן (פּראָווינציעלע מושלים) פון דריושן.

די אָרגאַניזאַציע פֿון זיין אימפּעריע איז קענטיק געשטאַנען העכער, ווי פֿון די פֿריערדיקע אימפּעריעס. גרויסע שליאַכן האָבן פֿאַרבונדן איין פּראָווינץ מיט דער אַנדערער, און עס איז געווען אַ סיסטעם פֿון אַ קיניגלעכער פּאָסט; אויף געוויסע אָפּשטאַנדן זיינען שטענדיק געשטאַנען גרייט פּאָסט-פֿערד אויף צו פֿירן די שליחים פֿון דער רעגירונג אָדער אַ רייזנדער, אויב ער האָט געהאַט אַ דערלויב פֿון דער רעגירונג, צו דער ווייטערדיקער סטאַנציע אויף זיין וועג. די חיתים האָבן, ווייזט אויס, אַ סך פֿריער געהאַט געברוקירטע וועגן, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך זייער לאַנד, אָבער די ערשטע אָרגאַניזאַציע פֿון פּאָסט, וואָס מיר ווייסן, איז די פּערסישע. אָפּגערעכנט אָט-דעם אימפּערישן וועג-רעכט און דעם צינז, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט צאָלן, האָבן די אָרטיקע רעגירונגען פֿאַרמאָגט אַ באַדייטיקע זעלבשטענדיקייט. מער ניט, וואָס די פּערסער האָבן ניט דערלאָזט צו קעגנזייטיקע קאָנפֿליקטן צווישן זיי, און דאָס איז זיי אַלעמען געווען צום גוטן. און צוערשט האָבן די גריכישע שטעט פֿון אַזיאַטישן קאָנטינענט געצאָלט צינז און האָבן גענאָסן פֿון פּערסישן שלום.

דריושן האָט צוערשט אָנגערעדט אָנצופֿאַלן אויף די גריכן אין אייראָפּע אַ גריכישער דאָקטאָר ביי זיין הויף, וואָס האָט געבענקט אַהיים און געוואָלט קומען קיין גריכנלאַנד פֿאַר יעדער פּרייז. דריוש האָט שוין געמאַכט פּלענער פֿאַר אַן עקספּעדיציע קיין אייראָפּע, אָבער ניט קיין גריכנלאַנד, נאָר אין צפֿון-זייט פֿון גריכנלאַנד, איבערן באָספּאָר און דונאַי. ער האָט געוואָלט געבן אַ קלאַפּ דרום-רוסלאַנד, וואָס ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דאָס היימלאַנד פֿון די סקיטישע נאָמאַדן, וואָס האָבן אים באַדרויט אויף זיינע צפֿונדיקע און צפֿונית-מזרחיתדיקע גרענעצן. נאָר ער האָט זיך צוגעהערט צום אונטערהעצער און האָט געשיקט חיל קיין גריכנלאַנד.

די דאָזיקע גרויסע עקספּעדיציע דריושעס עפֿנט פֿאַר אונז אַ נייעם ווינקל אין דער געשיכטע. זי הייבט אויף פֿאַר אונז אַ פֿאָרהאַנג פֿון איבער די באַלקאַן-לענדער אויף יענער זייט גריכנלאַנד, וואָס וועגן זיי האָבן מיר ביז אַהער גאָרנישט ניט געזאָגט; זי טראָגט אונז אַריבער צום דונאַי און אַריבער דעם דונאַי.

דער קערן פון דריושעס אַרמיי האָט אַרויסמאַרשירט פון שושן, און איין וועג האָט זי צונויפגעקליבן אַרום זיך נייע אָפּטיילונגען, ביז זי איז געקומען צום באָספּאָר. דאָרט האָבן די גריכישע פאַרבינדעטע (די יאָנישע גריכן פון אַזיע) געמאַכט אַ בריק פון שיפן, און די אַרמיי איז אַריבערגעגאַנגען. די גריכישע פאַרבינדעטע האָבן אין זייערע שיפן אָפּגעזעגלט ביז צום דונאַי, און נאָך צוויי טעג פאָרן פון דער לעפצונג אַרויף דעם דונאַי, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געמאַכט אַ שווימענדיקן בריק. דערווייל איז דריוש מיט זיין חייל געגאַנגען ווייטער איבערן ברעג-לאַנד, וואָס הייסט איצט בולגאַריע, און דעמאָלסט האָט עס זיך גערופן טראַקיע. ער איז אַריבער דעם דונאַי און האָט זיך געגרייט צו געבן אַ שלאַכט דער סקיטישער אַרמיי און איינגעמען די סקיטישע שטעט.

נאָר די סקיטן האָבן גאָר קיין שטעט ניט געהאַט, און אַ שלאַכט האָבן זיי אויסגעמיטן, און די מלחמה האָט זיך געשלעפּט אָן אַ סוף און אָן אַן עק אין קליינע צוזאַמענשטויסן און אין נאָכיאָגן דעם שונא, וואָס מען האָט אים ניט געקאָנט כאַפּן. די נאָמאַדען האָבן פאַרשטאָפּט ברונימער און אויסגעברענט לאָנקעס. די סקיטישע רייטערס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די ראַנדן פון דער גרויסער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען על-פי-רוב פון פוסגייער, האָבן געהרגעט די אָפּגעשטאַנענע, געשטערט צו קלייבן פוראַזש. די סקיטן האָבן זיך אויך געמוט מיט אַלע כוחות איבערצורעדן די יאָנישע גריכן, וואָס האָבן געמאַכט דעם בריק איבערן דונאַי און האָבן אים געהיט, זיי זאָלן צעשטערן דעם בריק און אַזוי אַרום פאַרזיכערן דריושעס אונטערגאַנג. נאָר כל-זמן דריוש האָט געהאַלטן אין מאַרשירן פאָרויס, איז די געטרייקייט פון די פאַרבינדעטע גריכן ניט געוואָרן געבראָכן.

נאָר דחקות, מידקייט און קראַנקהייטן האָבן פאַרהאַלטן און פאַראַליזירט די פערסישע אַרמיי; דריוש האָט אָנגעוואָרן אַ סך זעלנער און האָט פאַרצערט זיינע זאַפּאַסן, און צום סוף איז ער געקומען צום טרויעריקן איינזען, אַז בכדי זיך צו ראַטעווען פון פולן אונטערגאַנג מוז ער אָפּטרעטן צוריק אַריבער דעם דונאַי.

בכדי צו געווינען צייט פאַר זיין צוריקצוג, האָט ער מקריב געווען זיינע קראַנקע און פאַרוואונדעטע. ער האָט אָנגעזאָגט די דאָזיקע מענטשן, אַז ער האָט בדעה ביינאַכט אָנצופאַלן אויף די סקיטן און מיט דעם אויסרייד האָט ער זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבעט פון לאַגער מיט די אויסגעקליבענע פון דער אַרמיי און האָט זיך געווענדט קיין דרום, איבערגעלאָזט די לאַגער־פייערן ברענען און דעם געוויינטלעכן געררייש און באַוועגונג אין לאַגער. אויפן אַנדערן טאָג זיינען די מענטשן, וואָס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אין לאַגער,



גריכישע רייטערס. דעטאַל פון פּאַרטענאָן־פריז.

געוואָר געוואָרן, וואָס פאַר אַ שפּיצל זייער מאָנאַרך האָט זיי אָפּגעטאָן, און האָבן זיך איבערגעגעבן די סקיטן אין די הענט. דריוש אָבער האָט אַזוי־אַרום געהאַט געקראָגן זיין פאָר און האָט דערגרייכט צום שווימענדיקן בריק, איידער די נאָכיאָגערס האָבן אים געקאָנט כאַפּן. זיי זיינען געווען באַוועגלעכער, איידער זיינע חיילות, זיי האָבן אָבער פאַרלאָרן זייער פאַנג אין דער פינסטער. ביים טייך האָט די פּערסער אָנגעכאַפּט אַ מוראדיקע שרעק, וואָרעם זיי האָבן

געפונען דעם בריק צום טייל אָפּגעבראָכן און דער צפונדיקער עק זיינער איז ניט געווען.

ביי דעם פונקט הילכט צו אונז אַריבער אַ שטים דורך יאָרהונדערטער. מיר זעען אַ גרופּע איבערגעשראָקענע פערסער שטייענדיק אַרום קיניג דריוש אויפן ברעג פון שטראָמענדיקן טייך; מיר זעען די מאַסן זעלנער, פאַרוואונדעטע און אויסגעמאַטערטע פון מלחמה. אַ שורה צעבראָכענע וועגענער ציט זיך אויס אַנטקעגן האָריזאָנט, פונוואַנען עס קאָן אַ ליאַדע ווילע זיך באַווייזן דער אַוואַנגאַרד פון שונא. ניט געקוקט אויף דער גרויסער מאַסע, הערט זיך ניט קיין גרויסער רעש, עס הערשט, פאַרקערט, אַ געשפּאַנטע שטילקייט. פון יענער זייט פון גרויסן טייך זיינען נאָך צו זען פון דערווייטנס, ווי סלופּעס, די רעשטן פון דעם שווימענדיקן בריק, אַ רעטעניש... מיר ווייסן ניט, צי זיינען דאָרט פאַראַן מענטשן צי ניין. די שיפן פון די יאָנישע גריכן זיינען, ווייזט אויס, אויסגעשטעלט ביי יענעם ברעג, נאָר זיי זיינען זייער ווייט.

„האָט אָבער דריוש געהאַט ביי זיך אַן עגיפּטער מיט אַזאַ הויכן קול, וואָס קיין מענטש האָט זיין גלייכן ניט פאַרמאָגט, און אָט־דעם האָזיקן מענטשן האָט דריוש באַפוילן זיך אַוועקצושטעלן אויפן ברעג פון איסטער (דונאַי) און צו רופן היסטיאַיאָס פון מילעט".

דער דאָזיקער חשובער מאַן — עס וועט קומען אַ טאָג, ווי מיר וועלן נאָך דערציילן, ווען זיין אַראָפּגעהאַקטער קאָפּ וועט ווערן געשיקט צו דריושן קיין שושן — קומט אַריבערגעשווומען פּאַוואָליע אין אַ שיפל.

עס קומט פאָר אַ באַראָטונג, און מיר ווערן געוואָר, אַז „אַלץ איז אין אָרדענונג".

די דערקלערונג, וואָס היסטיאַיאָס גיט, איז אַ געפּלאָנטערטע. עס זיינען געווען עטלעכע סקיטן, און זיינען אַוועק. אפשר זיינען דאָס געווען אויסשפּירערס. קענטיק, אַז עס איז געווען אַ וויכּוח צווישן די סקיטן און די גריכן. די סקיטן האָבן פאַרלאַנגט, אַז

דער בריק זאָל ווערן אָפּגעבראָכן; דעמאָלט, האָבן זיי געזאָגט, נעמען זיי זיך אונטער צו מאַכן אויס פון דער פּערסישער אַרמיי און צו מאַכן אַ סוף פון דריושן און פון זיין אימפּעריע, און די יאָנישע גריכן פון אַזיע קאָנען דעמאָלט ווידער באַפרייען זייערע שטעט. מילטיאַדעס, דער אַטענער, איז געווען פאַר אָננעמען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. נאָר היסטיאַאָס איז געווען דורכגעטריבענער. ער וואָלט בעסער וועלן, האָט ער געזאָגט, אַז איידער ער פאַרלאָזט דעם צד פון די פּערסער, זאָלן זיי זיין אינגאַנצן צעקלאַפּט. זאָלן די סקיטן גיין צוריק און צעקלאַפּן די פּערסער, און בינתים וועלן די גריכן צעברעכן דעם בריק. נאָר אַלץ איינס, אויף וואָסער צד די גריכן וועלן זיך סוף-כל-סוף שטעלן, דעם צפונדיקן עק פון בריק איז טאַקע אַ שכל צו צעשטערן, וואָרעם זיסט קאָנען די סקיטן אים נאָך פאַרכאַפּן. און טאַקע נאָך אין דער צייט, ווען זיי האָבן פאַרהאַנדלט, זיינען די גריכן געקומען אַראָפּרייסן אויף דער גיך דעם עק פון בריק, וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט די סקיטן. די סקיטן זיינען זיך אַוועקגעריטן זוכן די פּערסער און געלאָזן די גריכן פאַרזיכערט אויף יעדער פאַל. אויב דריוש ראַטעוועט זיך אַרויס, זיינען זיי אויף זיין צד; טאָמער ווערט ער צעקלאַפּט, קאָנען די סקיטן ניט האָבן קיין שום טענות צו זיי.

היסטיאַאָס האָט דאָס דריושן ניט איבערגעגעבן אויף דעם שטייגער. ער האָט דאָך לכל-הפּחות איינגעהאַלטן די שיפן און דעם גרעסטן טייל פון בריק. ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי אַ געטרייער פריינד פון פּערסיע, און דריוש איז ניט געווען נוטה צו שטעלן אַ סך קשיות. די יאָנישע שיפן זיינען געקומען. מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג האָבן די רעשטלעך פון די צעמאַטערטע פּערסער געקוקט צוריק אויף דעם שטאָליקן שטראָם פון דונאַי, וואָס האָט זיך איצט געכוואַליעט צווישן זיי און זייערע נאָכיאָגערס...

דריוש האָט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן טעם אין דער אייראָפּעישער עקספּעדיציע. ער האָט זיך אומגעקערט קיין שושן און איבערגעלאָזט אין טראַקיע אַן אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון זיין גענעראַל מעגאַבאַזוס. דער דאָזיקער מעגאַבאַזוס האָט זיך גע-

בומען פאַר אונטערטעניק מאַכן טראַקיע, און צווישן אַנדערע מלוכות, וואָס האָבן איבערגעוואַלד זיך אונטערגעגעבן דריושן, איז געווען אַ קיניגרייך, וואָס באַגעגנט זיך אין אונזער געשיכטע צום ערשטן מאָל, דאָס קיניגרייך מאַקעדאָניע, אַ לאַנד, וואָס איז געווען באַוואוינט פון אַ פאָלק אַזוי נאָענט פאַרבונדן מיט די גריכן, אַז איינער פון זיינע פירשטן איז שוין געווען צוגעלאָזן צו די אָלימפּישע שפּילן און האָט געהאַט גענומען אַ פּריז.

דריוש האָט געהאַט בדעה צו באַלוינען היסטיאַאָסן דורך געבן אים אַ דערלויב צו בויען פאַר זיך אַן אייגענע שטאָט אין טראַקיע. נאָר מעגאַבאַזוס האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן היסטיאַאָסעס געטריישאַפט און האָט געווירקט אויפן קיניג, ער זאָל אים צונעמען צו זיך אין שושן און האַלטן אים לפּנים, ווי אַ יועץ, אין דער אמתן אָבער ווי אַ געפאַנגענעם. צוערשט איז היסטיאַאָס געווען שטאַרק צופרידן מיט זיין לאַגע ביים הויף, דערנאָך אָבער האָט ער אַרויסגעוויזן זיין אמתן מין. דער פּערסישער הויף איז אים דערעסן געוואָרן, און ער האָט גענומען בענקען נאָך מילעט. האָט ער זיך פאָרגענומען אָנצוטאָן די פּערסער צרות, און עס האָט אים אָפּגעגאָלטן אויפצוהייבן צווישן די יאָנישע גריכן פון קאָנטינענט אַן אויפשטאַנד קעגן די פּערסער. די דרייעניש און טרעפעניש פון דער דאָזיקער געשיכטע, דערין אויך ווי אַזוי די יאָניער האָבן פאַרברענט סאַרדיס און ווי אַזוי אַ גריכישער פלאָט איז צעקלאַפּט געוואָרן ביי לאַדע (594 פאַר קר.), זיינען צו קאָמפּליצירט, אַז מען זאָל זיי דאָ נאָכגיין. דאָס איז אַ פינסטערע און פאַרפלאָנטערטע געשיכטע פון פעלשונגען, אַכזריות און שנאה, וואו דער טויט פון דעם דורכגעטריבענעם היסטיאַאָסן זעט אויס כמעט ווי אַ ליכטיקער פּונקט. דער פּערסישער גובערנאַטאָר פון סאַרדיס, וואָס דורך דער דאָזיקער שטאָט האָט מען אים געפירט אַ געפאַנגענעם קיין שושן, האָט פון אים געהאַלטן דאָס זעלביקע, וואָס מעגאַבאַזוס, און היות ווי ער האָט געוואוסט, אַז ער קאָן נאָך דריושן פאַרדרייען דעם קאָפּ, האָט ער אים אַוועקגעהרגעט און אָפּגעשיקט זיין קאָפּ צו זיין האַר.

קיפּרוס און די גריכישע אינזלען זיינען אריינגעצויגן געווארן אין דעם אויפשטאנד, וואס היסטיאיאס האט אויפגעהעצט, און צו־לעצט אויך אטען. האט דריוש איצט איינגעזען דעם טעות, וואס ער איז באגאנגען, דורכדעם וואס ער האט זיך געווענדט רעכטס און ניט לינקס נאכן אריבערגיין דעם באספאר, און האט זיך איצט פארגענומען אונטערטעניק צו מאכן גאנץ גריכנלאנד. אנגעהויבן האט ער מיט די אינזלען.

די גרויסע סעמיטישע האנדלס־שטעט צור און צידון זיינען געווען אונטערטעניק צו פּערסיע, און די שיפן פון די פעניקיער און פון די יאנישע גריכן האבן פארזארגט די פּערסער מיט א פלאט, און מיט דער הילף פון פלאט איז איינגענומען געווארן איין אינזל נאכן אנדערן.

8. די שלאכט פון מאראטאן.

דער ערשטער אנפאל אויף גריכנלאנד גופא איז געמאכט געווארן 490 פאר קר. דאס איז געווען א ים־אנפאל אויף אטען, מיט א חייל, וואס איז לאנג און זארגעוודיק געווארן צוגעגרייט צו־ליב דעם צוועק, מיט א פלאט, וואס האט פארמאגט ספּעציעל־געבויטע טראנספּארט־שיפן צו פירן פערד. די דאזיקע עקספּעדיציע האט זיך ארויסגעזעצט אויף דער יבשה ניט ווייט פון מאראטאן אין אטיקא. די פּערסער האט געפירט קיין מאראטאן א גריך א בוגד, מיטן נאמען היפּיאס, א זון פון פּייסיסטראטוס, וואס איז געווען טיראן פון אטען. אויב אטען וואלט געפאלן, האט היפּיאס באדארפט ווערן דער טיראן אונטערן שוץ פון די פּערסער. דעמאלט האט מען דער־שפּירט, אז אויף גאנץ העלאס הענגט א סכנה, און מען האט פאר־געסן אלע סיכסוכים, און אן אויסרופער און א לויפער איז געקומען פון אטען קיין ספּארטע, אנצוזאגן: „לאקעדעמאניער, די אטענער פאדערן אייך אויף צו קומען זיי צו הילף און ניט צו דערלאזן, אז די עלטסטע שטאט, וואס איז געגרינדעט געווארן צווישן די העל־לענען, זאל אריינפאלן אין שקלאפעריי צו די באַרבארן; ווארעם

אָקאָרשט איז ערעטריאַ געוואָרן פאַרשקלאַפט און העלאַס איז גע־
וואָרן שוואַכער מיט אַ באַרימטער שטאָט".

פערסישע בויגן-שיסערס, פון א פריז פון דריוש Iנס פאלאץ, איצט
אין לוווּר.

דער דאָזיקער מענטש, פידיפּידעס, האָט דורכגעמאַכט דעם מהלך צווישן אַטען און ספּאַרטע, אַן ערך הונדערט מייל אין דער לופט־ליניע, און אַ סך מער, אויב מיר רעכענען די דרייונגען און ווענדונגען פון וועג, אין קנאַפּע אַכט און פערציק שעה.

נאָר אײדער די ספּאַרטאַנער האָבן באַוויזן צו קומען, איז די שלאַכט שוין געווען געשלאָגן. די אַטענער האָבן אַטאַקירט דעם שונא. זיי האָבן זיך געשלאָגן — „אויף אַ מערקווערדיקן אופן: וואָרעם זיי זיינען געווען די ערשטע צווישן אַלע העלענען, וואָס זיינען געגאַנגען אויף אַן אַטאַקע אויפן שונא לויפנדיקערהייט, און זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געקאָנט דערטראָגן דעם אָנזען פון מעדישע קליידער און פון מענטשן, וואָס האָבן זיי געטראָגן, בעת ביז אָט־דער צייט איז פאַר די העלענען געווען אַ מורא אַפילו צו הערן עם נאָמען פון די מעדער“.

די פּערסישע פליגלען האָבן נאָכגעגעבן אונטער דער דאָזיקער אימפּעטיקער אַטאַקע, אָבער דער צענטער האָט זיך געהאַלטן. נאָר די אַטענער זיינען געווען פונקט אַזוי קאַלטבלוטיק, ווי מעכטיק; זיי האָבן געלאָזן די פליגלען לויפן און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די פלאַנגען פון צענטער; דערויף האָט דער הויפּט־חיל פון די פּערסער זיך געלאָזט לויפן צו די שיפן. זיבן שיפן זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אַטענער; די איבעריקע זיינען אַוועקגעשוואומען, און נאָך אַן אומזיסטן פּרוּוו אַרומצוזעגלען אַטען און צו פאַרכאַפּן די שטאָט, אײדער דער גריכישער חיל וועט זיך האָבן אומגעקערט אַהין, האָט דער פלאָט אָפּגעצויגן קיין אַזיע.

לאָמיר לאָזן העראָדאָטן שליסן די געשיכטע מיט אַן אָפּזאַץ, וואָס וועט אונז נאָך מער קלאָר מאַכן, ווי גרויס עס איז געווען אין יענע צייטן די מורא פאַר די מעדער:

„פון די לאַקעדעמאָניער זיינען געקומען קיין אַטען צוויי טויזנט מאַן נאָך דער פולער לבנה, זיי האָבן זיך געאײלט צו קומען אין דער צייט, אַזוי אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין אַטיקאַ אויפן דריטן טאָג, ווי זיי האָבן פאַרלאָזן ספּאַרטע. און הגם זיי זיינען געקומען צו־שפּעט צוליב דער שלאַכט, האָבן זיי דאָך געוואָלט זען די מעדער. מחמת דעם זיינען זיי אַוועק קיין מאַראַטאָן און האָבן

באַקוקט די קערפּערס פון די געהרגעטע. דערנאָך זיינען זיי אַוועק אַהיים, לויבנדיק די אַטענער און די גבורה, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן״.

---

9. טערמאָפּילע און סאַלאַמיס.

אַזוי האָט גריכנלאַנד, פאַראייניקט אויף אַ ווײַלע מחמת מורא, געוואונען איר ערשטן נצחון איבער די פּערסער. די ידיעה וועגן דעם איז אָנגעקומען צו דריושן צוגלייך מיט דער בשורה וועגן אַן אויפשטאַנד אין עגיפּטן, און ער איז געשטאָרבן, איידער ער האָט געהאַט באַשטימט, אין וואָסער זייט זיך צו ווענדן. זיין זון און יורש קסערקסעס (אַחשורוש) האָט זיך געווענדט צוערשט קעגן עגיפּטן און האָט דאָרט אַוועקגעזעצט אַ פּערסישן סאַטראַפּ. דערנאָך האָט ער אין משך פון פיר יאָר צוגעגרייט אַ נייעם אָנפאַל אויף גריכנלאַנד. הערָאדאָט, וואָס איז געווען — דאָס דאַרף מען געדענקען — אַ פייערדיקער גריכישער פּאַטריאָט, זאָגט איצט ביים דערנענטערן זיך צום העכסטן פּונקט פון זיין געשיכטע:

„וואָסער פאָלק האָט קסערקסעס ניט אַרויסגעפירט פון אַזיע קעגן העלאַס? און וואָסער וואַסער איז ניט אויסגעשעפּט געוואָרן, אויסגעטרונקען דורך זיין חיל, חוץ די גרויסע טייכן? טייל האָבן צוגעשטעלט שיפן, און אַנדערע זיינען געווען באַשטימט צו דינען אין דער יבשה־אַרמיי; טייל האָבן געדאַרפט באַזאָרגן מיט קאַוואַלעריע, אַנדערע ווידער שיפן צו פירן פערד, בעת זיי גופא האָבן אויך געדינט אין דער עקספּעדיציע; אַנדערע האָבן געהאַט דעם באַפעל צוצושטעלן קריגס־שיפן פאַר די בריקן, נאָך אַנדערע — שיפן מיט פּראָוויאַנט״.

קסערקסעס איז אַריבער קיין אייראָפּע ניט איבער דעם אַ האַלב־מייל ברייטן באָספּאָר, נאָר איבערן העלעספּאָנט (די דאַרדאַנעלן). אין דעם באַריכט איבער דער איינזאַמלונג פון דער גרויסער אַרמיי און איבער איר מאַרש פון סאַרדיס ביזן העלעספּאָנט איז אין העראָדאָטן דער פּאָעט גובר דעם היסטאָריקער. די גרויסע אַרמיי גייט

פאַרבײַ טראָיאַ מיט איר גאַנצן פּאַראַד, און קסערקסעס, הגם אַ פּערסער און אַ באַרבאַר, נאָר, לויט העראָדאָטן, האָט ער קענטיק גענאַשט פון אַ קלאַסישער דערציִונג, קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט — דערציילט אונזער היסטאָריקער — בכדי צו באַזוכן פּריאַמס שלאָס. אַ בריק איבערן העלעספּאָנט איז געווען געמאַכט בײַ אַבידאָס, און אויף אַ בערגל איז געווען אַוועקגעשטעלט אַ מירמלשטיינערנער טראָן פאַר קסערקסעסן, וואָס האָט געהאַט אַזוי־אַרום אַ פולן איבערבליק איבער זיינע חילות.

„און אַז ער האָט געזען דעם העלעספּאָנט אינגאַנצן באַדעקט מיט שיפן און דעם גאַנצן ברעג און די פליינען פון אַבידאָס פול מענטשן, האָט קסערקסעס זיך דערקלערט פאַר אַ גליקלעכן מענטשן, און באַלד נאָכדעם האָט ער זיך צעוויינט. אַרטאַבאַנוס, זיין פעטער, אַז ער האָט דאָס באַמערקט — דאָס איז געווען דער, וואָס האָט צוערשט פריי אַרויסגעזאָגט זיין עצה, אַז קסערקסעס דאַרף ניט אַרויסטרעטן קעגן העלאַס — אָט דער מאַן, זאָג איך, אַז ער האָט געזען, ווי קסערקסעס וויינט, האָט ער אים געפרעגט אַזוי צו זאָגן: „אָ, קעניג, ווי ווייט פאַרשיידן פון אַנאַנד זיינען די זאַכן, וואָס דו טוסט איצט, און דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן אַ ווײַלע פריער: וואָרעם נאָכדעם, ווי דו האָסט זיך דערקלערט פאַר אַ גליקלעכן מענטשן, פאַרגיסטו איצט טרערן". האָט ער געזאָגט: „יאָ, וואָרעם נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַרעכנט, איז מיר געקומען אויפן זינען צו באַדויערן, ווי קורץ עס איז דעם מענטשנס לעבן, בעת אַז איך באַקלער, אַז פון די אַלע גרויסע מאַסן וועט קיין איינער ניט זיין בײַם לעבן, אַז עס וועלן זיין פאַרבײַ הונדערט יאָר".

דאָס איז אפשר ניט קיין גענויע היסטאָריע, דאָס איז אָבער גרויסע פּאָעזיע.

דער פּערסישער פלאָט האָט באַגלייט דעם חייל אין זיין מאַרש קיין דרום, שווימענדיק פּאַזע ברעג פון ברעג־שפּיץ צו ברעג־שפּיץ; נאָר אַ שטאַרקער שטורעם האָט אָנגעטאָן גרויסע שאָדנס דעם פלאָט, און 400 שיפן זיינען אונטערגעגאַנגען, צווישן דעם אַ סך תבואה־טראַנספּאָרטן. צוערשט זיינען די פאַראייניקטע העלענען אַרויסגעטראָטן, בכדי צו באַגעגענען די אָנפאַלער אין טאָל פון טעמפּע

ביים באַרג אָלימפּ, אָבער דערנאָך זיינען זיי אָפּגעטראָטן צוריק דורך טעסאַליע, און האָבן סוף-כל-סוף באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן די מאַרשירנדיקע פּערסער אין אַן אָרט מיטן נאָמען טערמאָפּילע, וואָס דעמאָלט — אין משך פֿון 2400 יאָר האָט זיך דער אָרט שטאַרק אומגעביטן — איז דאָרט געווען אַ גרויסער פֿעלדז-שפּיץ פֿון דער יבשה-זייט און אין מזרח-זייט דער ים, און צווישן דעם נאָר אַ שמאָל שטעגל, וואו עס האָט קוים געקאָנט דורכפֿאָרן אַ וואָגן. די גרויסע מעלה פֿאַר די גריכן האָט די דאָזיקע פּאָזיציע געהאַט דערמיט, וואָס קיין קאַוואַלעריע אָדער רייטוואָגנס האָט מען דאָ קענען זיי ניט געקאָנט נוצן, און דער שלאַכט-פֿראָנט איז געווען אַזוי שמאָל. אַז די אומגלייכקייט אין צאָל האָט קיין באַטייט ניט געהאַט. און דאָ האָבן די פּערסער אָנגעהויבן אַ שלאַכט אין אַ זומער-טאָג פֿון יאָר 480 פֿאַר קר.

דריי טעג האָבן די גריכן פֿאַרהאַלטן די גרויסע אַרמיי און האָבן איר אָנגעטאָן גרויסע שאָדנס, בעת זיי אַליין האָבן ווייניק אָנגעוואָרן. אויפֿן דריטן טאָג האָט זיך באַוויזן אַן אָפּטייל פֿון די פּערסער אין אַקן פֿון די גריכן — איינער אַ פֿייער האָט זיי באַוויזן אַ וועג דורך די בערג. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכּוח צווישן די גריכן: טייל האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז אָפּטרעטן, טייל ווידער, אַז מען מוז אויסהאַלטן. דער פֿירער פֿון גאַנצן חיל, לעאָנידאַס, האָט גע-וואָלט בלייבן, און מיט אים, האָט ער געזאָגט, זאָלן בלייבן 300 ספּאַרטאַנער. דער רעשט פֿון דער גריכישער אַרמיי וועט דערווייל קאָנען אָפּטרעטן אין אָרדענונג צו אַ נייער פּאָזיציע, וואָס איז גוט צו פֿאַרטיידיקן. נאָר די טעספּישע אָפּטיילונג פֿון 700 מאַן האָט ניט געוואָלט גיין צוריק. זיי האָבן בעסער געוואָלט בלייבן און שטאַרבן צוזאַמען מיט די ספּאַרטאַנער. אויך אַן אָפּטיילונג פֿון 400 טעבאַנער איז געבליבן. היות ווי טעבען איז שפּעטער צוגעשטאַנען צו די פּערסער, האָט מען דערציילט אַ מעשה, אַז די דאָזיקע טע-באַנער זאָלן זיין געוואָרן פֿאַרהאַלטן איבערגעוואַלד קעגן זייער ווילן, דאָס לייגט זיך אָבער ניט אויפֿן שכל ניט פֿון מיליטערישע און ניט פֿון היסטאָרישע גרונדן. די דאָזיקע 1400 מאַן זיינען גע-בליבן, און נאָך אַ העלדישן ווידערשטאַנד זיינען זיי אויסגעהרגעט

געוואָרן ביז איין מאַן. צוויי ספּאַרטאַנער זיינען צופעליק ניט געווען דערביי, ווייל זיי זיינען געווען קראַנק אויף די אויגן. אַז זיי האָבן דערהערט די בשורה, איז איינער פון זיי געווען אַזוי קראַנק, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן; דער אַנדערער האָט באַפוילן זיין העלאָט צו פירן אים אין שלאַכט אַריין און דאָ האָט ער בלינדערהייט זיך געשלאָגן, ביז ער איז געפאַלן טויט. דעם צווייטן, אַריסטאָדעמאָס, האָבן די אָפּטרעטנדיקע חיילות מיטגענומען, און אַז ער איז געקומען צוריק קיין ספּאַרטע, איז באַשטראָפן האָט מען אים ניט באַשטראָפט פאַר זיין אויפפיר, נאָר ער האָט געקראָגן דעם צונאָמען „טרעסאַס" — „דער מענטש, וואָס איז אָפּגעטראָטן". דאָס איז געווען גענוג, בכדי אים אָפּצושיידן פון אַלע איבעריקע ספּאַרטאַנער, און ער האָט זיך געלאָזט דערהרגענען אין אַ יאָר אַרום, אין דער שלאַכט פון פּלאַטעע, וואו ער האָט באַוויזן אָן אַ שיעור גבורה... אַ גאַנצן טאָג האָט די קליינע אָפּטיילונג געהאַלטן דעם דורכגאַנג קעגן דעם אָנפאַל פון גאַנצן פּערסישן חייל פון פאָרנט און פון הינטן. זיי האָבן געדעקט דעם צוריקצי פון דער גריכישער הויפּט-אַרמיי, זיי האָבן אָנגעטאָן אַ סך שאָדנס די אָנפאַלערס, זיי האָבן איבערגעריבן דעם פּרעסטיזש פון גריכישן קריגסמאַן איבער דעם שם פון מעדישן נאָך מער, ווי דורך דעם נצחון ביי מאַראַטאָן.

פּאַוואָליע האָט די פּערסישע קאַוואַלעריע און זייער טראַנספּאָרט דורכגעצויגן דורך דעם שמאָלן וועג פון טערמאָפּילע און האָט זיך געלאָזט גיין אויף אַטען, און אין דער זעלביקער צייט זיינען פאָרגעקומען אַ ריי צוזאַמענשטויסן אויפן ים. דער העלענישער פלאָט האָט זיך צוריקגעצויגן פאַרן פּערסישן פלאָט, וואָס האָט אָבער ערנסט געליטן, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, ווי זיך אויסצודרייען צווישן די געשלענגלטע ברעגעס, און אויך דאָס וועטער האָט שלעכט געדינט. דער כח פון דער צאָל האָט געטראָגן די פּערסישע אַרמיי אויף אַטען; נאָכדעם ווי טערמאָפּילע איז געווען פאַרלאָרן, איז שוין ניט געווען קיין נעענטערע פאַרטיידיקונגס-ליניע, ווי דער לאַנד-פּאַס פון קאָרינט, און דאָס האָט באַטייט, אַז מען האָט באַדאַרפט פאַרלאָזן די גאַנצע טעריטאָריע אין מיטן, דערין אויך אַטען. די באַפעלקערונג האָט געמוזט אָדער אַנטלויפן אָדער זיך

אונטערגעגעבן די פּערסער. טעבען און גאַנץ בעאָטיע האָבן זיך אונטערגעגעבן און מען האָט די טעבאַנער געצוואונגען אַריינצוטרעטן אין דער פּערסישער אַרמיי, חוץ איין שטאָט, פּלאַטעע, וואָס אירע איינוואוינער זיינען אַנטלאָפן קיין אַטען. איצט איז געקומען די ריי צו אַטען, און עס זיינען געוואָרן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו באַוועגן זי אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען. אָבער אָנשטאָט דעם האָט די גאַנצע באַפעלקערונג באַשלאָסן צו לאָזן שטיין אַליין און זיך אַריבערקלייבן אויף שיפן. די ווייבער און אַלע וואָס קאָנען ניט טראָגן געווער האָט מען אַריבערגעפירט קיין סאַלאַמיס און אַנדערע שכנותדיקע אינזלען. נאָר ווינציק מענטשן, צו־אַלט אויף זיך צו רירן פון אָרט, און עטלעכע, וואָס זיינען געווען קעגן דער החלטה, זיינען געבליבן אין שטאָט, וואָס די פּערסער האָבן זי איינגענומען און פאַרברענט. די הייליקע זאַכן, סטאַטועס אאַז"וו, וואָס זיינען דעמאָלט פאַרברענט געוואָרן, האָבן די אַטענער, אַז זיי זיינען געקומען צוריק, באַגראָבן אויפן אַקראָפּאָליס, אין אונזערע צייטן האָט מען זיי אויסגעגראָבן, און די סימנים פון בראַנד זיינען נאָך קענטיק אויף זיי. קסערקסעס האָט געשיקט אַ רייטער קיין שושן אָנצוזאָגן די בשורה, און האָט פאַרגעלייגט די זין פון פּייסיסטראַטאָס, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, זיי זאָלן פאַרנעמען זייער ירושה און ברענגען קרבנות אויפן אַקראָפּאָליס לויטן אַטענישן מנהג.

דערווייל איז דער העלענישער פאַראייניקטער פלאָט אַרומגעשוואומען אַרום סאַלאַמיס. אין דעם קריגס־ראָט זיינען געווען גרויסע חילוקי־דעות. קאָרינט און די מלוכות פון יענער זייט קאָרינטישן ערד־פּאַס האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער פלאָט זאָל זיך צוריקציִען צו יענע פּאָזיציעס אין איבערלאָזן די מלוכות פון מעגאַראַ און עגינאַ. טעמיסטאָקלעס איז מיט זיין גאַנצן כוח באַשטאַנען דערויף, מען זאָל זיך שלאָגן אין דעם שמאָלן דורכגאַנג פון סאַלאַמיס. די מערהייט איז געווען פאַר צוריקציִען זיך, אָבער פּלוצים איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער צוריקצי איז אָפּגעשניטן. די פּערסער האָבן אַרומגעזעגלט אַרום סאַלאַמיס און האָבן פאַרכאַפּט דעם ים פון דער אַנדער זייט. דאָס דאָזיקע נייס האָט געבראַכט יענער אַריסטידעס דער גערעכטער, וואָס וועגן זיין אָסטראַקיזם האָבן מיר שוין דער=

ציילט; זיין שכל הישר און זיין כח הדיבור האָבן אַ סך געהאָלפן טעמיסטאָקלעסן צו שטאַרקן דעם מוט פון די קאָמאַנדירן, וואָס האָבן זיך געקווענקלט. די דאָזיקע צוויי מענטשן זיינען פריער געווען ביטערע שונאים, נאָר מיט אַן איידלקייט, וואָס איז געווען זעלטן אין יענע צייטן, האָבן זיי פאַרגעסן זייערע סיכסוכים מחמת דער אַלגעמיינער סכנה. באַגינען זיינען די גריכישע שיפן אַרויס אין שלאַכט.

דער פלאָט, וואָס אַנטקעגן זיי, איז געווען מער פאַרשיידנאַרטיק און ווינציקער געאיינִיקט ווי זייערע. נאָר ער איז געווען דריי מאָל אַזוי גרויס. אויף איין פליגל זיינען געווען די פעניקיער, אויפן צווייטן פליגל די יאָנישע גריכן פון אַזיע און די אינזלען. טייל פון די לעצטע האָבן געקעמפט ענערגיש, טייל ווידער האָבן געהאַלטן אין זינען, אַז זיי זיינען אויך גריכן. די גריכישע שיפן, פון דער אַנדער זייט, זיינען על־פי־רוב געווען באַזעצט פון פרייע מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייערע היימען. אין די ערשטע שעהן פון טאָג, האָט מען נאָך ניט געקאָנט אַרויסזען קיין רעזולטאַטן פון דער שלאַכט. דערנאָך האָט קסערקסעס אַיינגעזען, אַז זיין פלאָט נעמט ציען צוריק. דער צוריקצי איז געוואָרן אַ חורבן.

קסערקסעס איז געזעסן הויך אויפן ברעג ים און צוגעקוקט די שלאַכט. ער האָט געזען, ווי זיינע גאַלערע־שיפן ווערן דורכגעלעכערט פון די שנאָבלען פון אַנדערע גאַלערעס; זיינע קריגסלייט ווערן צעשאָכן; זיינע שיפן ווערן פאַרכאַפט. אין יענע טעג פלעגט די ים־שלאַכט צום גרעסטן טייל ווערן אויסגעקעמפט דורך לעכערן דעם שונאס שיפן מיט די שנאָבלען פון די אייגענע שיפן; אָדער די גרויסע גאַלערעס פלעגן הערדריקן זייער געגנער מיט דער גרעסערער וואָג פון זייער שטופ, אָדער זיי פלעגן אַראָפּשניידן די רודערס און אַזוי אַרום אָפנעמען ביי זיי די מעגלעכקייט צו מאַנעווירן און צו רירן זיך פון אָרט. איצט האָט קסערקסעס געזען, ווי אַ סך פון זיינע שיפן גיבן זיך אונטער. און וואַסער האָט ער געקאָנט זען די קעפ פון גריכן, וואָס שווימען צום ברעג; נאָר „פון די באַרבאַרן איז דער גרעסטער טייל אומגעקומען אין ים, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט שווימען". דער האַמעטענער פרווו פון דער שטאַרקי

צוגעדריקטער ערשטער ליניע, פון פערסישן פלאָט צו פאַרקערעווען האָט געבראַכט צו אַן אומבאַשרייבלעכער צעטומלעניש. טייל שיפן זיינען געוואָרן דורכגעלעכערט פון די הינטערשטע שיפן פון אייגענעם צד. די דאָזיקע פאַרצייטיקע שיפן זיינען געווען נעבעכדיקע מאַכערייקעס לויט מאָדערנע מאָסן. עס האָט געבלאָזן אַ מערב=ווינט, און אַ סך פון קסערקסעס צעבראָכענע שיפן זיינען אַוועקגעטריבן געוואָרן און אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג ווייט פון זיינע אויגן. אַנדערע האָבן די גריכן אַוועקבוקסירט קיין סאַלאַמיס. אַנדערע ווידער, ווינציקער באַשעדיקט, וואָס האָבן נאָך געקאָנט זיך גוט האַלטן, האָבן זיך צוגערוקט נעענטער צום ברעג, בכדי צו קומען אונטערן שוץ פון דער אַרמיי. צעזייט ווייט איבערן ים, הינטער די ברעג=שפיצן, ניט דייטלעך צו זען, זיינען שיפן געלאָפן און גריכישע שיפן האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי. אייניציקווייז, פאַל נאָך פאַל, האָט דער חורבן זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן. מיר קאָנען זיך אויסמעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום אים, ווי שלוחים זיינען געקומען און געגאַנגען, ווי עס זיינען אַלע ווילע אַרויסגעגעבן געוואָרן נייע באַפעלן, ווי אין משך פון טאָג האָבן זיך כסדר געביטן די פּלענער. אינדערפרי איז קסערקסעס אַרויסגעגאַנגען מיט טאָוולען, כדי צו פאַרצייכענען די גבורות פון זיינע קאָמאַנדירן אויף זיי צו באַלוינען. אין חער גאָלדענער שיין פון זון=אונטערגאַנג האָט ער געזען די ים=מאַכט פון די פערסער צעשפּרייט, איינגעזונקען, צעשטערט, און דעם גריכישן פלאָט, ווי ער קלייבט זיך צונויף אַ גאַנצער קעגנאיבער סאַלאַמיס, שטעלט ווידער אויס זיינע רייען, ווי ער וואָלט נאָך ניט גלייבן אין זיין נצחון.

די פערסישע אַרמיי איז עטלעכע טעג געבליבן, אַזוי ווי אויף אַ ישוב=הדעת, נאָענט צו דער סצענע פון דער ים=שלאַכט, און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן זיך צוריקצוציען קיין טעסאַליע, וואו זי האָט געהאַט בדעה צו ווינטערן און צו פאַרענדיקן די קאַמפּאַניע. נאָר קסערקסעס האָט, פונקט ווי דריוש II פאַר אים, אָנגעוואָרן דעם חשק צו אייראָפּעישע קאַמפּאַניעס. ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל ניט צעברעכן דעם שווימענדיקן בריק. איז ער מיט אַ טייל פון זיין אַרמיי אַוועק צום העלעספּאָנט, איבערגעלאָזן די הויפּט-

קרעפֿטן אין טעסאַליע אונטער אַ גענעראַל מאַרדאָניוס וועגן קסערקסעס אָפּצי הערצײלט דער היסטאָריקער אַזוי:

„וואו נאָר זיי זײנען אָנגעקומען אין זייער מאַרש און צו וואָסער פֿאָלק, האָבן זיי פֿאַרכאַפּט דאָס גערעטעניש פֿון די פֿעלדער און באַנוצט פֿאַר זיך צו עסן. און אויב זיי האָבן קיין תבואה ניט געפֿונען, האָבן זיי גענומען דאָס גראָז, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ערד, אָפּגעשײלט די קאָרע פֿון די ביימער און אַראָפּגעריסן די בלעטער און אויפֿגעגעסן, אַלץ איינס פֿון פּרוכט־ביימער צי פֿון ווילד־וואַקסנדיקע; זיי האָבן גאָרנישט געלאָזן הינטער זיך: דאָס האָבן זיי געטאָן פֿון הונגער. דערנאָך האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער אַרמיי אויך אַ פּעסט און דעזינטעריע, וואָס האָט זיי פֿאַרטיליקט, איין טייל פֿון זיי, וואָס זײנען געווען קראַנק, האָט דער קעניג איבערגעלאָזט און האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די שטעט, וואו ער האָט זיך געפֿונען צופֿעליק אין יענער צייט אויף זיין מאַרש, זיי זאָלן וועגן זיי זאָרגן און זיי אונטערהאַלטן; פֿון זיי האָט ער איבערגעלאָזט טייל אין טעסאַליע, און טייל אין סירים אין פּאַאָניע און טייל אין מאַקעדאָניע... אַזוי זײנען זיי דורכגעגאַנגען טראַקיע און זײנען געקומען צום דורכגוס, דאָרט זײנען זיי האַסטיק אַריבער דעם העלעספּאָנט קיין אַבידאָס אויף שיפֿן, ווייל זיי האָבן שוין ניט געפֿונען דעם שווימענדיקן בריק אַריבערגעלייגט, נאָר צעבראָכן פֿון אַ שטורעם. אַ שטיקל צייט זײנען זיי דאָ געשטאַנען און מען האָט זיי אײנגעטײלט גרעסערע פּאָרציעס שפּייז, ווי זיי האָבן געקראָגן אונטערוועגס, און פֿון דעם, וואָס זיי האָבן געשטילט זייער הונגער אָן אָפּהאַלט, און פֿון דעם בייט פֿון וואַסער זײנען דאָ געשטאָרבן אַ סך פֿון יענע זעלנער, וואָס זײנען געבליבן גאַנץ ביז דעמאָלט. דער רעשט איז אָנגעקומען מיט קסערקסעסן קיין סאַרדיס".

---

10. פּלאַטעע און מיקאַלע.

דער איבעריקער טייל פֿון דער פּערסישער אַרמיי איז געבליבן אין טעסאַליע אונטער דער קאָמאַנדע פֿון מאַרדאָניוס, און אין משך פֿון אַ יאָר צייט האָט ער אונטערגעהאַלטן אַן אַגרעסיווע קאַמ־

פאַניע קעגן די גריכן. צולעצט איז ער געשלאָגן געוואָרן און געטייט אין אַ שלאַכט בײַ פּלאַטעע (479 פאַר קר.), און אין זעלביקן טאָג האָט דער פּערסישער פלאָט און אַ יבשה-אַרמיי געליטן צוזאַמען אַ מפּלה אונטערן שאָטן פון באַרג מיקאַלע אויפן אַזיאַטישן קאָנטינענט צווישן עפעסוס און מילעט. די פּערסער האָבן מחמת מורא פאַר די גריכן אַרויפגעצויגן די שיפן אויפן ברעג און אויסגעבויט אַרום זיי אַ מויער; נאָר די גריכן זיינען אויך אַראָפּ אויפן ברעג, האָבן געשטורעמט די דאָזיקע אײַנצאַמונג. דערנאָך האָבן זיי אַוועקגעזעגלט צום העלעספּאָנט, כדי צו צעשטערן וואָס עס איז נאָך געבליבן פון דעם שווימענדיקן בריק, אַזוי אַז שפּעטער האָבן די פּערסישע פּליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון פּלאַטעע, געמוזט אַריבערשיפן זיך דעם באָספּאָר אויף שיפן, וואָס עס איז זייער שווער אָנגעקומען.

איבערגעמוטיקט דורך אָט די מפּלות פון דעם קיניגס חיילות, זאָגט הערָדאָט, האָבן די יאָנישע שטעט ווידער אַמאָל אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן די פּערסער.

דערמיט ענדיקט זיך דאָס נײַנטע בוך פון הערָדאָטס היסטאָריע. ער איז געבאָרן געוואָרן אַרום 484, אַזוי, אַז אין דער צייט פון דער שלאַכט בײַ פּלאַטעע איז ער געווען אַ קינד פון פינף יאָר. אַ סך זאַכן פונם אינהאַלט פון זיין געשיכטע האָט ער צונויפגעקליבן בײַ מענטשן, וואָס האָבן אַליין מיטגעווירקט און געזען מיט זייערע אויגן די גרויסע געשעענישן, וואָס ער באַשרייבט. די מלחמה האָט זיך נאָך געצויגן אַ לאַנגע צייט; די גריכן האָבן אונטערגעהאַלטן אַ מרידה קעגן דער פּערסישער ממשלה אין עגיפּטן און האָבן געפּרוווט איינעמען קיפּרוס, אָבער אָן הצלחה. געענדיקט האָט זיך די מלחמה ערשט אין יאָר 449 פאַר קר. דעמאָלט זיינען די גריכישע ברעג-לענדער פון קליין-אַזיע און די גריכישע מלוכות אַרום שוואַרצן ים געבליבן פרײַ, נאָר קיפּרוס און עגיפּטן זיינען געבליבן אונטער פּערסישער איבערהערשאַפט. הערָדאָט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן ווי אַ פּערסישער אונטערטאַן אין דער יאָנישער שטאָט האַליקאַרנאַס, איז געווען אין יענער צייט אַלט פינפאונדרייסיק יאָר, און ער האָט, ווייזט אויס, גיך אויסגענוצט דעם שלום, בכדי צו באַזוכן בבל און פּערסיע. ער איז מסתמא געקומען קיין אַטען פאָרצולייענען זיין פּאַרטיקע היסטאָריע בערך אין יאָר 438 פאַר קר.

דער געדאַנק וועגן אַ גרויסער פאַראייניקונג פון גריכנלאַנד, בכדי אָנצופאַלן אויף פערסיע, איז ניט געווען הערָאָדאָטן אינגאַנצן פרעמד. טייל פון זיינע לעזער זיינען אים חושד, אַז ער האָט געשריבן, בכדי אים צו פאַרשפּרייטן. ער איז געווים געווען אין יענער צייט אין דער לופט. ער שילדערט אַריסטאַגאָראַסן, דעם איידעם פון היסטיאַיאָס, ווי אַזוי ער ווייזט די ספּאַרטאַנער „אַ בראָנזענעם טאָוול, וואָס אויף אים איז געווען אויסגעקריצט אַ קאַרטע פון גאָר דער ערד מיט אַלע ימים און טייכן". ער לאָזט אַריסטאַגאָראַסן זאָגן: „די דאָזיקע באַרבאַרן זיינען ניט שטאַרק אין שלאַכט. איר, פון דער אַנדער זייט, האָט איצט דערגרייכט צו דער העכסטער שלמות אין קריג. זיי קעמפן מיט פייל און בויגן און קורצע שפּיזן; זיי גייען אין שלאַכט אָנגעטאָן אין הויזן מיט היטלען אויף די קעפּ. איר האָט אויסגעבעסערט אייער געווער און אַייער דיסציפּלין. מען קאָן זיי גרינג באַצווינגען. ניט אַלע איבעריקע נאַציעס פון דער וועלט האָבן דאָס, וואָס זיי פאַרמאָגן: גאָלד, זילבער, בראָנזע, אויסגעהאַפטע מלבושים, בהמות און שקלאַפן; דאָס אַלץ קאָנט איר האָבן פאַר זיך, אויב איר ווילט נאָר".

עס האָט געדויערט הונדערט יאָר, איידער די דאָזיקע אָנרייצונגען האָבן געטראָגן פרוכט.

קסערקסעס איז דערהרגעט געוואָרן אין זיין פּאַלאַץ אַן ערך אין יאָר 465 פאַר קר. שפּעטער האָט פערסיע שוין מער ניט געמאַכט קיין פּרוּוון איינצונעמען אייראָפּע. מיר האָבן ניט אַזאַ ידיעה אין די געשעענישן, וואָס האָבן געטראָפן אין דער אימפּעריע פון גרויסן קיניג, ווי מיר האָבן פון די ענינים אין די קליינע מלוכות פון צענטראַל-גריכנלאַנד. גריכנלאַנד האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן ליטעראַטור און שטעלן פאַר זיך אַ געדעכעניש, וואָס קיין איין פאָלק האָט ביז דעמאָלט קיין גלייכן ניט געהאַט. נאָך 479 פאַר קר. (פּלאַטעע) האָט עס דעם פּנים, ווי דער גאַנצער גייסט האָט זיך אויסגעוועבט פון דער רעגירונג פון פּרס ומדי. די אימפּעריע פון גרויסן קיניג גייט אַריין אין אַ פּעריאָד פון ירידה. עס גייען דורך אויף דער סצענע איין אַרטאַקסערקסעס (אַרתחשׁשׁתּא), אַ צווייטער קסערקסעס, אַ צווייטער דריוש; עס קומען פאָר אויפשטאַנדן אין סיריע און עגיפּטן; די מעדער בונטעווען זיך; אַ צווייטער אַרטאַקסערקסעס און

אַ צווייטער כּורש, צווי בּרידער, קעמפן צווישן זיך פאַרן טראָן. דאָס איז גענוי אַזאַ געשיכטע, ווי די געשיכטע פון בּבל, אַשור, עגיפּטן אין דער עלטערער צייט. דאָס איז אַוטאָקראַטיע, דערבּראַכט צו איר נאָרמאַלן שטאַנד פון פּאַלאַץ-פאַרבּרעכנס, בּלוט-פאַרשמוצטער פּראַכט און מאָראַלישן זומפּ. נאָר דער אָקאָרשט דערמאָנטער קאַמף האָט אַרויסגעבּראַכט אַ גריכיש מייסטער-ווערק. וואָרעם יענער צווייטער כּורש האָט צונויפגעקליבּן אַ חיל געדונגענע גריכישע זעלנער און האָט מיט זיי מאַרשירט קיין בּבל; די שלאַכט קעגן אַרטאַקסערקסעס II האָט ער געוואונען, נאָר אַליין איז ער דערהרגעט געוואָרן. דעמאָלט האָבּן די צען טויזנט גריכן, וואָס האָבּן שוין ניט געהאַט, ווער עס זאָל זיי דינגען, גענומען ציען צוריק צום בּרעג (401 פאַר קר.), און דעם דאָזיקן צוריקציִ האָט פאַראייבּיקט אין אַ בּוך, איינעם פון די ערשטע פּערסאָנאַלע קריגס-בּיכער, דעם „אַנאַבּאַזיס", זייער אָנפירער קסענאָפאָן.

מערדערייען, אויפשטאַנדן, שטראָף-עקספּעדיציעס, מפּלות, קוניציקע בּונדן און נידעריקע אָפּנאַרערייען — אָבּער ניטאָ קיין העראָאַט, וואָס זאָל דאָס בּאַשרייבּן. דאָס איז דער קורצער סך-הכּל פון דער פּערסישער היסטאָריע. און אַרטאַקסערקסעס III, בּאַדעקט מיט בּלוט, האָט אַ צייט טונקל געבּליט. „אַרטאַקסערקסעס דעם דריטן זאָל האָבּן אומגעבּראַכט בּאַגאָאַס (בּגוהי), וואָס האָט אַרויסגעזעצט אויפן טראָן אַרזעסן דעם קיניגס יינגסטן זון, און אַז יענער האָט גענומען אַרויסווייזן אַ זעלבּשטענדיקע אַקטיוויטעט, האָט ער אים אויך דערהרגעט".

אָט אַזוי גייט דאָס ווייטער. אַטען, וואָס האָט אַ שטיקל צייט נאָכן אָפּטרייבּן די פּערסער געבּליט, איז געשלאָגן געוואָרן מיט אַ פּעסט, וואָס דעמאָלט איז געשטאָרבּן פּעריקלעס, איר גרעסטער רעגירער (429 פאַר קר.). נאָר צווישן די מהומות איז כּדאי צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז קסענאָפאָנס צען טויזנט האָבּן זיך צעשפּרייט אין די גריכישע שטעט און האָבּן דערציילט, וואָס זיי האָבּן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, און אַזוי אַרום בּאַשטעטיקט אַריסטאַגאָראַסעס רייד: אַז די פּערסישע אימפּעריע איז אַ רייך לאַנד, אָבּער אָן אַן אָרדענונג, אַזוי אַז פאַר דרייסטע מענטשן וואָלט געווען זי גרינג איינצונעמען.

קאַפּיטל 21

גריכישער געדאַנק, ליטעראַטור און קונסט

1. אַטען אין פּעריקלעסעס צייט. 2. סאָקראַטעס. 3. פּלאַטאָן און די אַקאַדעמיע. 4. אַריסטאָטעלעס און דער ליקאַיאָן. 5. פילאָסאָפיע דערווייטערט זיך פון דער וועלט. 6. די מעלות און די גרענעצן פון גריכישן געדאַנק. 7. די ערשטע גרויסע פאַנטאַזיע־ליטעראַטור. 8. גריכישע קונסט.

אין די ערשטע פערציק יאָר נאָך פּלאַטעע און מיקאַלע איז די גריכישע היסטאָריע אַ געשיכטע פון לפי־ערכדיקן שלום און רו. עס זיינען געווען מלחמות, נאָר קיין גרויסן פּאַרנעם האָבן זיי ניט געהאַט. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דער רייכער קלאַס אין אַטען געקאָנט געניסן פון וואוילשטאַנד און פרייער צייט. דורך אַ קאָמבינאַציע פון צופאַלן און מחמת דעם כאַראַקטער פון אַ קליינער גרופּע מענטשן האָט די דאָזיקע פרייע צייט און דער וואוילשטאַנד אַרויסגעבראַכט די גלענצנדיקסטע רעזולטאַטן.

די אויסאַרבעטונג פון אַ שרייב־מעטאָדע, וואָס האָט געלאָזט אויסדריקן די קלאַנגען און די פיינקייטן פון אַ גערעדטער שפּראַך, האָט איצט געשאַפן די תנאים פאַר אַ ליטעראַטור, און עס זיינען טאַקע געשאַפן געוואָרן אַ סך פיינע ליטעראַטור־ווערק; די פּלאַסטישע קונסטן האָבן געבליט, און עס זיינען באַפעסטיקט געוואָרן די יסודות פון דער נייער וויסנשאַפט, וואָס עס האָבן שוין געהאַט אַוועקגעשטעלט די עלטערע פילאָסאָפן פון די יאָנישע שטעט. דערנאָך, נאָך אַ הפסקה פון קנאַפּע פופציק יאָר, האָט די לאַנג טליענדיקע פיינטשאַפט צווישן אַטען און ספּאַרטאַ, אויסגעבראָכן צו אַ ווילדער און

אויסמאַטערנדיקער מלחמה, וואָס האָט סוף-כל-סוף אונטערגעגראָבן דעם לעבנס-כוח פון אַט דעם שאַפונגס-מאָמענט.

די דאָזיקע מלחמה איז באַוואוסט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען די פעלאָפּאָנעסישע מלחמה. זי האָט געדויערט קרוב צו



אַן אַטישע וואַזע אין סטיל פון 5טן און 4טן י״ה פאַר קר.

30 יאָר און האָט חרוב געמאַכט די גאַנצע קראַפט פון גריכנלאַנד. צוערשט האָט אַטען געהאַט די איבערהאַנט, דערנאָך ספּאַרטאַ. דערנאָך איז אויפגעשטאַנען טעבען, אַ שטאָט ניט קיין פולע פופציק מייל ווייט פון אַטען, און האָט איבערגעשטייגט ספּאַרטאַ. און

ווידער אַמאָל האָט אַטען אַ גלאַנץ געטאָן ווי די הויפּטשטאָט פֿון אַ מלוכות־בונד. דאָס איז אַ געשיכטע פֿון קליינלעכע קריגערייען און רייסערייען, וואָס וואָלט שוין לאַנג געווען פֿאַרשוואונדן פֿון דער געדעכעניש פֿון מענטשן, אויב זי וואָלט ניט געווען פֿאַרצייכנט און אָפּגעשפּיגלט אין אַ גרויסער ליטעראַטור.

אין משך פֿון דער דאָזיקער גאַנצער צייט באַווייזט זיך ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל פּערסיע, ווי אַ פֿאַרבינדעטער אַמאָל פֿון איין פֿאַרבאַנד, אַמאָל פֿון צווייטן פֿאַרבאַנד. אַרום מיט פֿערטן יאָרהונדערט פֿאַר קר. הייבט גריכנלאַנד אָן צו שפּירן אַ נייעם איינפֿלוס אויף אירע ענינים, דאָס איז פֿון פֿיליפּ דעם קיניג פֿון מאַקעדאָניע. מאַקעדאָניע שטייט אין הינטערגרונט פֿון גריכנלאַנד, וואָס איז געטיילט און געשפּאָלטן, פּונקט ווי די מעדער און פּערסער זיינען געשטאַנען הינטער דער אימפּעריע פֿון די כשדים. עס קומט אַ צייט, ווען דער גריכישער גייסט טוט, אַזוי צו זאָגן, זיך אומקוקן פֿון זיינע מחלוקתן און דערזעט פֿאַרשטאַרט אין פֿאַראייניקטער שרעק די מאַקעדאָניער.

מערדערישע קריגערייען אָן אַ פּלאַן בלייבן מערדערישע קריגערייען אָן אַ פּלאַן, אַפֿילו אויב טוקידידעס דערציילט די געשיכטע, אַפֿילו אויב די גרויסע התחלות פֿון אַ נייער ציוויליזאַציע זיינען אונטערגעגאַנגען אין די דאָזיקע מהומות. אין דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם איבערבליק האָבן מיר קיין אָרט ניט פֿאַר אַלע פּרטים פֿון די בירגער־מלחמות, פֿאַר די געשלעגערייען, וואָס האָבן איין שטאָט פֿון גריכנלאַנד נאָך דער אַנדערער אַוועקגעלאָזן מיטן רויך. אויף אַ געוויינטלעכן שול־גלאָבוס ווערט גריכנלאַנד ניט מער ווי אַ קליינער פֿלעק, וואָס מען קאָן קוים דערקענען; און אין אַ קורצער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט ווערט אָט דער יאָרהונדערט און עפּעס מיט זיינע מחלוקתן, צווישן די טעג פֿון פּלאַטאָ ביז דעם אויפֿשטייג פֿון קיניג פֿיליפּ, צונויפֿגעשרומפּן צו אַ קליינעם גערויש פֿון אַ סיכסוך, וואָס איז קוים צו הערן, און עס בלייבט נאָר צו מערקן, ווי גיך עס גייט פֿאַרביי דאָס גליק פֿאַר פֿעלקער, פּונקט ווי פֿאַר איינציקע מענטשן.

אָבער איין זאַך ווערט ניט איינגעשרומפּן אין באַטייט, ווייל זי איז אַריין אין דעם גייסטיקן פּראָצעס פֿון אַלע קומענדיקע פֿעלקער־

און דורות, ווייל זי איז אַ פעסטער טייל פון אונזער גאַנצן גייסטיקן מהות, — דאָס איז די ליטעראַטור, וואָס גריכנלאַנד האָט געשאַפן בעת די קורצע הפסקות פון רו און זיכערקייט אינמיטן די מהומות.

פּראָפעסאָר דזשילבערט מערי זאָגט:

„זייער אויסווייניקסטע פּאָליטישע געשיכטע איז, פּונקט ווי די געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, געווען אָנגעפילט מיט מלחמות און דיפּלאָמאַטיע, מיט רציחה און פאַלשקייט. זייער אינעווייניקסטע געשיכטע, די געשיכטע פון געדאַנק און געפיל און כאַראַקטער — דאָס איז אַזוי גרויס. זיי האָבן געהאַט גובר צו זיין עטלעכע שוועריקייטן, וואָס זיינען איצט כמעט פאַרשוואונדן פון אונזער וועג. זיי האָבן פּאַקטיש ניט געהאַט קיין געניטשאַפט, נייערט פלעגן טאָן אַלצדינג דאָס ערשטע מאָל; זיי זיינען געווען ביז גאָר שוואַך אין זייערע מאַטעריעלע מיטלען, און זייערע עמאָציעס, זייער „באַגער שרעק און צאָרן", זיינען מסתמא געווען ווילדער און מעכטיקער, איידער אונזערע. דאָך האָבן זיי אַרויסגעבראַכט די אַטען פון די פּעריקלעס און פּלאַטאָן".

אָט דער מערקווערדיקער אויפשיין פון דער לאַנג אויפגעזאַמל-טער שאַפונגס-קראַפט פון גריכישן גייסט, וואָס איז אין משך פון דרייאונצוואַנציק יאָרהונדערטער געווען פאַר דער אינטעליגענץ פון דער מענטשהייט אַ פירנדיקער און באַגייסטערנדיקער לייכט-טורעם פון עבר אַרויס, האָט זיך צעפלאַמט נאָך די שלאַכטן פון מאַראַטאָן און סאַלאַמיס און האָט געמאַכט אַטען פריי און דרייסט און געמאַכט זי פאַר דער הערשערין אין איר וועלט, אָן אַריבערצוכאַפּן די מאָס אין מאַכט. דאָס איז געווען דער אויפטו פון אַ גאַנץ קליינער גרופּע מענטשן. אַ געוויסע צאָל אַטענישע בירגער, ווי ווייט דאָס איז שייך דעם בע-סערן טייל פון דור, האָבן געלעבט ביי אַזעלכע תנאים, וואָס האָבן אין אַלע תקופות געמאַכט מענטשן אויפגעלייגט צו שאַפן גוטע און שיינע ווערק: זיי זיינען געווען זיכער, זיי זיינען געווען פריי, זיי האָבן זיך געשפירט גרויס ביי זיך; און זיי האָבן ניט געהאַט דעם נסיון צו אָפּע-נער און אומבאַשטריטענער מאַכט, וואָס באַוועגט אונז אַלעמען אָנ-צוטאָן בייז אַנדערע מענטשן. דערנאָך, ווען דאָס פּאָליטישע לעבן איז ווידער אַיינגעענגט געוואָרן צו די חורבנות און פאַרברעכנס פון אַ ברו-



סטאַטוע פון דער ניצחון־געטין, ווי זי איז געפונען געוואָרן. זי איז דאָס ווערק פון פּאַיאָניוס, אַ גריכישן סקולפּטאָר פון 5טן י"ה פאַר קר.

דער=קריג מיט ספּאַרטאַ, האָט שוין געפלאַקערט אַזאַ ברייטע און גוט
גענערטע פלאַם פון אינטעלעקטועלער אַקטיוויטעט, וואָס האָט אויס=

די זעלביקע סטאַטוע, רעקאָנסטרויִרט.

געהאלטן אלע שטורעמס פון דער מלחמה און, נאך דער קורצער לעבנס-צייט פון אלכסנדר דעם גרויסן, א פעריאד פון העכער הונדערט יאר זינט דעם אנהייב פון דער מלחמה.

פארשיכורט מיטן ניצחון און מיט דער פרייהייט, געוואונען אויף אזא פיינעם אופן, האט דאס פאלק פון אטען אויף א צייט זיך א הייב געטאן צו אדלקייט. אונטער דער פירונג פון א גרויסן דעמאגאג, פעריקלעסן דעם הויפט-באאמטן פון דער אטענישער פאלקס-פארזאמלונג, און א פאליטיקער פון דער מאס און ערך, ווי גלאדסטאן און לינקאלן אין דער מאדערנער צייט, האבן זיי זיך גענומען פאר דער אויפגאבע ווידער אויסצובויען זייער שטאט און צו פארברייטערן זייער האנדל. א שטיקל צייט זיינען זיי געווען מסוגל נאכצוגיין אן איידעלן פירער. אין פעריקלעסן איז געווען אן אויסטערלישע אויסמישונג פון פאליטישער פעיקייט מיט אן אמת לעבעדיקן פארלאנג נאך טיפקייט און געהויבנקייט און שיינקייט. ער האט געהאלטן די מאכט העכער דרייסיק יאר. ער איז געווען א מענטש מיט אויסנאמלעכער קראפט און פרייהייט פון גייסט. ער האט די דאזיקע מעלות ארויפגעשטעמפלט אויף זיין דור. די אטענישע דעמאקראטיע האט, ווי ווינקלער האט באמערקט, געהאט א געוויסע צייט „דעם פנים פון פעריקלעס”. ער איז געווארן אונטערגעהאלטן דורך א געפיל, וואס איז מסתמא געווען א גרויסע און איידעלע פריינדשאפט. דאס איז געווען א פרוי, וואס האט געקראגן א ניט-געוויינטלעכע דערציִונג, מיטן נאמען אספאזיא, פון מילעט. וואס ער האט ניט געטארט מיט איר חתונה האבן, מחמת דער געזעץ האט באגרענעצט די בירגערשאפט פון אטען נאר פאר די ארטיקע געבארענע, נאר פאקטיש איז זי געווען זיין ווייב. זי האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דעם פרט, וואס זי האט צונויפגעקליבן ארום אים מענטשן פון ניט געוויינטלעכע כשרונות. אלע גרויסע שרייבער פון יענער צייט האבן זי געקענט און עטלעכע האבן געריימט איר חכמה און קענטשאפט. פלוטארך, אמת, באשולדיקט זי, וואס זי האט אויפגעהעצט צו א טומלדיקן און געפערלעכן קריג מיט סאמאס, וואס האט זיך אבער שפעטער געענדיקט מיט א ניצחון, נאר ער אליין ווייזט אן שפעטער, אז דער קריג איז געווען אויפגע-

צוואונגען דורך די סאַמיער, וואָס האָבן געשטעלט אין סכנה דעם אַטענישן ים=האַנדל, וואָס פון אים איז געווען געווענדט גאָר דער וואוילשטאַנד פון דער רעפובליק...

מען קאָן דערקענען דעם גראַד פון מענטשנס נשמה לויט דעם, אין וואָס ער זוכט זיין כבוד. פעריקלעס איז, בכל אופן, געווען מער צופרידן צו דינען ווי אַ פירער אין אַטען, איידער צו הערשן ווי אַ טיראַן. אונטער זיין פירונג זיינען אײַנגעשטעלט געוואָרן נייע פאַרבינדונגען, עס זיינען געגרינדעט געוואָרן נייע קאָלאָניעס און האַנדלס=סטאַנציעס פון איטאַליע ביזן שוואַרצן ים; און דער אוצר פון דעם דעלישן בונד איז געבראַכט געוואָרן קיין אַטען. איבערצייגט, אַז מצד פערסיע איז קיין סכנה ניטאָ, האָט פעריקלעס פאַרטאָן דעם קריגס=פאָנד פון די פאַרבינדעטע אויף צו פאַרשענערן די שטאָט. דאָס איז לויט אונזערע מאָדערנע השגות געווען אַן אומרעכט, ס'איז אָבער ניט געווען קיין נידערטרעכטיקייט אָדער לדהוטקייט נאָך געלט. אַטען האָט אויסגעפירט, וואָס דער דעלישער בונד האָט געוואָלט, איז דען דער אַרבעטער ניט ווערט זיין לוין? אָט דער אויפטו פעריקלעסעס האָט געשאַפן אַ גוטע צייט פאַר אַרכיטעקטן און קינסטלער. דער פאַרטענאָן פון אַטען, וואָס זיינע חורבות זיינען נאָך איצט שיין, איז געווען נאָר די קרוין אַרויפגעזעצט אויף דעם גלאַנץ פון אַטען, וואָס פעריקלעס האָט אויסגעבויט. אַזעלכע סקולפטורן ווי די פון פידיאַס, מיראָן און פאָליקלעטוס, וואָס זיינען נאָך געבליבן, זאָגן עדות אויף די קינסטלערישע מעלות פון דער צייט.

דער לעזער באַדאַרף האַלטן אין זינען יענע אויסגעצייכנטע באַמערקונג ווינקלערס, וואָס זאָגט, אַז די אויפלעבנדיקע אַטען האָט געהאַט פעריקלעסעס פנים. דער אייגנטימלעכער גייסט פון דאָזיקן מאַן און פון זיין אַטמאָספער האָט דאָס באַפרייט דעם גייסט פון די מענטשן אַרום אים און האָט צוגעצויגן קיין אַטען מענטשן מיט גרויסער אינטעלעקטועלער קראַפט. אַטען האָט אַ געוויסע צייט געטראָגן זיין פנים, ווי עמעצער טראָגט אַ מאַסקע, און דערנאָך איז זי געוואָרן אומרויק און געוואָלט זי אָפלייגן אָן אַ זייט. אין דער סביבה פון געווינטלעכן אַטענער איז געווען גאָר ווינציק גרויס און איידלס. מיר האָבן שוין גערעדט מכוח דער השגה פון אַ פשוטן בירגער, וואָס האָט

געשטימט פאַר אַריסטידעסעס אָסטראַקיזם, און ללאָיד (אין זיין ווערק „די תקופה פון פעריקלעס") דערקלערט, אַז די אָטעגער האָבן ניט געקאָנט פאַרליידן, ווען מען פלעגט דערמאָנען מילטיאַדעסעס נאָמען אין שייכות מיט דער שלאַכט פון מאַראַטאָן. דער איינגעשפּאַרטער שפּיז־בירגער האָט זיך איצט געבונטעוועט קעגן אָט די אַלע שיינע בנינים, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אַרום אים; קעגן דעם, וואָס אַזעלכע סקולפּטאָרן ווי פידיאַס ווערן העכער געהאַלטן ווי אַנדערע מייסטערס פון דעם זעלביקן פאַך; קעגן די באַלוינונגען, וואָס מען פלעגט געבן פרעמדע, אַ שטייגער ווי העראָדאָט פון האַליקאַרנאַס; קעגן דעם וואָס פעריקלעס האַלט ביי זיך די פרוי פון מילעט, וואָס עס איז אַ בזיון פאַר די היימישע. דאָס עפנטלעכע לעבן פעריקלעסעס איז בפירוש געווען ערלעך און פיין, האָט דערפאַר דער מענטש אין גאַס גענומען שמועסן, אַז זיין פּריוואַט־לעבן איז פאַרדאָרבן. מען טענהט, אַז פעריקלעס האַלט זיך גרויס אין זיין אויפפיר; אַז ער ווייזט אַרויס צייטנווייז אַ פאַראַכטונג צו די בירגער, וואָס ער דינט זיי.

„פעריקלעס האָט זיך אָנגעאייגנט ניט נאָר אַ געהויבנקייט פון געפיל און מאַיעסטעטישקייט און ריינקייט פון סטיל, ווייט אָפּגעשיידט פון דעם נידעריקן אויסדרוק פון המון, נייערט אַן ערנסטקייט פון פּנים־אויסדרוק, וואָס איז ניט איבערגעגאַנגען אין געלעכטער, אַ שטאַרקן און גלייכן טאָן פון דער שטים, אַ גרינגע האַלטונג און חשיבות פון קליידונג, וואָס פלעגט ניט ווערן געבראַכט אין אומאָרדע־נונג, אַפילו בעתן אויפגערעגטן ריידן. די דאָזיקע זאַכן, און כּדומה נאָך אַזעלכע פון דעם מין, האָבן דערוועקט באַוואונדערונג אין אַלעמען, ווער עס האָט אים געזען. אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן, ווען אַ מיאוסער און געמיינער יונג האָט אים אַ גאַנצן טאָג באַשווערט מיט זיינע טענות און באַליידיקונגען; ער האָט דאָס אַריבערגעטראָגן מיט געדולד און שטיל שווייגן און האָט זיך ווייטער געטאָן זיין אַרבעט אין נייטיקע געזעלשאַפטלעכע ענינים. אין אָוונט, אַז ער איז פּאַוואָליע זיך געגאַנגען אַהיים, איז אָט דער אומפאַרשעמטער לייַדאַק אים נאָכ־געגאַנגען און האָט אים דעם גאַנצן וועג געזידלט מיט די מיאוסטע ווערטער. אַז ער איז געקומען צו דער טיר פון זיין שטוב, איז שוין

סטאַטוע פון דער געטין אַטענע, איצט אין גריכישן נאַציאָנאַלן מוזיי.
פידיאַס האָט געמאַכט דריי סטאַטועס פון דער געטין, איינע פון
העלפאַנד־ביין און צוויי פון בראָנזע.

געווען פינסטער, האָט ער באַפוילן איינעם פון זיינע דינער צו נעמען אַ שטול־קאַץ און אָפפירן דעם מענטשן אַהיים. דער פּאָעט יאָן זאָגט, ווידער, אַז ער איז געווען שטאָלץ און גרויסהאַלטעריש אין ריידן מיט מענטשן, און עס איז געווען אַ גרויס שטיק פוסטע גאווה און ביטול צו אַנדערע צוגעמישט צו זיין חשיבותדיקער מאַניר... ער פלעגט זיך ניט באַווייזן אין גאַס, חוץ דעמאָלט ווען מען פלעגט דאַרפן גיין אויפן פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ אָדער אין ראָטהויז. ער פלעגט ניט אָננעמען קיין פאַרבעטונג פון גוטע פרייד און אויסמיידן אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרווייליגען. אַזוי אַז אין דער גאַנצער צייט פון זיין רעגירונג, וואָס האָט געדויערט היפּש לאַנג, איז ער נאָר איין מאָל געווען אויף אַ סעודה צוזאַמען מיט זיינע גוטע פריינד, דאָס איז געווען אויף דער חתונה פון זיין פּלימעניק אוריפּטאָלעמוס, און ער איז געבליבן דאָרט נאָר, ביז דער צערעמאָניע פון וויין־גיסונג (ניסוך) איז געווען געענדיקט. ער האָט געהאַלטן, אַז די פרייהייט אויף די פאַרווייליגנגען איז מבטל יעדער אויסצייכענונג פון אַמט און אַז ווערדע פאַסט זיך ווינציק מיט היימישקייט"...

אין יענע צייטן איז נאָך ניט געווען יענער זשורנאַליזם, וואָס שטעקט זיך אומעטום אַריין און האָט צו דערציילן די מיאוסטע סודות פון אַליין, וואָס איז לפנים פיין און גלענצנד. נאָר דער פּשוטער מענטש פון המון, וואָס איז אַ ביסל געווען צעטומלט פון דעם עניו, האָט געפונען אַ סך טרייסט אין דער קונסט פון דער קאָמעדיע, וואָס האָט אויסגעצייכנט געבליט. די מחברים פון די קאָמעדיעס האָבן באַפרידיקט דעם כמעט אוניווערסאַלן פאַרלאַנג פון מענטשן צו דערנידעריקן יענע, וואָס זייער בפירושע אויסגעצייכנטקייט פאַרטשעפּעט אונזער אייגנליבע. זיי האָבן שטענדיק מיט חשק געוואָרפן שמוץ אויף פּעריקלעסן און זיינע גוטע פריינד. פּעריקלעס האָט געלאָזט מאַכן פון זיך אַ פּאָרטרעט, ווי ער איז אָנגעטאָן אין אַ קיווער; דער קיווער איז אים גוט געשטאַנען, און עס איז אַ סברא, אַז ער האָט דאָס געוואוסט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, דער עולם זאָל חוזקן איבער אים: מען האָט זיך דערציילט פריילעכע מעשׂיות, אַז זיין קאָפּ איז אַ מיאוסער, ער איז ווי אַ ציבעלע־קעפּל. היינט די „מעשׂים" פון

אַספּאַזיאַ זיינען דאָך אוודאי געווען פאַר דער גאַס אַן אוצר פון כלערליי פּליאָטקעס און רכילות, וואָס נישט געשטויגן...

פאַרחלומטע נשמות, וואָס שפּירן זיך באַשווערט פון דער וואולגאַריטעט פון אונזער צייט, דריקן אוים שטענדיק דעם פאַרלאַנג: הלוואי וואָלטן זיי געלעבט אין יענער קלאַסיש-געהויבענער תקופה פון פּעריקלעס. וואָלטן זיי אָבער אין דער אמתן אַריינגעפאַלן פּלוצים אין דער דאָזיקער אַטען, וואָלטן זיי זיך אַיינגעפונען אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז זייער שטאַרק ענלעך צו דער אַטמאָספער פון אַ מאָדערנעם קאַבאַרעט פון נידעריקן סאָרט, אין דער זעלביקער שטימונג, ווי פון די היינטיקע אייראָפּעיִש-אַמעריקאַנישע גאַסנבלעטער; עס וואָלט אויף זיי אַ ווייע געטאָן די זעלביקע שטיקנדיקע לופט פון שרייענדיקן פּאַסקוויל, פון מיאוסע רכילות, פון בלוטדאָרשטיקן „פּאַטריאָטיזם“ און אַלגעמיינער נידערטרעכטיקייט, דער „מאָדערנער טאָן“ וואָלט זיי נאָכגעגאַנגען פוסטריט. אַז עס האָט זיך אויסגעוועפּט די געדעכעניש פון פּלאַטעאַ און סאַלאַמיס, און מען האָט זיך צוגעוווינט צו די נייע בנינים, האָט פּעריקלעס און דער גלאַנץ פון אַטען גענומען ווערן אַלץ מער און מער שווער אַריבערצוטראָגן פאַרן המון מיט זיינע נידעריקע השגות. מען האָט אים קיין מאָל ניט געשטראָפט מיט אָסטראַקיזם — עס האָבן אים געראַטעוועט דערפון זיין פּרעסטיזש און די רויִקערע בירגער; נאָר אָנפאַלן פלעגט מען אויף אים אַלץ מיט אַ מער וואַקסנדיקער דרייסטקייט און עקשנות. ער האָט געלעבט ווי אַן אָרעמאַן און איז געשטאָרבן אַן אָרעמאַן; ער איז געווען אפשר דער ערלעכסטער צווישן די דעמאַגאָגן; נאָר דאָס האָט אים ניט געשיצט קעגן אַן אומזיסטער באַליידיקונג אין גנבות. אַז זיינע שונאים האָבן געליטן אַ מפּלה אין דעם, האָבן זיי גענומען זוכן אומוועגן: זיי האָבן גענומען אָפּרייסן זיינע גוטע פריינד.

די נאַטירלעכע געווער פון בעל-מקנאם קעגן פירנדיקע מענטשן זיינען שטענדיק רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ און באַשולדיקונג אין אַנטימאָראַלישקייט. זיין פריינד דאַמאָן איז געוואָרן פאַרטריבן דורך אָסטראַקיזם. פידיאַסן האָט מען באַשולדיקט, אַז ער לעסטערט די געטער. אויפן שילד פון דער גרויסער סטאַטוע פון דער געטין אַטענע האָט פידיאַס געהאַט די דרייסטקייט אַוועקצושטעלן אין אַ קאַמף-

גרופּע צווישן אַמאַזאָנען און גריכן פּעריקלעס און זיין אייגענעם פּאָר־טרעט. פידיאַס איז געשטאָרבן אין תּפיסה. אַנאַקסאַגאָראַס, אַ פרעמדער, וואָס פּעריקלעס האָט אים פריינדלעך צוגענומען אין אַטען — בעת דאָרט זיינען שוין געווען אַ היפּשער עולם ערלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן ליב געהאַט צו שטעלן קשיות מכּוח דער וועלט — און אָט דער מאַן פלעגט דערציילן חידושים וועגן זון און שטערן און געבן דייטלעכע אָנצוהערענישן, אַז קיין געטער זיינען ניטאָ, עס איז פאַראַן אין דער וועלט נאָר איין לעבעדיקער גייסט (דער „נוס"). האָבן די קאָמעדיע־שרייבערס פלוצים דערשפּירט, אַז זייערע פרומע נשמות קאָנען אַזעלכע רייד ניט אַריבערטראָגן, און אַנאַקסאַ־גאָראַס האָט געמוזט אַנטלויפן, מחמת מורא, מען זאָל אים ניט פאַרמשפּטן פאַר לעסטערן די געטער. דערנאָך איז געקומען די ריי פון אַספּאַזיאַ. עס האָט געהאַט דעם פּנים, ווי אַטען לייגט זיך אין דער לענג און דער ברייט, בכדי זי צו פאַרטרייבן, און פּעריקלעס האָט זיך געריסן צווישן דער פרוי, וואָס איז געווען די נשמה פון זיין לעבן, און דער אומדאַנקבאַרער שטאָט, וואָס ער האָט זי געראַטע־וועט, באַשיצט און געמאַכט שיין און מער אומפאַרגעסלעך, ווי וואָסער אַנדער שטאָט אין דער געשיכטע. איז ער אויפגעשטאַנען צו פאַרטיידיקן אַספּאַזיאַ; אַ שטורעם פון טיף מענטשלעכן געפיל האָט אים פאַרכאַפּט, און ער האָט געוויינט בעתן ריידן. זיינע טרערן האָבן אַספּאַזיאַ אָפּגעראַטעוועט אויף אַ צייט.

די אַטענער האָט עס געטאָן הנאה צו דערנידעריקן פּעריקלעסן; נאָר ער האָט זיי אַזוי לאַנג געדינט, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן אים. ער איז איצט געווען זייער פירער אין משך פון אַ דריטל יאָרהונדערט.

אין יאָר 431 פאַר קר. איז געוואָרן די מלחמה מיט ספּאַרטאַ. פּלוטאַרך באַשולדיקט פּעריקלעסן, אַז ער זאָל דאָס האָבן געבראַכט צו דער מלחמה, מחמת ער האָט געפילט, אַז זיין פּאָפּולאַריטעט פאַר־שווינדט, און עס איז נייטיק געווען אַ קריג, כדי צו ווייזן, אַז אָן אים קאָן מען זיך ניט רירן.

„און היות ווי ער אַליין איז אַריינגעפאַלן ביים פאָלק אין אומחן פון וועגן פידיאַסן און ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל אים

דערפֿאַר ניט שטעלן צום משפּט, האָט ער געשטופּט צו דער מלחמה, וואָס איז נאָך געווען אומבאַשטימט, און האָט אויפֿגעבלאָזן די פּלאַם, וואָס איז נאָך געווען באַהאַלטן און פֿאַרשטיקט. דורך דעם האָט ער געהאָפּט אָפּצווענדן די באַשולדיקונגען, וואָס האָבן אים באַדרויט, און צו מילדערן דעם שטורעם פֿון קנאה, וואָרעם זיין ווערדע און זיין מאַכט זיינען געווען אַזעלכע, אַז אין אַלע וויכטיקע ענינים און אין איטלעכער גרויסער סכּנה האָט די רעפּובליק געקאָנט פֿאַרלאָזן זיך אויף אים אַליין".

נאָר די מלחמה איז געווען אַ פֿאַרשלעפּטע און אַ געפֿערלעכע, און דאָס אַטענישע פֿאָלק איז געווען אומגעדולדיק. עס איז אויפֿגעשטאַנען איינער אַ מענטש מיטן נאָמען קלעאָן, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַראָפּצושטופּן פּעריקלעסן פֿון דער פֿירערשאַפֿט. איז געוואָרן אַ גרויס געשריי, מען זאָל וואָס גיכער ענדיקן די מלחמה. קלעאָן האָט ניט אַנדערש געוואָלט זיין „דער מאַן וואָס האָט געוואונען די מלחמה". פֿאָלקס-פּאָעטן האָבן זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט אויף אַזאַ שטייגער:

„דו קיניג פֿון סאַטירן... וואָס נעמט זיך איבער דיין גבורה,
בעת ציטערן דאַרפֿסטו ביים קלאַנג פֿון געשאַרפֿטע שווערדן,
אַנטקעגן דעם פֿלאַמיקן קלעאָן?

אַן עקספּעדיציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּעריקלעסן האָט קיין הצלחה ניט געהאַט, און קלעאָן האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו אַ באַשולדיקונג. מען האָט פּעריקלעסן אַראָפּגעזעצט פֿון דער קאָמאַנדע און אַרויפֿגעלייגט אויף אים אַ שטראָף. עס ווערט דערציילט, אַז זיין עלטסטער זון — ניט דער זון פֿון אַספּאַזיאַ, נאָר פֿון דער ערשטער ווייב — האָט זיך געווענדט קעגן אים און האָט אים גערודפֿט מיט מיאוסע און אומגלויבלעכע בילבולים. דער דאָזיקער יונגערמאַן איז געשטאָרבן פֿון דער מגפֿה. דערנאָך איז געשטאָרבן פּעריקלעסעס שוועסטער, און צולעצט זיין לעצטער לעגיטימער זון. אַז ער האָט, לויטן מנהג פֿון דער צייט, אַרויפֿגעלייגט טרויער-קרענץ אויפֿן יינגלס קבר, האָט ער געוויינט אויפֿן קול. נאָר באַלד האָט ער זיך אַליין אָנגענומען פֿון דער קרענק און איז געשטאָרבן [429] פֿאַר קר.).

די הויפט־פאַקטן פון דעם דאָזיקן קורצן סך־הכל קאָנען באַווייזן, ווי ווייט פעריקלעס איז געווען פון אַ סך זאַכן, וואָס האָבן זיך געטאָן אין זיין שטאָט. די אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע אַנטוויקלונג אין אַטען איז געוויס געווען באַגינסטיקט דורך די תּנאים פון דער צייט, אָבער זי האָט אויך צום טייל גענומען זיך דערפון, וואָס עס זיינען דעמאָלט געווען עטלעכע ניט־געוויינטלעכע מענטשן. דאָס איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע באַוועגונג; דאָס איז געווען אַ באַוועגונג פון אַ קליינער גרופּע מענטשן, אין אַן אויסנאַמלעכער לאַגע און מיט אויסנאַמלעכע כשרונות.

---

2. סאָקראַטעס.

אַ צווייטער פירער פון דער דאָזיקער אַטענישער באַוועגונג, אַ מענטש, וואָס האָט נאָך ווינציקער געשטימט מיטן לעבן אַרום אים, און וואָס אויך פון אים שטאַמט די גרויסקייט פון יענער תּקופה פאַר אַלע דורות, איז געווען סאָקראַטעס. ער איז געווען דער זון פון אַ שטיין־האַקער. ער איז געבאָרן געוואָרן אַן ערך מיט זעכצן יאָר שפּעטער פאַר העראָדאָטן, און ער האָט אָנגעהויבן צו לאָזן הערן פון זיך בערך אין דער צייט, ווען פעריקלעס איז געשטאָרבן. ער גופא האָט גאָרנישט ניט געשריבן, נאָר ער האָט געהאַט אַ מנהג צו ריידן אין עפנטלעכע ערטער. אין יענע טעג איז געווען צו מערקן אַ גרויסער דאָרשט נאָך וויסן; עס זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק זייער אַ פולע לערערס, וואָס האָבן זיך אָנגערופן סאָפיסטן, און האָבן געחקירהט זיך איבער אמת, שיינקייט און רעכטשאַפנעם לעבן און האָבן געשטילט די נייגעריקייט און געשפייזט די פאַנטאַזיע פון יונגן דור. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס קיין גרויסע כהנישע שולן זיינען אין גריכנלאַנד ניט געווען. און אָט אין די דאָזיקע חקירות האָט זיך אַריינגעמישט סאָקראַטעס, אַ מענטש פון אויסוויייניק אָפּגעלאָזן און שווערגופיק, וואָס פלעגט אַרומגיין אַ באָרוועסער און קלייבן אַרום זיך אַ חברה תּלמידים און באַוואונדערער.

זיין מעטאָדע איז געווען אַ טיף סקעפּטישע; ער האָט געהאַלטן, אַז די איינציק מעגלעכע מידה טובה, דאָס איז וויסן; ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין גלויבן, קיין האָפענונג, וואָס קאָן ניט אויסהאַלטן דעם פּרוּוו פאַר אַ שאַרפן פאַרשטאַנד. פאַר אים גופא האָט דאָס באַטייט אַ הויכע מאָראַל, אָבער פאַר אַ פולע פון זיינע שוואַכערע אָנהענגער האָט דאָס באַטייט אַן אָנווער פון גלויבן און פון מאָראַלישע רגילותן, וואָס וואָלטן געקאָנט איינהאַלטן זייערע תאוות. אָט די דאָזיקע לייכטזיניקע מענטשן האָבן אין זיינע חקירות געפונען אויסריידן אויף זיך צו פאַרענטפערן. צווישן זיינע תלמידים האָט זיך געפונען פּלאַטאָן, וואָס האָט שפּעטער פּאָפּוליאַריזירט זיין מעטאָדע אין אַ ריי פילאָסאָפישע דיאַלאָגן און געגרינדעט די פילאָסאָפישע שול פון דער אַקאַדעמיע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ניין הונדערט יאָר; קסענאָפאָן, פון די צען-טויזנט, וואָס האָט באַשריבן זיין טויט; איסאָקראַטעס, איינער פון די טיפסטע גריכישע פּאָליטישע דענקערס; אָבער צוהערער זיינע זיינען געווען אויך: קריטיאַס, וואָס איז געווען אין דער ערגסטער צייט, ווען אַטען איז געווען צעקלאַפט פון ספּאַרטאַ, דער פירער פון די דרייסיק טיראַנען, וואָס די ספּאַרטאַנער האָבן זיי אַוועקגעזעצט איינצוהאַלטן די צעקלאַפטע שטאָט אונטערטעניק און צו צעשטערן איר דערציִונגס-אָרגאַניזאַציע; כאַרמידעס, וואָס איז געטויט געוואָרן צוזאַמען מיט קריטיאַסן, בעת די דרייסיק טיראַנען זיינען געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן; אַלקיביאַדעס, אַ גלענצנדער יונגערמאַן, אָבער פולקומער בוגד, וואָס האָט אַ סך מיטגעווירקט אַריינצוברענגען אַטען אין דער אומגליקלעכער עקספּעדיציע קעגן סיראַקוז, וואָס האָט אונטערגעבראָכן איר כּוח, וואָס האָט איבערגעענטפערט זי צו די ספּאַרטאַנער און וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אונטערוועגנס צום פערסישן הויף, וואו ער האָט געהאַט בדעה צו אינטריגירן קעגן גריכנלאַנד. די דאָזיקע זיינען ניט געווען די איינציקע יונגעלייט מיט כשרונות, וואָס זייער תמימותדיקן גלויבן און פּאַטריאָטיזם האָט סאָקראַטעס צעשטערט, ניט צו געבן זיי גאָרנישט אָנשטאָט דעם. זיין איינגעגעסנסטער שונא איז געווען אַ געוועזער אַניטוס, וואָס זיין זון, סאָקראַטעסעס אַ געטרייער תלמיד, איז

געוואָרן אַ טרינקער. דער זעלביקער אַניטוס האָט דאָס געבראַכט דער־
צו, אַז סוף־כל־סוף האָט מען סאָקראַטעסן געמשפּט פאַר „פאַר־

ביוסט פון גאָט דיאָניסוס, איצט אין נאַציאָנאַלן מוזיי אין נעאַפּאָל.

דאַרבן" די יוגנט פון אַטען און פאַרמשפּט צום טויט דורך אויס-טרינקען אַ גיפטיקן געטראַנק.

זיין טויט איז זייער שיין באַשריבן אין פּלאַטאָנס דיאַלאָג מיטן נאָמען „פעדאָן".

---

3. פּלאַטאָן און די אַקאַדעמיע.

פּלאַטאָן איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 427 פאַר קר. און ער האָט געלעבט אַכציק יאָר.

בנוגע צום גייסטיקן טעמפּעראַמענט איז פּלאַטאָן געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ ווי סאָקראַטעס. ער איז געווען אַ העכסט קונסטפולער און צאַרטער שריפטשטעלער, סאָקראַטעס אָבער האָט ניט געקאָנט אָנשרייבן קיין איין זאַך אין אַ סדר. ער האָט געהאַט אינטערעס פאַר שיינע זאַכן, און סאָקראַטעס האָט זיי מבטל געווען. ער איז געווען ביז גאָר אַריינגעטאָן אין אָרדענען די מענטשלעכע ענינים און אין אָנוואַרפן פּלענער מכּוח בעסערע פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן, בעת סאָקראַטעס, וואָס אים האָט ניט געאַרט ניט היץ ניט קעלט און ניט די מיינונג פון דער וועלט, האָט נאָר דעם כּוח פון זיין גייסט קאָנצענטרירט אויף צו קריגן קלאָרקייט און צו צעשטערן אַלע אילוזיעס. לעבן, האָט געזאָגט סאָקראַטעס, איז אַ געגנער; לעבן לעבט נאָר די נשמה. פּלאַטאָן האָט שטאַרק ליב געהאַט אָט דעם אַלטן בּרוגזן לערער, ער האָט געהאַלטן, אַז זיין מעטאָדע האָט אַ גרויסן ווערט צוליב אויספלאָנטערן און אויפקלערן השגות, און ער האָט אים געמאַכט פאַר דער הויפּט-פיגור פון זיינע אומשטאַרבלעכע דיאַלאָגן; נאָר זיינע אייגענע געדאַנקען און נטיות האָבן אים אינגאַנצן אָפּגעווענדט פון דער סקעפּטישער ריכטונג. אין אַ סך דיאַלאָגן איז טאַקע ער קול סאָקראַטעס, נאָר דער געדאַנק איז פּלאַטאָנס געדאַנק.

פּלאַטאָן האָט געלעבט אין אַ צייט פון ספקות און קשיות אין אַלע מענטשלעכע פאַרהעלטענישן. אין די גרויסע טעג פון פּעריק-לעס, פאַר 450 פאַר קר. האָט עס דעם אויסזען, ווי עס וואָלט געהערשט אין אַטען אַ פולע צופרידנקייט מיט דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן סדר. עס איז אַזוי, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין יסוד צו שטעלן קשיות.

מענטשן האָבן זיך געשפּירט פריי; די מלוכה האָט געבליט; געליטן האָט מען דער עיקר פון קנאה. די געשיכטע פון העראָדאָט באַווייזט גאָרניט אָדער ווינציק אומצופרידנקייט מיט די אַטענישע פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

נאָר פּלאַטאָן, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַן ערך אין דער צייט, ווען העראָדאָט איז געשטאָרבן, און וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער אַטמאָספער פון אַ צעשטערערישער מלחמה און פון גרויסע סאָציאַלע חורבנות און מהומות, איז פון אָנהייב אָן געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיטן פאַקט, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז צעריסן דורך מחלוקת און אַז די מענטשלעכע אינסטיטוציעס זיינען געפּעלערטע. און זיין גייסט האָט זיך אָפּגערופן אויף דער אַרויספאָדערונג פון די צייט־אומשטאַנדן. איינס פון זיינע ערשטע ווערק און זיין לעצט ווערק זיינען דרייסטע און דורכדרינגענדיקע חקירות וועגן דעם, ווי אַזוי מען קאָן אויסבעסערן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. סאָקראַטעס האָט אים געלערנט, ער זאָל קיין זאַך ניט אָננעמען פאַר פעסט, אַפילו ניט די געוויינטלעכע פאַרהעלטענישן צווישן מאַן און ווייב אָדער עלטערן און קינדער. זיין „מלוכה“, די ערשטע פון אַלע אוטאָפּיעס, איז דער חלום פון אַ יונגן מענטשן מכוח אַזאַ מלוכה, וואו דעם מענטשנס לעבן איז איינגעשטעלט לויט אַ נייעם בעסערן פּלאַן; זיין לעצט, ניט פאַרענדיקט ווערק, די „געזעצן“, איז אַ חקירה וועגן אַ צווייטער אוטאָפּיע. פּלאַטאָן האָט געשאַפן אַ סך, וואָס מיר קאָנען דאָ אַפילו מיט אַ רמז ניט דערמאָנען, אָבער ער איז אַ נייער וועגווייזער אין דער געשיכטע; אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט האָט ער אַריינגעטראָגן אַ נייס — דאָס איז די אידעע, אַז דער מענטש דאַרף זיך אויסבויען זיין לעבן לויט זיין אייגענעם ווילן און לויט זיין אייגענעם פּלאַן. ביז אַהער האָבן מענטשן געלעבט מיט טראַדיציעס און מיט דער פאָרכט פאַר געטער. דאָ איז געקומען אַ מענטש, וואָס זאָגט דרייסט צו די מענטשן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּשוטע און נאַטירלעכע זאַך: „נעמט אַריין אייער לעבן אין די אייגענע הענט. דאָס רוב פון דעם, וואָס פּייניקט אייך, קאָנט איר מאַכן צו נישט; דאָס רוב פון דעם, וואָס באַהערשט אייך, קאָנט איר בייקומען. איר קאָנט דערמיט טאָן וואָס איר ווילט“.

אויף פּלאַטאָנס גייסט האָט אפשר געווירקט נאָך עפּעס, חוץ די קאָנפליקטן פון זיין צייט, אויף צו ווענדן אים אין דער ריכטונג. אין דער צייט פון פּעריקלעס האָט אַטען געגרינדעט אַ סך קאָלאָניעס, און אַט די גרינדונג פון די קאָלאָניעס האָט געקאָנט ביי מענטשן אויפברענגען דעם געדאַנק, אַז אַ מענטשלעכער ישוב דאַרף גאָר ניט אויסוואַקסן, אַז מען קאָן אים מאַכן.

ענג פאַרבונדן מיט פּלאַטאָן איז געווען זיין יינגערער בן־דור, וואָס האָט שפּעטער אויך געהאַלטן אַ שול אין אַטען און האָט דערלעבט צו אַ הויכן עלטער. דאָס איז געווען איסאָקראַטעס. ער איז דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן אַ פּובליציסט, אַ שרייבער מער ווי אַ רעדנער, און זיין עצם עובדא איז געווען צו אַנטוויקלען העראָדאָטס געדאַנק וועגן דער פאַראייניקונג פון גריכנלאַנד קעגן דער פּערסישער אימפּעריע, אַז דאָס זאָל זיין אַ סגולה קעגן דער געפּאַלנקייט און די חורבנות פון די אינעווייניקסטע מלחמות. זיין פּאָליטישער האָריזאָנט איז אין געוויסע פּרטים געווען ברייטער, איידער פּלאַטאָנס, און אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אַרויסגעקוקט אויף אַ מאָנאַרכיע, וואָס איז בעסער בכוח צו פאַראייניקן גריכנלאַנד, איידער אַ שטאָט־דעמאָקראַטיע; באַזונדערע האָפענונגען האָט ער געלייגט אויף דער מאַקעדאָנישער מאָנאַרכיע פון קיניג פיליפּ. די זעלביקע נטיה צו מאָנאַרכיסטישע אידעען לאָזן זיך אויך דערקענען ביי קסענאָפאָנען, וואָס זיין „אַנאַבאַזיס" האָבן מיר שוין דערמאָנט. אויף דער עלטער האָט קסענאָפאָן אָנגעשריבן אַ ווערק „קיראָפּעדיאַ" (ד"ה כּורשעס חערציונג), „צו פאַרטיידיקן טעאָרעטיש און פּראַקטיש די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע ווי זי איז צו זען אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּערסישער אימפּעריע".

---

4. אַריסטאָטעלעס און דער ליקעיאָן.

פּלאַטאָן האָט געלערנט אין דער אַקאַדעמיע. אויף זיינע עלטערע יאָרן איז געקומען צו אים אַ יונגער מענטש פיין פון אויסזען, מיטן נאָמען אַריסטאָטעלעס. געקומען איז ער פון סטאַגירא אין מאַקעדאָניע, וואו זיין פאָטער איז געווען דעם מאַקעדאָנישן קיניגס

דאָקטאָר. אַריסטאָטעלעס איז געווען גאָר אַן אַנדער גייסטיקער טיפּ,
ווי דער גרויסער אַטענער. ער האָט ניט געגלויבּט אין דעם פרייען
ווילן פלאַטאָנס, ער האָט פאַרקערט שטאַרק געהאַלטן פון אײַנגע
שטעלטע פאַקטן און האָט גוט תופס געווען פאַקטן. שפּעטער, אַז
פלאַטאָן איז געשטאָרבּן, האָט ער געגרינדעט אַ שול אין דעם לי
קאַיאָן אין אַטען און האָט געלערנט מיט תּלמידים, קריטיקירט
פלאַטאָן און סאָקראַטעס מיט אַ געוויסער שאַרפקייט. אין דער צייט
ווען ער האָט געלערנט, איז דער שאָטן פון אַלכּסנדר מוקדון
געלעגן אויסגעשפּרייט איבּער דער פרייהייט פון גריכנלאַנד, און
ער האָט באַגינסטיקט שקלאַפעריי און קאָנסטיטוציאָנעלע מלכים.
ער איז לכתּחילה געווען עטלעכע יאָר אלכּסנדרס לערער בּיים
הויף פון פיליפּ פון מאַקעדאָניע.

אינטעליגענטע מענטשן האָבּן אין יענע טעג אָנגעוואָרן זייער
מוט, עס האָט זיך אויסגעוועפּט זייער גלויבּן אין די מענטשנס כּוח צו
שאַפן די תּנאים פאַר זייער לעבּן. ניט געווען מער קיין אוטאָפּיעס. דער
דראַנג פון די געשעענישן איז באַשיימפערלעך געווען צו מעכטיק,
אַז מענטשן מיט פיינער אינטעליגענץ זאָלן קאָנען קלערן וועגן
בּייקומען זיי מיט אָרגאַניזירטע אָנשטרענגונגען. מען האָט געקאָנט
טראַכטן מכּוח איבּעראַנדערשן די מענטשלעכע געזעלשאַפט דע
מאָלט, ווען די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז געווען אַ קליינע שטאָט
מיט עטלעכע טויזנט בּירגער, אָבּער דאָס וואָס האָט איצט געטראָפן,
איז געווען אַ גאַנצע איבּערקערעניש; איצט, ווען מען זאָל וועלן
מאַכן אַ רעפאָרמע, האָט עס באַדאַרפט אָנרירן די גאַנצע וועלט,
פון 50 בּיז 100 מיליאָן מענטשן. דאָס וואָלט געווען אַ רעפאָרם אין
אַזאַ גראַד, וואָס דער מענטשלעכער שכל איז דעמאָלט נאָך ניט
געווען בּיכולת תּופס צו זיין. אַזוי אַרום איז דער מענטשלעכער גייסט
אָפּגעשטופּט געוואָרן צוריק צו דער אידעע פון אַ מעכטיקן גורל, וואָס
לאָזט זיך ניט בּייגן. דער מענטש האָט געמוזט זיך אָנכאַפּן פאַר עפּעס
וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין פעסט אײַנגעשטעלט און האָט גע
קאָנט אַלעמען פאַראייניקן. מאָנאַרכיע, למשל, איז בּיי אַלע אירע
באַשיימפערלעכע חסרונות, געווען אַ רעגירונגס־פאָרם, וואָס די מיליאָ
נען האָבּן געקאָנט זיי באַנעמען. זי האָט אין אַ געוויסער מאָס גע

ווירקט. זי האָט אַרויסגעלייגט אַרעגירנדיקן ווילן דאָרט, וואו עס האָט אויסגעוויזן, אַז קיין קאָלעקטיווער ווילן קאָן ניט געמאָלט זיין. דער דאָזיקער שינוי אין דער אַלגעמיינער גייסטיקער שטימונג האָט געשטימט מיט אַריסטאָטעלעס נאַטירלעכן אָפּשיי פאַר עקסטרעמיסטישע פאַקטן. אויב דאָס האָט, פון איין זייט, געבראַכט דערצו, ער זאָל אָנערקענען די מאָנאַרכיע און שקלאַפעריי און די אונטערטעניקייט פון פרויען ווי זאַכן, וואָס דער שכל איז מחייב, האָט דאָס אָבער אים גרינגער געמאַכט צו פאַרשטיין פאַקטן און צו קריגן אַ באַשטימט געאָרדנט וויסן מכּוח די רעאַלע ערשיינונגען פון דער נאַטור און פון דער מענטשלעכער טבע, וואָס האָבן איצט אַזוי באַשיימפערלעך גובר געווען די שעפערישע חלומות פון פאַרגאַנגענעם דור.

ער איז שרעקלעך ניכטער און קלאָר, עס האָט אים שטאַרק געפעלט דער ענטוזיאַזם פון מסירת נפש. ער פרעגט אָפּ פּלאַטאָנען, וואָס האָט געוואָלט אַרויסטרייבן פּאָעטן פון זיין אוטאָפּיע, דורך דעם, וואָס פּאָעזיע איז אַ כּוח; ער ווענדט זיין ענערגיע אין פונקט דער היפּכדיקער ריכטונג ווי סאָקראַטעס, וואָס האָט ניט געהאַלטן פון אַנאַקסאַגאָראַסן. אין זיין פאָרשטעלונג וועגן דער וויכטיקייט פון געאָרדנטער וויסנשאַפט איז ער אַ פאָרגייער פון בעקאָן. און פון דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער באַוועגונג. ער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צונויפצוקלייבן און אַיינצושטעלן וויסנשאַפט, ער איז געווען דער ערשטער נאַטור-פאָרשער. אַנדערע מענטשן פאַר אים האָבן זיך געחקירהט איבער דער טבע פון דעם באַשאַף, ער אָבער האָט אויף זיך גענומען צו קלאַסיפיצירן און צו פאַרגלייכן די באַשעפענישן, און האָט דערצו מעורר געווען אַלע זיינע תּלמידים. פּלאַטאָן זאָגט: „לאָמיר אָננעמען דאָס לעבן און איבערבויען דאָס". זיין מער ניכטערער יורש זאָגט: „לאָמיר וויסן עפּעס מער פון לעבן — און דערווייל וועלן מיר דינען דעם קיניג און האָבן פון אים הנאה".

די אייגנטימלעכע שייכות פון אַריסטאָטעלעס צו אַלכּסנדער דעם גרויסן האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו קריגן מיטלען פאַר זיין ווערק, וואָס אַזעלכע האָט מען אין משך פון תּקופות גאַנצע ניט געהאַט צוליב וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. ער האָט געהאַט אין זיין רשות הונדערטער טאַלענטן (אַ טאַלענט איז בערך 240 פונט סטערלינג) אויף

זיינע הוצאות. איין צייט האָט ער געהאַט אונטער זיך אַ טויזנט מענטשן צעשפּרייט אומעטום אין אַזיע און גריכנלאַנד, וואָס האָבן געקליבן מאַ־טעריאַל פאַר זיין נאַטור־געשיכטע. זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען



קאָפּ פון דער הערמעס־סטאַטוע פון פּראַקסיטעלעס, געפונען בעת אַן אויסגראָבונג.

זייער ווינציק געשולטע אַכטגעבערס, גיכער צונויפקלייבער פון מעשיות איידער אַכטגעבערס ; נאָר ביז דעמאָלט האָט נאָך קיינער ניט געפּרוווט

צו טאָן אַזעלעכס, און קיינער האָט, ווי ווייט מיר ווייסן, ביז אים אַפילו ניט געקלערט וועגן אַזאַ זאַך. עס האָט זיך אָנגעהויבן צוגלייך מיט נאַטורוויסנשאַפט אויך פּאָליטישע וויסנשאַפט. די תּלמידים פון ליקאַאָן האָבן אונטער זיין פירונג דורכגעשטודירט 158 קאָנסטיטוציעס.

דאָס איז געווען דער ערשטער אויפגלאַנץ פון אָרגאַניזירטער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אין דער וועלט. אַלכּסנדרס פּריצייטיקער טויט און דער אונטערגאַנג פון זיין אימפּעריע, כּמעט פריער איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן אויף אַמשך פון 2000 יאָר געמאַכט אַ סוף צו די הוצאות אויף וויסנשאַפטלעכע צוועקן אין אַזאַ גרייס. נאָר אין מוזיי פון אַלכּסנדריא של מצרים איז געפירט געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אי דאָס נאָר אין משך פון עטלעכע דורות. וועגן דעם וועלן מיר נאָך דערציילן. פופציק יאָר נאָך אַריסטאָטעלעס טויט האָט דער ליקאַאָן געהאַט אָנגעוואָרן גאָר זיין באַטייט.

---

5. פילאָסאָפיע דערווייטערט זיך פון דער וועלט

די אַלגעמיינע ריכטונג פון געדאַנק איז אין די לעצטע יאָרן פון פערטן יאָרהונדערט פאַר קר. ניט געגאַנגען אין אַריסטאָטעלעסעס וועג, איז ניט געווען געווענדט אויף צו קלייבן פלייסיק געאָרדנטע וויסנשאַפטלעכע ידיעות. מעגלעך, אַז אָן די רייכע געלט-מתּנות פון קיניג וואָלט אַריסטאָטעלעס ניט געלאָזן אַזאַ טיפן רושם אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט. ערשט דורך דעם האָט זיין גרויסער אינטעלעקטועלער כּוח זיך געקאָנט אַנטפּלעקן. דער געוויינטלעכער מענטש אָבער גייט זיך זיין אייגעטראָטענעם וועג, כּל-זמן עס לאָזט זיך גיין, און עס אַרט אים כּמעט ניט, אויב ער ענדיקט זיך אין אַ זאַק-גאַס. דער כּלל פילאָסאָפישע לערערס אין יענער צייט, אַז זיי האָבן איינגעזען, אַז דער שטראָם פון די געשעענישן איז צו-שטאַרק, זיי זאָלן אים קאָנען אײַנהאַלטן, צי ווענדן לויט זייער שכל, האָבן זיך אָפּגעווענדט פון דער אויפגאַבע אויסצוקלערן מוסטער-מלוכות און צו שאַפן פלענער פאַרן לעבן און האָבן זיך גענומען זוכן

וועגן, ווי אַזוי זיך אָפּצוקערן פון דעם שטורמישן לעבן און פאַר־ברענגען די יאָרן אין רו און שיינקייט.

אפשר איז דאָס ניט גערעכט אַזוי צו שטעלן די זאַך. אָבער זאָל פּראָפעסאָר מערריי ריידן מכּוח דעם ענין:

„די ציניקער האָבן געזאָרגט נאָר וועגן די „חובות פון האַרץ“ און וועגן דער שייכות פון דער נשמה צו גאָט; די וועלט מיט איר וויסן און מיט איר כּבוד איז פאַר זיי געווען נאָר אָפּפאַל. די סטאָיקער און עפּיקורייער, הגם אין פלוג ווייט פאַרשיידן פון אַנאַנד, זיינען דאָך געווען זייער ענלעך אין זייער ענד־ציל. די איינציקע זאַך, וואָס וועגן דעם האָבן זיי מיט אַן אמת געקלערט, איז געווען די עטיק — די פּראַקטישע פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי דאַרף דער מענטש איינשטעלן זיין לעבן. אמת,ביידע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפט — די עפּיקורייער מיט פיזיק, די סטאָיקער מיט לאָגיק און רעטאָריק — אָבער דאָס איז געווען פאַר זיי נאָר אַ מיטל צום ציל. די סטאָיקער האָבן זיך געסטאַרעט צו געווינען די מענטשנס הערצער און מוחות דורך עכטער פיינקייט פון אַבּ־סטראַקטער חקירה און דורך בלענדנדיקער געהויבנקייט פון גע־דאַנק און אויסדרוק. דער עפּיקורייער איז אויסן געווען צו לער־נען די מענטשהייט צו גיין מיט איר וועג און צו חנפען זיך צו קאַפּריזע געטער און אָן מקריב צו זיין דעם פרייען ווילן. ער האָט זיין תורה צונויפגעפרעסט אין פיר כּללים: „פאַר גאָט באַדאַרף מען זיך ניט שרעקן; טויט קאָן מען ניט פילן; גוטס קאָן מען געווינען אַלץ, פאַרוואָס מיר האָבן מורא, קאָנען מיר אַריבערטראָגן און באַ־צווינגען“.

דערווייל אָבער איז דער שטראָם פון די געשעעניש געגאַנ־גען זיין וועג און האָט אויך זיך ניט אומגעקוקט אויף דער פילאָ־סאָפיע.

---

6. די מעלות און די גרענעצן פון גריכישן געדאַנק.

אויב מאָדערנע מענטשן זאָלן וועלן לייענען די גריכישע קלאַ־סיקער מיט נוצן פאַר זיך, מוזן זיי זיי לייענען ווי ווערק פון מענטשן, וואָס זיינען אונזער גלייכן. מען מוז זיך רעכענען מיט זייערע

טראַדיציעס, מיט זייערע מעגלעכקייטן און מיט זייער באַגרענעצט-קייט. מענטשן אין זייער באַוואונדערונג זיינען נוטה מגזם צו זיין. דער גרעסטער טייל פון אונזערע קלאַסישע טעקסטן זיינען שטאַרק



דער דיסקוס-וואַרפער („דיסקאָבאָלוס") פון מיראָן, א גריכישן סקולפּטאָר פון 5טן י"ה פאר קר. איצט אין וואַטיקאַן-מוזיי אין רוים.

צעקאַלעטשעט, און אויך לכתחילה זיינען זיי אָנגעשריבן געוואָרן פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין שווערע תנאים, אין אַ צייט פון אַזאַ חושכניש און ענגשאַפט, אַז אונזער אייגענע תקופה ווייזט אויס לגבי איר אַ צייט פון דפלאַדיקן גלאַנץ. דורך אַזאַ פאַמיליאַרער באַהאַנדלונג וועלן מיר אפשר אָנווערן אַ ביסל יראַת־הכבוד צו די אַלטע, דערפאַר אָבער וועלן מיר געווינען אויף דעם חשבון סימפּאַטיע פאַר אָט־דער גרופּע צעטומלטע גייסטער, וואָס האָבן ניט געוואוסט, וואו־אויס וואו־אַיין, וואָס זיינען אָבער געווען מאָדערן לויט זייער איינשטעלונג. אָט־די אַטענישע שרייבערס זיינען באמת געווען די ערשטע מאָדערנע מענטשן. זיי חקירהן זיך איבער די זעלביקע פראַגעס, וואָס מיר טוען נאָך איצט איבער זיי זיך חקירהן; זיי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף מיט גרויסע פּראָבלעמעס, וואָס שטייען נאָך פאַר אונז. זייערע שריפטן זיינען אונזער פאַרטאָג.

אין זיין „פסיכאָלאָגיע פון דאָס אומבאַוואוסטע“ באַצייכנט יונג זייער גוט דעם חילוק צווישן אַנטיקן (פאַר־אַמענישן) מין טראַכטן און צווישן מאָדערנעם דענקען. דעם ערשטן רופט ער אַן „אומדירעקט דענקען“, דעם צווייטן — „דירעקט דענקען“. דער ערשטער איז געווען אַ דענקען אין בילדער, אַ מין חלומען; דער לעצטער איז אַ טראַכטן אין ווערטער. וויסנשאַפט איז אַן אָרגאַניזירונג פון דירעקטן דענקען. דער אַנטיקער גייסט (ד״ה פון פאַר די גריכישע דענקערס) האָט געשאַפן ניט קיין וויסנשאַפט, נייערט מיטאָלאָגיע. די אַלטע מענטשלעכע וועלט איז געווען אַ וועלט פון סוביעקטיווע פאַנטאַזיעס, אַזוי ווי די וועלט פון קינדער און פון יונגעלייט אָן אַ שולדערציונג ביי היינטיקן טאָג, און ווי די וועלט פון ווילדע און פון חלומות. קינדערשע געדאַנקען און חלומות זיינען אָפּקלאַנגען פון פּרעהיסטאָרישע, ווילדע דענק־מעטאָדעס. מיטן, זאָגט יונג, זיינען די מאַסן־חלומות פון פעלקער, און חלומות די מיטן פון יחידים. מיר האָבן שוין געווענדט דעם אויפמערק פון לעזער אויף דער ענלעכקייט צווישן די עלטסטע געטער פון דער ציוויליזאַציע צו די פאַנטאַזיע־בילדער פון קינדער. אָט־דאָס ווערק פון שטרענגן און מעטאָדישן דענקען דורך זאָרגעוודיק אַנאַליזירטע ווערטער און אורטיילן, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן די גריכישע דענקערס און פאַרענדיקט די סכאָ־

לאַסטישע פילאָסאָפן פון מיטלעלטער, האָט געמוזט פריער אויסגעפירט ווערן, איידער עס האָט געקאָנט אָנהייבן זיך אַנטוויקלען די מאָדערנע וויסנשאַפט.

די גריכישע פילאָסאָפן האָבן אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג און זיי זיינען צו קיין באַשיידן ניט געקומען. מיר קאָנען נאָך היינט ניט זאָגן, אַז מיר זיינען געקומען צו באַשיידן מכּוח דעם רוב פראַגעס, וואָס זיי האָבן געפרעגט. דער גייסט פון די יידן האָט, ווי מיר האָבן שוין געוויזן, פּלוצים זיך אויפגעכאַפּט אַדאַנק די צרות און מהומות פון לעבן, וואָס נעמען קיין סוף ניט, און זיי האָבן איינגעזען, אַז די דאָזיקע צרות און פּלאָגן נעמען זיך אין אַ גרויסער מאָס דערפון, וואָס די מענטשן טוען מעשים קעגן מאָראַלישן געזעץ, און האָבן דערפון געדרונגען, אַז די אויסלייזונג קאָן קומען נאָר דעמאָלט, ווען מיר אַלע וועלן זיך נעמען דינען דעם איינציקן גאָט, וואָס רעגירט דעם הימל און די ערד. דער גריך, אַז ער איז אויסגעוואַקסן צו דער זעלביקער השגה, איז ניט געווען צוגעגרייט צו דער אידעע פון אַ גאָט אַ פאָטער און באַשיצער; ער האָט געלעבט אין אַ וועלט, וואו עס איז ניט געווען קיין גאָט, נאָר געטער; אויב ער האָט אפשר געפילט, אַז די געטער אַליין זיינען באַגרענעצט, האָט ער זיך אויסגעקלערט איבער זיי די מאָירא, דעם גורל, קאַלט און אומפערזענלעך. אַזוי האָט ער געשטעלט זיין פּראָבלעם ווען אַ רעכטשאַפן לעבן אָן אַ באַשטימטער שייכות צווישן דעם מענטשן, וואָס פירט אַ רעכטשאַפן לעבן, און צווישן גאָטס רצון...

פאַר אונז, וואָס מיר קוקן אויפן ענין פון ריין-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, קאָן די אַלגעמיינע פּראָבלעם געשטעלט ווערן אין אַזאַ פאָרם, וואָס איז כּולל, צוליב די צוועקן פון געשיכטע, ביידע וועגן, סיי דעם גריכישן, סיי דעם יידישן. מיר האָבן געזען דעם מענטש אויפשטייגן פון דעם אומבאַוואוסט פון אַ חיה אַרויס צו אַ צוזאַמענהענגענדיקן זעלבסטבאַוואוסט פון אַ ראַסע; מיר האָבן אים געזען באַנעמען דאָס גאַנצע אומגליק פון ווילדער צעוואָרפנקייט פון צילן, באַנעמען די אומפאַרמיידלעכע טראַגעדיע פון דעם אינדיווידועלן זוכן זיך אַליין און בלינד אָנטאַפּן זיין וועג צו עפּעס אַ

פאַרבינדנדיקן און סובאָרדינירנדיקן געדאַנק, כדי צו ראַטעווען זיך פון די ליידן און פון צופאַל פון פשוטן אינדיווידואַליזם. די געטער, דער גאָט=קיניג, די אידעע פון שבט, די אידעע פון דער שטאַט=געמיינדע, — דאָס אַלץ זיינען אידעען, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג געפאָדערט און געהאַלטן פעסט די צוגעבונדנקייט פון מענטשן, אידעען, וואָס אין זיי האָבן מענטשן אַ ביסל פאַרלאָרן זייער אינדיווידועלע איינגעליבטקייט און זיך צוהיטגעריסן צו אַ מער דויערנדיקן לעבן. אמת, אונזערע מלחמות און חורבנות באַווייזן, אַז קיין איינע פון די דאָזיקע גרעסערע אידעען איז ניט געווען גרויס גענוג. די געטער האָבן זייער שוין ניט באַוויזן, דער שבט האָט זיך אַרויסגעוויזן נידערטרעכטיק און בלוטדאָרשטיק, די שטאַט=געמיינדע האָט פאַרטריבן דורך אָסטראַקיזם די בעסטע און געטרייסטע פריינד, דער גאָט=קיניג האָט פון זיך געמאַכט אַ חיה=רעה...

אַז מיר לייענען דורך די תקירה=ליטעראַטור פון דעם דאָזיקן גרויסן פעריאָד פון גריכישן פאָלק, דערקענען מיר דריי מחיצות, וואָס מיט זיי איז געווען אַרומגערינגלט דער גריכישער גייסט און האָט זיך פון זיי זעלטן געקאָנט אַרויסכאַפּן, און וואָס ערשט איצט הייבן מיר אפשר אָן צו ביסלעך צו באַפרייען זיך פון זיי.

די ערשטע פון די דאָזיקע מחיצות איז געווען דאָס, וואָס דער גריכישער גייסט האָט זיך ניט אויסגעמעלט קיין גרעסערע מלוכה, ווי די שטאַט=געמיינדע. אין אַ וועלט, וואו איין אימפעריע איז אויפגעשטאַנען נאָך דער אַנדערער, און איטלעכע גרעסער פאַר דער פריערדיקער פאַר איר, אין אַ וועלט, וואו מענטשן און אידעען זיינען אַרומגעיאָגט געוואָרן אַלץ אָפגעריסענער און פרייער, אין אַ וועלט, וואָס האָט בפירוש געשטרעבט צו איינהייט, אַפילו דעמאָלט האָבן די גריכן, מחמת זייערע אייגנטימלעכע פיזישע און פּאָליטישע תּנאים, נאָך אַלץ געחלומט מכּוח אַ קאָמפּאַקטער קליינער מלוכה, וואָס אויסוויניקסטע השפּעות קאָנען אַהין ניט אַריינדרינגען, וואָס איז שטאַרק און געזיכערט קעגן גאָר דער וועלט. לויט פּלאַטאָנס מיינונג באַדאַרף אַן אידעאַלע מלוכה האַלטן ניט מער פון 1000 בירגער („די מלוכה“) אָדער 5400 („די געזעצן“). אַריסטאָטעלעס זאָגט אין דער „פּאָליטיק“: „כדי עס זאָל קאָנען געטאָן ווערן אַ גערעכטער משפּט

און כּדי די מאַכט זאָל זיין ווי געהעריק איינגעטיילט, איז נייטיק, אַז די בירגער זאָלן קענען איינער דעם אַנדערנס כאַראַקטער, וואָרעם דאָרט, וואו דאָס איז ניט דער פאַל, מוזן פאָרקומען פעלערן, ביי אין באַנוצן די מאַכט, און ביי אין טאָן משפּט; עס איז ניט גערעכט צו משפּטן אויף טראַף, ווי דאָס מוז געשען, ווען די באַפעלקערונג איז צו גרויס". אָט אַזאַ מין ברויזל-מלוכה האָט דאָס באַדאַרפט פירן מלחמה און באַשטיין איר שטעטל קעגן אַנדערע מלוכות פון דער זעלביקער גרייס. און דאָס איז געווען אין קנאַפּע צוויי דורות אַרום, נאָכדעם ווי קסערקסעס חיילות האָבן אַריבערגעשפּאַנט דעם העלעספּאָנט!

די דאָזיקע גריכן האָבן אפשר געקלערט, אַז עס איז שוין פאַרביי די צייט פאַר גרויסע אימפּעריעס, בעת אין דער אמתן האָט זיך זייער צייט ערשט אָנגעהויבן. דאָס גרעסטע, וואָס זיי האָבן געקאָנט תּופס זיין, זיינען געווען בונדן און ליגעס פון שטעט. ביים הויף פון אַרטאַקסערקסעס האָבן געמוזט זיין מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אין געדאַנק אַ סך, אַ סך ברייטער, ווי די דאָזיקע קליינע השגות פון אַ פעלזיקער בוכטע, פון אַן אינזל, פון אַ טאָל אַרומגעצאַמט מיט בערג. אָבער אַז צוליב קאָנען באַשטיין אַנטקעגן די גרויסע כּוחות, וואָס האָבן געוועלטיקט פון יענער זייט דער גריכיש-ריידנדיקער וועלט, האָט מען זיך נייטיק באַדאַרפט פאַראייניקן, דאָס האָט דער גריכישער גייסט עקשנותדיק ניט געוואָלט באַמערקן. אָט יענע דרויסנדיקע זיינען געווען באַרבאַרן, און ס'איז ניט געווען כּדאַי צו קלערן וועגן זיי אומזיסט; זיי זיינען איצט אויף שטענדיק אַרויסגעטריבן פון גריכנלאַנד. מען האָט גענומען פּערסיש געלט; איטלעכער האָט גענומען פּערסיש געלט; וואָס האָט דאָס פאַר אַ באַטרעף? אָדער מען האָט זיך אָנגעדונגען אויף אַ צייט צו דינען אין זייער אַרמיי (ווי דאָס האָט געטאָן קסענאָפאָן) און מען האָט געהאָפט אויף מזל צו כאַפּן אַ רייכן געפאַנגענעם. אַטען האָט זיך אַריינגעמישט אין די עגיפּטישע ענינים און האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט פּערסיע אין קליינע מלחמות, אָבער מען האָט ניט געהאַט קיין השגה וועגן אַן אַלגעמיינער פּאָליטיק אָדער אַן אַלגעמיינער צוקונפט פאַר גריכנלאַנד...

ביז סוף־כל־סוף האָט אַ שטים אין אַטען געוּמען שרייען „מאַקעדאָניע!“ — גוואַלדעווען ווי אַ ווערכטער־הינט: „מאַקעדאָניע!“ דאָס איז געווען די שטים פון דעם אָראַטאָר און דעמאַגאָג דעמאָס־



ביוסט פון אַ וואָגן־פירער, בראָנזע. שטאַמט פון יאָר 475 פאַר קר.

טענעס, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען און סטראַשען און מסרן דעם קיניג פּיליפּ פון מאַקעדאָניע, וואָס האָט געהאַט אויסגעלערנט זיין פּאָליטיק ניט נאָר פון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, נייערט אויך פון איסאָקראַטעס און קסענאָפאָן און פון בבל און שושן, און וואָס האָט זיך געגרייט רויק און קונציק און אָן אָפּהאַלט צו באַהערשן גאַנץ גריכנלאַנד, און דורך גריכנלאַנד איינעמען די גאַנצע דעמאָלט באַוואוסטע וועלט...

עס איז געווען נאָך אַ צווייטע זאַך, וואָס האָט איינגעצאַמט דעם גריכישן גייסט, דאָס איז די אינסטיטוציע פון הויז-שקלאַפעריי. שקלאַפעריי איז געווען אַריינגעוואַקסן אין גריכישן לעבן; מענטשן האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן ניט קיין קאָמפאָרט, ניט קיין ווירדע אָן דעם. נאָר שקלאַפעריי, לאָ-די וואָס זי רייסט אָפּ יעדן איינעמס סימפּאַטיע פון דעם קלאַס פון זיינע אונטערטאַנען, נאָר זי איז נאָך גורם דערצו, אַז די שקלאַפן-אייגנטימער בעמען זיך צונויף אין אַ קלאַס און אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשטימט פיינדלעך קעגן אַלע פרעמדע מענטשן. מען האַלט זיך, אַז מען געהערט צו אַן אויסדערוויילטן שבט. פּלאַטאָן, געהויבן דורך זיין קלאָרן שכל און דורך דער אידעלער ניכטערקייט פון זיין גייסט איבער דעם שטאַנד פון זיין צייט, האָט געהאַלטן, אַז שקלאַפעריי מוז בטל ווערן; אַ סך פון פאָלקס-געפיל און די נייע קאָמעדיע איז געווען קעגן איר; די סטאָיקער און עפּיקורייער, וואָס אַ סך פון זיי זיינען אַליין געווען שקלאַפן, האָבן זי פאַרמשפּט פאַר אומנאַטירלעך, נאָר היות ווי זיי האָבן געהאַלטן, אַז שקלאַפעריי איז צו שטאַרק, אַז מען זאָל קאָנען זי אַראָפּוואַרפן, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זי רירט ניט אָן די נשמה, און ממילא דאַרף מען אויף איר ניט קיין אַכט געבן. פאַרן חכם איז ניט שייך קיין געבונדן אָדער פריי. אָבער אַריסטאָטעלעס מיט זיין חוש פאַר רעאַלע זאַכן און מסתמא אויך דער גרעסטער רוב פּראַקטישע מענטשן האָבן זיך גאָרניט געקאָנט אויסמעלן, ווי אַזוי קומט מען אויס אָן שקלאַפעריי. בכן האָבן זיי געמאָלדן, אַז פאַראַן אין דער וועלט מענטשן, וואָס זיינען „שקלאַפן על-פּי טבע“...

און דריטנס, איז דער געדאַנק פון די גריכן געווען פאַר־צאַמט, ווייל עס האָט זיי געפעלט וויסן, ביז צו אַזאַ מאָס, אַז מיר קאָנען דאָס כמעט גאָר היינט זיך ניט פאָרשטעלן. זיי האָבן לחלוטין ניט געהאַט קיין ידיעות וועגן עבר פון דער מענטשהייט; אין בעסטן פאַל האָבן זיי געהאַט עטלעכע מאָגערע השערות. זיי האָבן ניט געהאַט קיין ידיעות פון געאָגראַפיע אויף יענער זייט פון מיטל־לענדישן בעקן און פון די גרענעצן פון פערסיע. מיר ווייסן ביי היינטיקן טאָג אַ סך מער, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שושן, בבל, פערסעפאָלים און מעמפיס, איידער פעריקלעס האָט געוואוסט דערפון אין זיין צייט. זייערע אַסטראָנאָמישע פאָרשטעלונגען זיינען געווען נאָך אין אַ צושטאַנד פון אָנהייב־תקירות. אַנאַקסאַגאָראַס, וואָס האָט זיך שוין שטאַרק איינגעשטעלט, האָט געהאַלטן, אַז די זון און די לבנה זיינען גרויסע קיילעכ, אַזוי אַז די זון איז מסתמא „אַזוי גרויס, ווי גאַנץ פעלאָפאָנעס“. זייערע אידעען אין פיזיק און כעמיע זיינען געווען אַ פועל־יוצא פון אַ טיפער תקירה; עס איז אַ חידוש, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט די השערה מכוח אַן אַטאָמישער סטרוקטור פון דעם וועלט־שטאָף.

מען דאַרף זיך נאָך דערמאָנען אָן דער גרויסער אָרעמקייט זייערער אין פרט פון עקספערימענטאַלע אַפּאַראַטן. זיי האָבן געהאַט קאָלירט גלאָז צוליב צירונג, אָבער ניט קיין קלאָר גלאָז; זיי האָבן ניט געהאַט קיין מיטל אויף פינקטלעך צו באַשטימען די צייט, ניט קיין אמת גוטע ציפער־סיסטעם, ניט קיין זייער גענויע מאָסן, ניט קיין התחלות פון אַ טעלעסקאָפ און מיקראָסקאָפ. אַ מאָדערנער נאַטור־פאָרשער, וואָס וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַטען פון פעריקלעסעס צייט, וואָלט געהאַט די גרעסטע שוועריקייט צו ווייזן די מענטשן, וואָס ער וואָלט דאָרט געפונען, די סאַמע פשוטע יסודות פון זיין וויסנשאַפט. ער וואָלט זיך געמוזט מיט דער גרעסטער מי צו־נויפמייסטערן אַליין זיין פשוטן אַפּאַראַט, און סאָקראַטעס וואָלט בשעת־מעשה, נאָך דערוויזן, ווי קרום דאָס איז צו זוכן דעם אמת מיט שטיקלעך האָלץ און שטריקלעך און מעטאַל, די זעלביקע, וואָס קליינע יינגלעך כאַפּן דערמיט פיש. די נאַרישע גאווה פון דעם פילאָסאָף, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פונם בעל־מלאכה,

האָט אים געהאַלטן ווייט פון יעטווידער אַפּאַראַט. קיין איין גריכישער לייטישער מענטש וואָלט זיך ניט אַרומגעפּאָרעט מיט גלאָז אָדער מיט מעטאַל. אויך וואָלט אונזער פּראָפעסאָר פון נאַטורוויסנשאַפט געשטאַנען אין אַ שטענדיקער סכנה, מען זאָל אים ניט אָנקלאָגן פאַר אַפּיקורסות. די דעמאָקראַטיע פון אַטען וואָלט פּונקט אַזוי ווינציק געקאָנט פאַרטראָגן דאַרווינען, ווי די דעמאָקראַטיע פון דעם שטאַט טענעסי.

די פּאַקטישע ידיעות, וואָס אונזער היינטיקע וועלט פאַרמאָגט, זיינען לגבי דעם אַן אוצר ניט אויסצונעמען. אין פּעריקלעסעס צייט איז קוים אַוועקגעלייגט דער ערשטער שטיין פאַר אונזער לפי־ערך גוואַלדיקן טורעם פון פאַרצייכנטע און פעסט דערוויזענע פאַקטן. ווען מיר באַקלערן אָט דעם אונטערשייד, דעמאָלט הערט אויף צו זיין אַ חידוש, פאַרוואָס די גריכן זיינען, ביי גאָר זייער פעאיקייט פאַר פּאָליטישע חקירות, געווען בלינד פאַר דער אומזיכערקייט פון זייער ציוויליזאַציע, וואָס איז באַדראָט פון אַלע זייטן, פאַרוואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, ווי ווייט עס איז פאַר זיי נייטיק די פאַראייניקונג, פאַרוואָס זיי האָבן ניט פאַרנומען דעם האַסטיקן דראַנג פון די געשעענישן, וואָס האָבן אויף לאַנגע תקופות באַדאַרפט מאַכן אַ סוף צו די ערשטע קורצע שטרעבונגען פון דעם מענטשלעכן גייסט צו פרייהייט.

דער אמתער ווערט פון דער דאָזיקער גרופּע גריכישע רעדנערס און שרייבערס פאַר אונז באַשטייט ניט אין די רעזולטאַטן, וואָס צו זיי האָבן זיי דערגרייכט, נייערט אין די פראַגן, וואָס זיי האָבן געמאַכט. ניט דערין, וואָס זיי האָבן פאַרענטפערט פראַגעס, נאָר דערין, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשטעלט צו פרעגן. קיינמאָל פריער האָט דער מענטש ניט געשטעלט צום משפּט זיין וועלט און זיין לעבנס־וועג, וואָס אויף אים האָט ער זיך געפונען פון געבוירן אָן. קיינמאָל פריער האָט ער ניט געזאָגט, אַז ער איז בכוח אומצובייטן די לעבנס־תנאים. טראַדיציע און אַ פלומרשטיקע נויטווענדיקייט האָט אים געצוואונגען צו לעבן אויף דער שטייגער, ווי זיין שבט האָט געלעבט, ווערליך אים האָט זיך אויסגעוויזן, אָן אַ שיעור דורות. ביז דעמאָלט האָט ער גענומען די וועלט,

אַזױ װי קינדער נעמען אָן די הײם מיט איִרע מנהגים, װאָס אין זײ װערן זײ אױפגעהאָדעװעט.

נאָר אין 5טן און 4טן י״ה פאַר קר. באַמערקן מיר, צום דײטלעכסטן אין יהודה און אַטען, אָבער דורכאױס ניט נאָר אין די דאָזיקע צענטערס, אַן אָנהײב פון אַ מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן פּראָצעס אין דער מענטשהײט, אַ רוף נאָך גערעכטיקײט און אַ רוף נאָך אמת, אַ שטרעבן אַרױסצורײסן זיך פון די לײדנשאַפטן און צעטומלטקײט און דער פאַרבלענדעניש פון נאַטירלעכן לעבן. עס איז געגליכן צו יענעם געפיל פון אַ יונגן בחור, װען עס קומט בײ אים צום ערשטן מאָל אױף דער באַװאוסטזײן פון אַן אַחריות, װען ער װערט פּלוצים געװאָר, אַז דאָס לעבן — ניט עס איז גרינג און ניט איז עס אָן אַ ציל. די מענטשהײט האַלט אין װאַקסן. די איבעריקע געשיכטע אין משך פון דרײ און צװאַנציק יאָרהונדערטער איז דורכגעפּעדעמט מיטן אױסשפּרײט און אַנטװיקלונג און קענציטיקער װירקונג אין אַלץ מער קלאָרער און װירקװדיקער אײנשטעלונג פון יענע פירנדיקע הױפּט־אידעען. פּאַװאָליע הײבן מענטשן אָן אַלץ מער און מער תופס צו זײן דעם ריזאַלן באַטײט פון מענטשלעכער ברודערשאַפט, זײ הײבן אָן באַנעמען, װי ניט נײטיק עס זײנען מלחמות, אַכזריות און אונטערדריקונג, װי עס לאָזט זיך געשיקן אַן אַלגעמײנער פּלאַן צוליב דער טובה פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. אין אַלע שפּעטערדיקע דורות זעען מיר שױן מענטשן, װאָס זוכן דעם בעסערן סדר, װאָס זײ פילן, אַז צו אים מוז די װעלט קומען.

אָבער אומעטום, און צו יעדער צײט, װען די גרױסע אידעען פאַרכאַפּן אַ מענטשן, שטײען אױף די גלוסטעניש, די קנאה, די חשדים און אומגעדולד, װאָס ליגן אין דער נאַטור פון איטלעכן פון אונז, װי אַ שטרויכלונג אין דעם װעג, װאָס פירט צו גרעסערע און ברײטערע צילן. די לעצטע 23 יאָרהונדערטער פון דער געשיכטע זײנען געגליכן צו די אָנשטרענגונגען פון עפּעס אַן אימפּולסיװן, אימפּעטפולן אומשטאַרבלעכן װעזן צו דענקען קלאָר און צו לעבן רעכטשאַפן. אײן טעות גײט נאָכן צװײטן; גוטע התחלות ענדיקן זיך מיט משונהדיקע אַנטױשונגען; שטראָמען לע-

בעדיק וואַסער זיינען פאַרסמט דורך דער שאָל, וואָס טראָגט דאָס צו צו די דאָרשטיקע לעפּצן פון דער מענטשהייט. אָבער די האָפענונג פון די מענטשן וואַכט ווידער אויף נאָך איטלעכן חורבן.

---

7. די ערשטע גרויסע פאַנטאַזיע=ליטעראַטור.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אין דעם דאָזיקן „געשיכטע=קאָנטור“, אַז די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור האָט געקאָנט זיך אָנהייבן ערשט נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שרייבמעטאָדע, גענוג פיין אויף איבערצוגעבן אויסדרוק=בילדער און קלאַנגשיינקייטן. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט געשריבענע ליטעראַטור געקאָנט איבערגעבן נאָר געדאַנקען. די אַלטע אַרישע פעלקער האָבן געהאַט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַ מעטרישע ליטעראַטור איבערגעגעבן אויף אויסווייניק, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט אַ שריפט. זיי האָבן געהאַט געזאַנגען, געשיכטעס און מעשיות און מאָראַלשפּראָכן, וואָס עס האָבן איבערגעגעבן אַ באַזונדער קלאַס מענטש, פאָלקס=זינגערס. די דאָזיקע אוצרות פון טראַדיציע זיינען געוואָרן פאַרפיקסירט, ערשט, ווען זיי זיינען געוואָרן פאַרשריבן. ביידע גריכישע הויפּט=עפּאָסן, די „איליאַדע“ און די „אָדיסייע“, זיינען פאַרשריבן געוואָרן, ווייזט אויס, אַרום 700 פאַר קר., און ביידע זיינען זיי אין יאָנישן גריכיש. מען זאָגט, אַז פּייסיסטראַטוס איז דער ערשטער, וואָס האָט צונויפגעקליבן די האָמערישע פּאָעמעס. עס זיינען געווען אַ סך פאַרשיידענע נוסחאות פון די זעלביקע עפּאָסן; דער איצטיקער אָנגענומענער טעקסט איז איינגעשטעלט געוואָרן ערשט אין 2טן י״ה פאַר קר. עס זיינען נאָך געווען אַנדערע עפּאָסן, המשכים און ברייטערע אויספירונגען פון דער „איליאַדע“ און „אָדיסייע“, און אויך איינציקע געשיכטעס וועגן טרעפענישן פון העלדן, אָבער זיי זיינען כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

די גריכן האָבן בדרך=כלל געהאַלטן, אַז די „איליאַדע“ און די „אָדיסייע“ זיינען ווערק פון איין פּאָעט, האָמער, וואָס זיבן שטעט האָבן פּרעטענדירט איטלעכע צו זיין געבוירנשטאָט, און די

סאָפאָקלעס, דער טראַגיקער, אַ סטאַטוע אין לאַטעראַן־מוזיי אין רוים.

צייט פון זיין געבוירן איז פארשיידן באצייכנט געוואָרן צווישן 1000 און 800 פאר קר. מער ניט אין איין פאקט איז די טראדיציע א פעסטע, נעמלעך, אז ער איז געווען א בלינדער. די גריכן האָבן געהאלטן די צוויי פאָעמעס אין אזא ליבשאפט און כבוד, אז ביזן 2טן יאָרהונדערט פאר קר. האָט קיינער ניט באמערקט דעם פאקט, וואָס לאָזט זיך בולט מערקן אפילו אין איבערזעצונג, אז די דאָזיקע צוויי גרויסע ווערק זיינען אזוי אינגאנצן פארשיידן לויטן גייסט, טאָן און לויטן גאנצן מהות, פונקט ווי עס אונטערשיידט זיך דער קלאנג פון א טרומייט פון דעם קלאנג פון א פלייט. נאָר היות ווי האָמער האָט געקאָנט זיין געבאָרן אין אזוי פיל שטעט און אין אזוי פיל צייטן, איז שוין א קנאפער חידוש, וואָס ער האָט געהאט צוויי מוחות און צוויי שטימען. דאָס אלץ איז אן ענין פאר קלאסישן פילאָלאָג. און נאָר דער קלאסישער פילאָלאָג קאָן אָפשאצן די דאָזיקע ווערק, ווי עס געהער צו זיין. און ער פארזיכערט אונז, אז זיי פארמאָגן אזא גלאנץ, אזא שיינקייט, חכמה און מעלאָדיע, וואָס קיין שום איבערזעצונג איז ניט ביכולת איבערצוגעבן. קיין איין איבערזעצונג גיט ניט איבער עפעס אזוינס, וואָס זאָל בארעכטיקן די התפעלות פון די געלערנטע איבער די דאָזיקע ערשטע מייסטערווערק פון דער אייראָפעישער ליטעראטור. אין דעם ווערק פון איטלעכן איבערזעצער כאפט זיך אריין א געוויסע נודנעקייט, א געוויסע קינדישקייט. אפילו די אומבאשרייבלעך זיסע מעלאָדיע פון דער גריכישער שפראך, בעת עס רעציטירן זי אירע התלהבותדיקע פארטיידיקער, קאָן דעם ניט-קולטיווירטן סקעפטיקער אויך אויסדוכטן, אז דאָס איז א ביסל אן איינגערעדטע זאך. נאָר פונדעסטוועגן מאכט ניט אויס — די עפאָסן פארמאָגן באמת א סך שיינקייט און זיינען שטארק אינטערעסאנט, זיי זיינען אָנגעזאפט מיט א מין פרישער, געשמאקער יונגלשקייט, פאראן אין זיי איינפאלן פון די שטארקסטע געפילן און פון לעבהאפטיקסטער אכטגעבונגס-קראפט, און עס איז א שאד, וואָס די לעכערלעכע גוזמאות פון געלערנטע באוואונדערער, וואָס האלטן אין איין טענהן, אז זיי זיינען הויך און גרויס גאָר אין-לשער, האָבן אָפגעשלאָגן דעם חשק ביי דעם איבערגעשראָקענעם געוויינטלעכן לעזער צו לייענען זיי.

זייט ביי זייט מיט האמערס נאמען שטייט דער נאמען פון העסיאד. העסיאד איז מסתמא געווען טאקע א רעאלע פערזאן. די דאטע פון זיין געבוירן ווערט אנגעגעבן צווישן נײַנטן און זיבעטן י״ה פאר קר. זיינע פאעמעס, די „ווערק און טעג“ און „טעאגאניע“, זיינען כולל, די ערשטע — א סך זאכן פון לעבן און ארבעט פון די בעאטישע פויערים, און די צווייטע — די אנגענומענע טראדיציעס וועגן אפשטאם און יחוס פון די גריכישע געטער.

עפישע פאעזיע איז אין גריכנלאנד געווען דער יסוד פון פאעזיע בכלל; אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערט איז קיין אנדער מין ניט קולטיווירט געווארן. דאס איז געווען די ארישע גרונט־פאעזיע. דערנאך האבן זיך באוויזן עטלעכע אנדערע טיפן. געווען עלעגישע פאעזיע, ווייך און צארט, געזונגען אונטער דער מוזיק פון דער לידישער פלייט, און לירישע פאעזיע, געזונגען אין דער באלייטונג פון דער זיבן־סטרונישער לירע. מכוח די דאזיקע פארמען איז דא ניט מעגלעך מאריך צו זיין. עס האט אויך קיין טעם ניט צו געבן די נעמען פון פאעטן און ניט אנצווייזן דעם מדרגה און כאראקטער פון זייערע לידער. מען קען דערמאנען די נעמען פון פינדאר און סימאנידעס פאר יענע, וואס פארמאגן נאך צייט זיך אפצוגעבן מיט דעם רעשט, וואס איז איבערגעבליבן פון זייערע ווערק. מען דארף אבער נאך פארצייכענען, אז צו די גרעסטע ליבע־פאעטן פון אלטן גריכנלאנד געהער סאפא, א פרוי פון לעסבאס.

פונקט ווי געשריבענע פאעזיע, אזוי האט אויך געשריבענע דראמע אנגעהויבן זיך אין דער גריכישער וועלט. די דראמע איז אויפגעקומען ווי א טייל פון די פעריאדישע פייערונגען לכבוד דיאניסוס, דעם גאט פון וויין. לכתחילה איז די פייערונג געווען א כאר־געזאנג, וואס האט דערציילט די גבורות פון דעם גאט. דערנאך האט זיך אויסגעטיילט א פירזאגער, א ק א ר י פ י י, וואס פלעגט ארויסטרעטן פארויס און רעציטירן אליין, און דער כאר פלעגט אים אפענטפערן. עסכילוס (געבארן 525 פאר קר.) האט איינגעפירט א צווייטן אקטיאר, וואס פלעגט ארויסטרעטן פון כאר און ענטפערן דעם ערשטן. סאפאקלעס ווידער (געבארן 495 פאר קר.) האט

איירריפידעס, דער גריכישער טראַגיקער.

אַריינגעפירט אַ דריטן אַקטיאָר. אַזוי האָבן זיך אַנטוויקלט דער דיאַלאָג און די האַנדלונג, און דער כאָר האָט גענומען שפּילן אַ טפלראָלע לגבי דער דראַמאַטישער אַקציע. ביז דעמאָלט פלעגט די דראַמע ווערן פאָרגעשטעלט אויף הילצערנע פּלאַטפאָרמעס. איצט, אין 6טן יאָרהונדערט, האָט מען אָנגעהויבן בויען טעאַטערס. אַזוי פיל קאָן מען דערציילן אין אַזאַ אַלגעמיינעם געשיכטע-קאָנטור, און אויך דאָס, אַז איין יאָרהונדערט צייט האָבן געדויערט די גרעסטע טעג פון דער גריכישער דראַמע. די נעמען פון עסכילוס, סאָפאָקלעס און אייריפּידעס (געבאָרן 480 פאַר קר.) זיינען די גרעסטע נעמען פון דער גריכישער טראַגעדיע, נאָר זיי זאָגן גאָרנישט דעם לעזער, וואָס וועט ניט זוכן צו לייענען זייערע ווערק אין אָריגינאַל, צי אין גוטע איבערזעצונגען און וואָס וועט זיך ניט פּרוּוון צו זען די אויפפירונגען פון זייערע דראַמעס.

אַנטקעגן דער טראַגעדיע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם מער ערנסטן טייל פון דעם דיאָניסוס-קולט, איז אויפגעקומען די קאָמעדיע, וואָס איז געווען איינגעפירט צו מאַכן לאַכן און צו ווײַלן. פון אָנהייב אָן איז די קאָמעדיע געווען בויגעוודיקער פאַר דער טראַגעדיע; טיילמאָל פלעגט זי פּאַראָדירן די טראַגעדיע, נאָר צייטנווייז פלעגט זי זיין אַ פרייע שילדערונג פון שטייגער און פון טשיקאַווע לעבנס-בילדער. אַריסטאָפאַנעס אין 5טן י״ה האָט געשאַפן אַ פיינעם געמיש פון פאַנטאַזיע און פּאָליטישער סאַטירע. מענאַנדער מיט הונדערט יאָר שפּעטער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מייסטער פון דער שטייגער-קאָמעדיע. די גריכישע טראַגעדיע איז אַ צייטווייליקע און פאָרמאַלע זאַך, זי איז געוואָרן אַנטוויקלט און אויסגעאַרבעט בי צו אירע העכסטע מעגלעכקייטן אין אַ הונדערט יאָר מיט עפּעס, נאָר די קאָמעדיע איז אַ גרונט-באַדערפעניש פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זינט מענטשן האָבן זיך גענומען קלייבן אין קיבוצים, איז געווען הלצה, נאָכמאַכעניש, קאָמעדיע, ווי נאָר צוויי אָדער דריי מענטשן האָבן זיך צונויפגעטראָפן. דער שטראָם פון געשריבענע קאָמעדיעס האָט קיין מאָל פּאַקטיש ניט אויפגעהערט, זינט דער ערשטער דיאַלאָג האָט געקאָנט ווערן אַיפגעשריבן. ערשט אַז עס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן מענטשן די קונסט פון לייענען,

האָט די געשריבענע מעשה גענומען קאָנקורירן מיט דער קאָמעדיע אין פּאָפּולאַריטעט. עס זיינען געווען אין גריכנלאַנד זאַמלונגען פון „גוטע מעשיות“ וכדומה, אָבער בכדי די דערציילקונסט זאָל זיך אַנטוויקלען צו אַ גרויסער קונסט, האָט באַדאַרפט זיין אַ גרויס פּובליקום לייענער און די מעגלעכקייט אויף אַ גיכן אופן צו פאַרפּילפאַכן ביכער. עס איז אַ גרויסע שאָד, וואָס די גרעסטע צאָל פון די גריכישע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען.

פּראָזע-ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן צוערשט, ווי געשיכטע און ערנסטע וויכּוחים. וועגן העראָדאָטן האָבן מיר שוין דערציילט און געבראַכט ציטאַטעס פון זיין ווערק. דער לייענער באַדאַרף געדענקען, אַז דער „פאָטער פון געשיכטע“ האָט באַזוכט אַטען אין פּעריקלעס צייט, און בעת ער האָט געשריבן, האָט די אַטענישע טראַגעדיע שוין געהאַט אַריבערגעשפּרייזט איר הויך-פּונקט. טוקידידעס, נאָך שפּעטער, האָט דערציילט די געשיכטע פון פּעלאָפּאָנעזישן קריג. קסענאָפאָן מיט זיין „אַנאַבאַזיס“ האָבן מיר שוין אויך פאַרצייכנט. נאָך אַ וויכטיקער טייל פון דער גריכישער ליטעראַטור, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז, זיינען די רעדעס, וואָס עס האָבן אויפגעשריבן פאַרשיידענע גרויסע רעדנער. צולעצט דאַרפן ווערן פאַרצייכנט די מרוקענע פּראָזאַישע חקירות און באַשרייבונגען פון דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, ווי אַריסטאָטעלעס האָט געשריבן, און די קונסטלערישע דראַמאַטיזאַציע פון די וויסנשאַפטלעכע חקירות אין פּלאַטאָנס דיאַלאָגן.

אַזוי בקיצור פאַרצייכענען מיר דאָ די פאָרמען פון דער ערישטער גריכער ליטעראַטור אין דער וועלט. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען טאָן לויט דעם אָרט, וואָס איז אין אונזער רשות. בכלל גערעדט, קאָן מען קריגן אַן אמתע השגה וועגן אַ ליטעראַטור, נאָר ווען מען לייענט די ביכער גופא.

8. גריכישע קונסט.

איידער עס איז אַנטדעקט געוואָרן די פאַר־גריכישע קונסט פון די עגעישע פעלקער און איידער מען איז באַקאַנט געוואָרן מיט דער גרויסער קונסט־פּראָדוקציע פון די אַלטע אימפעריעס, האָט די מאָדערנע וועלט, אין דער צייט צווישן דער רענעסאַנס און דעם סוף פון 19טן יאָרהונדערט, געהאַט גוזמאדיקע השגות וועגן די מעלות פון דער גריכישער פלאַסטישער קונסט. זי האָט זיך אַזוי אויסגעטיילט אין די מענטשנס פאַנטאַזיע, ווי עפּעס איינציקס, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַרויסגעשפּרונגען צום זיין פון אַ פריערדיקן גאָרנישט, אַזוי ווי אַלצדינג, וואָס איז געווען פריער, איז גראָב און האַמעטענע און אַליין, וואָס נאָך איר, איז וואולגאַר און שפּל. זי האָט דערוועקט אין קולטור־מענטשן התלהבות, וואָס איצט קאָנען מיר זי מער באַוואונדערן, איידער מיטפילן.

מיר ווייסן איצט, אַז בעת די ליטעראַרישע און אינטעלעקטועלע התחלות פון די גריכן צייכענען אָן אַ בפירוש נייעם פאַזיס אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג, איז די פלאַסטישע קונסט פון גריכנלאַנד ניט מער ווי דער המשך פון די ציוויליזאַציעס, וואָס זיינען פריער געווען. די גאָלד־אַרבעט, יוועלירעריי, די זיגלען, די סטאַטועטקעס און וואַזעס און כדומה אַזעלכע זאַכן פון דער גריכישער קונסט־האַנטווערק אין יענעם גרויסן פעריאָד דערנעענטערן זיך צו די אויסאַרבעטונגען פון די עלטערע עגעישע פעלקער אָדער פון די עגיפּטער אין דער צייט פון דער 18טער דינאַסטיע, זיי שטייגן זיי אָבער ניט אַריבער. די אַרכיטעקטור האָט איר אייגענע גראַציע און שלמות. איר הערשנדיקער שטריך איז די קאָלאָנאַדע, דורכלויכטיק און איידל מיטן קרעפטיקן דאָרישן קאַפּיטעל, אָדער גראַציעז מיטן יאָנישן קאַפּיטעל, אָדער בליענדיק מיטן קאָרינטישן קאַפּיטעל. די קאָרינטישע קאָלאָנע מיט אירע אָפּצווייגן איז אין די היימישע צייטן געוואָרן דער אַלגעמיינער לבוש פון דער אַרכיטעקטור, און נאָך איצט קאָן מען זי זען אין בנינים פון באַנק־הייזער אָדער לוקסוס־האָטעלן.

נאָר וואָס עס באַשטימט די גרויסקייט פון דעם פעריאָד, דאָס איז די גריכישע סקולפטור. צוערשט פאָרמאַל, האָט זי צווישן דער צייט פון פייסיסטראַטוס און פעריקלעס דערגרייכט צו אַ פריי-



אמצבה-בילד, געפונען געוואָרן אין דער האפן-שטאָט פון אטען פירעוס, און איצט אין נאציאָנאלן מוזיי אין אטען. שטאמט פון 4טן י"ה פאר קר.

הייט און נאַטירלעכקייט, וואָס זייער גלייכן איז נאָך ניט געווען. אין דער צייט פון עכנאַטאָן האָט די עגיפּטישע סקולפּטור פּלוצים זיך אַ ווענד געטאָן צום רעאַליזם און נאַטירלעכקייט, אָבער קיין זאַך, וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן, קאָן זיך ניט פאַרגלייכן מיט דער פרייהייט פון דעם גריכישן קינסטלער. מען דערציילט, אַז דער גרעסטער טייל פון די גריכישע סקולפּטאָרן זיינען געווען באַמאָלט מיט פאַרבן. יענע איסטעטישע, שטרענגע ווייסע שיינקייט, געאיידלט דורכן אָנריר פון טויט און דורך דער שטימונג פון נאָך אַלעמען, וואָס פאַרכאַפּט איצט אונזערע חושים, ווען מיר שטייען פאַר די בעסטע רעשטן פון דער גריכישער קונסט, איז ניט געלעגן אין דעם קינסטלערס כּוונה. אויך די טעמפּלען האָבן איצט אין זייער חורבן עפּעס לבנה־כּישופדיקס, עפּעס אַ מין אומערדישע זייבערקייט, וואָס האָט אין זייער גלענצנדער יוגנט־צייט געווים געפעלט.

ווענן גריכישער מאָלעריי ווייסן מיר זייער ווייניק. מייסטערווערק ווערן דערמאָנט, נאָר זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. מיר קאָנען נאָר משפּטן לויט יענער מאָלעריי, וואָס איז אפשר אַ דערגנערדיקער המשך פון דער גריכישער טראַדיציע אין די טעג פון דער רוימישער אימפּעריע. אין פּאָמפּעי און הערקולאַנום איז די מאָלעריי לעבעדיק, קונציק און אינטערעסאַנט, און ניט אין אַן ערך נאַטירלעכער און געטרייער, ווי אַ וואָסער עס איז עגיפּטיש אָדער בבליש ווערק.

די מוזיק פון יענער צייט איז געווען נאָר הולפס־קונסט צו געזאַנג און אָן האַרמאָניע. סער וו. ה. הערדאָוס רעדט ווענן דער „מיאוסקייט פון יענע מוסטערן פון דער גריכישער מוזיק, וואָס זיינען פאַרבליבן און דעשיפרירט געוואָרן“.

קאַפּיטל 22

אַלכּסנדר דעם גרויסנס קאַריערע

1. פּיליפּ פון מאַקעדאָניע. 2. דערמאָרדונג פון קיניג פּיליפּ. 3. אַלכּסנדרס ערשטע באַצווינגונגען. 4. אַלכּסנדרס וואַנדערונגען. 5. צי איז אַלכּסנדר טאַקע געווען גרויס? 6. צלכּסנדרס יורשים. 7. פּערגאַמאָן אַ מקום-מקלט פאַר קולטור. 8. אַלכּסנדר ווי אַן אָנזאָג פון דער וועלט-איינהייט.

דער אמתער העלד פון אלכּסנדרס געשיכטע איז ניט אַזוי פיל אלכּסנדר, ווי זיין פאָטער פּיליפּ. דער מחבר פון אַ פּיעסע טוט אַזוי ניט גלאַנצן אין דער שיין פון ראַמפּע-ליכט, אַזוי ווי דער אַקטיאָר, און גראָד פּיליפּ איז געווען דער, וואָס האָט אויסגעפּלאַנעוועט אַ סך פון יענע גרויסע זאַכן, וואָס זיין זון האָט אויסגעפירט; ער האָט געלייגט די פונדאַמענטן און אויסגעשמידט די געצייג, ער האָט שוין פּאַקטיש געהאַט אָנגעהויבן די פּערסישע עקספּעדיציע פאַר זיין טויט. פּיליפּ איז, בלי שום ספק, געווען איינער פון די גרעסטע מאָנאַרכן, וואָס די וועלט האָט געזען. ער איז געווען אַ מענטש מיט אויסערגעוויינטלעכער אינטעליגענץ און באַגאַבונג, און דער אויסשפּרייט פון זיינע אידעען האָט ווייט איבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון זיין צייט. ער האָט דערנעענטערט צו זיך אַריסטאָטעלעסן; ער האָט מסתמא מיט אים געפירט לאַנגע שמועסן מכּוח פּלענער, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די רעאַלע וויסנשאַפט, וואָס דער פילאָסאָף האָט שפּעטער זיי אויסגעפירט אַ דאַנק אלכּסנדרס מתנות. ווי ווייט מיר קאָנען משפּטן, האָט פּיליפּ, ווייזט אויס, געדינט אַריסטאָטעלעסן פאַר אַ מאָדעל צו זיין „פירשט“; צו אים האָט

אַריסטאָטעל זיך געווענדט, ווי מענטשן ווענדן זיך צו אַזעלכע, וואָס זיי באַוואונדערן זיי און געטרויען זיי. אויף פיליפן האָט אויך איסאָקראַטעס אַרויסגעקוקט ווי אויף דעם גרויסן פירער, וואָס איז באַרופן צו פאַראייניקן און פאַראיידעלן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין גריכנלאַנד.

אין אַ סך ביכער ווערט דערציילט, אַז פיליפ איז געווען אַ מענטש מיט אומגלויבלעכן ציניזם און אַ ניט-איינגעהאַלטענער בעל-תאווה. אמת איז, אַז אויף סעודות פלעגט ער, ווי אַלע מאַקעדאָניער פון יענער צייט, כאַפּן אַ טרונק און אַמאָל זיך אויך אָנשיכורן — מען האָט דאָס מסתמא געהאַלטן פאַר אומפאַרמיידלעך ניט צו טרינקען שטאַרק אויף אַ סעודה; אָבער אַלע אַנדערע באַשולדיקונגען זיינען ניט דערוויזן, דעם איינציקן באַווייז דערפאַר האָבן מיר נאָר די זידלערייען פון אַזעלכע קעגנער ווי דעמאָסטענעס, דער אַטעניש דעמאַגאָג און אָראַטאָר, אַ מענטש, וואָס צוליב אַ גוט וואָרט האָט ער דעם אמת ניט געשאַנעוועט. מיר וועלן דאָ ציטירן אַ פּאָר פראַזעס זיינע, בכדי צו ווייזן, וואו אַהין דער פאַטריאָטישער אימפעט האָט געקאָנט דעמאָסטענעסן פאַרפירן. אין איינער פון זיינע „פיליפּיקעס“, ווי מען רופט אָן זיינע רעדעס קעגן פיליפן, לאָזט ער זיך גיין אויף אַזאַ שטייגער:

„פיליפ — אַ מענטש, וואָס לאָ די וואָס ער איז ניט קיין גריך, און בשום אופן ניט נאָענט מיט גריכן, נאָר ער איז אַפילו ניט קיין באַרבאַר פון אַ בכבודיקן לאַנד, — ער איז נאָר אַ פּאַסקודנער נפש פון מאַקעדאָניע, אַ לאַנד, וואָס מיר האָבן פון דאָרט קיין מאָל אַפילו קיין לייטישן שקלאַף ניט געקראָגן“. און אַזוי ווייטער און אַזוי כסדר. מיר ווייסן, ווי אַ פאַקט, אַז די מאַקעדאָניער זיינען געווען אַן אַריש פאָלק, זייער נאָענט פאַרקרובעט מיט די גריכן, און אַז פיליפ איז מסתמא געווען דער בעסט דערצויגענער מענטש פון זיין צייט. דאָס איז געווען דער גייסט, וואָס אין אים זיינען געשריבן די באַריכטן קעגן פיליפן.

אַז פיליפ איז געוואָרן אין יאָר 359 פאַר קר. קיניג פון מאַקעדאָניע, איז זיין לאַנד געווען אַ קליין לענדל אָן אַ ים-האַפן אָדער אַ וואַסער עס איז באַדייטיקער שטאָט. עס האָט געהאַט אַ פויערים-

באַפעלקערונג, לויט דער שפּראַך כמעט גריכיש און גרייט צו זיין גריכיש אויך לויט אירע סימפּאַטיעס, די מאַקעדאָניער זיינען בעצם געווען פון אַריינערן נאָרדישן בלוט, ווי וואָסער עס איז אַנדער פאָלק אין דרום-זייט פון זיי. פיליפּ האָט די דאָזיקע קליינע מלוכה גרויס געמאַכט; ער האָט געשאַפן די בעסטע מיליטערישע אָרגאַני-

רייטער-סטאַטוע פון אלכסנדר מוקדון, אין נאַציאָנאלן מוזיי אין נעאַפּאָל.

זאַציע, וואָס די וועלט האָט ביז דעמאָלט געהאַט געזען, און צו דער צייט פון זיין טויט האָט ער דעם גרעסטן טייל פון גריכנלאַנד גע-האַט צוזאַמענגעבראַכט אין איין קאָנפעדעראַציע אונטער זיין אָנפירונג. און זיינע אויסערגעוויינלעכע מעלות, זיין קראַפט זיך צו דערהייבן

אין געדאַנק איבער די אָנגענומענע אידעעס פון זיין צייט, האָט ער באַוויזן ניט אַזוי אין די דאָזיקע ענינים, ווי אין דער זאָרגעוודי־קייט צו דערציען זיין זון צוליב דעם ציל, ער ער זאָל זיין מסוגל ווייטער צו פירן די פּאָליטיק, וואָס ער האָט געשאַפן. ער איז איינער פון די ווינציקע מאָנאַרכן אין דער געשיכטע, וואָס האָט געקלערט וועגן דעם וואָס וועט קומען נאָך אים. אלכסנדר איז לכתחילה ספּעציעל דערצויגן געוואָרן, כּדי צו זיין אַ קיסר. אַריסטאָטעלעס איז געווען נאָר איינער פון די גוטע לערערס, וואָס דער פאָטער האָט פאַר אים אויסגעקליבן. פיליפּ האָט אים איבערגעענטפערט זיין פּאָליטיק און האָט אים אָנגעטרויט קאָמאַנדע און באַפעל נאָך אין דער צייט, ווען ער איז געווען זעכצן יאָר. ער האָט קאָמאַנדירט איבער דער קאַוואַלעריע אין דער שלאַכט ביי כייראָנעע ביים פאָטער אין די אויגן. ער איז געוואָרן אויסגעהאָדעוועט צוליב מאַכט — מיט אַ פרייען האַרץ.

פאַר איטלעכן, וואָס לייענט זיין געשיכטע מיט קאָפּ, איז קלאָר, אַז אלכסנדר האָט אָנגעהויבן מיט אַזאַ צוגרייטונג און מיט אַ באַגאַזש פון אידעעס, וואָס זייער ווערט איז גאָרניט אָפּצושאַצן. און אַז ער איז געקומען צו אַזעלכע סיטואַציעס, וואו די ידיעות פון זיין דערציִונג האָבן אים ניט געקאָנט דינען, האָט ער גענומען בלאָנדזשען און באַגיין פעלערן — טיילמאָל שרעקלעכע פעלערן. די חסרונות פון זיין כאַראַקטער האָבן גובר געווען די מעלות פון זיין דערציִונג אַ צייט פריער, אײדער ער איז געשטאָרבן.

פיליפּ איז געווען אַ קיניג פון אַלטן שניט, אַ קיניג אַ פירער, דער ערשטער צווישן גלייכע, פון דעם אַלטן נאָרדישן אַרישן טיפּ. די אַרמיי, וואָס ער האָט געפונען אין מאַקעדאָניע, איז באַשטאַנען פון אַ פאָלקס־מיליץ פוסגייער און פון אַ פריצישן רייטער־שטאַנד, וואָס מען פלעגט זיי רופן די „חברים“. דאָס פאָלק איז באַשטאַנען פון ערד־אַרבעטער און יעגערס, וואָס האָבן אַמאָל ליב געהאַט אַ טרונק, נאָר מען האָט זיי גרינג געקאָנט דיסציפּלינירן און מאַכן פון זיי גוטע זעלנער. און אויב דאָס פאָלק איז געווען פּשוט, איז די רעגירונג געווען אינטעליגענט און געשיקט. אין משך פון עטלעכע דורות איז די הויף־שפּראַך געווען אַטיש־ (ד״ה אַטעניש) גריכיש, און דער הויף איז געווען ציוויליזירט גענוג אויף צוצונעמען ביי זיך

און צו האַלטן אַזעלכע גרויסע מענטשן, ווי אײריפּידעס, וואָס איז דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 404 פאַר קר., און דעם קינסטלער זײקסיס. נאָך מער, עטלעכע יאָר פאַר זײן איבערנעמען די מלוכה האָט פיליפּ פאַרבראַכט ווי אַ גאַסט אין גריכנלאַנד. ער האָט געהאַט די בעסטע דערציִונג, וואָס גריכנלאַנד האָט יענע צייט געקאָנט געבן. ער איז דעריבער געווען גוט באַקאַנט מיטן געדאַנק, וואָס מיר קאָנען אים אָנרופן איסאָקראַטעס געדאַנק — אַז אַלע גריכישע מלוכות אין אײראָפּע באַדאַרפן זיך פאַראייניקן, בכדי צו באַהערשן די מזרחדיקע וועלט, און ער האָט אויך געוואוסט, ווי ווינציק די אַטענישע דעמאָקראַטיע, מחמת איר קאָנסטיטוציע און טראַדיציע, איז מסוגל אויסצונוצן די געלעגנהייט, וואָס איז געלעגן פאַר איר. ווארעם דאָס איז געווען אַ געלעגנהייט, וואָס מען האָט באַדאַרפט געבן אויך אַנדערע אַ חלק דערין. פאַר די אַטענער און די ספּאַרטאַנער אָבער וואָלט דאָס געהייסן צולאָזן אַ מחנה פרעמדע צו די „גליקן" פון בירגערשאַפט. דאָס וואָלט באַטייט זיך אַראָפּצולאָזן צו דער מדרגה פון גלייכקייט און חברשאַפט מיט די מאַקעדאָניער — אַ פאָלק, וואָס פון דעם „נעמען מיר אַפילו ניט קיין לייטישן שקלאַף".

עס איז ניט געווען קיין מיטל צו פאַרזיכערן אחדות צווישן די גריכן צוליב דער געפּלאַנטער אונטערנעמונג סיידן דורך אַ וואָסער עס איז רעוואָלוציאָנערער פּאָליטישער אַקציע. ניט קיין ליבע צו שלום האָט אָפּגעהאַלטן די גריכן פון אַזאַ אוואַנטורע; נאָר זייער פּאָליטישע שפּאַלטונג האָט געשטערט. די כוחות פון די עטלעכע מלוכות זיינען געווען אויסגעשעפּט אין אַ שורה ברודער-קריג — קריג, וואָס פלעגן אַרויסקומען פון נישטיקע סיבות און צעבלאָזן ווערן דורך אָראַטאָרס. אַזוי, אַ שטייגער, איז דאָס, וואָס די פאָקייער האָבן אויפגעאַקערט עטלעכע הייליקע פעלדער לעבן דעלפי, געווען אַ גורם צו אַ בלוטיקן הייליקן קריג.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין קיניגן האָט פיליפּ זיך אָפּגעגעבן מיט דיסציפּלינירן זיין אַרמיי. ביז אַהער זיינען די הויפּט-שלאַכטן אין דער וועלט געשלאָגן געוואָרן דורך פוסגייער, אויסגעשטעלט אין שורות. אויף די גאַר אַלטע שומערישע שלאַכט-בילדער זעען מיר, אַז די הויפּט-שלאַכטן בילדן שפּיז-טרעגערס אין געשלאָסענער ריי,

פונקט אַזוי ווי דאָס איז נאָך געווען אין די אַרמייען פון די זעלנ=
נערם אין 19טן יאָרהונדערט. די גריכישע חיילות אין פיליפס צייט
האָבן נאָך געקעמפט אויפן זעלביקן שטייגער; די טעבאַנישע פאַ=
לאַנגס איז געווען אַ מאַסע אינפאַנטעריע פון שפּיז=טרעגערס, אַזוי
אַז די הינטערשטע שורות האָבן דורכגעשטעקט זייערע לענגערע שפּיזן
צווישן די זעלנער פון דער פרונט=ליניע. אַזאַ פאָרמאַציע האָט זיך גע=
מוזט דורכרייסן דורך איטלעכער קעגנערישער אַרמיי, וואָס איז געווען
ווינציקער דיסציפּלינירט ווי זי. בויגן=שיסערס זיצנדיק אויף פערד
האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט אָנטאָן אַ סך שאָדן אין אַזאַ גע=
דיכטער מאַסע מענטשן, און דעריבער אַז מען האָט גענומען ניצן
פערד אין מלחמה, האָבן זיך באַוויזן אויף ביידע זייטן רייטערס,
ווי הילפס=מיליטער צום הויפּט=חייל. דער לעזער דאַרף זיך דערמאָנען,
אַז אין די מערב=לענדער האָט מען אָנגעהויבן נוצן דאָס פערד צוליב
מלחמה=צוועקן ערשט ביי די אַשורים, און צוערשט נאָר אויף צו
פירן רייטוועגן. די רייטוועגן פלעגן מיטן פולן אימפעט אַריינגעטריבן
ווערן אין די רייען פון דער אינפאַנטעריע און פרוון זיי פונאַנדער=
רייסן. אויב די דיסציפּלין ביי דער אינפאַנטעריע איז ניט געווען זייער
פעסט, פלעגט זיי דאָס אויך שטענדיק אָפּגילטן. די האָמערישע
שלאַכט ווערט אויסגעפירט אין רייטוועגן. ניט פריער ווי אין די לעצטע
טויזנט יאָר פאַר קר. הייבן מיר אָן צו הערן וועגן רייטנדיקע זעל=
נערס, באַזונדער פון רייטוואָגן=פאָרערס, וואָס שפּילן אַ ראָלע אין
מלחמה. צוערשט האָבן זיי, ווייזט אויס, געשלאָגן זיך צעשפּרייט,
איטלעכער האָט געקעמפט פאַר זיך. אַזוי האָבן די לידיער געקעמפט
קעגן כורשן. פיליפּ האָט, משמעות, דער ערשטער געשאַפן גע=
אָרדנטע קאַוואַלעריע. ער האָט באַוואויגן זיינע „חברים‟ זיך אַיינצו=
מושטירן צוליב אַ געשלאָסענער אַטאַקע. ער האָט אויך פאַרשטאַרקט
די פאַלאַנגס דורך דעם, וואָס ער האָט די זעלנער פון די הינטערשטע
שורות געגעבן לענגערע שפּיזן, ווי מען איז זיך נוהג געווען ביז דע=
מאָלט, און אַזוי אַרום האָט ער די מאַסע טיפער געמאַכט. די מאַקעדאָ=
נישע פאַלאַנגס איז געווען אַ מער סאָלידע וואַריאַציע פון דער טעבאַ=
נישער פאַלאַנגס. קיין איינע פון די דאָזיקע מאַסן=פאָרמאַציעס
פון פוסגייער איז ניט געווען בויגעוודיק גענוג, אַז זי זאָל קאָנען

באשטיין קעגן אן אטאקע פון פלאנג אדער פון הינטן. זיי האבן געהאט א זייער שוואכע מאנעווריר-קראפט. דערפאר זייגען ביידנס ניצחונות, סיי פיליפס און סיי זיין זונס, געגאנגען מיט וואריאציעס לויט איין און דער זעלביקער סכעמע: דורך דעם צוזאמענווירקן פון ביידע מינים געווער. די פאלאנגס פלעגט ארויסמארשירן פאראויס אין צענטער און האלטן פעסט דעם שונאס הויפט-חייל; אויף איינעם פון די צוויי פליגלען פלעגט די געארדנטע קאוואלעריע אראפטראגן דעם שונאס קאוואלעריע און דערנאך פארקערעווען און זיך אלאזן טאן דעם שונאס פאלאנגס אין פלאנג און אין רוקן, בעת די מאקעדאנישע פאלאנגס האט שוין געהאלטן אין שלאגן פון פרונט. דעמאלט פלעגט דעם שונאס הויפט-מאכט ניט אויסהאלטן און פלעגט ווערן פארטיליקט. שפעטער, אז אלכסנדר איז געווארן מער געניט, האט ער נאך גענומען נוצן אין פעלד-שלאכט קאטאפולטן, מאשינעס צו ווארפן גרויסע שטיינער, בכדי צו צעברעכן דעם שונאס אינפאנטעריע. פריער פלעגט מען באנוצן קאטאפולטן נאר ביי באלעגערונגען, אבער ניט אין שלאכטן. אזוי האט אלכסנדר ארויסגעפונען די „ארטילערישע צוגרייטונג“.

מיטן געווער פון זיין נייער ארמיי אין דער האנט, האט פיליפ זיך געווענדט צוערשט אין צפון-זייט פון מאקעדאניע. ער האט געפירט עקספעדיציעס קיין איליריע און אזש ביזן דונאי; ער האט אויך אויסגעשפרייט זיין מאכט פאזע ברעג ביז צום העלעספאנט. ער האט פארנומען דארט די האפן-שטאט אמפיפאליס און עטלעכע גאלד-גרובן, וואס זיינען דארט געווען בשכנות. נאך עטלעכע טראקישע עקספעדיציעס האט ער זיך געווענדט קיין דרום מיט גוטע כוונות. ער האט זיך איינגעשטעלט פאר דער דעלפישער אמפיקטיאניע קעגן יענע פאקייער פארשווערער פון הייליקטום, און איז אזוי ארום ארויסגעטרעטן ווי א קעמפער פאר דער העלענישער רעליגיע.

עס איז געווען א שטארקע פארטיי אין גריכנלאנד, א פאן-העלענישע פארטיי, וואס איז געווען דערפאר, אז מען זאל אנערקענען פיליפן פארן פירער פון גריכנלאנד. דער הויפט-שרייבער פון דער פאן-העלענישער באוועגונג איז געווען איסאקראטעס. אטען, ווידער, איז געווען דער קאפ פון דער אפאזיציע קעגן פיליפן, און אטען


די מלחמות און די אימפעריע
פון
אלכסנדר מוקדון
אלכסנדרס מארש־ליניע
מצרים
שושן
בבל
ירושלים
קיפרוס
צור
עזה
פערסעפאָלים
פארטיע
קאַבול
אינדוס
טראַקישע און אילירישע מלחמה 335
0 500 1000 מייל
J.F.H.

האָט אָפן אַרויסגעוויזן איר סימפּאַטיע צו פּערסיע און האָט אַפילו געשיקט עמיסאַרן צו וואָרענען דעם גרויסן קיניג פאַר דער סכּנה, וואָס עס באַטייט פאַר אים אַ געאייניקט גריכנלאַנד. מיר קאָנען דאָ ניט דערציילן אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין משך פון צוועלף יאָר. אין יאָר 338 פאַר קר. איז באַשלאָסן געוואָרן דער לאַנגער קאַמף צווישן געשפּאָלטנקייט און פּאַן־העלעניזם, אין דער שלאַכט ביי כייראָנעע האָט פיליפּ צעקלאַפּט ביז לעצט אַטען מיט אירע פאַרבינדעטע. ער האָט געמאַכט שלום מיט אַטען אויף זייער גינסטיקע תּנאים פאַר דער שטאָט; ער האָט בכלל זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַנטשלאָסן צו שטיצן און באַגינסטיקן די דאָזיקע עקשנותדיקע קעגנערין זיינע. און אין זעלביקן יאָר 338 פאַר קר. האָט אַ קאָנגרעס פון די גריכישע מלוכות אים אָנערקענט פאַרן הויפּט־אָנפירער פון דער מלחמה קעגן פּערסיע.

ער איז דעמאָלט געווען אַ זיבן און פערציקער. עס האָט אויסגעוויזן, ווי די גאַנצע וועלט ליגט פאַר זיינע פיס. ער האָט זיין קליין לאַנד געהאַט געמאַכט פאַר דער פירנדיקער מלוכה אין דער גרויסער גריכיש־מאַקעדאָנישער קאָנפעדעראַציע. די דאָזיקע פאַראייניקונג האָט באַדאַרפט זיין די פאָרשפּיל צו נאָך אַ גרעסערער, צו דער פאַראייניקונג פון דער מערבדיקער וועלט מיט דער פּערסישער אימפּעריע צו איין וועלט־מלוכה פון אַלע דעמאָלט באַוואוסטע פעלקער. ווער קאָן זיין מסופק דערין, אַז ער האָט וועגן דעם געחלומט? די שריפטן פון איסאָקראַטעס באַווייזן, אַז דאָס איז אַזוי. ווער קאָן לייקענען, אַז ער וואָלט דאָס געקאָנט רעאַליזירן? ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו האָפן, אַז ער וועט נאָך לעבן אפשר אַ פערטל יאָרהונדערט. אין יאָר 336 האָט זיין אַוואַנגאַרד זיך אַריבערגעשיפט קיין אַזיע...

נאָר ער איז ניט אַריבער מיטן הויפּט־חיל. ער איז געוואָרן דערהרגעט.

2. דערמאָרדונג פון קיניג פיליפ.

איצט מוזן מיר דערציילן אַ ביסל מכּוח קיניג פיליפּס פאַמיליען־לעבן. ביידנס לעבן, פיליפּס און זיין זונס, איז דורכגענומען מיט דער פּערזאָן פון אַן אומבאַרוטער און שלעכטער פרוי — דאָס איז אָלימפּיאַס, אלכסנדרס מוטער.

זי איז געווען די טאָכטער פון קיניג עפּירוס, אַ לאַנד אין מערב-זייט פון מאַקעדאָניע, וואָס איז, פּונקט ווי מאַקעדאָניע, געווען אַ האַלב גריכיש לאַנד. זי האָט באַגעגנט פיליפּן, אָדער האָט זיך געשטעלט אין זיין וועג, אויף עפּעס אַ רעליגיעזער פאַרזאַמלונג אין סאַמאָטראַקע. פּלוטאַרך דערקלערט, אַז דער שידוך איז געווען אַ ליבע-שידוך, און עס ווייזט אויס, אַז אין די טענות קעגן פיליפּן איז, לכל הפּחות, דאָס ריכטיק, וואָס, פּונקט ווי אַ סך מענטשן מיט ענערגיע און פאַנטאַזיע-קראַפט, איז ער נוטה געווען גרינג זיך איינצוליבן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אָלימפּיאַס, אַז ער איז שוין געווען אַ קיניג, און אלכסנדר איז געבאָרן געוואָרן אין דריי יאָר אַרום.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און אָלימפּיאַס און פיליפּ זיינען געוואָרן פאַרפרעמדט און ברוגז. זי איז געווען אייפערזיכטיק אויף אים, אָבער עס איז געווען נאָך אַ סיבה, און אַ וויכטיקערע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט צרות אין זייער לעבן: דאָס איז געווען איר גלוסט צו רעליגיעזע מיסטעריעס. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז לעבן דער פיינער און איינגעהאַלטענער נאָרדישער רעליגיע פון די גריכן איז דאָס לאַנד געווען פול מיט רעליגיעזע קולטן פון אַ מער טונקעלערן און מער פּרימיטיוון מין, קולטן פון די איינגעבאָרענע פעלקער מיט פאַרבאָרגענע איינהייליקונגען, אָרגיאַסטישע פייערונגען און אָפטמאָל מיט אכזריותדיקע און מיאוסע מנהגים. די דאָזיקע רעליגיעס פון שאָטנס, די דאָזיקע גלויבענישן פון ווייבער און פּויערים און שקלאַפן האָבן געגעבן גריכנלאַנד אירע אָרפישע, דיאָניזישע און דעמעטער-קולטן; זיי האָבן אַרויסגעלאָקערט פון דער אייראָפּעישער טראַדיציע כמעט ביז צו אונזער צייט. די כּישוף-מאַכעריי פון מיטלעלטער מיט איר גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון קינדער-בלוט, מיט אָנצוהערענישן פון אָפּגעטאָנענע קרימינעלע פאַרברעכנס, מיט אירע השבעות און

כישוף=קרייזן, איז, ווייזט אויס, ניט מער ווי די איבערגעבליבענע רעשטן פון יענע פייערונגען פון די טונקל=ווייסע מענטשן. אין יענע זאַכן איז אָלימפּיאַס געווען אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן בּרען, און פּלוטאַרך דערציילט, אַז זי האָט געהאַט אַ גאַנץ גרויסן שם פאַר קענען איינצאַמען שלאַנגען בעת יענע מיסטעריעס. אירע אַלע חדרים זיינען געווען פול מיט שלאַנגען, און פון דער געשיכטע איז ניט קלאָר, צי דאָס האָט פּשוט צערייצט פיליפּן, צי עס האָט אין אים דערוועקט אַ רעליגיעזן ווידערווילן, בכל=אופן איז אָט די טועכץ פון זיין ווייב געווען שטאַרק ניט באַקוועם פאַר פיליפּן, וואָרעם דאָס מאַקעדאָנישע פאָלק איז נאָך געווען אויף יענער פרייער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, בעת מען האָט נאָך ניט געהאַט קיין טעם אין ענטוזיאַסטישע רעליגיעס צי אין כישוף=טרייבנדיקע ווייבער.

באַווייזן, אַז צווישן פאָטער און מוטער האָט געהערשט אַ ביטערע פיינטשאַפט, שטעקן אַרויס פון אַ סך קלייניקייטן אין די דערציילונגען. זי האָט באַשיימפּערלעך ניט פאַרגונען פיליפּן זיינע ניצחונות; זי האָט פיינט געהאַט זיין גדולה. פאַראַן אַ סך סימנים, אַז אָלימפּיאַס האָט געטאָן וואָס זי האָט געקאָנט אויף אָנצורייצן דעם זון קעגן פאָטער און אַריבערציען אים אינגאַנצן אויף איר צד. אין פּלוטאַרכס „לעבן פון אלכסנדר" ווערט דערציילט אַזאַ מעשה: „אַז עס פלעגט אָנקומען אַ בשורה וועגן פיליפּס אַ נייעם ניצחון, אַז ער האָט איינגענומען אַ שטאָט צי געוואונען אַ גרויסע שלאַכט, איז ער קיינמאָל ניט געווען קענטיק שטאַרק צופרידן דאָס צו הערן; פאַרקערט, ער פלעגט זאָגן צו זיינע שפּיל=חברים: „דער פאָטער וויל אַלצדינג אָפּטאָן אַליין, קינדער; ער וויל ניט איבערלאָזן קיין איין גרויסע זאַך פאַר מיר מיט אייך אויפצוטאָן".

עס איז ניט קיין נאַטירלעכע זאַך, אַז אַ יינגל זאָל אויף אַזאַ שטייגער מקנא זיין דעם פאָטער, סיידן מען האָט אים אָנגערעדט דערצו. די דאָזיקע פראַזע קלינגט ווי נאָכגערעדט.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי באַשיימפּערלעך עס איז, אַז פיליפּ האָט געהאַט בדעה צו מאַכן אלכסנדרן פאַר זיין יורש, און ווי אַזוי ער איז להוט געווען אַריינצושטופּן גדולה און מאַכט אין יינגלס הענט. ער האָט געטראַכט וועגן פּאָליטישן בנין, וואָס ער האָט געהאַלטן

אין בויען. נאָר די מוטער האָט געקלערט וועגן כבוד און גדולה פון דער גרויסאַרטיקער מאַדאַם אָלימפּיאַס. האָט זי פאַרמאַסקירט איר שנאה צום מאַן אונטערן אויסרייד פון דער מוטערלעכער זאָרג פאַרן זונס צוקונפט. אין יאָר 337 פאַר קר. האָט פיליפּ, לויטן מנהג פון די מלכים אין יענער צייט, גענומען אַ צווייטע ווייב, אַ געבאָרענע מאַקעדאָניערין, מיטן נאָמען קלעאָפּאַטרע, „וואָס ער איז געווען אין איר ליידנשאַפטלעך איינגעליבט“. דעמאָלט האָט אָלימפּיאַס אויפגעהויבן אַ גאַנצע מהומה.

פּלוטאַרך דערציילט וועגן אַ מיאוסער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער חתונה־מאָלצייט פון פיליפּ און קלעאָפּאַטרע. מען האָט געטרונקען אַ סך ווייַן, און אַטאַלוס, דער כלהס פאָטער, וואָס איז געווען „שטאַרק שיכור“, האָט אַרויסגעוויזן די אַלגעמיינע שנאה צו אָלימפּיאַס און צו עפּירוס, דורך דעם, וואָס ער האָט געזאָגט: אַז דאָס קינד, וואָס וועט געבאָרן ווערן פון דעם איצטיקן זיווג, וועט זיין דער אמתער מאַקעדאָנישער יורש. דערויף האָט אלכסנדר, אָנגעצונדן פאַר אַזאַ באַליידיקונג, אויסגעשריען: „און וואָס בין איך?“ און האָט אַ וואָרף געטאָן דעם בעכער אויף אַטאַלוסן. פיליפּ, אויסער זיך פון כעס, איז אויפגעשטאַנען, זאָגט פּלוטאַרך, אַרויסגעצויגן זיין שווערד, נאָר ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַנידערגעפאַלן. אלכסנדר, אָן זינען פון כעס און קנאה, האָט געזידלט און געלעסטערט דעם פאָטער.

„מאַקעדאָניער“, האָט ער געזאָגט, „קוקט אים נאָר אָן דעם פעלדמאַרשאַל, וואָס וויל גיין פון אייראָפּע קיין אַזיע! ער קאָן דאָך ניט אַריבערגיין פון איין טיש צום אַנדערן!“

ווי די סצענע לעבט נאָך איצט, פיליפּס שטרויכלונג, די צעהיצטע פּנימער, דעם יינגלס צערייצטע שטים! אויפן צווייטן טאָג איז אלכסנדר אַוועק מיט זיין מוטער — און פיליפּ האָט גאָרנישט ניט געטאָן אויף זיי צו פאַרהאַלטן. אָלימפּיאַס איז אַוועק אַהיים קיין עפּירוס; אלכסנדר איז אַוועק קיין איליריע. שפּעטער האָט פיליפּ געפועלט ביי אים, ער זאָל קומען צוריק.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה. אלכסנדר האָט געהאַט אַ ברודער אַרידאַיאָס, וואָס איז ניט געווען ביים פולן זינען; דער פערסישער

מושל פֿון קאַריע פּיקסאָדאַרוס האָט אים געוואָלט געמען פֿאַר אַן איידעם. „אַלכּסנדרס גוטע פֿריינד און זיין מוטער האָבּן אים געפּרוווט ווידער איינריידן, הגם דאָס איז געווען לחלוטין פֿאַלש, אַז דורך אַזאַ פּיינעם שידוך איז פֿיליפּ אויסן צו באַשטימען די קרוין פֿאַר אַרידאַיאָסן. אַלכּסנדר, וואָס איז געווען אומרויִק מחמת די דאָזיקע השדים, האָט געשיקט אַ געוויסן טעסאַלוס, אַ שפּילער, קיין קאַריע, צו בּעטן די דאָרטיקע מיוחסדיקע לייט, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון אַרידאַיאָסן, וואָס איז נישט כּשר געבּוירן און שוואַכזיניִק, און זיך פֿאַרבּינדן מיטן געזעצלעכן קרוין=יורש. פּיקסאָדאַרוס איז געווען ניט אין אַן ערך מער צופֿרידן מיט דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג. נאָר פֿיליפּ, ווי נאָר עד איז געוואָר געוואָרן פֿון דער מעשה, איז ער געקומען צו אַלכּסנדרן אין צימער אַריין און האָט מיטגענומען מיט זיך פֿילאָטאַסן, דעם זון פֿון פּאַרמעניאָן, איינעם פֿון זיינע נאָענטסטע פֿריינד און חברים, און פֿאַר אים אין די אויגן האָט ער אים אויפֿגעוואָרפֿן זיין שפּלקייט און געמיינקייט פֿון כּאַראַקטער, וואָס ער יאָגט זיך צו ווערן אַן איידעם פֿון יענעם קאַריער, וואָס איז איינער פֿון די שקלאַפֿן פֿון אַ בּאַרבּאַרן=קיניג. אין דער זעלבּיקער צייט האָט ער געשריבּן צו די קאָרינטער, זיי זאָלן אים צושיקן טעסאַלוסן געשמידט אין קייטן. האַרפּאַלוסן און ניאַרכוסן, פֿריגיוסן און פּטאָלעמייען, און נאָך עטלעכע פֿון דעם פּרינצס נאָענטסטע חברים, האָט ער פֿאַרטריבּן פֿון לאַנד. אַלכּסנדר האָט שפּעטער זיי גערופֿן צוריק און האָט זיי בּאַהאַנדלט מיט גרויס אויסצייכענונג“.

דאָ איז פֿאַראַן עפּעס זייער רירנדס אין דעם פֿאָטער, וואָס טענהט זיך אויס מיטן זון, וואָס ער האָט אים בּפֿירוש ליבּ, און ווערט צעטומלט דורך דעם געוועבּ פֿון נידעריקע איינפֿלוסן, וואָס מיט זיי איז אַרומגעוועבּט דעם יינגלס פֿאַנטאַזיע.

דאָס האָט געטראָפֿן אויף דער חתונה פֿון זיין טאָכטער מיט איר פֿעטער, דעם קיניג פֿון עפּירוס, אָלימפּיאַס בּרודער, דעמאָלט איז פֿיליפּ דערשטאָכן געוואָרן. ער איז געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע צום טעאַטער, ניט בּאַוואָפֿנט, אין אַ ווייסן מלבּוש, און עס האָט אים געשטאָכן איינער פֿון זיינע לייבּ=וועכטערס. דער מערדער האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ פֿערד, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט,

און ער וואָלט אַנטלאָפֿן געוואָרן, נאָר דעם פֿערדס פֿיס האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ ווילדן ווייַנשטאָק, און אַז ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן, האָבן אים די נאָכיאָגערס אַראָפּגעשלעפּט פֿון זאָטל און דערהרגעט...

אַזוי האָט אַלכּסנדר צו צוואַנציק יאָר ניט מער באַדאַרפֿט מער מורא האָבן פֿאַר זיין ירושה, און איז געוואָרן קיניג פֿון מאַקעדאָניע.

אָלימפּיאַס האָט זיך ווידער אַמאָל באַוויזן אין מאַקעדאָניע, אַ פֿרוי, וואָס האָט געלעכצט נאָך נקמה. מען זאָגט, אַז זי האָט געפֿאָדערט, מען זאָל אָפּגעבן אַ גלייכן כּבֿוד ביים באַגראָבן פֿיליפּן און זיין מערדער.

אין גריכנלאַנד איז מען געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון דער גליקלעכער געשעעניש, און דעמאָסטענעס, אַז ער האָט געהערט די בשורה, איז ער, הגם עס איז געווען ערשט זיבן טעג נאָך זיין אייגענער טאָכטערס טויט, געקומען צו דער פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג אין אַ טען אויסגעפּוצט יום-טובדיק, מיט אַ בלומען-קראַנץ אויפֿן קאָפּ.

וואָס אָלימפּיאַס זאָל אויך האָבן געהאַט צו טאָן מיט איר מאַנס מערדער, נאָר די געשיכטע איז מחולק מכּוח איר באַגיין זיך מיט פֿיליפּס צווייטער פֿרוי קלעאָפּאַטרע. ווי נאָר אַלכּסנדר איז דאָס ערשטע מאָל אַוועק פֿון דער היים (ער האָט באַדאַרפֿט איינשטילן אַ מרידה פֿון בערג-איינוואוינער אין צפֿון), איז קלעאָפּאַטרעס נייַ געבאָרן קינד דערהרגעט געוואָרן אין דער מוטערס אָרעמס, און קלעאָפּאַטרע — בלי-ספֿק נאָכדעם ווי מען האָט זיך אַ ביסל איז-דעקעוועט איבער איר — איז דערשטיקט געוואָרן. מען זאָגט, אַז דער דאָזיקער אויסבראָך פֿון ווייַבערשן געפֿיל איז אַלכּסנדרן געווען שטאַרק ניט צום האַרצן, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט איבערצולאָזן די מוטער אין מאַקעדאָניע מיט אַ גענוג גרויסער מאַכט. זי האָט געשריבן צו אים בריוו איבער רעליגיעזע און פּאָליטישע פֿראַגן, און ער פֿלעגט שטענדיק איר צושיקן אַ טייל פֿון דעם רויב, וואָס ער האָט פֿאַרכאַפּט אין מלחמה.

3. אַלכסנדרס ערשטע באַצווינגונגען.

די דאָזיקע מעשיות מוז מען דערציילן, ווייל אָן זיי קאָן מען די געשיכטע ניט פאַרשטיין. די גרויסע וועלט מיט מענטשן צווישן אינדיע און אַדריאַטישן ים איז געווען גרייט צו פאַראייניקונג, אַזוי ווי זי איז קיין מאָל ניט געווען גרייט צו אַ פאַראייניקטער רעגירונג. עס איז געווען די גרויסע פערסישע אימפעריע מיט אירע וועגן און פאָסט, מיט איר אַלגעמיינעם שלום און וואוילשטאַנד, פאַרטיק אויפצונעמען די באַפרוכפערנדיקע השפעה פון גריכישן גייסט. און די דאָזיקע מעשיות באַווייזן דעם כאַראַקטער פון די מענטשן, וואָס זיי האָבן דאָס באַדאַרפט אויספירן די דאָזיקע גרויסע זאַך. אָט איז געווען פיליפ, באמת אַ גרויסער און אידעעלער מאַן, אָבער ער איז פאָרט געווען אַ שיכור און האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן אָרדענונג אין זיין אייגענער משפחה. און אָט איז געווען אַלכסנדר, וואָס איז אין אַ סך פרטים געשטאַנען העכער פון אַלע מענטשן פון זיין דור, אָבער ער איז געווען אַ גרויסהאַלטער, אַ בעל-תאווה, האָט קיינעם ניט געטרויט, די מוטער זיינע האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרדאָרבן זיין נשמה.

מיר הייבן אָן צו פאַרשטיין אַ ביסל, וואָס האָט די וועלט געקאָנט זיין, וואָס האָט די מענטשהייט געקאָנט ווערן, אויב זי וואָלט ניט געווען אַזוי רוי, נאָך אַזוי ווינציק מענטשלעך. סך-הכל אַ זיבעציק דורות זיינען אַוועק פון אַלכסנדר דעם גרויסן ביז אונז; און צווישן אונז און אונזערע אבות די ווילדע יעגערס, וואָס האָבן געסמאַליעט זייער עסן אויף קוילן אָדער גאָר געגעסן עס רוי, ליגן אַ וואָסערע פיר צי פינף הונדערט דורות. פיר אָדער פינף הונדערט דורות קאָנען ניט קלעקן אויף איבערצובייטן די טבע פון אַ מין. זאָל נאָר אַ מאַן אָדער אַ פרוי ווערן גענוג איפערזיכטיק צי דערשראָקן צי שיכור צי אין כעס, און די הייסע רויטע אויגן פון הייל-מענטשן וועלן אונז אַנטקעגנפינקלען נאָך ביי היינטיקן טאָג. מיר האָבן שריפט און לערנונג, וויסן און מאַכט; מיר האָבן אויך געצאַמט די חיות און געמייסטערט דעם בליץ; נאָר ערשט פאַוואָליע קריכן מיר צום

ליכט. מיר האָבן איינגעצאַמט און אויסגעהאָדעוועט די חיות, נאָר מיר מוזן נאָך איינצאַמען און אויסהאָדעווען זיך אַליין.

באַלד פון אָנהייב פון זיין רעגירונג האָבן אלכסנדרס מעשים באַוויזן, ווי גוט ער האָט זיך אָנגעאייגנט דעם טאַטערס פּלענער און ווי גרויס זיינען געווען זיינע אייגענע כשרונות. עס איז נייטיק אַ קאַרטע פון דער באַוואוסטער וועלט, כּדי צו הייזן דעם לויף פון זיין לעבן. צוערשט, נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן פון גריכנ־לאַנד די פאַרזיכערונג, אַז ער וועט זיין גענעראַל־פעלדמאַרשאַל פון אַלע גריכישע חיילות, האָט ער אַוועקגעמאַרשירט דורך טראַקיע צום דונאַי. ער איז געווען דער צווייטער גרויסער מאָנאַרך, וואָס האָט געמאַכט אַן אָנפאַל אויפן לאַנד פון די סקיטן אויף יענער זייט דונאַי. ער איז אַריבער דעם טייך און האָט פאַרברענט אַ דאָרף; דערנאָך איז ער אַריבער צוריק און האָט זיך געלאָזט גיין קיין מערב, ביז ער איז געקומען קיין אילירים. אין יענער צייט איז אויפגעשטאַנען אַ מרידה אין טעבען, און דער נאָענטסטער קלאַפּ זיינער איז געווען אין גריכנלאַנד. טעבען — ניט אונטערגעהאַלטן, פאַרשטייט זיך, דורך אַטען — איז געוואָרן איינגענומען און אויסגערויבט; אלכסנדר איז זיך באַגאַנגען מיט דער שטאָט מיט אויסערגעוויינטלעכער אכזריות: אַלע בנינים, חוץ דעם טעמפּל און דעם הויז פון פּאָעט פּינדאַר, זיינען געוואָרן צעשטערט, און דרייסיק טויזנט מענטשן זיינען גע־וואָרן פאַרקויפט אין שקלאַפעריי. גריכנלאַנד איז געווען געפּלעפט, און אלכסנדר האָט געקאָנט אָנהייבן דעם מאַרש קעגן פּערסיע.

דער חורבן פון טעבען האָט באַוויזן אַ שטריך פון אכזריות אין כאַראַקטער פון דעם נייעם האַר פון די מענטשלעכע גורלות. דאָס איז געווען אַ צו שווערער קלאַפּ. עס איז געווען אַ באַרבאַרייזם אַזוינס צו טאָן. אויב דער גייסט פון מרידה איז געווען דערשטיקט, איז אָבער צוגלייך אויך דערשטיקט געוואָרן דער גייסט פון הילף. די גריכישע מלוכות זיינען שפּעטער געבליבן אינערט, ניט זיי האָבן זיך געבונטעוועט, ניט זיי האָבן געהאָלפן. זיי האָבן ניט געוואָלט אונטערהאַלטן אלכסנדרן מיט זייערע פלאָטן, וואָס דאָס איז געווען אַ זייער ערנסטער שטער פאַר אים.

פאַראַן אַ מעשה, וואָס פּלוטאַרך דערציילט וועגן דער דאָזיקער טעבאַנער שחיטה, כּלומרשט צו אַלכּסנדרס שבח, נאָר אין דער אמתן באַווייזט זי נאָר דעם ווידעראַנאַנד צווישן זיין ניכטערקייט און זיין ווילדקייט. ער דערציילט וועגן אַ מאַקעדאָנישן אָפּיציר און אַ טעבאַנער פרוי. דער אָפּיציר איז געווען איינער פון די רויבערס, און ער איז אַריין אין דער פרוים הויז, האָט זי געפּייניקט און זיך איזדיעקעוועט איבער איר און צולעצט געפרעגט בּיי איר, צי זי האָט באַהאַלטן זילבער און גאָלד. האָט זי אים געזאָגט, אַז איר גאַנץ עשירות האָט זי באַהאַלטן אין ברונעם און האָט אים אַוועקגעפירט אַהין, און אַז ער האָט זיך אַיינגעבויגן אַ קוק צו טאָן, האָט זי אים מיט אַמאָל אַ שטופּ אַריין געטאָן און גענומען וואַרפן אויף אים גרויסע שטיינער, ביז זי האָט אים דערהרגעט. עטלעכע זעלנער זיינען אָנגעקומען אויף דער סצענע, האָבן זי געכאַפּט און אָפּגעפירט צו אַלכּסנדרן אויף אַ משפט.

זי האָט זיך געשטעלט שטאָלץ קעגן אים. ביי אים האָט ששוין דער כּעס, וואָס האָט אים געטריבן צו באַפעלן די שחיטה, געהאַלטן אין אויסוועבן זיך, און דערפאַר האָט ער לא די וואָס ניט באַשטראָפט זי, נאָר ער האָט געהייסן אומקערן איר איר פאַמיליע און אייגנס און לאָזן זי פריי. פּלוטאַרך שטעלט דאָס אַרויס ווי אַן איידלקייט אַלכּסנדרס, נאָר בעצם איז דער ענין ניט אַזוי פּשוט. אַלכּסנדר גופא איז דאָך געווען דער, וואָס האָט געווילדעוועט קעגן די טעבאַנער, וואָס האָט גערויבט און פאַרשקלאַפט. יענע מאַקעדאָנישע חיה-רעה, וואָס האָט געהאַט דעם סוף אין ברונעם, האָט דאָך געטאָן נאָר דאָס, וואָס מען האָט אים געהייסן טאָן. געשיקט זיך דאָס פאַר אַ קאָמאַנדיר צוערשט אַרויסגעבן אכזריות-דיקע באַפעלן, און דערנאָך מוחל זיין און באַלוינען יענע, וואָס הרגען אַוועק זיינע משרתים, די אויספירער פון זיינע באַפעלן? דער דאָזיקער אויפשיין פון חרטה, ביים אָנבליק פון אַ פרוי, וואָס איר האָט אפשר ניט געפעלט קיין טראַגישע ווערדע און שיינקייט, איז אַ קנאַפּע כּפּרה פאַר דער שחיטה פון אַ גרויסער שטאָט.

אין אַלכּסנדרן איז געווען אויסגעמישט די ווילדקייט פון אָלימפּיאַס פון פיליפּס פּיקחות און אַריסטאָטעלעסעס לערנונג. אָט די מעשה טעבען האָט זיכער צעטומלט אַלכּסנדרס גייסט. ווען ער פלעגט שפּעטער באַגעגענען טעבאַנער, פלעגט ער זיך שטאַרען אַרויסצוּווייזן זיי באַזונדערע חסדים. טעבען, זאָל געזאָגט ווערן צו זיין שבח, איז אים געשטאַנען שטענדיק פאַר די אויגן.

נאָר פונדעסטוועגן האָט דער אָנדענק פון טעבען ניט געראַטעוועט דריי אַנדערע גרויסע שטעט פון אַן ענלעכן גורל. צור איז געוואָרן צעשטערט און עזה אין פּאַלעסטינע און אַ שטאָט אין אינדיע, וואָס בעתן שטורעם אויף איר האָט ער געקראָגן אַ קלאַפּ אין אָפּענער שלאַכט און איז פאַרוואונדעט געוואָרן. פון דער לעצטער שטאָט האָט ער קיין איין לעבעדיקן נפש ניט פאַרשוינט, אַפילו ניט קיין קינד. מסתמא האָט ער געמוזט דערשפּירן אַ גרויסע שרעק, אויב ער האָט זיך מיט אַזאַ רציחה נוקם געווען.

ביים אָנהייב פון דער מלחמה מיט די פּערסער האָבן די לעצטע געהאַט דאָס פאָר, וואָס זיי זיינען געווען די פּאַקטישע באַלעבאַטים איבערן ים. די אַטענער און זייערע פאַרבינדעטע זיינען געווען ברוגז און האָבן קיין הילף מיט זייערע שיפן ניט געגעבן. אַלכּסנדר, בכדי אַריבערצוקומען קיין אַזיע, האָט געמוזט גיין אַרום און אַרום דורכן העלעספּאָנט; און אויב ער וואָלט זיך האָבן אַריינגעריסן וויט אין דער פּערסישער אימפּעריע, האָט ער ריזיקירט צו ווערן אָפּגעשניטן אינגאַנצן פון זיין באַזע. דעריבער איז זיין ערשטע אויפגאַבע געווען אָפּצושניידן דעם שונא פון ים, און דאָס וואָלט ער געקאָנט טאָן נאָר דורך מאַרשירן פאַזע ברעג פון קליין־אַזיע און איינעמען איין האַפן־שטאָט נאָך דער אַנדערער, ביז אַלע ים־באַזעס פון די פּערסער וואָלטן געווען צעשטערט. וואָלטן די פּערסער געהאַט אויסגעמיטן אַ שלאַכט און וואָלטן אָנגעפאַלן אויף זיין צעצויגענער קאָמוניקאַציע־ליניע, וואָלטן זיי מסתמא געקאָנט אים צעקלאַפּן אינגאַנצן. האָבן זיי אָבער ניט געטאָן אַזוי. אַ פּערסישע אַרמיי, ניט קיין סך גרעסער ווי זיינע, האָט געגעבן אים אַ שלאַכט אויף די ברעגעס פון טייך גראַניקוס (334 פאַר קר.) און איז געוואָרן פאַרלענדט. דאָס האָט אים גע־

לאָזן פריי צו פאַרנעמען סאַרדיס, עפעסוס, מילעט און נאָך אַ ווילדער שלאַכט האַליקאַרנאַס. דערווייל איז דער פערסישער פלאַט געווען אים ביים רעכטן פלאַנג, צווישן אים און גריכנלאַנד, האָט געסטראַשעט אַ סך, אָבער גאָרנישט געטאָן.

אין יאָר 333 פאַר קר. האָט ער זיך ווייטער מאַרשירט פאַזע ברעג און אײַנגענומען איין ים-באַזע נאָך דער אַנדערער, ביז ער איז געקומען צום שפּיץ פון יענעם אויסגוס, וואָס הייסט איצט דער אויסגוס פון אלכסנדרעטע. אַ גוואַלדיקע פערסישע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון קיניג דריוש III איז געווען אין צענטער פון לאַנד פאַזע זיין מאַרש-ליניע, אָפּגעשיידט פון ברעג דורך הויכע בערג, און אלכסנדר האָט זיך געפונען הינטער דעם שונאס חייל, נאָך איידער ער אָדער די פערסער האָבן באַמערקט, אַז זיי זיינען נאָענט צו אַנאַנד. קענטיק, אַז דער אויסשפיר-דינסט איז געווען שלעכט אָוועקגעשטעלט סיי ביי די גריכן און סיי ביי די פערסער. די פערסישע אַרמיי איז געווען אַ שלעכט אָרגאַניזירטער ערב-רב פון זעלנערס, טראַנספּאָרט, מיטגייערס און אַז"וו. למשל, דריוש איז דאָרט געווען מיט זיין האַרעם, און עס זיינען געווען אַ המון שקלאַפן, מוזיקאַנטן, טענצערס און קעכערס. אַ סך פון די אייבערשטע אָפיצירן האָבן מיטגעבראַכט זייערע משפחות, בכדי צו ווייזן זיי די שפּיל, ווי אַזוי מען וועט דאָס אַרויסיאָגן די מאַקעדאָנישע אָנפאַלערס. די חיילות זיינען געווען צונויפגענומען פון אַלע פּראָווינצן פון דער מלוכה; זיי האָבן ניט געהאַט קיין טראַדיציע אָדער פּרינציפּ פון אַ פאַראייניקטער אַקציע. מאַכאַפּט פון דעם געדאַנק אָפּצושניידן אלכסנדרן פון גריכנלאַנד, האָט דריוש געלאָזן גיין די חיילות זיינע איבער די בערג צום ים; אים האָט אָפּגעגליקט דורכצוגיין די ענגע דורכגענג אָן שטערעניש און ער האָט זיך געלעגערט אין דעם פליין פון איסוס צווישן די בערג און דעם ברעג ים. און דאָ האָט אלכסנדר, וואָס האָט זיך אומגעקערט אויף צו שלאָגן אים, דערלאַנגט אים דעם אמתן קלאַפּ. די קאַוואַלעריע-אַטאַקע און די פאַלאַנגס האָט צעשמעטערט דעם גרויסן ברעכעוודיקן חייל, אַזוי ווי אַ שטיין צעשפּליטערט אַ פלאַש. ער האָט זיך

געלאָזן לויפן. דריוש איז אַרויס פון זיין רייטוואָגן — דעם קריגסגעצייג, וואָס זיין צייט איז שוין געווען פאַרביי — און איז אַנטלאָפן רייטנדיק אויף אַ פערד, איבערגעלאָזט אַפילו זיין האַרעם אין אלכּסנדרס הענט.

אַלע באַריכטן וועגן אַלכּסנדרן נאָך אָט-דער שלאַכט ווייזן אים פון דער בעסטער זייט. ער איז געווען אײַנגעהאַלטן און ברייטהאַרציק. ער האָט באַהאַנדלט די פּערסישע פירשטינס מיט דער גרעסטער איידלקייט. און ער האָט געהאַלטן קאָפּ; ער האָט ניט אָפּגעלאָזט זיין פּלאַן. ער האָט געלאָזט דריושן אַנטלויפן קיין סיריע און האָט אים ניט נאָכגעיאָגט און איז זיך געגאַנגען ווייטער זיין מאַרש אויף די שיף-באַזעס פון די פּערסער. — דאָס הייסט, אויף די פעניקישע ים-שטעט צור און צידון.

צידון האָט זיך אונטערגעגעבן; צור האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

דאָ האָבן מיר, מער ווי אַנדערשוואו, באַווייזן פון אַלכּסנדרס גרויסע מיליטערישע פעיִקייטן. די אַרמיי זיינע איז געווען זיין פאָטערס שאַפונג, אָבער פיליפּ האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַט אויסגעצייכנט ביי באַלעגערונג פון שטעט. אַז אַלכּסנדר איז געווען אַ יינגל פון זעכצן יאָר, האָט ער געזען, ווי זיין פאָטער איז געוואָרן אָפּגעשטופּט פון דער באַפעסטיקטער שטאָט ביזאַנטיאָן ביים באָספּאָר. איצטער איז ער געשטאַנען פּנים-אל-פּנים קעגן אַ שטאָט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן איין באַלאַגערונג נאָך דער אַנדערער, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן נבוכדנאצר דעם גרויסן פערצן יאָר לאַנג. אויף אויסצוהאַלטן באַלאַגערונגען זיינען די סעמיטישע פעלקער געווען די ערשטע אין דער וועלט. צור איז דעמאָלט געווען אַן אינזל, אַ האַלב מייל ווייט פון ברעג, און איר פלאָט איז געווען שטאַרק. פון דער אַנדער זייט האָט אַלכּסנדר שוין געהאַט געלערנט פון דער באַלאַגערונג פון דער פעסטונג פון האַליקאַרנאַס. ער האָט געהאַט צונויפגעקליבן אַן אינזשענער-קאָרפּוס פון קיפּריס און פעניקיע, דער צידונישער פלאָט איז געווען מיט אים, און איצט איז נאָך אַריבער צו אים דער קיניג פון קיפּרוס מיט אַ הונדערט און צוואַנציק שיפן, וואָס דאָס האָט אים געגעבן די ממשלה איבערן ים. ווייטער, די גרויסע קאַרטאַגאָ, צי ווייל זי האָט זיך פאַרלאָזן אויף דער

שטאַרקייט פון דער מוטער־שטאָט אָדער זי איז איר געוואָרן אומגעטריי, און דערצו איז זי נאָך געווען פאַרטאָן אין אַ מלחמה אויף סיציליע, נאָר קיין הילף האָט זי ניט געשיקט.

די ערשטע זאַך, וואָס אַלכסנדר האָט געטאָן, איז געווען אויפצובויען אַ דאַמבע פון דעם קאָנטינענט ביז צום אינזל; די דאָזיקע דאַמבע איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אַז די דאָזיקע דאַמבע איז צוגעקומען נאָענט צו די מויערן פון צור, האָט ער געלאָזט אויפשטעלן אויף איר טורעמס און מויער־ברעכערס. ער האָט אויך געשיקט קעגן די מויערן שיפן, וואָס אויף זיי זיינען געווען אויפגעשטעלט טורעמס און מויער־ברעכערס. די צורים האָבן באַנוצט פייער־שיפן קעגן זיין פלאָט און פלעגן מאַכן אַרויספאַלן פון זייערע האַפנס. אין אַ גרויסן פלוצימדיקן אַרויספאַל, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף די קיפרישע שיפן, זיינען זיי געוואָרן געכאַפט און שטאַרק צעקלאַפט; אַ סך פון זייערע שיפן זיינען דורכגעלעכערט געוואָרן און איין גרויסע גאַלערע מיט פינף רודער־בענקלעך און איינע מיט פיר, זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען. צולעצט איז געוואָרן געמאַכט אַן איינבראָך אין די מויערן, און די מאַקעדאָניער, קלעטערנדיק פון זייערע שיפן איבער די בראָך־שטיקער, האָבן איינגענומען אין שטורעם די שטאָט.

די באַלעגערונג האָט געדויערט זיבן חדשים. עזה האָט אויסגעהאַלטן צוויי חדשים. אין איטלעכן פאַל איז געווען אַ שחיטה, מען האָט די שטאָט אויסגערויבט און די באַפעלקערונג, וואָס איז לעבן געבליבן, פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. דערנאָך אַרום סוף פון יאָר 332 פאַר קר. איז אַלכסנדר אַריין אין עגיפטן, און די ממשלה איבערן ים איז געווען געזיכערט. גריכנלאַנד, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען קווענקלענדיק אין איר פּאָליטיק, האָט סוף־כל־סוף באַשלאָסן, אַז זי איז אויף אַלכסנדרס צד, און דער ראָט פון די גריכישע מלוכות אין קאָרינט האָט באַשטימט אַ גילדענע נצחון־קרוין פאַרן „גענעראַל־פעלדמאַרשאַל“. זינט יענער צייט זיינען די גריכן געווען פאַרבונדן מיט די מאַקעדאָניער.

די עגיפטער זיינען אויך געווען מיט די מאַקעדאָניער, נאָר זיי זיינען געווען פאַר אַלכסנדרן פון אָנהייב אָן. זיי האָבן געלעבט

אונטער דער פּערסישער הערשאַפֿט קרוב צו צוויי הונדערט יאָר, און אַז אַלכּסנדר איז געקומען, האָט זיך נאָר איבערגעביטן דער האַר; אין גרויסן און גאַנצן איז דער בייט געווען צום בעסערן. דאָס לאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן אָן אַ שלאַכט. אַלכּסנדר האָט זיך פֿאַרהאַלטן צו זייערע רעליגיעזע געפֿילן מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט ניט אויסגעוויקלט קיין מומיעס, ווי קאַמביזעס האָט געטאָן; ער האָט ניט געטשעפּעט דעם אַפּיס, דעם הייליקן אָקס פֿון מעמפֿיס. דאָ, אין גרויסע טעמפּלען און אין אַ ברייטן מאַסשטאַב, האָט אַלכּסנדר געפֿונען סימנים פֿון אַ פֿרומקייט, סודותדיק און איראַציאָנאַל, וואָס האָט אים דערמאָנט די מדות אין מיסטעריעס, וואָס זיין מוטער האָט אונטערגעהאַלטן און וואָס האָט געווירקט אויף זיין קינדהייט. אין משך פֿון די פֿיר חדשים אין עגיפּטן האָט ער געפֿלירטעוועט מיט רעליגיעזע עמאָציעס.

מיר מוזן געדענקען, אַז ער איז געווען נאָך זייער אַ יונגער מענטש, צעריסן אין זיך. די שטרענגע ניכטערקייט, וואָס ער האָט געירשנט פֿון פֿאָטער, האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ גרויסן זעלנער; אַריסטאָטעלעסעס לערנונג האָט אים געגעבן אַ געוויסן וויסנשאַפֿטלעכן אויסקוק אויף דער וועלט. ער האָט געהאַט חרוב געמאַכט צור; אין עגיפּטן, ביי איינער פֿון די לעפֿצונגען פֿון נילוס, האָט ער איצ געגרינדעט אַ נייע שטאָט, אַלכּסנדריאַ, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון אַלטן האַנדלס־צענטער. אין צפֿון־זייט פֿון צור, ניט ווייט פֿון איסוס, האָט ער געגרינדעט אַ צווייטע האַפֿן־שטאָט אַלכּסנדרעטע. ביידע שטעט בליען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, און אַ געוויסע צייט איז אַלכּסנדריאַ געווען די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. דערפֿון איז געדרונגען, אַז די פּלעצער זיינען געווען ריכטיק אויסגעקליבן. נאָר אַלכּסנדר האָט אויך געהאַט זיין מוטערס צערייצעוודיקע פֿאַנטאַזיע, און צוגלייך מיט שעפֿערישע אויפֿטוען האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין רעליגיעזע אַוואַנטורעס. די געטער פֿון עגיפּטן האָבן פֿאַרכאַפּט זיין געמיט. ער האָט געמאַכט אַ רייזע פֿון פֿיר הונדערט מייל צו אַ ווייטן אָאַזיס, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער אָראַקל פֿון אַמאָן. ער האָט באַדאַרפֿט זיך קלאָר מאַכן עטלעכע ספקות מכוח זיין אמתן יחוס.

זיין מוטער האָט צעהיצט זיין געמיט דורך רמזים און האַלבע ווערטער מכוח זיין געבוירנשאַפט. צי איז טאַקע אַזאַ פשוטער בשר־ודם, ווי פיליפ פון מאַקעדאָניע, באמת געווען זיין פאָטער?

אין משך פון כמעט פיר הונדערט יאָר איז עגיפּטן געווען פּאָליטיש דערנידעריקט, באַהערשט אַמאָל דורך די עטיאָפּער, אַמאָל דורך די אַשורים, אַמאָל דורך די בבלים, אַמאָל דורך די די פּערסער. וואָס שווערער עס איז געוואָרן צוצוזען די צרות פון היינט, אַלץ שענער און פּרעכטיקער האָט גענומען אויסווייזן דעם עגיפּטער דער עבר און יענע וועלט. פון קראַנקהאַפטיקער דערנידערונג פון פעלקער שפּראָצט אָפּט אַרויס האָפערדיקע רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. דער געטרעטענער קאָן זאָגן צו זיין באַצווינגער: „דאָס איז הבל און גאָרנישט לגבי די אמתע געטער". אַזוי איז דער זון פון פיליפ פון מוקדון, דער איבערהאַר פון גריכנלאַנד, געבראַכט געוואָרן הערצו, אַז ער האָט זיך געשפּירט זייער קליין צווישן די ווענט פון די ריזיקע טעמפּלען. און ער האָט געהאַט ניין מאָס פון די צען מאָס אַמביציע, וואָס יוגנט פאַרמאָגט, צו מאַכן אַן איינדרוק אין דער וועלט. ווי וואויל און גוט איז אים געווען איצט צו מאַכן די אַנטדעקונג, אַז ער איז גאָרניט קיין פשוטער בשר־ודם, וואָס איז באַגליקט געוואָרן, ניט איינער פון צווישן דעם אַ צטיקן פּאָבטן גריכישן המון, נייערט ער איז פון אַלטן און געטלעכן שטאַם, אַ זון פון אַ גאָט איז ער, פּרעה דער גאָט, דער זון פון אַמאָן רע!

שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געגעבן אַ שילדערונג פון יענער באַגעגעניש אין דעם מדבר־טעמפּל.

נאָר דער יונגער מענטש איז ניט אינגאַנצן געווען איינגעגלויבט. געווען ביי אים מאָמענטן פון איינגעגלויבטקייט; געווען אויך צייטן פון אויסניכטערונג, ווען די גאַנצע מעשה איז געווען כמעט אַ וויץ. אַז ער איז געווען צווישן גריכן און מאַקעדאָניער, איז ער געווען מסופק, צי ער איז אַ גאָט. אַז עס האָט געדונערט שטאַרק, האָט דער לין אַריסטאַרך געקאָנט פרעגן ביי אים: „אפשר ווילסטו באַווייזן אַזאַ מין קונץ, אַ זון פון זעוס?" נאָר פונדעסטוועגן איז די דאָזיקע משוגענע פאַרשטעלונג זינט דעמאָלט געבליבן שטעקן

ביי אים אין קאָפּ, גרייט אָנצוצינדן זיך דורך וויין אָדער חניפה־רייד.

דעם צווייטן פרי־יאָר (331 פאַר קר.) האָט ער זיך אומגעקערט קיין צור און האָט זיך פון דאָרט געלאָזט מאַרשירן אַרויף און אַרום אַשור, איבערגעלאָזן דעם מדבר כוריא פון דער רעכטער האַנט. ניט ווייט פון די חורבות פון דער פאַרגעסענער נינוה איז געשטאַנען אַ גרויסע פּערסישע אַרמיי, וואָס איז צוזאַמענגעקליבן געוואָרן זינט דער שלאַכט ביים איסוס, און האָט געוואַרט אויף אים. דאָס איז ווידער געווען אַ גרויסע מישענינע פון מיליטער־טיילן, און דער הויפּט־כוח, וואָס אויף אים האָט זי זיך געשטיצט, איז געווען דער איצט־פאַרעלטערטער כלי־זיין, דער רייטוואָגן. דריוש האָט געהאַט אַזעלכע רייטוואָגנס צוויי הונדערט, און איטלעכער רייטוואָגן האָט געהאַט צוגעהעפּט קאָסעס צו די רעדער און צום דישל און צום וואָגן־קאָרב. אין איטלעכן רייטוואָגן זיינען געווען קענטיק איינגעשפּאַנט פיר פערד, און עס איז קלאָר, אַז אויב איין פערד איז געוואָרן פאַרוואונדעט מיט אַ וואָרף־שפּיז אָדער אַ פייל, האָט דער רייטוואָגן זיך געמוזט פאַרהאַלטן. די אויסוייניקסטע פערד האָבן געדינט דער עיקר ווי בופערס פאַר די אינעווייניקסטע פערד ביי דער דישל; זיי זיינען געווען צוגעבונדן צום רייטוואָגן נאָר מיט איין אויסווייניקסטן פּאָסטראָניק, וואָס האָט געקאָנט גרינג ווערן אָפּגעשניטן, זאָל אָבער פאַלן איינער פון די מיטלסטע פערד, בלייבט די גאַנצע מאַכערייקע שטיין. קעגן צעוואָרפענע פוסגייער אָדער אַ המון פון פאַראיינצלטע קעמפערס האָבן אַזעלכע רייטוועגן געקאָנט טאַקע זיין מוראדיק; אָבער דריוש האָט אָנגעהויבן די שלאַכט, דורכדעם וואָס ער האָט זיי אַ לאָז געטאָן אויף דער קאַוואַלעריע און לייכטער אינפאַנטעריע. ווינציק האָבן דערגרייכט צו זייער ציל, און די, וואָס זיינען אָנגעקומען, זיינען אויך באַלד געוואָרן פאַרטיק געמאַכט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַנעווריר צוליב אַ פּאָזיציע. די גוט־אויסגעמושטירטע מאַקעדאָניער האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער קרים צום פּערסישן פראָנט, מאַרשירנדיק אין אָרדענונג. די פּערסער, וואָס האָבן נאָכגעמאַכט די דאָזיקע באַוועגונג צום פלאַנג, האָבן געעפנט שפּאַלטן אין זייערע רייען. דע־

מאָלט האָט פּלוצים די דיסציפּלינירטע מאַקעדאָנישע קאַוואַלעריע זיך אַריינגעכאַפּט אין איינעם פון די דאָזיקע ריסן און צעקלאַפּט דעם צענטער פון פּערסישן חייל. די אינפאַנטעריע האָט מאַרשירט האַרט נאָך זייער אַטאַקע. דער צענטער און דער לינקער פליגל פון די פּערסער איז צעריבן געוואָרן. אַ ווײַלע האָט די לייכטע קאַוואַלעריע פון פּערסישן רעכטן פליגל געוואונען אַנטקעגן אַלכּסנדרס לינקן פליגל, נאָר די טעסאַלישע רייטעריי, וואָס איז צו יענער צייט שוין געוואָרן אַזוי גוט, ווי די מאַקעדאָנישע, האָט אים אויך צעקלאַפּט אויף פּיצלעך. די פּערסישע חיילות האָבן אויפגעהערט צו זיין אַן אַרמיי. זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן אין איין גרויסן המון אַנטרונענע, וואָס האָבן געשטראָמט אין געדיכטע וואָלקנס שטויב אָן אַ שום שטיק-פּונקט איבער דעם הייסן פּליין קיין אַרבעלאַ. דורך דעם שטויב און דעם לויפנדיקן המון זיינען געריטן די זיגערס און האָבן געשניטן און געהרגעט, ביז די פינסטערניש האָט אָפּגעשטעלט די שחיטה. דריוש איז אַנטלאָפן דער ערשטער.

דאָס איז געווען די שלאַכט פון אַרבעלאַ. זי איז געשלאָגן געוואָרן דעם 1 אָקטאָבער 331 פאַר קר. מיר ווייסן די דאָזיקע דאַטע גענוי, מחמת עס איז פאַרצייכנט, אַז מיט עלף טעג פריער זיינען די וואָרזאָגערס אויף ביידע זייטן געווען שטאַרק פאַרעסקט מיט אַ ליקוי-לבנה.

דריוש איז אַנטלאָפן געוואָרן קיין צפון אין לאַנד מדי. אַלכּסנדער האָט מאַרשירט קיין בבל.

די אַלטע שטאָט פון האַמוראַבי (וואָס האָט רעגירט מיט 17 הונדערט יאָר פריער) און פון נבוכדנאצר דעם גרויסן און פון נאַבונאַהיד איז נאָך אַלץ געווען, להיפוך צו נינווה, אַ בליענדיקער און וויכטיקער צענטער. פונקט ווי די עגיפּטער זיינען אויך די בבלים ניט שטאַרק נתפעל געוואָרן דערפון, וואָס די מאַקעדאָניער האָבן צוגענומען די ממשלה פון די פּערסער. דער טעמפּל פון בל-מרדך איז געלעגן אַ חורבה און מען האָט געשלעפּט פון אים שטיינער פאַר בנינים, נאָר די טראַדיציע פון די כשדישע כהנים האָט זיך נאָך געהאַלטן און אַלכּסנדר האָט צוגעזאָגט אויפצוריכטן דעם טעמפּל.

פון דאָרט איז ער אַוועק קיין שושן, אַמאָל די הויפּט-שטאָט פון די פאַרשוואונדענע און פאַרגעסענע עילמים, און איצט די הויפּט-שטאָט פון די פּערסער.



לאַאָקאָאָן און זיינע זין. די דאָזיקע גרופּע שטאַמט פון 1טן י"הפאר קר. איצט אין וואַטיקאַן-מוזיי אין רוים.

ער איז געקומען קיין פערסעפּאָליס און דאָרט האָט ער נאָך אַ שיכורער מאָלצייט געהייסן פאַרברענען דעם פּאַלאַץ פון פּערסישן קעניג. שפּעטער האָט ער דערקלערט, אַז דאָס איז געווען די נקמה פון גריכנלאַנד, פאַרוואָס קסערקסעס האָט פאַרברענט אַטען.

---

4. אַלכּסנדרס וואַנדערונגען.

איצטער הייבט זיך אָן אַ נייע פּאַזע אין אַלכּסנדרס געשיכטע. אין משך פון די ווייטערדיקע זיבן יאָר האָט ער אַרומגעוואַנדערט מיט אַ חיל, וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון מאַקעדאָניער, אין צפון-זייט און מזרח-זייט פון דער דעמאָלט באַוואוסטער וועלט. צוערשט האָט ער נאָכגעיאָגט דריושן. און ווייטער וואָס? צי איז דאָס געווען אַ סיסטעמאַטישע רייזע איבער דער וועלט, וואָס ער האָט געהאַט בדעה זי צו פאַרפעסטיקן אין איין גרויסער וועלט-מלוכה, אָדער איז דאָס געווען אַ נייגעריק אויף ווילדע געגנט? זיינע אייגענע זעלנער, זיינע אייגענע מקורבים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס לעצטע איז ריכטיק, און האָבן סוף-כל-סוף אָפּגעשטעלט זיין מאַרש אויף יענער זייט אינדוס. אויף דער קאַרטע זעט דער מאַרש טאַקע אויס, ווי אַ נייגעריק נאָך ווילדע געגנט; עס האָט דעם אויסזען, ווי ער האָט ניט קיין באַזונדער ציל פאַר זיך און וויל אין ערגעץ ניט אָנקומען.

דער נאָכיאָג נאָך דריוש III האָט באַלד געהאַט דעם טראַגישן סוף. נאָך דער שלאַכט ביי אַרבעלאַ האָבן, קענטיק, זיינע אייגענע גענעראַלן מורד געווען קעגן אים פאַר זיין שוואַכקייט און אומפעיקייט; זיי האָבן אים באַהאַנדלט, ווי אַ געפאַנגענעם און מיטגעשלעפּט אים מיט זיך, בעת ער האָט זיך געוואָלט איבערגעבן דעם זיגער, זיך פאַרלאָזנדיק אויף זיין איידלקייט. די גענעראַלן האָבן געמאַכט פאַר זייער פירער בעסוס דעם סאַטראַפּ פון באַקטריע. עס איז געווען צום סוף אַ היים און אַ שטורעמדיק געיעג נאָך דעם לויפנדיקן קאַראַוואַן, וואָס האָט באַגלייט דעם געפאַנגענעם מלך-המלכים. באַגינען, נאָך אַ יאָגעניש פון אַ גאַנצער נאַכט,

האָט מען אים דערזען ווייט אין פאָראויס. דער אַנטלויפנדיקער קאַראַוואַן איז געוואָרן איין פּלאָנטער. בעסוס און זיינע אָפיצירן האָבן פאַרלאָזט אַלצדינג, באַגאַזש, ווייבער; און חוץ דעם, האָבן זיי געלאָזט הינטער זיך נאָך אַן איבעריקע משא. ביי אַ קאַלוזשע וואַסער, ווייט אָן אַ זייט פון שליאַך, האָט אַ מאַקעדאָנישער זעלנער געפונען אַ פאַרלאָזענעם וואָגן מיט די מויל-אייזלען נאָך אין שפּאַן. אין וואָגן איז געלעגן דריוש, דורכגעשטאָכן אין עטלעכע ערטער און אויסגייענדיק מיט בלוט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער מיט בעסוסן, אָפּגעזאָגט זיך צו זעצן זיך רייטן אויפן פערד, וואָס מען האָט געבראַכט צו אים. האָבן איה זיינע אָפיצירן דורכגעשטאָכן מיט זייערע שפּיזן און געלאָזן אים ליגן. ער האָט געבעטן ביי זיינע פאַנגערס וואַסער. וואָס ער האָט נאָך געזאָגט, דאָס ווייסן מיר ניט. די היסטאָריקער האָבן געפונען פאַר פּאַסיק צו פאַבריצירן פאַר אים אַ לאַנגע רעדע פאַרן טויט, וואָס ער האָט געוויס ניט געקאָנט האַלטן. מסתמא האָט ער זייער ווייניק געהאַט צו זאָגן...

אַ ווײַלע נאָך זון-אויפגאַנג, אַז אַלכסנדר איז צוגעקומען, איז דריוש שוין געווען טויט.

פאַר אַ שרייבער פון אַ וועלט-געשיכטע האָבן אַלכסנדרס וואַנדערונגען, חוץ דער שיין, וואָס זיי וואַרפן אויף זיין כאַראַקטער, נאָר גאָר אַ באַזונדערן אייגענעם אינטערעס. פּונקט ווי דריוש גם קריגס-מאַרש האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג, איבער דעם, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט גריכנלאַנד און מאַקעדאָניע, און באַוויזן אונז אַ טייל פון דעם שווייגנדיקן הינטערגרונט אין צפון-זייט פון די געשיכטלעכע ציוויליזאַציעס, אַזוי קומען מיר אויך מיט אַלכסנדרס מאַרש אין אַזעלכע געגנטן, וואָס ביז דעמאָלט איז נאָך וועגן זיי ניט געווען קיין באַגלויבטע ידיעה.

מיר דערגייען, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין וויסטע געגנטן, נייערט פול פון אַן אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיך געקליבן און אָרגאַניזירט.

ער האָט מאַרשירט ביז צו די ברעגעס פון קאַספּישן ים, פון דאָרט איז ער אַוועק קיין מזרח דורך דער מדינה, וואָס הייסט

איצט מערב־טורקעסטאַן. ער האָט געגרינדעט אַ שטאָט, וואָס איז איצט באַוואוסט אונטערן נאָמען העראַט; פון דאָרט איז ער געגאַנגען קיין צפון דורך קאַבול און דורך דער שטאָט, וואָס הייסט איצט סאַמאַרקאַנד, גלייך צו די בערג פון צענטראַל־אַזיע. דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט קיין דרום־זייט און איז אַראָפּגעקומען קיין אינדיע דורך דעם קייבער־דורכגאַנג. ער האָט געשלאָגן אַ גרויסע שלאַכט ויפן איבערשטן אינדוס קעגן אַ זייער גרויסן און העלדישן קיניג פּאָרוס, וואָס אין איר האָט די מאַקעדאָנישע אינפאַנטעריע זיך צונויפגעטראָפן מיט אַן אָפּטיילונג העלפאַנדן און זי צעקלאַפּט. ער וואָלט אפשר זיך נאָך דורכגעשפּאַרט ווייטער קיין מזרח דורך די מדבריות ביז צום גאַנגעס־טאָל, נאָר זיינע זעלנער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער. עס איז מעגלעך, אַז אויב זיי וואָלטן דאָס ניט געטאָן, וואָלט ער דעמאָלט אָדער שפּעטער געגאַנגען ווייטער, ביז ער וואָלט ערגעץ אין מזרח פאַרשוואונדן פון דער געשיכטע. נאָר ער איז געווען געצוואונגען אומצוקערן זיך. ער האָט אויסגעבויט אַ פלאָט און זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער לעפצונג פון אינדוס. דאָרט האָט ער צעטיילט זיינע חיילות. די הויפּט־אַרמיי האָט ער גענומען מיט זיך פאַזע דעם פאַרוויסטן ברעג ים צוריק צום פערסישן אייסגום, און אויפן וועג האָט ער מוראדיק געליטן און אָנגעוואָרן אַ סך מענטשן פון דאָרשט. דער פלאָט איז אים נאָכגעשוואומען אין ים און האָט זיך פאַראייניקט מיט אים ביים אַריינגאַנג אין פערסישן אייסגוס. אין משך פון דער דאָזיקער זעקסיאָריקער אַרומוואַנדערונג האָט ער געשלאָגן שלאַכטן, אונטערטעניק געמאַכט אַ סך פרעמדע פעלקער און געגרינדעט שטעט. ער האָט געזען דריוש טויטן קערפער אין יוני 330 פ. קר.; ער האָט זיך אומגעקערט קיין שושן אין יאָר 324 פאַר קר.. ער האָט געפונען די אימפעריע אין אומאָרדענונג: די סאַטראַפּן פון די פראָווינצן האָבן זיך געקליבן אייגענע אַרמייען, באַקטריע און מדי האָבן מורד געווען און אָלימפּיאַס האָט געבראַכט מאַקעדאָניע צו אַ צושטאַנד, אַז קיין רעגירונג האָט דאָרטן ניט געקאָנט אויסהאַלטן. האַרפּאַלוס, דער קיניגלעכער שאַץ־מייסטער, איז אַנטלאָפן געוואָרן מיטן גאַנצן קיניגלעכן אוצר, וואָס ער האָט געקאָנט אַוועקטראָגן, און האָט

זיך געלאָזט גיין קיין גריכנלאַנד, אױנטערקױפנדיק אַלעמען אונ־טערוועגס. מען זאָגט, אַז פון האַרפּאַלוס געלט איז אַ טייל אָנגע־קומען צו דעמאָסטענעסן.

נאָר אײדער מיר דערציילן דעם לעצטן קאַפּיטל פון אַלכּסנדרס געשיכטע, לאָמיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן יענע צפונ־דיקע געגנטן, וואו ער איז אויסן געווען. עס איז באַשײמפּערלעך, אַז פון דער דונאַי־געגנט גלייך דורך דרום־רוסלאַנד, גלייך דורכן לאַנד אין צפון־זייט פון קאַספּישן ים, גלייך דורכן לאַנד אין מזרח־זייט פון קאַספּישן ים, ביז צו די בערג־מאַסיוון פון פּאַמיר און קיין מזרח־זייט ביז צום טאַרים־באַסיין פון מזרח־טורקעסטאַן האָבן זיך דע־מאָלט אויסגעשפּרייט אַ ריי ענלעכע באַרבאַרישע שבטים און פעל־קער, אַלע אויף דער גלייכער קולטור־מדרגה, און על־פּי רוב אַריער ליט זייער שפּראַך און מעגלעך נאָרדיש אין זייער ראַסע. זיי האָבן געהאַט ווייניק שטעט, על־פּי־רוב זיינען זיי געווען נאָמאַדן; אַמאָל פלעגן זיי זיך באַזעצן אויף אַ צייט צו קולטיווירן די ערד. זיי האָבן געוויס אין צענטראַל־אַזיע זיך שוין געהאַט אויסגעמישט מיט מאָנגאָלישע שבטים, נאָר די מאָנגאָלישע שבטים האָבן דע־מאָלט נאָך ניט געהאַט די איבערהאַנט.

אַ גוואַלדיקער פּראָצעס פון אויסטריקענונג און אויפהייבונג איז צוגעגאַנגען אין יענע טיילן פון דער וועלט אין משך פון די לעצ־טע צען טויזנט יאָר. מיט צען טויזנט יאָר צוריק איז מסתּמא געווען אַ דורכאויסיקע וואַסער־מחיצה, וואָס האָט זיך געצויגן פון בעקן פון אָב ביז צום אַראַל־קאַספּישן ים. אַז דאָס דאָזיקע וואַסער איז אויסגע־טריקנט געוואָרן און דאָס זומפּיקע לאַנד איז געוואָרן צו סטעפּעס, האָבן זיך באַגעגנט נאָרדישע נאָמאַדן פון מערב און מאָנגאָלישע נאָמאַדן פון מזרח און האָבן זיך אויסגעמישט, און דאָס רייטפערד איז געקומען צוריק אין דער מערבדיקער וועלט. עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער גרויסער פּאַס ערד איז געוואָרן אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר די דאָזיקע באַרבאַרישע פעלקער. זיי זיינען געווען זייער לויז צוגעבונדן צו די לענדער, וואָס זיי האָבן פאַרנומען. זיי האָבן גע־לעבט אין געצעלטן און וועגענער, און ניט אין הייזער. עטלעכע גענעראַטיעס און שפּעדיקע יאָרן, ווען עס האָבן אויפגעהערט די

מלחמות צווישן די איינציקע שבטים אונטער דער רעגירונג פון אַ שטאַרקן מושל, האָבן געקאָנט ברענגען צו אַ גרויסער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג; דערנאָך זיינען געווען גענוג אַ צוויי־דריי שלעכטע יאָרן, כדי צו טרייבן די שבטים ווידער וואַנדערן צו זוכן זיך שפייז.

נאָך פון פאַר דעם באַגינען פון פאַרשריבענער געשיכטע האָט אָט דער זאַמל־פּלאַץ פון מענטשן צווישן דונאַי און כינע פון צייט צו צייט געלאָזט אַרויסשטראָמען פון זיך שבטים קיין דרום און קיין מערב. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, ווי אַזוי די קעלטישע פעלקער האָבן זיך דורכגעשפּאַרט קיין מערב, ווי אַזוי די איטאַליענער, די גריכן און זייערע עפּיראָטישע, מאַקעדאָנישע און פריגישע קרובים זיינען געקומען קיין דרום. מיר האָבן אויך דערמאָנט, ווי די קימערייער (די ביבלישע גומר) האָבן זיך דורכגעטראָגן ווי אַ שטורעם־ווינט דורך קליין־אַזיע, ווי עס זיינען אָנגעקומען קיין דרום די סקיטן, די מעדער און פּערסער, ווי די אַריער זיינען אַראָפּ קיין אינדיע. אַן ערך אַ יאָרהונדערט פאַר אַלכּסנדרן איז אַריינגעדרונגען קיין איטאַליע אַ ניי קעלטיש פאָלק, די גאַליער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין טאָל פון פּאָ. אָט די פאַרשיידענע פעלקער זיינען אַראָפּגעקומען פון זייער צפונדיקער פאַרבאָרגעניש אין שיין פון דער געשיכטע; און בינתים פלעגט דאָרט אין דעם מקור־אָרט זיך ווידער אָנקלייבן אַ נייע באַפעלקערונג צו נייע אויסלאָדונגען. אַלכּסנדרס מאַרש אין קליין־אַזיע ברענגט אַריין אין אונזער געשיכטע נייע נעמען: די פּאַרטער, אַ פאָלק פון רייטנדיקע בויגן־שיסערס, וואָס זיי איז געווען באַשערט צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע מיט אַ יאָרהונדערט און עפּעס שפּעטער, און די באַקטריער, וואָס האָבן געלעבט אין זאַמדיקן געבוירן־לאַנד פון קעמל. ווי עס ווייזט אויס, האָט אַלכּסנדר אומעטום באַגעגנט אַריש־ריידנדיקע פעלקער. וועגן די מאָנגאָלישע באַרבאַרן אין דרומית־מזרחית האָט מען נאָך קיין השגה ניט געהאַט. קיין מענטש האָט דעמאָלט ניט חושד געווען, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ גרויסער זאַמל־בעקן פון אַ באַפעלקערונג הינטער די סקיטן און זייערע קרובים, אין צפון־כינע, וואָס האָט איצט אויך אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אירע שבטים קיין

מערב און קיין דרום, און זיי האָבן גענומען זיך אויסמישן מיט די סקיטן און מיט אַנדערע פעלקער פון דעם מין, וואָס זיי האָבן זיך מיט זיי צונויפגעטראָפן. אָבער גאָר כינע האָט נאָך געוואוסט וועגן די הונען: ניט קיין טערקן זיינען נאָך געווען אין מערב־טורקעסטאַן, צי ערגעץ אַנדערש און ניט קיין טאָטערן זיינען נאָך געזוען אויף דער וועלט.

אָט די שוואַכע שיין אויפן מצב פון טורקעסטאַן אין 4טן י״ה פאַר קר. איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע רעזולטאַטן, וואָס עס האָבן געבראַכט אַלכסנדרס וואַנדערונגען; אַ צווייטער איז זיין מאַרש הורכן לאַנד פון פענדזשאַב אין אינדיע. פון שטאַנדפונקט פון געשיכטע־שרייבער איז דאָס אַ פאַרדראָסיקע מעשה, וואָס ער איז ניט אַריין אין גאַנגעס־לאַנד, און אַזוי־אַרום האָבן מיר ניט קיין אומאָפהענגיקע באַריכטן פון גריכישע שרייבערס וועגן לעבן אין דער אַלטער בענגאַליע. ס׳איז אָבער פאַראַן אַ היפשע ליטעראַטור אין פאַרשיידענע אינדישע שפּראַכן, וואָס באַהאַנדלט די אינדישע היסטאָריע און דאָס אינדישע סאָציאַלע לעבן, נאָר זי דאַרף ערשט ווערן געמאַכט צוטריטלעך פאַר אייראָפּעישע לייענערס.

---

5. צי איז אַלכסנדר טאַקע געווען גרויס?

אַלכסנדר האָט געוועלטיקט איבער דער פערסישער אימפעריע אין משך פון זעקס יאָר. ער איז ערשט געווען אַלט איין־און־דרייסיק יאָר. אין די זעקס יאָר האָט ער ווייניק וואָס געשאַפן. ער האָט איינגעהיט דעם גרעסטן טייל פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פערסישע פּראָווינצן, ער האָט נאָר באַשטימט נייע סאַטראַפּן און אַמאָל דאָס אויך ניט. די שליאַכן, די האַפנס, די אָרגאַניזאַציע פון דער רעגירונג — אַלץ איז געבליבן אַזוי, ווי עס האָט איבערגעלאָזן זיין גרעסערער פאָרגייער כורש. אין עגיפּטן האָט ער פשוט פאַרביטן די אַלטע גובערנאַטאָרן פון די פּראָווינצן דורך נייע. אין אינדיע האָט ער, געשלאָגן פּאָרוסן, און דערנאָך האָט ער אים איבערגעגעבן אַ גרעסערע מאַכט, ווי יענער האָט פריער געהאַט, מער

ניט וואָס די גריכן האָבן איצט אָנגערופֿן פּאָריזן סאַטראַפּ. דאָס איז אמת, אַלכּסנדר האָט אויספּלאַנירט אַ צאָל שטעט, און עטלעכע פון זיי זיינען טאַקע שפּעטער אויסגעוואַקסן צו גרויסע כּרכים. סך=הכּל האָט ער געגרינדעט זיבעצן אַלכּסנדריאָס; זייערע נעמען האָבן זיך געביטן פאַרשיידן — למשל, קענדעהאַר (איסקענדער) אין סעקונדעראַבאַד. נאָר ער האָט חרוב געמאַכט צור, און דורכדעם איז בטל געוואָרן די זיכערקייט פון די ים=וועגן, וואָס זיינען ביז אַ צאָט געווען דער איינציקער אויסגאַנג קיין מערב פאַר מעסאָפּאָטאַמיע. היסטאָריקער זאָגן, אַז ער האָט העלעניזירט דעם מזרח. אָבער בבל און עגיפּטן זיינען געווען איבערפֿולט מיט גריכן שוין פאַר זיין צייט; ער איז ניט געווען קיין סיבה פאַר דער העלעניזירונג, ער איז געווען נאָר אַ טייל פון איר. אַ שטיקל צייט איז גאָר די וועלט, פון אַדריאַטישן ים ביז צום אינדוס, געווען אונטער איין רעגירער; אַזוי ווייט האָט ער פאַרווירקלעכט די חלומות פון איסאָקראַטעס און פון זיין פאָטער פיליפּ. נאָר צי האָט ער געקאָנט דאָס מאַכן פאַר אַ דויערנדיקער און פעסטער פאַראייניקונג? צי איז דאָס געווען מער ווי אַ בלישטשענדיקער, נאָר פאַרבייגייענדיקער אויפגלאַנץ פון זיין אייגענער גדולה?

ער האָט ניט געשאַפן קיין גרויסע שליאַכן, ניט איינגעשטעלט קיין זיכערע ים=וועגן. עס האָט קיין טעם ניט צו באַשולדיקן אים, וואָס ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דער דערציונג פון פאָלק, ווארעם דער געדאַנק, אַז אימפּעריעס דאַרפן ווערן צונויפגעהעפט דורך דער דערציונג, איז געווען נאָך בכלל פרעמד פאַרן מענטשנס גייסט. ער האָט אָבער ניט גרופירט קיין מלוכה=מענער אַרום זיך; ער האָט ניט געטראַכט וועגן אַ יורש; ער האָט ניט געשאַפן קיין טראַדיציע — נישט מער ווי אַ פערזענלעכע לעגענדע. דער געדאַנק, אַז די וועלט דאַרף לעבן אויך נאָך אַלכּסנדרן און פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַנדערש, ווי מיט זינגען דעם שבח פון אַלכּסנדרס גדולה, איז, ווייזט אויס, אים ניט אַרויף אויפן זינען. ער איז נאָך געווען יונג, דאָס איז אמת; אָבער פיליפּ האָט פריער, איידער ער איז געווען אַלט 31 יאָר, שוין געקלערט וועגן דער דערציונג פון אַלכּסנדרן.


אלכסנדרס
געוועזענע אימפעריע
אין דער ערשטער העלפט
פון 3טן י״ה פאר קר.
J.F.H.

צי איז אַלכּסנדר בכלל געווען אַ מלוכה-מאַן? טייל פאָרשער פון זיין געשיכטע פאַרזיכערן, אַז יאָ; אָט האָט ער אין שוין געפּלאַנט וועגן אַ מעכטיקער וועלט-אימפּעריע, וואָס אין איר זאָל ער האָבן געזען ניט קיין פּשוטע באַצווינגונג פון דער וועלט דורך די מאַקעדאָניער, נאָר די צונויפשמעלצונג פון די טראַדיציעס פון אַלע פעלקער. איין זאַך, לכל-הפּחות, האָט ער אויפגעטאָן, וואָס האָט דעם פּנים פון אַזאַ געדאַנק: ער האָט אָפּגעריכט איין גרויס חתונה-מאָל, וואָס דעמאָלט האָט ער און ניינציק פון זיינע גענעראַלן און שרים גענומען פּערסישע כּלות. ער אַליין האָט חתונה געהאַט מיט דריושעס טאָכטער, הגם ער האָט שוין געהאַט איין אַזיאַטישע ווייב, דאָס איז געווען ראָקסאַנע, די טאָכטער פון קיניג פון סאַמאַרקאַנד. די דאָזיקע חתונה אַנגראָ איז געווען אַ גראַנדיאָזער יום-טוב, און אין דער זעלביקער צייט האָבן אַלע מאַקעדאָנישע זעלנערס, וואָס האָבן גענומען פּערסישע כּלות, דאָס זיינען געווען עטלעכע טויזנט מאַן, געקראָגן חתונה-מתּנות. דאָס איז געוואָרן אָנגערופן די חתונה פון אייראָפּע מיט אַזיע; ביידע קאָנטינענטן זיינען פאַרבונדן געוואָרן, שרייבט פּלוטאַרך, „אין געזעצלעכן זיווג און דורך בשותּפישן שטאַם. ווייטער האָט ער גענומען איינמושטירן רעקרוטן פון פּערסיע און פון די צפון-לענדער, די פּאַרטער, באַקטרער און כּדומה, אין די גענג פון דער פאַלאַנגס און פון דער קאַוואַלעריע.

צי איז ער דערמיט אויך אויסן געווען צו אַסימילירן אייראָפּע מיט אַזיע, אָדער ער האָט דורך דעם געוואָלט מאַכן זיך אומאָפּהענגיק פון די מאַקעדאָניער? זיי אַליין, לכל-הפּחות, האָבן אַזוי געמיינט און האָבן זיך געבונטעוועט, און עס איז אים אָנגעקומען שווערלעך צו בייגן זיי און צו פועלן ביי זיי, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ בשותּפישן יום-טוב צוזאַמען מיט די פּערסער. די היסטאָריקער האָבן ביי דער געלעגנהייט אַריינגעלייגט אים אין מויל אַ לאַנגע און פיינע רעדע, נאָר דער תּמצית אירער איז געווען, וואָס ער האָט זיינע מאַקעדאָניער געבעטן זיך אָפּטראָגן פון וואַנען זיי זיינען געקומען. עס איז אָבער אין איר אַפילו קיין רמז ניט געווען, ווי אַזוי זיי קאָנען

דאָס גיין אַהיים פון פּערסיע. נאָך דריי טעג בלאָזן זיך האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן און געבעטן בּיי אים מחילה.



אלכסנדר מיקדון.

דאָ איז פאַראַן אַ געלעגנהייט פאַר אַ פיינער חקירה. צי האָט טאַקע אלכסנדר באמת געפּלאַנט אַ צוזאַמענשמעלצונג פון די פעלקער

אָדער אים איז נאָר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן די פּאָמפּע און די געטלעכקייט פֿון אַן אָריענטאַלישן מאָנאַרך, און ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון די אייראָפּעער, וואָס פֿאַר זיי איז ער געווען נאָר אַ קיניג אַ פֿירער? די שרייבערס פֿון זיין צייט און יענע, וואָס האָבן געלעבט נאָענט צו זיין צייט, זיינען שטאַרק נוטה צו דער לעצטער דערקלערונג. זיי באַשטייען דערויף, אַז זיין גאווה האָט קיין שיעור ניט געהאַט. זיי דערציילן, ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבן טראָגן דעם לאַנגן בגד און די טיאַרע פֿון אַ פּערסישן מאָנאַרך. „צוערשט נאָר פֿאַר די באַרבאַרן און פּריוואַט, נאָר דערנאָך האָט ער גענומען טראָגן דאָס אויך עפֿנטלעך, בעת ער פֿלעגט זיך זעצן צו באַטראַכטן די ענינים“. און ווייטער האָט ער געפֿאָדערט פֿון זיינע מקורבים, זיי זאָלן זיך בוקן פֿאַר אים לויטן אָריענטאַלישן מנהג.

איין זאַך באַשטעטיקט קאָנטיק די השערה, אַז אלכּסנדר איז געווען אַ גוואַלדיקער גרויסהאַלטער. זיין פּאָרטרעט איז געוואָרן אָפּט געמאָלט און אויסגעהאַקט, און שטענדיק איז ער אויסגעמעלט ווי ווי אַ שיינער בחור, מיט וואונדערלעכע לאָקן, וואָס פֿאַלן צוריק פֿון אַ הויכן שטערן. דאָס רוב מאַנסבּיל האָבן פֿריער געטראָגן בערד. נאָר אלכּסנדר, וואָס האָט געוואָלט בלייבן יונג, האָט זיך געוואָלט באַגיין אָן אַ באָרד; און ער איז טאַקע געבליבן ביז צוויי און דרייסיק יאָר מיטן פּנים פֿון אַ יינגל. ער האָט געגאָלט די באָרד און האָט אַיינגעפֿירט דאָס פֿאַר אַ מנהג אין גריכנלאַנד און איטאַליע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַ סך יאָרהונדערטער.

די מעשיות וועגן גוואַלד־מעשים און פּוסטער גאווה אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן באַשווערן שטאַרק זיין אָנדענק. ער האָט זיך אײַנגעהאָרכט אין די רכילותן וועגן פֿילאָטאַסן, דעם זון פֿון פּאַרמעניאָן, איינעם פֿון זיינע איבערגעגעבנסטע און געטרייסטע גענעראַלן. מען האָט דערציילט, אַז פֿילאָטאַס זאָל האָבן זיך באַרימט פֿאַר איינער אַ פֿרוי, וואָס ער האָט מיט איר געפֿירט אַ ליבע, אַז אלכּסנדר איז מער ניט ווי אַ יינגל, און אַז אויב ניט אַזעלכע מענטשן ווי ער און זיין פֿאָטער, וואָלט פּערסיע ניט אַיינגענומען געוואָרן, און כּדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. אַזעלכע רייד האָבן געהאַט אין זיך אַ קערנדל פֿון אמת. האָט מען די פֿרוי געבראַכט

צו אלכּסנדרן, וואָס האָט אויסגעהערט איר מסירה. באַלד האָט מען פּילאָטאַסן באַשולדיקט אין מאַכן אַ פאַרשווערונג, און הגם די באַוויזן דערויף זיינען געווען ניט גענוג, האָט מען אים געפּייניקט און באַשטראָפט מיט טויט. דערנאָך האָט אלכּסנדר אַ טראַכט געטאָן וועגן פּאַרמעניאָנען, וואָס זיינע אַנדערע צוויי זין זיינען געווען געפאַלן פאַר אים אין שלאַכט. האָט ער האַסטיק געשיקט שלוחים צו הרגען דעם אַלטן מאַן, אײדער ער האָט געקאָנט געוואָר ווערן וועגן זיין זונס טויט. פּאַרמעניאָן איז אָבער געווען איינער פון די געטרייסטע גענעראַלן פיליפּס; פּאַרמעניאָן איז דאָס געווען דער, וואָס האָט געפירט די מאַקעדאָנישע אַרמייען קיין אַזיע פאַר פיליפּס טויט. עס קאָן זיין נאָר ווינציק ספק אין דער ריכטיקייט פון דער עצם מעשה. ריכטיק איז מסתמא אויך די מעשה וועגן דער טויט-שטראָף פאַר אַריסטאָטעלעס' פּלימעניק קאַליסטענעס, וואָס האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן אלכּסנדרן כּבוד ווי אַ גאָט „און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי ער וואָלט האָבן צעבראָכן אַ טיראַניע, בעת די יונגע מענטשן זיינען אים נאָכגעגאַנגען, ווי דעם איינציקן פרייען מענטשן צווישן טויזנטער“. צוזאַמען מיט אַזעלכע פאַקטן האָבן מיר אויך די זייער כאַראַקטעריסטישע געשיכטע פון דער שיכּורער קריגעריי, וואָס דעמאָלט האָט ער דערהרגעט קליטוסן. דער מאָנאַרך און זיין קאָמפּאַניע האָבן געהאַט אַ סך אויסגעטרונקען, און דער וויין האָט פונאַנדערגעבונדן די צינגער. מען האָט געחנפעט דעם „יונגן גאָט“, מען האָט אַראָפּגעמאַכט פיליפּן, און אלכּסנדר האָט דערצו מיט הנאה צוגעשמייכלט. אָט די שיכּורע צופרידנקייט מיט זיך איז געווען מער ווי די מאַקעדאָניער האָבן געקאָנט אַריבערטראָגן. זיין מילך-ברודער קליטוס איז אַריין אין כּעס. האָט ער גענומען אויפוואַרפן אלכּסנדרן זיין מעדישן קאָסטיום און ליבן פיליפּן. איז געוואָרן אַ געשריי און אַ געקריגעריי, און אויף צו ענדיקן די זאַך האָבן קליטוסעס גוטע פריינד אים אַרויסגעשטופּט פון חדר. נאָר ער איז געווען איינגעשפּאַרט ווי אַ שיכּור און האָט זיך דורכגעשפּאַרט צוריק דורך אַן אַנדער אַריינגאַנג. מען האָט געהערט, ווי ער האָט אין דרויסן רעציטירט אייריפּידעסן „אין אַ חוצפּהדיקן און גראָבן טאָן“:

„זיינען דאָס אַייערע געננ? אַזוי טוט דאָס גריכנלאַנד אירע קעמפּער באַלוינען? זאָל איין מענטש פאַרכאַפּן טראָפּייען, געוואונען פון טויזנטער?

דערויף האָט אלכסנדר אַרויסגעכאַפּט אַ שפּיז פון אַ וואַך-זעלבער און האָט מיט אים דורכגעשטאָכן קליטוסן, ווי יענער האָט נאָר אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג אַריינצוגיין.

מען איז געצוואונגען צו גלויבן, אַז דאָס איז געווען די אמתע אַטמאָספערע פון דעם יונגן באַצווינגערס לעבן. ווייטער איז די מעשה וועגן דעם ווילדן און אכזריותדיקן אַרויסווייז פון זיין טרויער איבער העפעסטיאָנס טויט זיכער ניט אינגאַנצן אויסגעטראַכט. אויב זי איז אמת, אָדער לכל-הפחות צום טייל אמת, אַנטפּלעקט זי אַ כאַראַקטער אָן אַ גלייכוואָג און אינגאַנצן פאַרטאָן מיט דעם אייגענעם איך, וואָס די גאַנצע אימפּעריע איז פאַר אים געווען ניט מער ווי אַ געלעגנהייט צו זעטיקן דעם אייגענעם עגאָיזם, און גאָר די רייכקייט פון דער וועלט—שטאָף פאַר קאַפּריזן פון יענעם סאָרט „חסד“, וואָס באַרויבט אַ טויזנט מענטשן, בכדי אַרויסצורופן באַוואונדערונג אין איינעם, וואָס געניסט דעם חסד.

העפעסטיאָן איז געווען קראַנק, און דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן האַלטן אַ שטרענגע דיעטע, נאָר אַז דער דאָקטאָר איז אַוועק אין טעאַטער, האָט ער אויפגעגעסן אַ געבראָטענעם עוף און פאַרטרונקען מיט אַ פלאַש קאַלטן וויין, און דערפון איז ער געשטאָרבן. דערויף האָט אַלכסנדר גענומען אַרויסווייזן טרויער. דאָס איז אָבער געווען טרויער פון אַ חסר-דעה. דעם דאָקטאָר האָט ער געהייסן קרייציקן. ער האָט באַפוילן אָפּצושערן אַלע פערד און מויל-אייזלען אין פערסיע און אָפּצוברעכן די מויער-שפּיצן פון די שכנישע שטעט. ער האָט פאַרבאָטן מוזיק אין זיין לאַגער אויף אַ לאַנגער צייט, און איינגענומען עפּעס אַ דאָרף פון די קוסייער, האָט ער געהייסן אויסשעכטן אַלע דערוואַקסענע מענטשן דאָרטן ווי אַ קרבן פאַר העפעסטיאָנס נשמה. צולעצט האָט ער אָפּגעלייגט צען טויזנט טאַלענטן (אַ טאַלענט באַטרעפט 240 פונט סט.) אויף אַ מצבה אויף זיין קבר. פאַר יענע צייטן איז דאָס געווען אַ גוואַלדיקע סומע געלט. קיין זאַך פון

די אַלע האָט אין דער אמתן ניט פאַרשאַפט כבוד העפעסטיאָנען, נאָר זיי האָבן באַדאַרפט באַווייזן דער איבערגעשראָקענער וועלט, ווי שרעקלעך עס איז, ווען אלכסנדר איז אין טרויער.

די לעצטע מעשה און נאָך אַ סך אַזעלכע מעשיות קאָנען זיין ליגן אָדער פאַרדרייט אָדער גוזמאות. נאָר זיי האָבן אַלע איין שותפישן שטריך. נאָך איינער אַ שיכורער הוליאַנקע אין בבל האָט אַלכסנדר געכאַפּט אַ פיבער און ער האָט געקרענקט אַ שטיקל צייט און איז געשטאָרבן (323 פאַר קר.). ער איז געווען סך־הכל דריי און דרייסיק יאָר. און תיכּף איז די וועלט־אימפּעריע, וואָס ער האָט געהאַט צוזויפגעכאַפּט און געהאַלטן אין די הענט, אַזוי ווי אַ קינד כאַפּט אַמאָל אַ טייערע וואַזע און האַלט זי, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און צעשאָטן געוואָרן אויף פיין־פיצלעך.

אויב עס זיינען וואו אויפגעקומען אין מענטשישע מוחות פאָרשטעלונגען וועגן אַ מלוכה־סדר, וואָס זאָל אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, זיינען זיי נאָך זיין טויט צעדרונגען. די געשיכטע ווערט איצט די געשיכטע פון אַ באַרבאַרישער אַווטאָקראַטיע אין צושטאַנד פון מהומות. אומעטום האָבן די רעגירעס פון די פּראָווינצן זיך אָפּגעטיילט פאַר זיך. אין אַ משך פון עטלעכע יאָר איז אלכסנדרס גאַנצע משפּחה געווען אויסגעהרגעט. ראָקסאַנע, זיין באַרבאַרישע ווייב, האָט תיכּף דערהרגעט איר קאָנקורענטין, דריושעס טאָכטער. זי גופא האָט נאָך געבאָרן אַלכסנדרן אַ זון נאָך זיין טויט, וואָס מען האָט אים אויך אָנגערופן אלכסנדר. אין עטלעכע יאָר אַרום (311 פאַר קר.) איז ער אויך דערהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט דער מוטער. הערקולעס, דער איינציקער זון אלכסנדרס, וואָס איז נאָך געבליבן, איז אויך געוואָרן דערהרגעט. דאָס נעמלעכע אויך זיין שוואַכזיניקער שטיף־ברודער אַרידאַאָס. פּלוטאַרך דערמאָנט נאָך וועגן אָלימפּיאַס: אַ קורצע צייט האָט זי געוועלטיקט אין מאַקעדאָניע; זי האָט באַשולדיקט אַמאָל דעם און אַמאָל יענעם, אַז זיי זאָלן האָבן פאַרסמט איר גרויסן זון. אַ סך מענטשן האָט זי דערהרגעט אין איר ווילדקייט. זי האָט געלאָזט אויסגראָבן די טויטע קערפּערס פון עטלעכע מקורבים זיינע, וואָס זיינען געשטאָרבן נאָך זיין טויט, נאָר מיר ווייסן ניט, צי איז דורך די דאָזיקע אויסגראָבונגען די סיבה פון זיין טויט געוואָרן מאַקע מער

אויפגעקלערט. סוף-כל-סוף איז אָלימפּיאַס דערהרגעט געוואָרן אין מאַקעדאָניע דורך די פריינד פון יענע, וועמען זי האָט דערהרגעט.

---

6. אַלכּסנדרס יורשים.

פון אָט דעם פאַרברעכער-זומפּ אַרויס שטייגן אויף איצטער דריי פירנדיקע פיגורן. אַ גרויסן טייל פון דער אַלטער פּערסישער אימפּעריע, אַזש ביזן אינדוס אין מזרח-זייט און כמעט ביז לידיע אין מערב-זייט, האָט איינגעהאַלטן דער גענעראַל סעליקוס, וואָס האָט געגרינדעט אַ דינאַסטיע, די סעלייקידישע דינאַסטיע; מאַקעדאָניע איז אַריינגעפאַלן אין דער האַנט פון אַ צווייטן מאַקעדאָנישן גענעראַל, אַנטיגאָנוס; אַ דריטער מאַקעדאָניער, פּטאָלעמיי, האָט פאַרנומען עגיפּטן, געמאַכט אַלכּסנדריא פאַר זיין הויפּטשטאָט און איינגעפעסטיקט אַ גענוגע ים-מאַכט איינצוהאַלטן אויך קיפּרוס און דעם ברעג פון פעניקיע און קליין-אַזיע. די פּטאָלעמייִשע און סעלייקידישע אימפּעריעס האָבן זיך געהאַלטן אַ היפּשע צייט; די רעגירונגס-פאָרמען אין קליין-אַזיע און אויפן באַלקאַן זיינען ניט געווען אַזוי שטאַנדהאַפטיק. אַנטיגאָנוס איז געוואָרן באַזיגט און געטויט אין דער שלאַכט פון איפּסוס (301), און זיין מלוכה האָבן זיך צעטיילט ליזימאַכוס, דער גובערנאַטאָר פון טראַקיע, און קאַסאַנדער, דער גובערנאַטאָר פון מאַקעדאָניע און גריכנלאַנד. אָבער אויך זיי האָבן לאַנג ניט געהאַלטן זיך. קלענערע מושלים האָבן פאַר זיך אויסגעשניטן קלענערע מלוכות. בינתים האָבן די באַרבאַרן זיך אַריינגעריסן אין דער אויפגעבראָכענער און אָפּגעשוואַכטער וועלט פון ציוויליזאַציע פון מערב און פון מזרח. פון מערב זיינען געקומען די גאַליער, אַ פאָלק נאָענט פאַרקרובעט מיט די קעלטן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן דורך מאַקעדאָניע און גריכנלאַנד ביז דעלפי (279 פאַר קר.), און צוויי אָפּטיילונגען זייערע זיינען אַריבער דעם באָספאָר קיין קליין-אַזיע. צוערשט האָבן זיי געדינט ווי געדונגענע זעלנערס און דערנאָך האָבן זיי גענומען רויבן אויפן אייגענעם חשבון. אַזוי זיינען זיי דורכגעגאַנגען כמעט ביז צו די טאַוורוס-בערג און האָבן זיך באַזעצט סוף-כל-סוף אין לאַנד פון די פריגער און האָבן געצוואונגען די באַפעלקערונג אַרום

צו צאָלן זיי צינז (די דאָזיקע גאַליער פון פריגיע זיינען שפּעטער געוואָרן צו די גאַלאַטער, וואָס אויף זייער נאָמען איז פאַראַן אַ בריוו פון אַפּאָסטאָל פּאַולוס). אַרמעניע און די דרומדיקע ברעגעס פון שוואַרצן ים האָבן אַלע ווײַלע געביטן זייערע רעגירערס. מלכים מיט העלעניסטישע געדאַנקען האָבן זיך געוויזן אין קאַפּאַדאָקיע, אין פּאָנטוס (דרום־ברעג פון שוואַרצן ים), אין ביטיניע און אין פּערגאַמאָן. פון מזרח־זײַט זיינען די סקיטן און די פּאַרטער און באַקטרער אויך געטריבן געוואָרן קיין דרום־צו... אַ שטיקל צײַט זיינען געווען באַקטרישע מלוכות, רעגירט פון גריכן, וואָס זיינען געוואָרן אַלץ מער אָריענטאַליזירט. אין 2טן יאָרהונדערט פאַר קר. זיינען גריכישע אַוואַנטוריסטן פון באַקטריע אָנגעפאַלן אויף צפון־אינדיע און האָבן דאָרט געגרינדעט קיניגרייכן, וואָס האָבן קיין אריכת־ימים ניט געהאַט; דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ פון די גריכן אין מזרח־זײַט; דערנאָך איז דער באַרבאַרנטום ווידער אַראָפּגעפאַלן ווי אַ פאָרהאַנג צווישן די מערבדיקע ציוויליזאַציעס און אינדיע.

---

7. פּערגאַמאָן אַ מקום־מקלט פאַר קולטור.

צווישן אַט די צעוואָרפענע שפּליטערס פון דעם געפּלאַצטן זייפן־בלאָז פון דער העלענישער אימפּעריע צייכנט זיך אויס איין קליינע מלוכה און פאַרלאַנגט פאַר זיך לכל־הפּחות איין קורצן פּאַראַגראַף, דאָס איז דאָס קיניגרייך פּערגאַמאָן. מיר הערן צוערשט וועגן דער דאָזיקער שטאָט ווי וועגן אַן אומאָפּהענגיקן צענטער בעת דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער שלאַכט פון איפּסוס. בעת די פאַרפלייצונג פון דער גאַלישער אינוואַזיע האָט געשטורעמט איבער קליין־אַזיע צווישן די יאָרן 277 און 241, האָט פּערגאַמאָן אַ שטיקל צײַט געצאָלט צינז די גאַליער, נאָר בכלל איז זי געבליבן זעלבשטענדיק, און צולעצט, אונטער אַטאַלוס I, האָט זי אָפּגעזאָגט זיך פון צאָלן צינז און האָט זיי צעקלאַפּט אין צוויי אַנטשיידנדיקע שלאַכטן. אויף איבער אַ יאָרהונדערט זינט דער צײַט (ביז 133 פאַר קר.) איז פּערגאַמאָן געבליבן פריי, און איז אין משך פון יענעם פּעריאָד

געווען אפשר די העכסט ציוויליזירטע מלוכה אין דער וועלט. אויפן בערגל פון דער שטאָט־פעסטונג זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַ סך בנינים, פּאַלאַצן, טעמפּלען, אַ מוזיי און אַ ביבליאָטעק, וואָס האָבן

קאָפּ פון א מירמלשטיינערנער סטאַטוע פון אלכסנדר דעם גרויסן, געפונען אין קירענע, צפון־אפריקע.

געקאָנט זיך פאַרמעסטן מיטן מוזיי און ביבליאָטעק פון אלכסנדריא, וואָס וועגן זיי וועלן מיר איצט ריידן, און וואָס זיינען געווען כמעט

די ערשטע אין דער וועלט. אונטער די פירשטן פון פערגאַמאָן האָט די גריכישע קונסט ווידער אויפגעבליט, און די רעליעפן פון דעם אַלטאַר פון דעם זעווס-טעמפל און די סטאַטועס פון קעמפנדיקן און שטאַרבנדיקן גאַליער, וואָס זיינען דאָ געשאַפן געוואָרן, געהערן צו די קונסט-אוצרות פון דער מענטשהייט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט, ווי מער וועלן שפּעטער דערציילן, דער איינפלוס פון אַ נייער מאַכט אָנגעהויבן זיך צו לאָזן פילן אין מזרח-טייל פון מיטללענדישן ים, די מאַכט פון דער רוימישער רעפּובליק, וואָס איז געווען פריינדלעך צו גריכנלאַנד און צו דער גריכישער ציוויליזאַציע; אין דער דאָזיקער מאַכט האָבן די העלעניסטישע געמיינדעס פון פערגאַמאָן און ראָדוס געפונען אַ נאַטירלעכן און נוציקן פאַרבינדעטן און באַשיצער קעגן די גאַלאַטער און קעגן דער אָריענטאַליזירטער סעלייקידישער אימפּעריע. מיר וועלן דערציילן, ווי אַזוי די רוימישע מאַכט איז סוף-כל-סוף אַריין אין אַזיע, ווי אַזוי זי האָט צעקלאַפּט די סעלייקידישע אימפּעריע אין דער שלאַכט ביי מאַגנעזיאַ (190 פאַר קר.) און האָט זי אַרויסגעטריבן פון קליין-אַזיע און אויף יענער זייט פון די טאַוורוס-בערג, און ווי אַזוי אַטאַלוס III, דער לעצטער קיניג פון פערגאַמאָן, האָט סוף-כל-סוף, שפּירנדיק אַז עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, אין יאָר 133 פאַר קר. געמאַכט די רוימישע רעפּובליק פאַרן יורש פון זיין קיניגרייך, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן די רוימישע פּראָווינץ „אַזיע“.

---

8. אַלכסנדר ווי אַן אָנזאָג פון דער וועלט-איינהייט.

כמעט אַלע היסטאָריקער זיינען נוטה צו באַטראַכטן אלכסנדר דעם גרויסנס קאַריערע ווי אַ גרענעץ-תקופה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דורך איר איז די גאַנצע באַוואוסטע וועלט, חוץ דעם מערב-טייל פון מיטללענדישן ים, אַריינגעצויגן געוואָרן אין איין דראַמע. נאָר די מיינונגען, וואָס מענטשן האָבן געבילדעט וועגן אלכסנדרן גופא, זיינען פאַרשיידן ביז גאָר. דאָס רוב פון זיי צע-

פאַלן אין צוויי הויפּט=שולן. די געלערנטע פון איין טיפּ זיינען באַכישופט פון דער יונגקייט און גלאַנץ פון דאָזיקן יונגן מענטשן. אָט די פאַרערס אלכּסנדרס זיינען קענטיק נוטה צו נעמען אים אַזוי, ווי ער האָט זיך אַליין געשאַצט, מוחל צו זיין איטלעכן פאַרברעך און איטלעכע משוגעת ענטפער ווי דעם אויפברויז פון אַ רייכער נאַטור אָדער ווי אַ ביטערער נויטווענדיקייט צוליב אַ ריזיקער סכּעמע, און צו באַטראַכטן זיין לעבן ווי אויפגעשטעלט לויט אַ פּלאַן, לויט אַ סכעמע פון מלוכהשאַפטלעכקייט, אַזעלכע, ווי דאָס גאַנצע ברייטערע וויסן און אַלע די ברייטערע אידעען פון די שפּעטערע צייטן זיינען מסוגל אַריינצוברענגען אין קרייז פון אונזער פאַרשטאַנד. פון דער אַנדער זייט, זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען אים נאָר ווי אַ שטערער פון די מעגלעכקייטן צו העלעניזירן די וועלט רויק און פריי, וואָס האָבן פאַוואָליע זיך געצייטיקט.

איידער מיר גייען צושרייבן אלכּסנדרן אָדער זיין פאָטער פיליפּן אַזעלכע סכעמעס פון וועלט=פּאָליטיק, וואָס קאָנען געפעלן אַ היסטאָריקער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דאַרפן מיר גוט באַטראַכטן, וואָס איז געווען די העכסטע מדרגה פון וויסן און דענקען, וואָס איז אין יענע טעג געווען מעגלעך. די וועלט פון פּלאַטאָן, איסאָקראַטעס און אַריסטאָטעלעס האָט פּאַקטיש לגמרי ניט קיין היסטאָרישע פּערספּעקטיווע. ביז צו די לעצטע פּאָר יאָרהונדערטער איז גאָר ניט געווען אין דער וועלט אַזאַ זאַך ווי היסטאָריע, דאָס הייסט, ווי ווייט היסטאָריע איז פאַרשיידן פון פּשוטע כּוהנים=כראָניקעס. אַפילו די געבילדעטסטע מענטשן האָבן געהאַט זייער באַגרענעצטע פאָרשטעלונגען וועגן געאָגראַפיע און פרעמדע לענדער. פאַרן רוב מענטשן איז די וועלט נאָך געווען פלאַך און אָן גרענעצן. די איינציקע סיסטעמאַטישע פּאָליטישע פילאָסאָפיע האָט זיך סומך געווען אויף די ערפאַרונגען פון פיצינקע שטאָט=מלוכות און האָט ניט גענומען אין אַכט קיין אימפּעריעס. קיינער האָט נאָך געאָרנישט ניט געוואוסט וועגן די אָנהייבן פון ציוויליזאַציע. קיינער האָט ניט געהאַט געטראַכט וועגן עקאָנאָמיק ביז יענער צייט. קיינער האָט ניט געהאַט אויסגעאַרבעט קיין פּלאַן, ווי אַזוי איין סאָציאַלער קלאַס האָט צו ווירקן אויפן אַנדערן. מיר זיינען צופיל נוטה צו באַטראַכטן אלכּסנדרס קאַריערע ווי די קרוין

פון אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך לאַנג געצויגן פּאַוואָליע, ווי דער העכ־סטער פונקט פון אַ וואַקסנדיקער באַוועגונג. אין אַ געוויסן זין איז דאָס, בלי־ספק, געווען אַזוי. נאָר נאָך ריכטיקער איז, אַז דאָס איז געווען ניט אַזוי אַ סוף, ווי אַן אָנהייב; דאָס איז געווען די ערשטע התגלות פאַרן מענטשלעכן דמיון, אַז די מענטשלעכע ענינים זיינען איין איינהייט. די העכסטע דערגרייכונג פון גריכישן געדאַנק פאַר אלכסנדרס צייט איז געווען צו העלעניזירן די פּערסישע אימפּעריע, צו קריגן די איבער־הערשאַפט אין דער וועלט פאַר די מאַקעדאָניער און גריכן. אָבער נאָך איידער אלכסנדר איז געווען געשטאָרבן, און נאָך מער נאָך זיין טויט, אַז עס איז שוין געווען צייט צו טראַכטן וועגן אים, האָבן מענטש־לעכע גייסטער געקאָנט באַנעמען און פרובירן פאַרווירקלעכן דעם גע־דאַנק וועגן אַ וועלט־געזעץ, און אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע.

אין משך פון עטלעכע דורות איז אלכסנדר געווען פאַר דער מענטשהייט דער סימבאָל און פאַרקערפּערונג פון אַ וועלט־סדר און אַ וועלט־הערשאַפט. ער איז געוואָרן דער העלד פון אַ לעגענדע. זיין קאָפּ, באַפּוצט מיט די געטלעכע סימבאָלן פון דעם האַלב־גאָט הערקולעס צי פון גאָט אַמאָן רע, באַווייזט זיך אויף די מטבעות פון אַלע יענע מושלים, וואָס האָבן פּרעטענדירט צו זיין זיינע יורשים. דערנאָך האָט איבערגענומען די אידעע פון אַ וועלט־הערשאַפט אַן אַנדער גרויס פאָלק, אַ פאָלק, וואָס האָט אין משך פון עטלעכע יאָר־הונדערטער אַנטפּלעקט אַן אָנזיכטיקן פּאָליטישן זשעני, דאָס זיינען די רוימער. און די פיגור פון אַ צווייטן אויסגעצייכנטן אַוואַנטוריסט, פון יוליוס קיסר, האָט פאַרשטעלט פאַר דער מערבדיקער העלפט פון דער וועלט די פיגור פון אלכסנדרן.

אַזוי געפינען מיר שוין ביים אָנהייב פון דריטן יאָרהונדערט פאַר קר. אין דער מערבדיקער ציוויליזאַציע די דריי גרונט־אידעען, וואָס באַהערשן דעם גייסט פון דער מאָדערנער מענטשהייט. מיר האָבן שוין אָנגעצייכנט, ווי אַזוי די שריפט־קונסט און די וויסנשאַפט האָבן זיך באַפרייט פון די סודות און מיסטעריעס און איינהייליקונגען פון די כהונהשאַפטן פון דער אַלטער וועלט, און עס האָט זיך אַנטוויקלט די אידעע פון אַן אוניווערסאַלער וויסנשאַפט, פון אַ געשיכטע און פילאָסאָפיע, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר גאָר דער

וועלט און צוטריטלעך פאַר גאָר דער וועלט. מיר האָבן גענומען
די פיגורן פון העראָדאָט און אַריסטאָטעלעס ווי די טיפישע טרע=
גער פון אָט דער ערשטער גרויסער אידעע, דער אידעע פון וויסנ=
שאַפט אין ברייטסטן זין פון וואָרט, וואָס באַטייט די קלאָרע זעונג
פון מענטשן אין שייכות מיט דער וועלט אַרום אים. מיר האָבן אויך
אָנגעצייכנט די פּאַראַלעל־געמיינערונג פון דער רעליגיע צווישן די בבלים,
יידן און אַנדערע סעמיטישע פעלקער, וואָס שטייגט אויף פון די
פינסטערע פאַרבאָרגענע קולטן צו שבט=געטער און טעמפּלען אָדער
געהייליקטע ערטער צו אָפּפריען, אָפּגעגעבם דינסט צום איינעם אוני=
ווערסאַלן גאָט פון גערעכטיקייט, וואָס זיין טעמפּל איז דער וועלט=אַל.
און איצט האָבן מיר אויך פאַרצייכנט דעם ערשטן אַרויסשפּראָץ פון דער
אידעע פון אַ וועלט=פּאָליטיק. דער רעשט פון דער געשיכטע פון דער
מענטשהייט איז אין גרויסן און גאַנצן די געשיכטע פון יענע דריי
אידעען פון וויסנשאַפט, פון אוניווערסאַלער גערעכטיקייט און אַ
וועלט=מלוכה, ווי אַזוי זיי שפּרייטן זיך אויס פון דעם גייסט פון
אייניקע אויסנאַמלעכע יחידים און פעלקער, וואָס צווישן זיי זיינען זיי
צוערשט אויפגעקומען, איבער דעם באַוואוסטזיין פון גאָר דעם מין מענטש,
און זיי גיבן צו די מענטשלעכע מעשים צוערשט אַ נייעם קאָליר, דער=
נאָך אַ נייעם גייסט און צולעצט אַ נייע ווענדונג.

אינהאַלט פון ווטן באַנד

קאַפּ. 15. די שריפט — זייט

1. בילדערשריפט ... 5
2. טראַף־שריפט ... 9
3. אלף־בית־שריפט ... 10
4. די ראָלע פון דער שריפט אין מענטשנס לעבן ... 12

קאַפּ. 16. געטער און שטערן, כוהנים און מלכים

1. דער כוהן באַווייזט זיך אין דער געשיכטע ... 16
2. כוהנים און שטערן ... 22
3. כוהנים און דער באַגינען פון וויסנשאַפט ... 24
4. מלכים קעגן כוהנים ... 26
5. ווי אזוי בל־מרדוך האָט געקעמפט קעגן די מלכים ... 31
6. די געטער־מלכים פון עגיפטן ... 36
7. שי־כואַן־טי פארטיליקט די ביכער ... 42

קאַפּ. 17. לייב־אייגענע, שקלאַפן, סאָציאַלע קלאַסן און פרייע יחידים

1. דער געמיינער מאַן אין דער אלטער וועלט ... 45
2. די עלטסטע שקלאַפן ... 50
3. די ערשטע „זעלבשטענדיקע מענטשן" ... 56
4. סאָציאַלע קלאַסן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק ... 60
5. קלאַסן פארהאַרטעוועט צו קאַסטעס ... 66
6. די קאַסטעס אין אינדיע ... 71
7. די סיסטעם פון די מאַנדארינען ... 74
8. א סך־הכל פון צען טויזנט יאָר ... 77
9. פלאַסטיק און געמעל־קונסט אין דער אלטער וועלט ... 81
10. ליטעראַטור, דראַמע און מוזיק אין דער אלטער וועלט ... 87

בוך IV. יהודה, גריכנלאַנד און אינדיע

קאַפּ. 18. די העברעישע שריפטן און די נביאים

1. דער אָרט פון פאָלק ישראל אין דער געשיכטע ... 93
2. שאול, דוד און שלמה ... 105

זייט

1. די יידן א געמישט פאָלק 116
2. די וויכטיקייט פון די יידישע נביאים 119

קאַפּ. 19. די אַריש־ריידנדיקע פעלקער אין פּרעהיסטאָרישע צייטן

1. די אויסשפּרייטונג פון די אַריש־ריידערס . . . 125
2. וועגן דעם לכתחילהדיקן לעבן פון די אַריער . . . 131
3. די אַרישע פאַמיליע 142

קאַפּ. 20. די גריכן און די פּערסער

1. די העלענישע פעלקער 152
2. אונטערשייד־סימנים פון דער העלענישער ציוויליזאַציע . 154
3. די מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע אין גריכנלאַנד 160
4. דאָס קיניגרייך פון לידיע 172
5. דער אויפשטייג פון די פּערסער אין מזרח . . . 176
6. די געשיכטע פון קרעזוס 181
7. דריוש דרינגט אריין אין רוסלאַנד 189
8. די שלאַכט פון מאַראַטאָן 196
9. טערמאָפּילע און סאַלאַמיס 199
10. פּלאַטעע און מיקאַלע 206

קאַפּ. 21. גריכישער געדאַנק, ליטעראַטור און קונסט

1. אַטען אין פּעריקלעסעס צייט 210
2. סאָקראַטעס 224
3. פּלאַטאָן און די אַקאַדעמיע 227
4. אַריסטאָטעלעס און דער ליקאַיאָן 229
5. פילאָסאָפיע דערווייטערט זיך פון דער וועלט . . . 233
6. די מעלות און די גרענעצן פון גריכישן געדאַנק . . 234
7. די ערשטע גרויסע פאַנטאַזיע־ליטעראַטור . . . 245
8. גריכישע קונסט 252

קאַפּ. 22. אַלכסנדר דעם גרויסנס קאַריערע

1. פיליפּ פון מאַקעדאָניע 255
2. דערמאָרדונג פון קיניג פיליפּ 264
3. אלכסנדרס ערשטע באַצווינגונגען 269
4. אלכסנדרס וואַנדערונגען 281
5. צי איז אלכסנדר טאַקע געווען גרויס? 286
6. אלכסנדרס יורשים 295
7. פּערגאַמאָן א מקום־מקלט פאַר קולטור 296
8. אלכסנדר ווי אַן אָנזאָג פון דער וועלט־איינהייט . . 298

אילוסטראַציעס פון ב. I

	זייט
קאָפּ פון א האַלב־מענטש	12
די רעכטע זייט פון טאַונגס־שאַרבן	13
פאַרשטייערונג פון סקעלעט פון אַן אַרכעאָפּטעריקס	33
ווי אַזוי קאָפּפיסיקע מושלען האָבן זיך אַנטוויקלט	43
טרילאָביטן	44
וואַסער־סקאָרפּיאָנען	45
אַפריקאַנישער לונגען־פיש	52
אַמפיביעס פון דער שטיינקוילן־צייט	56
א וואַלד אין שטיינקוילן־פּעריאָד	66
דעם ים־עקריש	74
א לאַזאַוור	77
גיגאַנטאָזאַוור	79
אַנכיזאַוור	81
העספּעראָרניס	82
פּאַלעאָסקינקוס	83
עאָהיפּוס	93
דיאַטרימאַ	97
שאַרבן פון באַלוכיטעריום	100
באַלוכיטעריום רעקאָנסטרויִרט	101
דיאַגראַם פון די אייזצייטן	104
גאָרילאַ	110
סקעלעטן פון א מענטשן און פון א שימפּאַנזע	114
עאָאַנטראָפּוס	123
פּאַלעאָליטיש געווער	128
קאַרטע פון אייראָפּע און מערב־אַזיע אין דער 4טער אייז־תקופה	131
נעאַנדערטאַלער אויף געיעג	135
ראָדעזיא־מענטש	141
קאַרטע פון אייראָפּע און מערב־אַזיע אין דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער צייט	147
וואַנט־מאָלעריי אין שפּעט־פּאַלעאָליטישער צייט	150
דיאַגראַמע פון דער מענטשן־צייט	154

זייט

פעלזן-געמעל אין שפאניע 163
שטיין-געצייג און ליימענע כלים 173
מענטשן-לאגער אין פריי-נעאליטישער צייט 179
פארצייטיק אזערע-דארף אין בריטאניע 185
סקולפטורן פון די מאיאס 196
געצייג פון דער בראנזע-תקופה 197
צייט-דיאגראמע פון דער נעאליטישער תקופה 208
די איינוס 213
א בושמען פון אפריקע 214
א נעגער פון צפון-אפריקע 221
פיגמייען-שבט 223
לאפלענדער 228
מערב-איבערישער טיפ 231
סעמיטן פון בעלודשיסטאן 235
מאארי 237
זולו-מיידל 239
מאנגאל 241
אפריקאנער בעדויז 243
סאיאזישע פרוי 245
א ייד פון טוניס 247
פיגור פון גאט קור-ליל 258
דער זעלבער אין פראפיל 259
קופערנער רעליעף פון א יונגן אקס 264
פייגל-פיגורן פון קאלכשטיין 269
בעאפס 274
אלטע אינדישע טעפעריי 279
כינעזישער מויער 282
זייל פון דער מאיא-קולטור 290
פעניקישע קריגסשיף 298
קרעטישער קרוג 300
גאלדענע שאל פון וואפיא 301
ריטאן 304
קיניגלעכער שרייבער אין עגיפטן 312
אויפשריפט אין פלעקלשריפשט 314

אילוסטראַציעס פון ב. II

	זייט
כינעזישער שריפט	6
בראָך־שטיק פון א זייל אין אור־כשדים	18
דעליעפן אין טעמפל פון האטאָר אין דענדערא	25
פאפירוס באשריבן מיט היעראָגליפן	29
פיגור פון עגיפטישן היפּאָפּאָטאַם־גאָט	33
פייער־געטין סעכעט	37
כעפרען פרעה	40
עגיפטישע פרוי איז מתפּלל	43
עגיפטער מאָלט קאָרן	46
טייל פון אסטראָנאָמישע־ סטעליע אין קבר־זאל פון סעטי I	52—53
מאָדעל פון א נילוס־שיף	57
עגיפטישער שרה מיט זיין הויזגעזינד	61
שפינערינס און וועבערינס אין אלטן עגיפטן	67
ברויט־בעקערס און ביר־ברויערס אין אלטן עגיפטן	69
טשעסלער־װארשטאט	72
אשורישע ארבעטער	82
זיילן פון קארנאַק־טעמפּל	84
טעמפל פון לוקסאָר	88
אשורישע מוזיקער	95
אוהל־מועד	104
סטאטוע פון רעמסס II	106
סטאטוע פון רעמסס II טנס ווייב	107
אשורבניפל	111
בויגנשיסערס	114
וואנט־סקולפטור פון תּגלת פלאסר III	120
אשורישער קריגסמאן	126
אריש־ריידנדיקע פעלקער (קארטע)	130
עמאלירטער בראָנזענער צודעק פון א שילד	132
טרומייט און קלעפּערלעך	134

	זייט
שווערדן פון דער פריער אייזן־צייט	137
פלאַן פון אַ באַגרעבעניש־פּלאַץ אין אַלטן פראַנקרייך	143
קריגסרייטוואָגן (פון אַן אַטישער וואַזע)	145
קאָסטיום פון די אַלטע גריכן	148
די ניין מוזעס	153
דער פּאָרטיקוס פון די קאַריאַטידן	155
העלענישע שבטים (קאַרטע)	157
דעטאַל פון פּאַרטענאָן־פריז	161
יינגלעך פון פּאַרטענאָן־פריז	164
איצטיקער אויסזען פון אַקראָפּאָליס אין אַטען	169
סקיטישע קריגס־לייט	171
קרעזוס אויפן שייטער־הויפן (פון אַ וואַזע)	177
חורבות פון פּאַרטענאָן	184
אימפּעריע פון דריוש (קאַרטע)	186
גריכישע רייטערס (פון פּאַרטענאָן־פריז)	192
פּערסישע בויגן־שיסערס	197
אַן אַטישע וואַזע	211
סטאַטוע פון דער ניצחון־געטין	214
די זעלביקע, רעסטאַווירט	215
סטאַטוע פון אַטענע	219
ביוסט פון גאָט דיאָניסוס	226
קאָפּ פון הערמעס־סטאַטוע	232
דיסקוס־וואַרפער	235
ביוסט פון אַ וואָגן־פירער	240
סאָפאָקלעס	246
אייריפּידעס	249
מצבה־בילד	253
רייטער־סטאַטוע פון אַלכּסנדר מוקדון	257
מלחמות און אימפּעריע פון אַלכּסנדר מוקדון (קאַרטע)	262
לאַאָקאָאָן און זיינע זין	280
אַלכּסנדרס געוועזענע אימפּעריע	288
אַלכּסנדר מוקדון	290
קאָפּ פון אַ סטאַטוע פון אַלכּסנדר דעם גרויסן	297